STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14990

# DOS SHTERNTIKHL

Israel Axenfeld

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

י. אקסענפעלד

# דאָס שטערנטיכל

פארלאג „עמעס“, מאָסקווע 1938

ISBN: ISBN:0-657-14990-X
Barcode/EAN: 9780657149901

Old Call #: NYYH03 - B 1471

פארלאג

י. אקסענפעלד

# דאָס שטערנטיכל

ראָמאַן

★

# נאָך צוויי האָזן

נאָוועלע

אונטער דער רעדאַקציע פון מ. ווינער
מיט אַרײַנפירנג פון מ. ווינער און אָ. מאַרגוליס

פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע 1938

Printed in Soviet Union

מ. ווינער

# אַרײַנפֿיר

1

אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט ביז מענדעלען קיין איינציקער בעלעטריסט ניט אַרומגענומען אַזויפֿיל אַקטועלע געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמעס און קיין איינציקער האָט זיך אויף זיי ניט אָפּגערופֿן מיט אַזאַ פֿילבאַרקײַט, טעמפּעראַמענט און אויספֿירלעכקײַט, ווי אַקסענפֿעלד אין זײַנע ווערק. בײַ קיינעם געפֿינען מיר ניט אַזוי אומיטלבאַר און קאָנצענטרירט אָפּגעשפּיגלט די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַקטן און די טענדענצן פֿון דער ייִדישער האַסקאָלע — ניט אַזוי ווי זיי באַווײַזן זיך קײַלעכיק און אָפּגעשליפֿן אין מער אָדער ווייניקער טעאָרעטישע פּראָגראַמעס, נאָר אַזוי ווי זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן אינעם לעבן מיט אַלע זייערע אָפֿענע און טיפֿערע מאָטיוון.

מיר באַטראַכטן אַמאָל די קלאַסיקער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער אַנדערער העלפֿט XIX יאָרהונדערט אַזוי, אַשטייגער, ווי זיי וואָלטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור גופֿא קיין שום פֿאָרגייער ניט געהאַט און ווי זיי וואָלטן מיט יענע אין קיין שום צוזאַמענהאַנג ניט געשטאַנען. דער דאָזיקער אומהיסטאָרישער באַטראַכטונגס־אופֿן ווערט אַמאָל קלוימערשט באַרעכטיקט דורך דער פֿאָרשטעלונג, אַז העיויס אַ סך וויכטיקע ווערק פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער ערשטער העלפֿט XIX יאָרהונדערט זײַנען צו זייער צײַט ביכלל ניט געדרוקט געוואָרן אָדער זײַנען געדרוקט געוואָרן ערשט אַ סך יאָרן שפּעטער — איז פֿונדאַנען געדרונגען, אַז זיי זײַנען ניט צו זייער צײַט און ניט אין אַ שפּעטערדיקער צײַט ניט געווען קיין געזעלשאַפֿטלעכער און ליטעראַרישער ווירקנדיקער פֿאַקטאָר. די דאָזיקע פֿאָרשטעלונג איז אָבער ניט ריכטיק. קלאָר, אַז די ניט אין דער צײַט געדרוקטע ווערק האָבן ניט געקאָנט אַזוי ווירקן, ווי זיי וואָלטן געווירקט, ווען זיי זאָלן יאָ געדרוקט ווערן צו דער צײַט. אָבער עס איז אָן שום ספֿק פֿעסטגעשטעלט, אַז אַ וויכטיקע ווירקונג אויף די צײַטמענטשן האָבן אַפֿילע

די צו דער צײַט ניט געדרוקטע ווערק יאָ געהאַט. ניט בלויז די ניט געדרוקטע מאַסקילישע פאָלקסלידער (לעמאָשל, פון גאָטלאָבערן אא.), וואָס זײַנען אַרײַן אין די פאָלקס-מאַסן און זײַנען דאָרט אַמאָל אַפילע אינגאַנצן „פאַרשוווּנדן", נאָר אויך די גרעסערע ווערק און פּיעסעס, וואָס זײַנען געגאַנגען אין קסאַוויאַדן פון האַנט צו האַנט אָדער וואָס זײַנען אַף א „פאָלקלאָרישן" אויפן פאָרגעלייענט געוואָרן אין קלענערע אָדער גרעסערע היימישע קרײַזן, האָבן געהאַט א באַדײַטנדיקע געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע ווירקונג.

לויט גאָטלאָבערס אײדעס־זאָגן האָט לעווינזאָנס „העפקער־וועלט" ציר־קולירט איבער גאַנץ וואָלין און נאָך ווײַטער. מע רעדט וועגן „הונדער־טער" קאָפּיעס פון עטינגערס האַנטגעשריבענע זאַכן. זאָל עס זײַן א גוזמע, אָבער אויך דאַן האָבן די דאָזיקע ידיעס זייער פיל צו באַטײַטן. אויך וועגן אַקסענפעלדס פּיעסעס איז באַוווּסט, אַז מע האָט זיי א סאַך געלייענט און פאָרגעלייענט אין מאַסקילישע קרײַזן. יעדנפאַלס איז די האַש־פּאָע פון דער דאָזיקער אין האַנטשריפטן פאַרשפּרייטער ליטעראַטור געווען גענוג גרויס, אַז זי האָט געזאָלט אַף א וויכטיקן אופן באַשטימען די אַנטוויקלונג, די ליטעראַרישע טראַדיציעס, די קינסטלערישע צוגרייטונג און אויספאָרמירונג פון דער ליטעראַטור אין פראַט פון אינהאַלט, שפּראַך, זשאַנרען אאַוו. — ביז צו מענדעלען, שאָלעם-אַלייכעמען און פּערעצן. די ווערק פון די קלאַסיקער זײַנען ניט קיין אַבסאָלוטע „מײַסע בערײשיס", זיי זײַנען געשטאַנען אין אַן ענגן היסטאָרישן צוזאַמענהאַנג — סײַ אַף א פּאָזיטיוון סײַ אַף א נעגירנדיקן אופן — מיט דער ליטעראַטור פון דער ערשטער העלפט XIX יאָרהונדערט. אָן דער דערלערנונג פונעם ליטעראַרישן שאַפן אין דער ערשטער העלפט XIX יאָרהונדערט וועלן אונדזערע קענטעניש וועגן די קלאַסיקער בלײַבן פראַגמענטאַריש.

אין קינסטלעריש־פאָרמעלן זינען איז עטינגער געווען דער טאַלאַנטירט־סטער שרײַבער פון די ערשטע צוויי דריטל אינעם XIX יאָרהונדערט. זײַנע צוגרייטעטערישע אופטוענ בענעגייע שפּראַך און פאָרם דערמאָנען אין א געוויסער מאָס די ראָליע פון זשוקאָווסקין אין דער רוסישער ליטעראַטור. אָבער דער אידייִשער אינהאַלט פון זײַנע ווערק איז גענוג בלאַס און ווייניק אָריגינעל. עטינגער איז געבליבן שטעקן אין די ראַמען פון דער אין אייראָפּע שוין לאַנג דורכגעאַרבעטער, שוין לאַנג קאָנווענציאָנעלער בירגערלעך־אופקלערערישער פּראָבלעמאַטיק און האָט דאָ ניט געפּירט קיין אייגן טראָט ווײַטער פון אייכל—וואָלפזאָן און פון דער אַנאָנימער „די גענאַרטע וועלט". אַנדערש—אַקסענפעלד. די אַקטועלע און אימפּעטפולע געזעלשאַפטלעכקײַט, וואָס מיר געפינען שוין אין לעווינזאָנס ייִדישע (מער פּובליציסטישע) פראַגמענטן, ווערט בא אַקסענפעלדן ברייטער און אויספּיר־

לעכער רעאליזירט. דער פארנעם פון זײַן געזעלשאפטלעכער פּראָבלעמאטיק, זײַן געזעלשאפטלעכער טעמפּעראמענט, זײַן באַשרײַבערישע לײַדנשאפטלעכ-קײַט, זײַן ברייטע, א ביסל גראָבלעך־האמעטנע, געזונטע באגאבונג מאכט אים פאר א ביז גאָר אינטערעסאנטן, אויב ניט פארן אינטערעסאנטסטן שרײַבער פון דער ערשטער העלפט XIX יאָרהונדערט, פאר איינעם פון די וויכטיקסטע פאָרגייער פונעם קלאסישן רעאליזם מענדעלעס און שאָלעם-אליכעמס. אקסענפעלדס שאפן פארנעמט אזא צענטראל אָרט אין דער ליטעראטור פון יענעם פעריאָד, אז אָן דער באקאנטשאפט מיט זײַנע ווערק קאָן מען ניט באקומען קיין ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן די אָנהייבן און וועגן דער אנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראטור אין XIX יאָר-הונדערט.

## 2

יסראעל אקסענפעלד איז געבוירן געוואָרן צוריק מיט הונדערט פופציק יאָר (1787) אין ניעמיראָוו. ער האָט פארלעבט זײַנע יוגנט־יאָרן אין א געגנט, וואָס איז געווען דער אויסגאנג־פּונקט און א לאנגע צײַט דער צענטער פון דער כסידישער סעקטע. ער אליין האָט אויך באקומען א כסידישע דערציִונג און איז אין דער יוגנט געווען א כאָסיד. ער האָט אין יענע יאָרן געהאט די מעגלעכקײַט זיך געניי צוצוקוקן צום לעבן און צום שטייגער פון די כסידים. נאָסן — דער הויפּט-טאלמיד און אפּאָסטאל פונעם באוווסטן כסידישן רעבן נאכמען פון בראסלאוו — איז געווען אקסענפעלדס א יוגנט־פרײַנט. מיר פארמאָגן זייער קארגע ידיִעס וועגן אקסענפעלדס ביאָגראפיע, אָבער ס'איז ווארשײַנלעך, אז שוין ארום 1810 האָט זיך אקסענפעלד דערווײַטערט פונעם כסידישן לעבנשטייגער און איז געוואָרן א מער וועלטלעכער געשעפטס־מענטש. די שילדערונג פון די פארשווינענע מיכל מאצייווע און אָקסמאנ אין „דאָס שטערנטיכל“ אנטהאלט א סאך אווטאָביאָגראפישע מאָמענטן. אקסענפעלד איז געוואָרן א מאסקל און, ווי געוויינלעך מאסקילים, האָט ער זיך דערוואָרבן א באשטימטן בילדונגס-ניוואָ דעריקער מיט דער הילף פון דער דײַטשישער שפּראך. אָבער אין קעגנזאץ צו א סאך אנדערע מאסקילים פון יענער צײַט האָט ער זיך אויך באמיט צו באקומען ידיִעס אין דער רוסישער שפּראך און ליטעראטור. ער איז געוואָרן א „קאָמיסיאָנער“, דה. א פארמיטלער און מעקלער בײַ פריצים, דערנאָך בײַ די אָפּיצערן פון דער רוסישער ארמיי, און לעסאָף האָט ער זיך דערשלאָגן צו פּאָדראדן בײַ דער רוסישער ארמיי. אין יאָר 1813, בײַס דער מילכאָמע קעגן נאפּאָלעאָנען, איז ער מיטגעגאנגען מיט דער רוסישער ארמיי קיין פּוילן און דײַטשלאנד. אין „דאָס שטערנטיכל“ שילדערט אקסענ-

פעלד דעם אויסעראָרדנטלעך שטארקן אײַנדרוק, וואָס דאָס לעבן, די קול־
טור און דער שטייגער אין א דײַטשישער שטאָט האָט געמאכט אפּ א
ייִדישן יונגנמאן, א געוועזענעם כאָסיד פון א פארוואלגערט פּאָדאָליער שטעטל,
וועלכער לעכצט נאָך „אופקלערונג". אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער רוסישער
ארמיי אין ברעסלוי און עפּשער אויך אין אנדערע פּרײַסישע שטעט האָט
אקסענפעלד זיך באגעגנט מיט פארשיידענע מאסקילים און אופגעקלערטע
ייִדישע געשעפטס־לײַט. דאָס האָט געהאַט א ווירקונג אפן ווײַטער־
דיקן גאנג פון זײַן אנטוויקלונג. וועגן דעם אײַנדרוק, וואָס אקסענפעלד
האָט באקומען, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן געזען שפּילן א
פּיעסע אין ברעסלויער טעאטער, גיט ער אָנצוהערן אין די געשפּרעכן צווישן
אָקסמאַנען און מיכל מאַציוועוו (זע ווײַטער, ז. 110 — 111). מעגלעך, אז טאקע
פונדאנען אָן שטאמט זײַן פאַרליבע צו פּיעסעס און זײַן גלויבן אין דער בא-
זונדערער ווירקזאַמקײַט פונעם טעאטער אפּ צו פארשפּרייטן אופקלערונג
און אײדעלע מידעס צווישן די מאסן.

וועגן דעם שפּעטערדיקן צײַט־אָפּשניט פון זײַן ביִאָגראַפיע ביז זײַן
אריבערפאָרן קיין אָדעס אָנהייב 20־ער יאָרן איז זייער ווייניק באוווּסט. ער
האָט דעמלט, אפּאָנעם, א היפּשע פּאָר יאָר געלעבט אין בראָד. דאָרט
האָט ער זיך באשעפטיקט מיט האנדל און, ווי עס זעט אויס, אויך מיט
דער פארפולקומונג פון זײַן בילדונג. אין בראָד, וואָס איז דעמלט געווען
א צענטער פון האסקאָלע, האָט ער מינאסטאַם פארקערט מיט פארשיידענע
מאסקילים. ער האָט דאָרט אויך כאסענע געהאַט צום צווייטן מאָל מיט א
געבילדעטער טאָכטער פון א בראָדער מאסקל (לויטן שטייגער פון די
דעמלטיקע אופגעקלערטע האָט ער זיך אָפּגעגעט מיטן ערשטן ווײַב, וואָס
מע האָט אים מיט איר כאסענע געמאכט, ווען ער איז נאָך גאָר יונג גע־
ווען). מע דארף רעכענען, אז אין גאַליציע האָט ער, פּונקט אזוי ווי עטינ-
גער, באקומען די וויכטיקסטע אָנרעגונגען אפּ צו שרײַבן אין דער ייִדישער
שפּראַך פון די מאסן (אויך לעווינזאָנס, עטינגערס און גאָטלאָבערס שרײַבן
אין ייִדיש דארף מען צוריקפירן אפּ אָנרעגונגען פון גאַליציע). מעגלעך
אויך, אז ער האָט זיך שוין דעמלט אין גאַליציע באקענט מיט די אָדער
יענע ייִדישע (געדרוקטע אָדער האנטגעשריבענע) ווערק, וואָס האָבן זיך
גראָד צו יענער צײַט אָנגעהויבן באווײַזן. אקסענפעלד דערמאָנט דאָך אין
זײַן האקדאָמע־ליד צו זײַן פּיעסע „די גענארטע וועלט" אין יאָר 1842
יענע עלטערע פּיעסע „די גענארטע וועלט" פון אן אנאָנימען פארפאסער,
וועלכע איז דערשינען אין דער צווייטער העלפט פון די צענער יאָרן אין
גאַליציע. עטלעכע און צוואנציק יאָר שפּעטער, ווען ער האָט געשריבן
זײַן „די גענארטע וועלט", האָט ער זיך שוין וועגן איר ניט געקאָנט גענוי
דערמאָנען. דעריבער שרײַבט ער:

מיט דעם נאָמען „גענאַרטע וועלט״, ווי מיר דאַכט,
האָט שוין איינער אינעם קאָרדאָן א טעאַטער געמאַכט...

אָבער װעגן דעם, אַז אַזאַ פּיעסע איז געװען, געדענקט ער, און זייער מעגלעך, אַז ער האָט זי, בײַס ער האָט געװוינט אין גאַליציע, גע־לייענט.

זײַט אָנהייב צוואַנציקער יאָרן לעבט אַקסענפעלד אין אָדעס. צוערשט אַלס פּאַרמעגלעכער סויכער, און זײַט 1836 — אַלס נאָטאַריוס און אַדוואָקאַט באַם אָדעסער האַנדלס־געריכט. אַקסענפעלד האָט זיך באַוועגט אין די קרײַזן פון מאַסקילים און אופגעקלערטע סאָכרים. אין אָדעס האָט אַקסענפעלד אָנגעשריבן די אַלע װערק, װאָס האָבן זיך אופגעהיט, און אויך די, װאָס זײַנען פאַרלוירן געגאַנגען און װעגן װעלכע מיר װייסן בלויז די טיטלען לויט אַקסענפעלדס אַ רעשימע, — און אַמאָל אויך דעם אינהאַלט אין אַלגע־מיינסטע שטריכן, — לויט אָפּגעריסענע יעדיעס פון זײַנע כאַווײרים און פאַרערער.

אין יאָר 1864 איז אַקסענפעלד געפאָרן צו זײַן זון אין פּאַריז, װאָס איז דאָרט געװען פּראָפעסאָר פון מעדיצין אין דער סאָרבאָן.

אַקסענפעלד איז געשטאָרבן זומער 1866.

## 3

ייסראָעל אַקסענפעלד איז געװען איינער פון די ערשטע שרײַבער אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור (פון די סלאַווישע לענדער), װאָס פאַר זייער גאַנצן שאַפן האָבן זיי זיך באַנוצט אויסשליסלעך מיט דער ייִדי־שער שפּראַך פון די פאָלקס-מאַסן. גאַנצע יאָרצענדליקער האָט ער זיך מיט אַלע מינע אָנשטרענגונגען באַמיט אָפּצודרוקן זײַנע װערק, אָבער די רע־אַקציאָנערע קויכעס פון זײַן צײַט האָבן עס ניט דערלאָזט. שוין סאָף דרײַסיקער יאָרן האָט אַקסענפעלד געהאַט אָנגעשריבן אַרום דרײַסיק װערק, װאָס זײַנען בא אים געלעגן אין מאַנוסקריפּטן. דאָס מאָנאָפּאָל־רעכט צו דרוקן ייִדישע ביכער האָבן אָבער דעמאָלט פאַרמאָגט נאָר צוויי דרוקערײַען: איינע אין װילנע, װאָס האָט געהערט צו דער באַװוסטער מישפּאָכע ראָם, און איינע אין זשיטאָמיר, װאָס האָט געהערט צו אַ כסידישער מישפּאָכע. די װילנער דרוקערײַ האָט געדרוקט דעריקער טעאָלאָגיש־רעליגיעזע ביכער, װי דעם טאַלמוד אאַװ., ביכער אין ייִדישער שפּראַך — ביכלאַל ניט. די זשי־טאָמירער דרוקערײַ האָט זיך דעריקער אָפּגעגעבן מיט כסידישער ליטע־ראַטור. די ייִדישע ביכער, װאָס זײַנען דאָרט געדרוקט געװאָרן פאַר פרוי־ען און „פּראָסטע מענטשן״, װעלכע קענען ניט לייענען העברייִש, האָבן אויך געהערט צו דער פרומער און כסידישער ליטעראַטור. קלאָר, אַז די

דאָזיקע דרוקעריַיענ האָבנ זיכ אפנ שארפסטנ אויפנ אָפּגעזאָגט צו דרוקנ
אקסענפעלדס אנטיכסידישע ווערק אונ האָבנ באקעמפט אלע זיַינע פרוּוונ
זיכ אומאָפּהענגיק צו מאכנ פונ זיי דורכ עפענענ אנ אייגענע דרוקעריַ, קעדיי־
אָפּצודרוקנ זיַינע ווערק. די פרומע ווילנער דרוקער האָבנ כאראקטעריזירט
אקסענפעלדס ווערק אלס באליידיקונגענ קעגנ די כסידימ אונ קעגנ די־
ראבייִמ, אלס ווערק, וואָס אנטהאלטנ אינ זיכ אומאָנשטענדיקע רייד, אויס־
געלאסענע לייצאָנישע ווערטער קעגנ די מינהאָגימ אונ דעמ שטייגער פונ די־
כסידימ. וועגנ די פיַינפולע אָנשטרענגונגענ אקסענפעלדס אָפּצודרוקנ זיַינע
ווערק ווייסנ מיר, אז זיַיט 1841 — ווענ ער האָט זיכ באמיט צו געפינענ
א מעגלעכקיַיט אפ צו פארעפנטלעכנ זיַינ סאטירע אפ כסידימ „סייפער
כסידימ“ [1] — ביז 1861 האָט ער ניט איינ מאָל איבערגעכאזערט אונ אָנ־
דערפאָלג די פארשיידנסטע פרוּוונ אינ דער ריכטונג. אפילע ווענ עס האָט
זיכ אינ יאָר 1862 פארענדיקט דאָס מאָנאָפּאָל-רעכט פונ די דערמאָנטע
צוויי פרומע דרוקעריַיענ, האָט זיכ אקסענפעלד פונדעסטוועגנ פאָרט ניט
געקאָנט דערשלאָגנ, אז מע זאָל אימ דערלויבנ עפענענ א דרוקעריַ פאר
זיַינע ווערק. ביז דעמלט האָבנ זיכ דערצו אנטקעגנגעשטעלט די כסידימ,
אונ דעמלט שוינ — א נייַער קעגנער — די בורזשואזע, פאָלקס-פיַינטלעכע
פאראכטונג אונ סינע צו דער שפראכ פונ די פאָלקס-מאסנ, אינ וועלכער
אקסענפעלדס ווערק זיַינענ געווענ געשריבנ [2]. א „געלערנטער ייִד“ אונ
אייצע־געבער באמ גענעראל־גוּבערנאטאָר אינ אָדעס האָט געפּויעלט, אז
אקסענפעלדס באשטרעבונגענ זאָלנ צונישט ווערנ. מיד אונ פארצווייפלט,
האָט דאנ אקסענפעלד אינ יאָר 1862 אָפּגעדרוקט צוויי זיַינע ווערק אינ
אויסלאנד, אינ לייפּציק, — „דאָס שטערנטיכל“ [3] אונ די פּיעסע „דער ערשטער
ייִדישער רעקרוט“. פונ אנדערע ווערק זיַינענ דערשינענ נאָכ זיַינ טויט

1 דער דאָזיקער בוכ ווערט דערמאָנט אינ „דאָס שטערנטיכל“, זע וויַיטער, ז. 135.

2 אינ יאָר 1864 האָט זיכ א גרופּע אקסענפעלדס פארערער אינ אָדעס געווענדט צו דער כעווורע „מעפיצע האסקאָלע“ מיט א פאָרשלאָג צו פארעפנטלעכנ אקסענפעלדס ווערק. זיי האָבנ באקומענ אנ ענטפער, אז: „לויט די סטאטוטנ פונ דער געזעלשאפט איז דערלויבט צו דרוקנ בלויז ביכער געשריבענע אינ דער רוסישער אָדער העברייִשער שפראכ, אָבער ניט אזעלכע, וואָס זיַינענ געשריבנ אינ דער ייִדישער רייד־שפראכ (זשארגאָנ), דעריבער, העיויס די ווערק אקסענפעלדס זיַינענ געשריבנ אינ דער ייִדישער רייד־שפראכ, כאָטש זיי קאָנענ עפשער ברענגענ א גרויסנ נוצ פאר די מאָראלישע זיטנ פונ ייִדישנ פאָלק, פונדעסטוועגנ האָט דער פּלענום פונ דער געזעלשאפט ניט די מעגלעכקיַיט אפ זיכ צו נעמענ זיי אָפּצו־דרוקנ אפ זיַינ כעזשבנ אונ מוז די ביטע אָפּוּוארפנ“ (תולדות מרבי השכלה בישראל, חלק א. ז. 26, סט.־פּעטערבורג, 1890).

3 אונדזער טעקסט פונ „דאָס שטערנטיכל“ דרוקנ מיר לויט דער דאָזיקער איינציק פאָ־ראנענער אויסגאבע פונעמ יאָר 1862.

דרײַ פיעסעס: „מאנ און ווײַב“, „די גענארטע וועלט“, „קאפצנ-אוישער־שפּיל“ און א רוסישע איבערזעצונג פונ א קלײנער דערציילונג: „נאָכ צוויי האָזנ“. זײַנ גאנצע איבעריקע ריזיקע לִטעראַרישע ירושע איז מיט דער צײַט פארלוירנ געגאנגענ, אונ דערינ אויכ צוויי גרויסע ראָמאנענ „מיכל דער אויזערקעס“ אונ „לייב פרידלאנד“, געשריבענע אינעם נוסעכ פונעמ אזויגערופענעמ שעלמענ־ראָמאנ.[1] אפילע לויט די קנאפע יעדיִעס, וועלכע מיר פארמאָגנ וועגנ די דאָזיקע ווערק, קאָנענ מיר מיט זיכערקײַט זאָגנ, אז דאָס, וואָס זיי זײַנענ פארלוירנ געגאנגענ, איז זייער א גרויסער שאָדנ פאר דער יִדישער לִטעראטור. דער אײנציקער ראָמאנ אקסענפעלדס, וואָס האָט זיכ אכוצ די פיר יאָ דערשינענע פיעסעס אופגעהיט, „דאָס שטערנטיכל“, איז דער ערשטער ראָמאנ, געשריבנ אינ דער נײַער מיזרעכ־אייראָפּייִשער יִדישער שפראכ, דער ערשטער אָריגינעלער נײַצײַטיקער ראָמאנ אינ דער יִדישער לִטעראטור.

די לײַפציקער אויסגאבע פונ „דאָס שטערנטיכל“ איז א גרויסע זעלטנקײַט. מיר האָבנ יעדיִעס בלויז וועגנ דרײַ עקזעמפלערכע ביבליאָטעקנ, אינ וועלכע ס'געפינענ זיכ עקזעמפליארנ פונ דעמ דאָזיקנ ווערק, אי דאָס ניט קײנ גאנצ זיכערע יעדיִעס. די נאציאָנאליסטישע יִדישיסטנ אינ פוילנ אונ אמעריקע גיבנ ארויס פונ צײַט צו צײַט פארשײדענע וויסנשאפטלעכע ווערק פונ א צווייפלהאפטיקנ ווערט, אָבער קײנעמ פונ זיי איז ביז איצט ניט אײַנגעפאלנ ארויסצוגעבנ אפסנײַ דעמ דאָזיקנ ווערטפולנ אינטערעסאנטנ בוכ[2] אונ אזויארומ אָפּצוהיטנ, אז ער זאָל ניט ענדגילטיק פארשווונדנ אונ פארלוירנ גײנ, ווי דאָסדאָזיקע איבעריקע ווערק אקסענפעלדס. אונ דאָס וואָלט דאָכ געווענ א גרויסער שאָדנ סײַ פארנ לײענער פונ דער יִדישער לִטעראטור בִיכלאל סײַ פארנ פאָרשער פונ דער יִדישער לִטעראטור־געשיכטע אונ געשיכטע ביפראט. אויב עס געפינט זיכ עפשער נאָכ אנ עקזעמפליאר אכוצ די דערמאָנטע בא דעמ אָדער יענעמ יִדישיסטישנ לִטעראטור־היסטאָריקער, באהאלט ער אימ אפ זיבנ שלעסער פארמאכט, קעדיי כאָלילע דורכ דעמ איבערדרוק ניט צו פארלירנ אנ אויסשליסלעכנ „מאָנאָפאָל“, א פריוואטנ קוואל פאר העכסט אָריגינעלע „אויספאָרשונגענ“ אונ „צושטײַערנ“ צו דער לִיטעראטור־געשיכטע.

---

1 לויט פארשײדענע יעדיִעס האָט אקסענפעלדס זונ, דער פאריזער פראָפעסאָר אווגוסט אקסענפעלד, איבערגעזעצט אפ פראנצויזיש עטלעכע פונ זײַנ פאָטערס ווערק. צומ באדויערנ פעלנ אונדז יעדיִעס, צי זײַנענ די דאָזיקע איבערזעצונגענ געווענ געדרוקט, ווענ אונ ווו.

2 אינ ז. רייזענס אנטאָלאָגיע „פונ מענדעלסאָנ ביז מענדעלע“ איז פונ דעמ ראָמאנ איבערגעדרוקט בלויז דער ערשטער קאפיטל.

ס'איז פארשטענדלעך, אז גראָד דורך דער איניציאַטיוו פונעם ייִדישנ לייענער, פונ דער סטודענטנשאפט אונ פונ די ליטעראטור-היסטאָריקער אינ דאטנפארבאנד, וואָס באווײַזנ סימפאטיע אונ אינטערעס פאר די אופגעהיטע פּאָר ווערק פונ דעמ דאָזיקנ טעמפעראמענטפולנ אופריכטיקנ אופקלערער פונ די פאָלקס־מאסנ אונ האָבנ אנדערע האסאָגעס וועגנ די קולטור־ווערטנ פונ דער פארגאנגענהײַט אונ וועגנ דעמ, וויאזוי מע דארפ זיכ מיט זיי באנוצנ (אונ ניט פּריוואט „עקספּלואטירנ"), וועט דער ערשטער ייִדישער ראָמאנ אינ א נײַער אויסגאבע ווידעראמאָל צוטריטלעכ געמאכט ווערנ פאר ברייטע לייענער-קרײַזנ.

4

אינ „דאָס שטערנטיכל" ווערט דערציילט, וויאזוי אנ אָרעמער פּייִקער יונגער מענטש, וואָס שטאמט פונ די פּאָלקס־מאסנ, רײַסט זיכ ארויס, אינ א צײַט, ווענ ס'זײַנענ פאָרגעקומענ גרויסע היסטאָרישע געשעענישנ (1812—1813), פונ די דריקנדיקע אומשטענדנ, אינ וועלכע עס לעבט זײַנ סוויווע, באפרײַט זיכ פונ די נעבעכדיקע אונ פינצטערע קליינשטעטלדיקע אונ כסידישע האסאָגעס. אינ טאָכ ווערט דאָ געוויזנ דער אנטוויקלונגס-וועג פונ איינעמ אנ אָרעמענ יונגמאנ—צומ בורזשוא. די האסקאָלע איז, א ל ג ע מ יי נ ג ע ר ע ד ט, פּונקט ווי די קלאסישע מײַרעוודיקע אופקלערונג, די אידעאָלאָגיע פונעמ דעמלטיקנ מ י ט ל ב י ר ג ע ר אינ זײַנ איבערגאנגס-עטאפּ צומ בורזשוא — כאָטש זי פּרעטענדירט דעמלט צו רעפּרעזענטירנ אונ רעפּרעזענטירט טאקע אינ א באשטימטער מאָס מיט אירע פאָדערונגענ אלע אונטערדריקטע שיכטנ פונ דער געזעלשאפט[1]. אקסענפעלד איז געווענ באהערשט פונ די מאסקילישע אָנשויונגענ אונ די לייזונג פונ דער מעשונעדיק שווערער לאגע פונ די פּאָלקס־מאסנ האָט ער זיכ פאָרגעשטעלט אינ איינקלאנג מיט די אידייענ פונ דער האסקאָלע. אינ זײַנ שאפנ ליגט אָבער דער טראָפּ ניט אפ דער דאָזיקער „לייזונג", וואָס באקומט זיכ בא אימ גענוג אומבאשטימט, אומזיכער אונ עפּעס גאָר באזונדערס נאיִוו, נאָר אפ דער שילדערונג פונ דער גײַסטיקער, קולטורעלער אונ לעבנשטייגערישער נויט פונ די מאסנ, אפנ קאמפּ קעגנ דער פינצטערער ווילדער מיטלאלטערלעכ־פארקריפּלטער אָפּגעשטאנענקײַט, אינ וועלכער זיי לעבנ. באמ רעאליזירנ דעמ דאָזיקנ הויפּט-מיינ פונ זײַנ שאפנ ווירקט אקסענפעלד מיט גרויסער באשטימטקײַט, פעסטקײַט אונ קלאָרקײַט, ווײַל ער צילט דאָ אפ ווירקלעכע פאקטנ אינ דער געזעלשאפט אונ קעמפּט דאָ פאר

---

1 זע ענגעלסעס „אנטי־דירינג", דײַטשישע אויסגאבע, 1928, ז. 1—4, 154—155, 274 אא.

היסטאָריש-רעאלע, ווירקלעכע, פּראָגרעסיווע באדערפעניש: פאר דער אופ־קלערונג פון די מויכעס. אינעם דאָזיקן הויפּט־מיין פון זײַן שאפן דריקט אקסענפעלד אויס עמעסדיקע באדערפענישן פון די פאָלקס־מאסן, הייסט דאָס, ז י י ע ר ע טענדענצן, כאָטש די פאָלקס-מאסן גופא האָבן דעמלט גאָר ווייניק פארבאוווסטזיניקט די דאָזיקע באדערפענישן און טענדענצן.

„דאָס שטערנטיכל" איז א ראָמאן. די פארשיידענע שטייגער-שילדערונגען אנטוויקלען זיך ארום דער ליבע-געשיכטע פון א בעלפער, מיכל מאציייווע. זײַן קאלע שיינצע איז די טאָכטער פון א שאמעס, אָבער, ווי עס ווײַזט זיך שפּעטער ארויס, ניט אן אייגענע, נאָר אן אָנגענומענע טאָכטער. דער בעלפער מיכל מאציייווע, אן אופגעוועקטער, לעבעדיקער פאָלקס־מענטש, אָנגעהויבט צו ביסלעך מיט סטיכיש־בונטארישער אפּיקאָרסעס, ווערט אין איינעם א שיינעם טאָג צופעליק געכאפּט באם איבערטרעטן איינעם פון די ניט זייער וויכטיקע רעליגיעזע געזעצן. זײַן אוויירע איז באשטאנען דערין, וואָס ער האָט אין א טאָנעס (רעליגיעזער פאסט־טאָג) גע־געסן. די שאמאָסים פונעם בעסדן האָבן אים אפּ א בארבארישן, די מענטש־לעכע ווערדע פארשעמענדיקן אופן געפירט איבער דער שטאָט צו די קאָהאָלס־לײַט. קאָהאָל און דער כסידישער רעבע האָבן בא אים ארויסגעפרעסט אלס שטראָף א היפּשע סומע געלט פון זײַן אָפּגעשפּאָרטס. אכוץ דעם האָט דער רעבע געהייסן אים ארויסטרײַבן פון זײַן שטעלע אלס בעלפער און צונישט מאכן די טנאָים מיט זײַן קאלע, דעם שאמעס טאָכטער. מיכל מאציייווע ווארפט זיך אפּ אן אנדער פּארנאָסע, ווערט א פאקטער, קאָמיסיאָנער בא אָפיצערן פון דער רוסישער ארמיי, וואָס האָט דעמלט געפירט מילכאָמע קעגן נאפּאָלעאָנס כאיאָלעס. און ווײַל ער קען די רוסישע שפּראך און איז אָרנטלעך אין זײַנע געשעפטן, געווינט ער דעם צוטרוי פון די, מיט וועמען ער האָט צו טאָן. ער הייבט אָן צו באקומען אָנזען אין דער שטאָט. אינאיינעם מיט דער רוסישער ארמיי, וואָס יאָגט נאָך די אָפּציענדיקע נאפּאָלעאָנישע כאיאָלעס, גייט אויך מיכל מאציייווע, אלס קאָמיסיאָנער פון אן אָפיצער, ביז קיין ברעסלוי אין דײַטשלאנד. דאָרט בא דער הויפּט־קווארטיר ווערט ער א געהילף פון א יידישן פּאָדראטשיק. די לעבנס־פארהעלטענישן אין א דײַטשישער שטאָט מאכן אפּ אים א שטארקן אײַנדרוק, קלערן אים אופ וועגן א סאך זאכן. אין ברעסלוי באקענט ער זיך מיט פארשיידענע פּאָדראטשיקעס, אופגעקלערטע געשעפטס-מענטשן. ער באזוכט אָפט מיט זײַן באלעבאָס דעם ברעסלויער דײַטשישן טעאטער. מיכל מאציייווע באקומט צו ביסלעך אייראָפּייִשע האסאָגעס און ווערט אן אופגעקלערטער מענטש.

פריער אָבער, נאָך איידער מיכל איז אוועק מיט דער רוסישער ארמיי, האָט זיך געטראָפן, אז זײַן קאלע שיינצע, מיט וועלכער ער האָט

געמוזט צערײַסנ די טנאָיִמ, האָט מענ גערעדט א שידעכ מיט א זונ פונ אנ ארענדאר, א טויגעניכצ, א ווילדנ נעפעש. אונ ווײַל מע האָט איר צוגעזאָגט א גרויס שטערנטיכל מיט טײַערע איידלשטיינער, איז דאָס מיידל, א פארבלענדטע, מאסקימ געווענ מיט אימ כאסענע צו האָבנ. אָבער טייקעפ נאָכ דער כופע זײַנענ געקומענ סאָלדאטנ אונ האָבנ דעמ כאָסנ צוגענומענ, ווײַל ער האָט א שטיקל צײַט פריִער זיכ בעסאָד געלאָזט שמאדנ אונ זיכ אליינ סאָלדאטנ איבער זײַנ כיישעק צו ווערנ א בארבאנשטשיק. מיט גרויס מי האָט זיכ אײַנגעגעבנ ארויסצובאקומענ פונ דעמ פארשוינ א געט, דערפאר האָט אימ דעמ שאמעס טאָכטער אָפגעגעבנ דאָס באקומענע שטערנטיכל. מיכל, וואָס האָט דאָס אלצ געוווסט, האָט זי, איידער ער איז אוועק מיט דער ארמיי קיינ דײַטשלאנד, ארויסגעגאנוועט פונעמ שאמעס הויז, זי געבראכט אינ אנ אנדער שטעטל אונ זי בעסאָד אײַנקווארטירט בא אנ אָרעמער זיצערקע אפ דער צײַט, וואָס ער וועט זײַנ אפ דער נעסיִע. נאָכ דעמ, ווי ער איז צוריקגעקומענ פונ ברעסלוי, נײַ-אויסגעקליידט, מיטנ פארדינטנ געלט אינ דער קעשענע, מיט וויל־יונגערישער פעסטקײַט אינ זײַנ פירונג אונ מיט נײַע געדאנקענ אינעמ קאָפ, האָט ער אינ דער שטוב פונ א בארימטנ כסידישנ רעבנ, ווו מע האָט אימ אלס נײַ־געבאקענעמ גוויר אופגענומענ מיט גרויס קאָוועד, אײַנגעאָרדנט א זייער עפעקטפולע לייזונג פונעמ קאָנפליקט אונ געצוווּנגענ דעמ רעבנ, אז ער אליינ זאָל דורכפירנ די רעליגיִעזע צערעמאָניע בא זײַנ כופע, וואָס איז געשטעלט געוואָרנ טאקע אינעמ זעלבנ אָוונט באמ רעבנ אינ שטוב. דערבײַ זײַנענ אויכ געלייזט געוואָרנ א גאנצע ריי זײַטיקע קאָנפליקטנ[1]. אינ פארלויפ פונעמ אָוונט אנטבלויזט מיכל מאצייווע די שווינדלערישע שטיק פונעמ רעבנ, פײַניקט אימ מיט שטעכווערטער, באווײַזט אימ זײַנ נישטיקײַט אונ פארשעמט אימ אָנ ראכמאָנעס, כאָטש טאקע זייער שארפ־זיניק אונ קלוג, אזוי אז דער רעבע האָט גאָרנישט געקאָנט קעגנ דעמ טאָנ. ס'ווערנ דאָ אויכ דורכ פארשיידענע סיטואציעס דעמאסקירט די כסידישע זײַטנ, די מעקוראָווימ פונעמ רעבנ, פארשיידענע קלייקוידעש, גאבאָיִמ, שאמאָסימ, פארשיידנערליי כסידימ, א יערושאלמי. ס'ווערנ ארויסגעפירט די אינ דער דעמלטיקער ייִדישער סוויווע כאראקטעריסטישע שטייגער־געשטאלטנ פונ אנ אגונע (א פרוי, וואָס דער מאנ האָט זי פארלאָזנ אונ איר ניט איבערגעלאָזט קיינ געט, אזוי אז זי טאָר איר לעבנ־לאנג ניט כאסענע

1 מיט דער הילפ פונ דער זייער אלטער ליטערארישער מאניר פונ „דערקענונגענ" די אזויגערופענע „אנאגנאָרעזיס") — דה. מיט דער מאניר, דורכ וועלכער די קלאסישע קאָמעדיע לייזט אופ די געשעענישנ, ווענ די פארשיידענע האנדלענדיקע פיגורנ דערקענענ פלוצעמ אונ אומגעריכט איינער אינעמ אנדערנ זייערע נאָענטסטע אייגענע, קרויווימ, פרײַנט, אלטע פרײַנט אאוו.

האָבן קיין צווייט מאָל), פון פארגרעבטע דאָרפישע ארענדארעס, פון א מארק־זיצערקע, פון א זײַדן איידעמל אאוו. אאוו. דאָס אלץ ווערט באגלייט פון פארשיידענע „פובליציסטישע“ באטראכטונגען (לעמאָשל: וועגן די באציִונגען צווישן דעם פּאָרעץ — און דעם שטעטל, וועגן דעם כילעק צווישן די רוסישע און פוילישע פּריצים, וועגן די יידישע מאיאָפעסניקעס און קאָמיסיאָנערן, וועגן כאסידיזם, וועגן דער נויטווענדיקייט פון בילדונג אאוו.), פון א מענגע עטנאָגראפיש־היסטאָרישע באשרײַבונגען, פון פארשיי־דענערליי אנעקדאָטן און מײַסעס (לעמאָשל: וועגן דעם פוילישן פּאָדרוזשני גראפּ, וועגן דעם שווינדלער ליפּע לעוויט אאוו.), פון גלײַכווערטלעך, שפּריכווערטער אאוו. אקסענפעלד פּירט ארויס און דערמאָנט אין „שטערנ־טיכל“ א גאנצע ריי פיגורן, וואָס האָבן ווירקלעך עקזיסטירט, באוווּסטע כסידישע רעבעס, גווירים, טאקיפים, שטאדלאָנים, מאסק־לים, פּאָדראטשי־קעס, אָפּיצערן פון דער רוסישער ארמיי — און אויך זיך אליין אין דער געשטאלט פון אָקסמאן (אויך אין מיכלס געשיכטע זײַנען אנטהאלטן עלע־מענטן פון אקסענפעלדס ביִאָגראפיע). ס'ווערן דאָ געגעבן שילדערונגען פון פארשיידענע קליינע שטעטלעך און גרעסערע שטעט (ווי, לעמאָשל, בערדי־טשעוו). אקסענפעלד גיט איבער די שמועסן פונעם האמוין אף דער גאס, פון כסידים, פון רעבעס, פון קאָהאָלס־לײַט, פון אופגעקלערטע סאָכרים. דאָס ווערק אנטהאלט א ריזיקן סכום לעבנס־קענטעניש און באָבאכטונגען, געזעענס און געהערטס, און דאָס אלץ ווערט דערציילט מיט אן אויסגע־שפּראָכענעם געפיל פאר צײַט־געשיכטע, מיט א דיִיטלעכן באוווּסטזײַן, אז דאָס אלץ, כאָטש ס'עקזיסטירט נאָך אין סאמע מיטן „בלי“, — געהערט פּאָרט צו דער פארגאנגענהײַט און מוז אָפּגיין און לאָזן אָרט פאר א נײַעם שטייגער.

דער סוזשעט פונעם ראָמאן אנטוויקלט זיך ארום דער מײַסע מיטן שטערנטיכל. מיכלס קאלע ווערט פארבלענדט פונעם צוזאָג, אז זי וועט באקומען א טײַער גרויס שטערנטיכל, און ווערט איבער דעם אומגעטריִ איר געוועזענעם כאָסן און איז גרייט כאסענע האָבן מיט א טויגעניכץ. ווען מיכל קומט צוריק פון זײַנע נעסיִע, ברענגט ער מיט זיך א שטערנ־טיכל פון פאלשע נאָכגעמאכטע שטיינער, ווײַל פאר אן עכט שטערנטיכל פון אזא גרייס קלעקט ניט זײַנע פארמעגן. אז ס'איז גאָר פאראן אף דער וועלט פאלשע שטיינער, איז ער געוויר געוואָרן פון איינער א מײַסע, וואָס אָקסמאן, דער אופגעקלערטער ארמיי־פּאָדראטשיק, האָט דערציילט וועגן דעם שווינדלער ליפּע לעוויט. מיכל מאכט כויזעק בא זיך אין הארצן איבער דעם ווילדן שטייגער פון די יידישע פרויען, וואָס, זײַענדיק אָרעם, אָפּגעריסן און קויטיק, מוזן זיי פונדעסטוועגן טראָגן אפן קאָפּ א שטערנ־טיכל, וואָס קאָסט א גאנצע פארמעגן און וואָס אפילע די פּריצטעס טראָגן עס ניט. אָבער ווײַל ער ווייסט, ווי שטארק עס גלוסט זיך זײַן געליבטער

צו האָבנ אזא שטערנטיכל, טוט ער איר צוליב איר ווילנ. אונ ווײַל דער דאָזיקער ווילנ איז ניט קיינ סייכלדיקער אונ ניט קיינ גערעכטער, נעמט ער זיכ דאָס רעכט זי אָפּצונארנ אונ אויסצוגעבנ פאלשע שטיינער פאר עכטע. אגעוו, האָט ער זיכ דורכ דעמ דאָזיקנ שטערנטיכל געשאפנ גרויס אָנזענ באמ רעבנ אונ די כסידימ, ווײַל דער באזיץ פונ אזא ווערטפולער זאכ זעצט פאָרויס א גרויס פארמעגנ. אונ דאָס האָט אימ מעגלעכ געמאכט אומבאשטראָפט אָפּצושפּאָטנ פונעמ רעבנ אונ, דעריקער, טאקע דורכצופירנ זײַנ ווונטש אונ כאסענע האָבנ מיט זײַנ קאלע. מיכל באטאָנט דײַטלעכ, אז קעגנ די אָפּנארערס אונ פאָלקס-פארפינצטערער איז דערלויבט צו קעמפנ מיט זייערע אייגענע מיטלענ, אז אמבעסטנ ווערנ זיי דעמאסקירט דורכ דעמ, וואָס מע נארט אָפּ די אָפּנארערס. אקסענפעלד ווענדט אָפּט אָנ דעמ דאָזיקנ וואָדעווילישנ מאָטיוו („דער אָפּגענארטער אָפּנארער"), וואָס געהערט צו די טראדיציעס פונ דער עלטסטער רעאליסטישער געזעלשאפט־קריטיק אונ וואָרצלט אינ דער פאָלקלאָרישער מײַסע (לעמאָשל, אינ אזעלכע מײַסעס ווי וועגנ דעמ פויער, וואָס איז קלוימערשט א טאמ אונ נארט פונדעסטוועגנ אָפּ דעמ כיטרענ טײַוול, אאוו., — ווײַל די גערעכטע קלוגשאפט זיגט איבער דער אומגערעכטער כיטרעקײַט).

אינעמ קאמפ קעגנ דעמ אלטנ לעבנשטייגער האָבנ א גרויסע ראָליע געשפּילט אויכ די טראדיציאָנעלע מאסקילישע ארויסטרעטונגענ קעגנ דער מעשונע־קאָנסערוואטיווער יידישער קליידונג, קעגנ דעמ זינלאָזנ לוקסוס, וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרנ בענעגייע איינצלנע טיילנ פונ דער קליידונג — בייס אלע איבעריקע זײַנענ געווענ אָפּגעריסנ, קויטיק אונ לויט דער פאָרמ א רעשט אונ סימענ פונ געטאָ־קנעכטשאפט. אפּ דעמ דאָזיקנ זײַטיקנ פונקט פונ דער טראדיציאָנעלער מאסקילישער פּראָגראמ האָט דאָ אקסענפעלד געבויט זײַנ סוזשעט אונ ארומ אימ אנטוויקלט א ברייטע קריטישע שילדערונג פונעמ פארקריפּלטנ שטייגער אינ דער יידישער סוויווע. צו קיינ באוווסטזיניקער קריטיק פונ די סאָציאלע פארהעלטענישנ איז אקסענפעלדס פּרימיטיווער רעאליזמ ניט דערגאנגענ. אָבער אפּ אנ אומיטלבארנ נאיוונ אויפנ האָט אקסענפעלד געפילט די מאסנ, זייער גוירל איז אימ געווענ נאָענט צומ הארצנ, אונ ער האָט זיכ באמיט זיי צו העלפנ דורכ דעמ, וואָס ער האָט זיי געוויזנ די אָפּגעשטאנענקײַט אונ פארקריפּלטקײַט פונ זייער לעבנ.

## 5

„דאָס שטערנטיכל" איז, אפּאָנעמ, אנטשטאנענ ניט שפּעטער ווי אינ די 20־ער יאָרנ פונ פארגאנגענעמ יאָרהונדערט. מעגלעכ אפילע, אז אינ דער ערשטער העלפט פונ די 20־ער יאָרנ. קיינ פעסטע אָנווײַזנ פאר אזא

דאטירונג האָבן מיר ניט, אָבער באשטימטע סימאָנים זײַנען פאראן. אקסענפעלד געדענקט דאָ אין דעם בוך צו גענוי פארשיידענע דעטאלן פון די יאָרן 1812—1813. אזוי, למשל, אז די יידישע דאטע פינף טאָג אין קיסלעוו תקע״ג — איז אויסגעפאלן אינעם 18 נאָיאבער 1813. אין דעם בוך גע־פינט זיך אן אויספירלעכע, פאָפולערע פראָגראמאטישע דערקלערונג פון זײַן מעטאָד צו קעמפן קעגן דעם כאסידיזם (זע ווײַטער, ז. 117). דערין זעען מיר א שטיקל אָנווײַז, אז דאָס דאָזיקע ווערק געהערט צו די ערשטע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. אין די שפּעטערדיקע ווערק וואָלט אזא דער־קלערונג ניט נייטיק געווען. אף דעם ווײַזט עפשער אויך אָן דער פאקט, וואָס דער שפּראַך־סטיל (באזונדערס דער זאצבוי) פון דעם בוך איז נאָך מער פּרימיטיוו, רויער, נאָך ווייניקער אויסגעארבעט, איידער אין די פּיע־סעס. א שטיקל סימען זעען מיר אויך אין דעם אומשטאנד, וואָס פון אלע זײַנע פּראָזאישע ווערק האָט אקסענפעלד גראָד דאָס אויסגעקליבן אף אָפּ־צודרוקן צוערשט (זײַן נאָך פריער אָנגעשריבענער „סייפער כסידים״ איז עפשער געווען צו שארף דעמאסקירנדיק). וואָגיקער ווי די דאָזיקע סימאָנים זײַנען די, אף וועלכע דער היסטאָריקער כ׳ אָ. מארגוליס האָט מיך אופמערקזאם געמאכט. די גאנצע האָפערדיק־אָפּטימיסטישע שטימונג, וואָס הערשט אין דעם ווערק, לאָזט זיך ניט פארייניקן מיט דער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין די קרײַזן פון די אופקלערער נאָכן יאָר 1827, נאָך דעם, ווי ס׳איז דערשינען און אויסגעפירט געוואָרן דער אוקאז וועגן דער רעקרוטשינע פאר יידן. כאָטש אקסענפעלד דאטירט די געשעענישן פון זײַן ראָמאן מיט די יאָרן 1812—1813, וואָלט ער, ווען ער זאָל גע־ווען וויסן וועגן די פאקטן פון דער רעקרוטשינע בעשאסן שרײַבן, פאָרט זיך ערגעץ־ווו ארויסגעכאפּט מיט א וואָרט וועגן דעם, באזונדערס דאָרט, וווּ ער דערציילט וועגן דעם ארענדארס זון נאפּטאָלקע, וואָס האָט זיך פרײַוויליק פארווערבירט אין סאָלדאטן בלויז צוליב צו דעם, קעדיי צו ווערן א באראבאנשטשיק. נאָך 1827 יאָר וואָלט אקסענפעלד גאָר אנדערש גערעדט וועגן אזא פאקט. אקסענפעלד באטראכט אין דעם בוך די באציִונגען צווישן די יידן און די פּוילישע פּריצים. ווען דאָס וואָלט געשריבן געוואָרן נאָך דעם פּוילישן אופשטאנד פון יאָר 1831, וואָלט אקסענפעלד בא דער טעמע „פּוילישע פּריצים״ ניט אויסגעמיטן מיטצוטיילן די איבערלעבונגען פונעם אופשטאנד־יאָר, אָדער כאָטש וועגן זיי צו געבן אָנצוהערן. אזוינס איז אָבער אינעם ווערק ניט פאראן. פון דעם אלעם דרינגען מיר, אז דאָס ווערק איז אָנגעשריבן געוואָרן יעדנפאלס ביז צום יאָר 1827.

אָבער כאָטש אקסענפעלד באשרײַבט אין דעם בוך אומשטענדן פון 1812—1813 און כאָטש געשריבן איז דאָס געוואָרן שפּעטער, אין די־20־ער יאָרן, שילדערט ער דאָ פאקטיש דעריקער די יידישע סוויווע אין

אוקראַינע פון סאָפ XVIII יאָרהונדערט לויט די איינדרוקן פון זײַנע קינ־דעריאָרן. און אזיווי דער שטייגער און דאָס לעבן פון די ייִדן אין אוקראַינע האָט זיך דעמלט אין מעשעכ פון יאָרצענדליקער אין מער ניט געביטן מיט גאָרנישט, קאָנען מיר אין אקסענפעלדס „דאָס שטערנטיכל" זען א שילדערונג פונעם ייִדישן לעבן אין אוקראַינע ניט בלויז אָנהייב XIX יאָרהונדערט, נאָר נאָך מיט מער רעכט — פונעם XVIII יאָרהונדערט ביכלאל. דאָס האָט אויך א שײַכעס צו דער שפּראַך אקסענפעלדס אין דעם בוך: דאָס איז די ייִדישע שטייגער־שפּראַך פון אוקראַינע אינעם XVIII יאָרהונדערט, וואָרעם נאָכן ערשטן יאָרצענדליק פון XIX יאָרהונדערט איז אקסענפעלד שוין אוועק פונעם אוקראַינישן שטעטל און האָט שוין דאָרט קיינמאָל ניט מער דויערנדיק געלעבט. מעגלעך, אז בעשאס ער האָט גע־ווינט אין בראָד, האָט אקסענפעלד אופגענומען באשטימטע עלעמענטן פונעם גאליצישן ייִדיש, זיי זײַנען אָבער אין זײַן סטיל זייער ווייניק אָנזעעוודיק. ס'איז ניט ווארשײַנלעך, אז זײַן שפּראַך־פאָרמען האָט זײַט ער האָט זיך אריבערגעקליבן קיין אָדעס געזאָלט באדײַכערט ווערן פונעם דעמלטיקן אָדעסער ייִדיש אפ א באדײַטנדיקן אויפן. קיין שפּראַכלעכע האשפּאָעס פון דײַטש אין דער פאָרם פון דײַטשמעריזמען זעען מיר ניט אין אקסענ־פעלדס סטיל, כאָטש ס'איז געווען פארשפּרייט א מין דײַטשמערישער זשאַרגאָן צווישן באשטימטע קרײַזן מאַסקילים און אופגעקלערטע געשעפטס־לײַט, באזונדערס אין אָדעס, ווו אקסענפעלד האָט געלעבט קימאַט פיר יאָרצענדליק. הייסט דאָס, אז אין זײַנע ווערק זײַנען אויך פארפיקסירט גרויסע פלאסטן פון דער שטעטלדיקער שפּראַך פון די ייִדישע מאסן אינעם XVIII יאָרהונדערט.

## 6

אין זײַן שאפן ביכלאל און אין „דאָס שטערנטיכל" ביפראט „רעפּראָדוצירט" אקסענפעלד נאקעט און פּינקטלעך דיווירקלעכקײַט אין דער דעמלטיקער ייִדישער סוויווע — מע קאָן זאָגן: מיט א מין רעפּאָרטיאָרישער פּינקטלעכקײַט. אין דעם ווײַזנטלעכן פּראַט דערנעענטערט זיך זײַן פּרימיטיווער רעאליזם צו דעם סטיל, וואָס מיר רופן נאטוראליזם. זײַן נעטיִע צו באשרײַבן אזעל־כע פיגורן, וואָס האָבן היסטאָריש ווירקלעך עקזיסטירט, זײַן שטענדיק באַ־טאָנען וועגן דער פאבולע פון זײַנע ווערק, אז דאָס זײַנען ווירקלעכע פּאסירונגען, זײַן אָפטער אָנווײַז אפ דעם, אז דאָס, וואָס ער שרײַבט, איז עמעס אין סאמע דירעקטן זינען, דארף דערקלערט ווערן ניט בלויז מיט דער פּרימיטיווקײַט פונעם לייענער, צו וועלכן אקסענפעלד האָט זיך געווענדט און וואָס גלייבט נאָר אין „עמעסדיקע מײַסעס", אין אומיטלבארן פּראָסטן

באטײַט פונעם וואָרט. אקסענפעלד געהערט צו יענע שרײַבער, וואָס זייער שעפערישע פאָרשטעלונג צינדט זיך אָן נאָר דעמלט, ווען זי קומט אין בארירונג מיט ווירקלעכע פאסירטע, געזעענע אָדער געהערטע געשעעענישן און פאקטן פון זייער צײַט, און וואָס זיי איז פרעמד די אויסטראכטעריש־דיכטערישע פאנטאזיע. אכוץ דער לײַדנשאפט צו דעמאסקירן, אופצוקלערן און דערציִען שטעלן מיר פעסט אין זײַן שאפן אויך אן אנדערע לײַדנשאפט: כראָניקיאָריש צו פיקסירן די ווירקלעכקײַט, צו באשרײַבן זי צײַט־געשיכטלעך. אין דעם פראט דערנעענטערן זיך א סאך ערטער אין זײַנע ווערק צו דעם ליטעראַרישן זשאנר, וואָס מיר רופן פובליציסטישע פארצייכענונג אָדער בעלעטריסטישער רעפּאָרטאַזש — צו צײַט־געשיכטע. די סיבעס פאר די דאָזיקע סטיליסטישע שטריכן ליגן סײַ אין דער לײַדנשאפטלעך-אגיטאטאָרישער אָנצילונג פון זײַן שאפן און סײַ אין דער היסטאָריש־באדינגטער פרימי־טיווקײַט פון זײַן רעאליזם.

די דאָזיקע שטריכן זײַנען גאנץ אָפט אויך א רעזולטאט פונעם נאִיוון איבערגעטריבן-ראציִאָנאליסטישן און אין טאָך אומהיסטאָרישן באנעמען די געזעלשאפטלעכע פאקטן, פון א באנעם, וואָס וויל די געשיכטע זען נאָר אפ איצט און פאָרויס און קאָן ניט פארטיפן דאָס פארשטענדעניש פאר קעגנווארט און צוקונפט מיט היסטאָרישע דערקלערונגען דורך דער פארגאנ־גענהײַט. דעריבער האלט זיך אזא באנעם אזוי ציטעריק הארט בא דער ערד, בא דער „עמעסדיקער פאסירונג״, באם עמעסדיקן פאקט און דעטאל. דערמיט איז פארבונדן א באשטימטע האמעטנעקײַט פון אקסענפעלדס ביל־דער, די אָפט איבערגעטריבענע שרײַערישע פארבן, און אויך דאָס, אז אין זײַנע סאטירישן דראנג צו דעמאסקירן שילדערט און דערקלערט ער אפ א געניג פארײנפאכטן אופן סאָציִאל־היסטאָריש זייער קאָמפּליציר־טע איניאָנים. זײַנע שילדערונגען זײַנען צומאָל נאקעט אנטבלויזט ביז צו גראָבקײַט. אלס בעסטע קעגנווירקונג קעגן די ראָמאנטיש־פארהערלעכנדיקע כסי־דישע סיפּורי־מײַסעס האלט אקסענפעלד דאָס גענויע פּינקטלעכע דעטאלישע באשרײַבן די ווירקלעכקײַט, דערין זעט ער דאָס ווירקזאמסטע קאמפּ-מיטל קעגן פינצטערניש און אָפּגעשטאנענקײַט (זע ווײַטער, ז. 115, 117). אָבער דע־טאלישע גענויקײַט אָן דער פארטיפונג דורך א היסטאָריש־סינטעטיזירנדיקן באנעם פירט צומאָל צו אויסערלעכקײַט אינעם באשרײַבן. דורך בלויזן אָנוואלגערן פון אויסערלעכע דעטאלן, אפילע ווען מע „באשרײַבט״ אלץ און יעדערן „מיט אלע פּישטשעווקעס״ און אפילע ווען מע באגלייט דאָס מיט פובליציסטיש דערקלערנדיקע באטראכטונגען, האָט ניט געקאָנט פול־קום דערגרייכט ווערן דאָס, וואָס אקסענפעלד האָט געוואָלט: א שפּיגל פון דער קעגנווארט, אין וועלכן די לייענער זאָלן זיך און זייער סוויווע זען פּינקטלעך אזוי, ווי זיי זעען אויס. דערצו וואָלט נייטיק געווען א טי־

פערער באנעם פון דער ווירקלעכקײַט, איידער אקסענפעלד האָט אים פאר־מאָגט.

אָבער די דאָזיקע קינסטלערישע כעסרוינעס קאָנען ניט פארשטעלן דעם גרויסן ווערט, וואָס אקסענפעלדס פּינקטלעכע און זאכלעכע פארשרײַבונגען האָבן אלס דאָקומענטארישע מאטעריאלן אף זיך צו באקענען מיט דעם לעבן און שטייגער פון יענער צײַט — אויב מע נעמט אראָפּ אף א פארשטאנדיקן אויפן די גוזמע. ער האָט ניט געקאָנט געבן קיין סינטעטישע קינסטלערישע בילדער, ער האָט זיך שטרענג געהאלטן באַם דעטאל. אָבער מיר האָבן דאָ, אין אקסענפעלדס ווערק, באקומען אן אויסערגעוויינלעך רײַכן היסטאָרישן פאקטן-מאטעריאל וועגן דעם אינוויי־ניקסטן לעבן און דעם אינטימסטן שטייגער פון יענער צײַט, געוויסנהאפ־טיק באשריבן, מיט פעדאנטישער, קימאט ווי סנשאפטלעכער אויספירלעכקײַט און ניט געשאנעוועט קיינעם. שפּעטער באקומען מיר אן ענלעך רײַכן מאטעריאל בא לינעצקין און אין די גרויסע קינסטלערישע ווערק מענ־דעלעס. אָבער אקסענפעלד שילדערט דעם אכצנטן יאָרהונדערט (בלויז צומטייל אויך דעם אָנהייב XIX יאָרהונדערט), לינעצקי און מענ־דעלע — דעם נײַנצנטן. אקסענפעלד האָט אין דעם פראט געשאפן די טראדיציע פאר דיקן, פאר לינעצקין און אין א געוויסער מאָס אפילע פאר מענדעלען אויך.

באזונדערס וויכטיק זײַנען אקסענפעלדס ווערק אלס מאטעריאלן צו דער געשיכטע פון דער כסידישער סעקטע — און דאָס באטײַט א היפש קא־פּיטל צו דער געשיכטע פון די יידן אין אוקראַינע אין יענער צײַט. וועגן דעם כאסידיזם זײַנען פאראן פארשיידענערליי היסטאָרישע מאטעריאלן: יורידיש־אדמיניסטראטיווע מעלוכישע דאָקומענטן, פּאנעגירישע, ראָמאנטיש-פאנטאס־טישע כסידישע מײַסעס, קעגנערישע ארויסטרעטונגען, פלוגבלעטער און פאמפלעטן מיצאד די אָרטאָדאָקסישע מיסנאגדים און פּובליציסטישע סא־טירעס, פאמפלעטן, פאראָדיעס פון די מאסקילים. קינסטלערישע מער אָדער ווייניקער אָביעקטיווע באשרײַבונגען וועגן דעם אינווייניקסטן לעבן און שטייגער פון די כסידישע מאסן זײַנען פון יענער צײַט פאראן זייער ווייניק, אמאָל בלויז איינצלנע שורעס בא ניט־יידישע שרײַבער, וואָס זײַנען מיט דעם דאָזיקן לעבן געווען זייער ווייניק באקאנט. שלוימע מײַמאָן דערציילט אין זײַנע מעמוארן עטלעכע אינטערעסאנטע שטייגער-מאָמענטן פונעם כאסידיזם אינעם XVIII יאָרהונדערט, אָבער טאקע נאָר עטלעכע קור־צע שטריכן. אויספירלעכע מאטעריאלן גיט גאָטלאָבער אין זײַנע מעמוארן, זיי שטאמען אָבער פון א שפּעטערדיקער צײַט און באהאנדלען ווייניק דעם עטנאָגראפישן שטייגער. פּערל אין זײַן „מגלה טמירין" גיט אויסגעצייכנטע סאטירישע באשרײַבונגען פונעם כסידישן לעבן, אָבער דער זשאנר פון

בריוו־פאראַדיעס האָט באגרענעצט די פרײַע אנטוויקלונג אינעם דערציילן. אינ אקסענפעלדס ווערק פארמאָגנ מיר דעם רײַכסטנ קוואל אפ זיכ צו באקענענ מיטנ אינטים־אינוויײניקסטנ לעבנ פונ די כסידישע מאסנ אונ מיט די שטיק פונ די רעבעס „הינטער די קוליסנ" — אינ XVIII אונ אָנהייב XIX יאָרהונדערט, געשריבנ פונ א מענטשנ, וואָס איז אינ דער דאָזיקער סוויווע אויסגעוואקסנ אונ וואָס איז געווענ אויסגעקאָכט אינ איר שטייגער. מיר קאָנענ פונ זײַנע קאלטע זשאנר־בילדער שעפנ שטרענגע ווערטפולע קאָרעקטיוונ צו די ראָמאנטישע אידעאליזירונגענ פונ פארשיידענע „קאנאָנישע" קוואלנ.

★

די דירעקטע ליטערארישע קוואלנ, פונ וועלכע אקסענפעלדס פראָזע איז באווירקט געוואָרנ, דארפנ מיר זוכנ ניט הויפטזאכלעכ אינ דער אייראָפּייִשער קלאסישער טראדיציע. די ליטערארישע ווירקונגענ אפ אקסענפעלדס פראָזע שטאמענ דעריקער פונ באשטימטע צווייט־ אונ דריטראנגיקע רוסישע שטייגער־שילדערער אונ זשאנר-באשרײַבער, ווי לעמאָשל, נאַריעזשני אא. מיר קאָנענ אויכ מיט א באשטימטער ווארשײַנלעכקײַט פעסטשטעלנ ווירקונגענ, וואָס שטאמענ דירעקט צי אומדירעקט פונ אזעלכע מער באדײַטנדיקע שטייגער־שילדערער, ווי וועלטמאנ אא. אקסענפעלדס דראמאטיש שאפנ איז באווירקט פונ דער קאָצעבו-שול. אויב עטינגער גייט אינ זײַנ שאפנ נאָכ אייראָפּייִשע קלאסישע טראדיציעס (מאָליער, לאפאָנטענ, לעסינג, שילער אא.), וואָס ווערנ בא אים קאָמבינירט מיט שטריכנ פונ זשאנרישער שטייגערישקײַט, — האָט אקסענפעלד פאר זײַנ פראָזע געלאָזט אינ א זײַט די אייראָפּייִשע קלאסישע טראדיציעס, כאָטש ער איז אָנ ספּק געווענ באקאנט מיט די ווערק פונ באשטימטע דײַטשישע קלאסיקער[1]. קיינ ווירקונגענ פונ די רוסישע ק ל א ס י ק ע ר — פונ פאָנוויזינ, גריבאָיעדאָוו, גאָגאָל אא. — וועלנ מיר אינ זײַנע ווערק אויכ ניט געפינענ, כאָטש ער האָט זייערע ווערק מינאסטאמ געקענט. ער האָט זיכ געהאלטנ בא פיל פראָסטערע, פרימיטיווערע ליטערארישע מוסטערנ.

---

1. אפילע ווענ די אומזיכערע יעדיִעס, וואָס לעאָ ווינער ברענגט אינ זײַנ געשיכטע פונ דער ייִדישער ליטעראטור וועגנ זשאנ־פאָלס ווירקונגענ אפ אקסענפעלדנ, וואָלטנ געווענ סאָלידער ווי זיי זײַנענ, — וואָלט מענ פאָרט געקאָנטריידנ העכסטנס וועגנ „ווירקונגענ" אינ א זייער אלגעמיינעמ זינענ, וועגנ ווירקונגענ אפ אקסענפעלדס בילדונג, געשמאק אאוו. די כאראקטעריסטישע שטריכנ פונ זשאנ־פאָלס סטיל וועלנ מיר אינ אקסענפעלדס ווערק, אינ זייער גאנצנ כאראקטער אונ סטיל, ניט געפינענ. זשאנ־פאָלס ראָמאנטישער, בארעדעוודיק־רעפלעקטירנדיקער נוסעכ אונ אויכ זײַנ לעבנס-באנעמ זײַנענ ווײַט אונ פרעמד פונ אקסענפעלדס שאפנ.

וואָס שייַעכ דער אויסערגעוויינלעכער עטנאָגראַפישקייט פונ זיינ דער־צייל־סטיל, דארפ מענ רעכענענ, אז דאָס איז א רעזולטאט ניט פונ ליטעראַרישע ווירקונגענ, נאָר פונ דער פרימיטיווקייט פונ זיינ רעאַליזמ גופע. אויכ אינ דער רוסישער פּראָזע פונ דער ערשטער העלפט XIX יאָר-הונדערט איז פאראנ א סאכ שטריכנ פונ עטנאָגראַפישקייט, וואָס זיינענ פארבונדנ מיט דער אָנצילונג צו קריטיקירנ די געזעלשאפט, אָבער ווייס ניט אינ אזא איבערגעטריבענער מאָס, ווי בא אקסענפעלדנ, ווייט ניט אינ אזא פעדאנטישער אויספירלעכקייט און פרימיטיווער נאקעטער אנטבלויזטקייט. בא אקסענפעלדנ איז אכוצ דעמ ווילנ צו דעמאסקירנ געווענ אויכ דאָס שטארקע באדערפעניש היסטאָריש-כראָניקיאָריש צו פיקסירנ דעמ שטייגער, וועגנ וועלכנ ער האָט געהאט די פעסטע איבערצייגונג, אז ער וועט אונ מוז אינגיכנ אָפּגיינ אונ פארשווינדנ. ער האָט געהאט דאָס באדערפעניש ניט בלויז פונ געזעלשאפט־קריטיק, נאָר אויכ פונ א צייט-היסטאָריקער, צו פארצייכענענ דעמ אָפּגייענדיקנ לעבנשטייגער פאר די קומענדיקע דורעס וועגנ. אונ גראָד דאָס דאָזיקע שטרעבנ מאכט פאר אונדז אזוי טשיקאווע זיינע ווערק. אז מיר עפענענ זיינעמ א בוכ, האָבנ מיר שטענדיק דעמ איינדרוק, ווי ס'וואָלט זיכ פאר אונדז געעפנט א פענצטער אינ א יידישער שטוב אינ אוקראַינע פונ צוריק מיט הונדערט, הונדערט פופציק יאָר.

★

פאר דער געשיכטע פונ דער נייער יידישער ליטעראטור איז כאראקטעריסטיש, אז באלד פונ אירע אָנהייבנ אָנ אינ די מיזרעכ־אייראָפּיישע לענדער איז זי געווענ אויסגעשפּראָכנ רעאַליסטיש אונ שטייגער-באשרייבעריש מיט א געזעלשאפטלעכ-קריטישער אָנצילונג, אינ קעגנזאצ צו דער העברייִשער ליטעראטור, וואָס איז זייט דעמ מיטלאַלטער ביז אינ XIX יאָרהונדערט ארייִנ, ביז צו זיינ לעצטנ דריטל, געווענ אָדער ראָמאנטיש באפארבט אָדער זי האָט זיכ אָריענטירט אפ קלאסיציסטישע טראדיציעס. די זעלבע סיבעס, וואָס האָבנ ארויסגערופנ די אנטשטייונג פונ דער נייער יידישער ליטעראטור אינ דער שפּראכ פונ די יידישע פאָלקס־מאסנ, האָבנ אויכ באדינגט איר רעאַליסטישנ סטיל.

אינ דער יידישער ליטעראטור האָבנ זיכ אינ פארלויפ פונ איר אנטוויקלונג אָפּגעשפּיגלט די פארשיידנסטע קלאסנ־טענדענצנ. ס'איז אָבער א פאקט, אז פונקט אזוי ווי אלע נאציאָנאלע ליטעראטורנ אינ פעריאָד פונ אנטשטייונג אונ אָנהייב, איז אויכ איר פארבינדונג מיט די פאָלקס־מאסנ אונ מיט דער פאָלקסטימלעכקייט געווענ באזונדערס דעמאָלט. ס'איז א פאקט, אז צו יענער צייט האָט די יידישע ליטעראטור, ניט געקוקט אפ

קלענערע און גרעסערע קלאסן־ווירקונגען פון פארשיידנסטן מין, געהאט
א געניג אויסגעשפראָכענעם האמויניישן כאראקטער. ס'איז דעריבער ניט
קיין כידעש, וואָס זי קניפּט דעמלט אָן — באוווסטזיניק צי ניט — בא די
טראדיציעס, וואָס גייען דירעקט און אומדירעקט, אָפּט טאקע דורך זייער
געדריידלטע וועגן, פונעם פריִיקן פאָלקסטימלעכן, שטייגערישן רעאליזם,
ווי ער איז געקומען צום אויסדרוק אינעם אזויגערופענעם שעלמען־ראָמאן
(אינעם אנאָנימען „לאזאריליאָ פון טאָרמעס”, אין די ווערק פון סקאראָן,
לעסאזש, גרימעלכהאוזען אא. און אין רוסלאנד: אין די ווערק פון פאר־
שיידענע פאָלקסטימלעכע שרייבער און אויך פון וועלטמאן, נאריעזשני אא.).
ס'איז ניט קיין צופאל, וואָס אקסענפעלד האָט אָנגעשריבן א ווערק: „מיכל
דער אויזערקעס, א ייִדישער זשיל־בלאז”. אויך „דאָס שטערנטיכל” פארמאָגט
זייער א סאך וועזנטלעכע שטריכן פונעם אזויגערופענעם שעלמען־ראָמאן.
דער פריִיקער פּרימיטיווער רעאליזם שטרייכט אומעטום אונטער אויך אין
איירָאָפּע זיין אָריִענטאציע אף די פאָלקס־מאסן, רייסט אומעטום באוווסטזיניק
איין מיט די איינגעשטעלטע קלאסיציסטישע געזעצן, רעדט אזוי, ווי עס
לייגט זיך אף דער צונג, שטרעבט צו פּראָסטקייט און נאטירלעכקייט, צום
פאָלקסוואָרט, צום פאָלקסטימלעכן בילד, צו פארשיידענערליי פאָלקסטימלעכע
פאָרמעס. בא אזא פריִיקן רעאליסט, ווי אקסענפעלד, זיינען די אלע אייגנ־
שאפטן געווען נאָך דייטלעכער און אפילע איבערגעטריבן צופאָל ביז צו
רויקייט, ווייל ער האָט אין דער ייִדישער ליטעראטור ניט געהאט גויווער צו
זיין איינגעשטעלטע קלאסיציסטישע טראדיציעס. וויפל עס זאָל אמאָל ניט זיין
אין די ווערק פונעם פריִיקן רעאליזם גוטמוטיקער שפּאָט איבערן עטנאָגרא־
פישן שטייגער פון די פאָלקס־מאסן און אפילע איבער זייער אויפן ריידן
און איבער דעם גאנצן פאָלקלאָר, — זיינען זיי געוויינלעך לויט זייער גאנצן כא־
ראקטער פאָרט מער אָדער ווייניקער נאָענט צום פאָלקלאָרישן שאפן. דאָס
אייגענע — און עפשער מיט נאָך מער רעכט — קאָן מען זאָגן וועגן אקסענפעלדס
ווערק. וויפל ער זאָל ניט שפּאָטן איבער דער אָפּגעשטאנענקייט פון די
פאָלקס־מאסן, איבער זייער שטייגער, זייער אויפן טראכטן און ריידן, —
דערנעענטערט אָבער זיינע ווערק די טיפ פאָלקסטימלעכע אָנצילונג, דער
פּראָכטער, קרעפטיקער, אומיטלבארער, ניט געקינצלטער דערצייל־ און רייד־
סטיל, דער מונטערער טאָן, די געזונטע נאיִווקייט, — צום פאָלקלאָרישן
שאפן. גאנצע אָפּט זיינען זיינע ווערק גופע א מין שטיק פאָלקלאָר, מייסעס,
פארשריבענע פון א פאָלקס־מענטש. אקסענפעלד שילדערט אין זיינע
ווערק אן אומגעוויינלעך טרויעריקע קעגנווארט, דאָס פארקריפּלטע לעבן
פון האלב־לייבייגענע מאסן אונטער דער הערשאפט פון די בארבארישע
רוסישע זעלבסטהערשער. און פאָרט פארלאָזט אים אין ערגעץ ניט א טיפע,
אָפּט נאיִווע פארגלייבטקייט אין דער פּראָגרעסיווער אנטוויקלונג פון דער

געשיכטע. זײַן שאפן איז דורכגעדרונגען מיט לעבנספרייד, מיט א געזונטן אָפּטימיזם, מיט גרויסע האָפענונגען אף דער צוקונפט.

אקסענפעלדס שפּראַך־סטיל איז גענוג רוי. אין „דאָס שטערנטיכל" אפילע נאָך מער, ווי אין די פּיעסעס. באַזונדערס רוי איז בא אים דער זאצבוי. ס'טרעפט זיך צומאָל, אז ער הייבט אָן א זאַץ און פאַרענדיקט אים ניט, פאַרגעסט באַם סאָף פון זאַץ דעם אָנהייב, פלאָנטערט דעם סובּיעקט מיטן אָביעקט. אזעלכע ווילדע זאצן ווי: „דעם גרויסן אוישער רעב גאווריִעל גיטעלעס. (זי האָט מען גערופן גיטעלע רעב גאווריִעלס, און אים — גאווריִעל גיטעלעס, ווײַל ער איז אַן אופגעקומענער אוישער, האָט ער ניט קיין טאטע־מאמע, און ניט קיין שווער־און־שוויגער, צו הייסן נאָך עמעצן פון זיי), — ווײַל זײַנוועלע האָט מיט ארן שאמעס אָפּגעשמועסט, מע זאָל בא אים, בא רעב גאווריִעל גיטעלעס, אײַנלייגן דעם נאָדן זעקס הונדערט רענדלעך, — האָט אים רעב טעוויע אליינ אויך געבראַכט אהער צו די טנאָיִם" (זע ווײַטער, ז. 76 — 77) — זײַנען אין זײַנע ווערק ניט קיין זעלטנהײַט. ער רעפּראָדוצירט דעם נאטירלעכן רייד־שטראָם און לייגט ווייניק אכט אף זײַן ליטעראריש־קינסטלערישער באארבעטונג. אין א באשטימטן זינען קאָן מען זײַנע ווערק, באַזונדערס זײַן פּראָזע, באטראַכטן ווי אומיטלבארע פאַרשרײַבונגען פונעם פאָלקס-מויל. און גראָד דעריבער זײַנען זײַנע ווערק זייער א רײַכער קוואל פאר דער געשיכטע פון דער יִדישער מאסן־שפּראַך אין XVIII און אָנהייב XIX יאָרהונדערט. ער האָט פּינקטלעך פאַרפיקסירט דעם דעמלטיקן שפּראַך-נוסעך פון פאַרשיידנסטע שיכטן פון דער יִדישער באַפעלקערונג.

דאָס אלטע מיִרעוו-אײראָפּײיִשע יִדיש־טײַטש האָט שוין זײַט יאָרהונדערטער פאַרמאָגט ליטעראריש אויסגעארבעטע שפּראַכלעכע קאַנאָנס. אינעם מיִזרעך-אײראָפּײיִשן נײַעם יִדיש זײַנען ליטעראטור־שפּראַכלעכע טראַדיציעס געווען נאָר אפן געביט פון דער רעליגיִעזער און מוסער־ליטעראטור, וואָס האָט פון דער לעבעדיקער ווירקלעכקײַט אריַנגענומען אינעם קרײַז פון איר אופמערקזאמקײַט א שמאָל באַגרענעצטן און אָרעמען מאטעריאל און וואָס איז אכוץ אלעמ געווען געפּענטעט פון די אלטע יִדיש־טײַטשע טראַדיציעס און האָט זיך דעריבער געהאלטן ווײַט פון דער לעבעדיקער רייד־שפּראַך. די וואָכעדיקע לעבעדיקע נײַע יִידישע שפּראַך פונעם פאָלק איז אין קונסט־ווערק ביז דעמלט נאָך ניט געווען פאַרשריבן. וועגן טראַדיציעס פון קינסטלערישער שפּראַך האָט דעמלט ביכלאל ניט געקאָנט זײַן קיין רייד. אזעלכע טראַדיציעס האָט דער ערשטער געפּרוּווט שאפן עטינגער. אקסענפעלד האָט דער ערשטער רײַך און אויספירלעך אין דער יִדישער ליטעראטור פאַרפיקסירט די נאטירלעכע רייד־שפּראַך פון זײַן צײַט און קאַנט. ס'וועט ניט ריכטיק זײַן צו זאָגן, אז אקסענ־

פעלט האָט ביכלאָך ניט געלייגט קיין שום אכט אפ דער ליטעראריש־קינסטלערישער דיסציפלינירונג פון זײַן שפּראַך-מאַטעריאַל. באַשטימטע אָנשטרענגונגען אין דעם פראַט קאָנען מיר בא אים יאָ פעסטשטעלן. אָבער די אָנשטרענגונגען און זייער רעזולטאַט זײַנען געווען קלײנע, באַזונדערס אויב מע פאַרגלײַכט זיי מיט די גאָר באַדײַטנדיקע שפּראַך-סטיליסטישע אויפטוען עטינגערס. די אויפגאַבע סטיליסטיש שטרענג דורכצואַרבעטן זײַן שפּראַך־מאַטעריאַל איז געווען פֿאַרמיד צו אַקסענפעלדס נאַיווער פאַרשטעלונג וועגן דער עמעסדיקײַט באַם קינסטלערישן אָפּשפּיגלען די ווירקלעכקײַט, צו זײַן נאַטוראַליסטיש-פּרימיטיוון רעאַליזם, ווײַל סײַ דער אוילעם, צו וועלכן ער האָט זיך געווענדט, און סײַ ער גופא זײַנען נאָך ניט געווען דערצו צוגעגרייט. ווען ער פאַרכלינעט זיך מיט דער שעפע פון זײַן שטאָף, מיט דער מענגע פאַקטן, וואָס ער וויל דערציילן, אויפגערעגט פון דעם שטרעבן אומעטום צו באַלערן און אויפצוקלערן, קומט אים ניט צו הילף די אָרדנענדיקע קראַפט פון דער ליטעראַריש־אויסגעאַרבעטער שפּראַך-פאָרם, פאַרלירט ער אָפט באַם בויען אַ זאַץ דעם גראַמאַטיקאַלישן פאָדעם, הייבט ער אָן אַ נײַעם זאַץ, איידער ס'איז פאַרענדיקט דער ערשטער, וואַלגערט ער אָן בײַזאַצן און אָרדנט זיי ניט אין אַ פאַרענדיקטן זאַץ־געבוי. אָבער ווי ווייניק ליטעראַריש, ווי ווייניק קינסטלעריש־געפורעמט אַקסענפעלדס שפּראַך זאָל ניט זײַן, פאַרמאָגן אָבער זײַנע ניט־געהובליעוועטע, ניט־אַרומגעטעסעטע זאַצן אַ אייגנאַרטיקן כיין, וואָס שטאַמט, אַפּאָנעם, פון זייער נאַטירלעכקײַט און פאַלקסטימלעכקײַט.

## 7

צו יענער צײַט האָט דער רוילעכער, פּרימיטיווער נײַ־אויפקומענדיקער ייִדישער אינטעליגענט מיט רירנדיקער נאַיווקײַט און גרויס היספּײַלעס פאַרן „עלטערן ברודער" אין איירָאָפּע אויפריכטיק און הייס געגלייבט, אַז ס'איז גענוג, אויב די כסידישע רעבעס וועלן „אויפהערן צו גילטן", אויב די ייִדן וועלן באַקומען אַ ביסל בילדונג—זאָל זײַן מיט דער הילף פון אַ ניקאָלײַעווישן אוקאַז! — „וועט נאָך אין אַ פופציק יאָר ווערן אין גאַנץ רוסיש־פוילן (געמיינט איז: אוקראַיִנע, ליטע, פּוילן אאַוו.) אין אַלע שטעט בא ייִדן יעשועס ווענעכאָמעס", וועלן מעמיילע אויך אַלע סאָציִאַלע אומגערעכטיקײַטן, אָרעמקײַט, רעקרוטשינע, נאַציִאָנאַלע אונטערדריקונג אאַוו. פאַרשווינדן (זע ווײַטער, ז. 117).

דער יונגער אָרעמער, אָבער פלינקער („כרוצישער") צוקונפט־רײַכער ווילער־יונג (מיכל מאַציוווע פון „דאָס שטערנטיכל", ייִסראָעל שטשופּאַק פון „די געגנאַרטע וועלט" און אויך נאָכמען דער גרויסער פון „דער ערשטער ייִדישער רעקרוט" מיט אַ ריי שטריכן זײַנע) איז דער אייגנטלעכער

„העלד“ פֿונ אקסענפֿעלדס שאפֿנ. דער דאָזיקער „העלד“ פֿארמאָגט גע-
וויינלעכ שטריכנ פֿונ פֿאָלקסטימלעכקײַט און האמויִנישער באגאבטקײַט, —
ער ווערט אָבער אופֿגעפֿאסט און געוויזנ אלס א מענטש, וואָס שטרעבט
צו ווערנ א בורזשוא און וואָס וועט דעמ ציל דערגרייכנ. די דאָזיקע כא־
ראקטערנ ווערנ געשילדערט אלס פּאָטענציעלע בורזשוא. געוויינלעכ זײַנענ
זיי מאסקיליש אָנגעהויכט אָדער זיי געהערנ צו די געפֿילמעסיק-בונטארישע
קליינשטעטלדיקע „אפּיקאָרסימ“.

אינ די פֿינפֿ ווערק, וואָס האָבנ זיכ אופֿגעהיט פֿונ אקסענפֿעלדס רײַ־
כער ליטעראַרישער יערושע, הערנ מיר בא אימ ניט אזעלכע הייסע ווער־
טער, ווי די, מיט וועלכע לעווינזאָנ נעמט זיכ אָנ אינ דער „העפֿקער-וועלט“
פֿאר דער קריוודע פֿונ די אָרעמע פֿאָלקס־מאסנ. אקסענפֿעלדס סינע צומ
פֿארפֿינצטערטנ שטייגער לאָזט אימ אָבער אויכ באמ שילדערנ דאָס לעבנ
פֿונ דער אָונטערשאפֿט ניט געפֿינענ יענע טענער פֿונ דעמאָקראַטישקײַט, וואָס
מיר געפֿינענ זיי ארויס אינ זײַנ גאנצנ שאפֿנ אלס סאכאקל. ווענ ער
האָט געשטאַלט דאָס לעבנ און דעמ שטייגער פֿונ דער אָרעמשאפֿט (לע-
מאָשל, אינ „מאנ און ווײַב“), האָט אקסענפֿעלד ניט שטענדיק אפּ א דײַט-
לעכנ אופֿנ אונטערגעשטראָכנ דעמ כילעק צווישנ דער אָרעמשאפֿט גופֿע —
אלס קאָרבנ פֿונ איר געזעלשאפֿטלעכער לאגע — און איר פֿארקריפּלטנ שטיי־
גער און פֿארפֿינצטערטנ לעבנ. זײַנ אופֿקלערערישע אנטיפּאטיע צו דעמ
דאָזיקנ לעבנסשטייגער קאָנ זיכ אפֿאָל אזוי באקומענ, ווי זי וואָלט זיכ אויכ
באצויגנ אפּ די מאסנ גופֿע. ער כויזעקט אפֿאָל פֿונ דעמ דאָזיקנ שטייגער
אפּ א גוטמוטיקנ אופֿנ. אָפֿט איז דאָס פֿאָטעט א טראדיציאָנעלע מאניר,
א שטייגערישע מאניר פֿונ א פֿאָלקסטימלעכנ זעלבסט־אָפּשפּאָט. פֿארנ אָפּ־
שאצנ זײַנ ענדגילטיקע באציִונג צו די פֿאָלקס־מאסנ איז אונטשיידנדיק ניט
דער זײַנ שפּאָטערישער טאָנ, ניט די אָדער יענע שילדערונג, נאָר דער געזעל-
שאפֿטלעכער ציל און אינהאלט פֿונ זײַנ שאפֿנ, דאָס, וואָס ער איז אויסנ
געווענ מיט זײַנ שאפֿנ ביכלאל.

ער איז אויסנ געווענ אופֿצוקלערנ די פֿאָלקס־מאסנ, אופֿוועקנ זיי
פֿונ דוירעסדיקער פֿארדומפּנקײַט, ארויספֿירנ זיי פֿונ דער פֿינצטערניש. דאָס
איז געווענ א רעאל-פּראָגרעסיוו, א טיפֿ־דעמאָקראַטיש שטרעבנ. אָבער
וווהינ? דאָ מישט זיכ שוינ ארײַנ דאָס ניט־רעאלע, דאָס אילויזאָרישע אינ
זײַנ אופֿקלערערישנ שטרעבנ. ער האָט זיכ פֿאָרגעשטעלט די אנטוויקלונג
אנ ערעכ אזוי: זאָלנ נאָר אינ רוסלאנד זיגנ די „אייראָפּעיִשע“ בורזשואזע
געזעלשאפֿטלעכע און שטייגערישע פֿאָרמעס, וועלנ שוינ מיט דער צײַט בע־
מיילע אויכ די אָרעמע פֿאָלקס־מאסנ ווערנ מיט לײַטנ גלײַכ, ד. ה. בורזשוא.

אקסענפֿעלד האָט געטראַכט מיט די האשאָגעס פֿונ דער בירגערלעכער
אופֿקלערונג. פֿונ דאָרט האָט ער גענומענ זײַנע סאָציאַלע אידעאַלנ. ער

האָט זיי אַפּ זײַן שטייגער נאָך מער פאַרײנפאַכט. זײַנע געזעלשאַפטלעכע מיינונגען און זײַן פּראָגראַם זײַנען געווען פונקט אַזוי נאַיִוו, ווי די פאָרם פון זײַן שאַפן. די שטעטלדיקע פאָלקס-מאַסן דאַרפן זיך בלויז א ביסל אײראָפּײיִזירן, זיך אויסלערנען שרײַבן און לייענען די „הײַנטיקע רוסישע יונגע ווילדע ביכער-שרײַבערס״ און ס׳וועלן זײַן „ישועות און נעכאָמעס״ אַפּ אַלע ייִדן. בא איר גאַנצער פּרימיטיוקײַט טאָרן מיר זיך אָבער ניט גרינגשאַציק, אַנטי־היסטאָריש באַציִען צו זײַן מאַסקילישער פּראָגראַם. מיר טאָרן זי ניט פאַרגלײַכן מיט דער „קולטור־טרעגערײַ״ פון די שפּעטערדיקע ליבעראַלן. מיר מוזן געדענקען, אַז אין א צײַט, ווען די שטעטלדיקע ייִדישע פאָלקס־מאַסן האָבן געלעבט אין האַלב־לײַבייגנטימערישע פאַרהעלטענישן, פאַרקריפּלט און דערשלאָגן פון דווירעסדיקער פעאָדאַלישער און מעלוכישער אונטערדריקונג, פון דער קאָהאָלש־טאַקיפישער עקספּלואַטאַציע און קאָרופּ־ציע, אין פאַנטאַסטישער אָרעמקײַט און פינצטערניש — איז אַזא פּראָגראַם פאַר דער דאָזיקער סוויווע און אין יענער צײַט געווען איינער פון די ערשטע טריט צו דער פיזישער און גײַסטיקער באַפרײַונג. די פּראָבלעם וועגן דערציִונג פון קינדער און וועגן אויפקלערונג פון דערוואַקסענע איז געווען די ברענענדיקסטע. פאַר אַזא סוויווע און צײַט איז די אויפקלערערישע פּראָגראַם געווען זייער א פּראָגרעסיווער פאַקט. זי האָט אַנטשפּראָכן דעם געזעלשאַפטלעכן שטרעבן פון די מאַסן — אַלציינס צי דאָס איז דורכ די מאַסן פאַרבאַוווסטזיניקט געוואָרן צי ניט. און ס׳איז ניטאָ וואָס צו שמייכלען פון אויבן אַראָפּ איבער דער דאָזיקער פּראָגראַם. זייער אויפקלערונג איז געווען און האָט געמוזט זײַן איינער פון די ערשטע, שווערסטע טריט אַפּן וועג צו געזעלשאַפטלעכער באַפרײַונג. אַפּ אַזויפיל האָט די דאָזיקע איבער־דערציִונגס־פּראָגראַם אַנטהאַלטן געשיכטלעך-פּראָגרעסיווע עלעמענטן, אַפּ אַזוי־פיל איז דאָס געווען קאַמפּ קעגן פעאָדאַליזם. דאָס וועט אונדז באַזונדערס קלאָר ווערן, אויב מיר וועלן נעמען אין אכט דעם פאַקט, אַז בא הײַנ־טיקן טאָג, הונדערט יאָר נאָך אַקסענפעלדס שרײַבערישער טעטיקײַט, איז נאָך פאַראַן אין פּוילן, רומעניע און אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער א פּילמיליאָניקע מאַסע ייִדן, וואָס בא זיי איז אַפּילע די „נאַיִווע״ באַ־שיידענע פּראָגראַם אַקסענפעלדס נאָך ניט פאַרווירקלעכט און וואָס לעבן אין שטעט און שטעטלעך אין אַן עקאָנאָמישער, סאָציִאַלער און גײַסטי־קער לאַגע, וואָס איז גאָר ניט אַזוי ווײַט פון דער, וועלכע אַקסענפעלד האָט געשילדערט און באַקעמפט. און אַקסענפעלד איז דאָך געווען טעטיק פאַר זײַן פּראָגראַם אין דער צײַט פון ניקאָלײַ פּאַלקין!

געווען מאַסקילים א־לא נעוואַכאָוויטש, וואָס זייער אויפקלערערײַ איז באַשטאַנען אין נידערטרעכטיק לאַקײיִשער כניפע דעם צאַריזם, אַנדערע האָבן זייערע „שטאַדלאָנעסן״ אויסגענוצט קעגן די פאָלקס־מאַסן צוליב זייערע

א ייגענע בורזשואזע קלאסן־אינטערעסן, ווידער אנדערע, טאקע מער דעמאָ־קראטישע, האָבן אָבער ניט פארשטאנען, אז זיי דארפן זיך ווענדן צו די פאָלקס־מאסן און האָבן אופגעקלערט — קימאט אין דער לופט אריין, האָבן געשריבן העברייִש פארן יעשיווע־באָכער און קלויזניק, פארן טעאָלאָגיש-„געבילדעטן" באלעבעסל. אקסענפעלד האָט געהערט צו די ערשטע פון יענע מער דעמאָקראטישע מאסקילים, וואָס האָבן געווענדט זייער אופקלערע־רישע אופמערקזאמקייט אף די ברייטסטע פאָלקס־מאסן, און גערעדט צו זיי טאקע אין זייער אייגענער, פון אלעמען, אפילע פון דער יידישער אינטעליגענץ, פאראכטעטער שפראך, קעדיי זיי אופצוטרייסלען פון דער דוירעסדיקער פארגליווערטקייט און זיי אופצוקלערן וועגן דער שרעק-לעכער אומגעלומפערטקייט פון זייער צושטאנד. אקסענפעלד האָט געהאט אין אויג דעריקער די שטייגערישע און גייסטיקע נויט פון די מאסן. דאָס האָט אין זיך אנטהאלטן אויך טיפן מיטגעפיל פאר זייערע סאָציאלע און עקאָנאָמישע נויטן. דער הויפט-אינהאלט פון זיין שאפן איז דאָס ניט. די סאָציאלע און עקאָנאָמישע נויט פון די מאסן ווערט דער הויפט־אינהאלט ערשט אינעם שאפן פונעם גרויסן שרייבער מענדעלע. אקסענפעלד האָט אויסגעדריקט די געזעלשאפט-קריטיק פון די מאסן, אזוי ווי ער האָט זי, די געזעלשאפט, באנומען אין העסקעם מיט זיינע בירגערלעכע פאָרשטע־לונגען און אידעאלן, אָבער די נויט פון די מאסן אויך. צענדליקער יאָרן האָט ער מיט גרויס איבערגעגעבנקייט (דערמאָנען מיר זיך אין זיינע פיינ־פולע לאנגיאָריקע אָנשטרענגונגען אָפּצודרוקן זיינע ווערק!) אלץ זיך באמיט אריינצופירן פרישערע לופט אין דער פארדומפנקייט פונעם שטעטלדיקן געטאָ.

פון זיינע האמעטנע, ווי פון האָלץ געשניצטע און ניט געשליפענע שאפונגען שפארט ארויס דאָס געזונטע, טיף אופריכטיקע שטרעבן צו ברענ־גען ליכט, א פרייען באוווסטזיין, א פריי לעבן פאר די סאמע ברייטסטע פארפינצטערטע און פארומערטע פאָלקס-מאסן. ווי נאַיִוו און רוי זיין גע־דאנק און בילד איז געווינלעך, ווי שטארק זיי זיינען צומאָל באהערשט פון די פאָרשטעלונגען פונעם דעמלטיקן באלעבעסלדיק באגרענעצטן יידישן ביר־גער, — הערן זיך פאָרט אין זיין שאפן סיי באדערפענישן פון די פאָלקס-מאסן, סיי דער טעמפעראמענט און די באגאבטקייט פון א פאָלקס־מענטש. פון אונטער די גראָבלעכע, ניט־אָפּגעגלעטע פאָרמעס שפארט ארויס א נאטור־ווּקסיקע באגאבונג (כאָטש טאקע איבער די היסטאָרישע אומשטענדן ניט אינגאנצן קיין רעאליזירטע), באשיינט פון א קרעפטיקן געזעלשאפטלעכן טעמפעראמענט. די פאָלקסטימלעכע עלעמענטן אין זיין אופקלערעריי — דאָס איז פאר אונדז דאָס אָנציִענדיקע, דאָס, וואָס עס געפעלט אונדז אין אקסענפעלדס שאפן, און אויך דאָס, וואָס עס מאכט פאר אונדז אזוי אָנציִענדיק, טשיקאווע און רייצפול אזא ווערק, ווי „דאָס שטערנטיכל".

די נאָוועלע „נאָך צווי האָזן״ האָט אקסענפעלד אָנגעשריבן, אפּשר אין סאָפּ 50-ער אָדער אָנהייב 60־ער יאָרן. צווישן „דאָס שטערנטיכל״ און דער דאָזיקער נאָוועלע זײַנען פאַרבײַ מינדסטנס דרײַ יאָרצענדליק אויב ניט פיר. דאָ ווערן שוין געשילדערט אַנ אנדערע צײַט און גאָר אנדערע פאַרהעלטענישן. ניט דאָס פּאַדאָליער שטעטל אין XVIII און אָנהייב XIX יאָרהונדערט, נאָר די אייגנאַרטיקע פאַרשוינונען, וואָס זײַנען אנטשטאַנען אפּן באָדן פון דער נײַער קאַפּיטאַליסטישער שטאָט אָדעס, וועלכע איז צו יענער צײַט אויסגעוואַקסן אין א מאָדערנעם רײַכן צענטער פון עקספּאָרט און אימפּאָרט, און וווהין ס'האָבן געהאַלטן אין איין אַרײַנוואַנדערן ייִדן, פאַרמעגלעכע און אָרעמע, פון די פאַרשיידנסטע קאַנטן אין רוסלאַנד און אפילו פון דער עסטרײַכישער גאַליציע (באַזונדערס פון בראָד). די אַטמאָספער אין אָדעס איז אין יענע יאָרן געווען א „גרינדערישע״. ארום דער גרויסע עקספּאָרט־געשעפטן, ארום דער בירזשע האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו באַווײַזן יענע אייגנאַרטיקע געשטאַלטן פון ספּעקוליאַנטן און פּראָזשעקטאָרן, נאַיִווע און־ שווינדלערישע, וואָס האָבן סאָף XIX יאָרהונדערט דערגרייכט זייער פולע צעבליִונג און וואָס שאָלעם־אליכעם האָט זיי אזוי מײַסטעריש געשילדערט. דאָס וועזן און דער כאַראַקטער פון די אײַנגעוואַנדערטע שטעטלדיקע גווירים, לופטמענטשן און קליינ־קרעמערס האָט דאָ גיך דורכגעמאַכט א מערקווירדיקע מעטאַמאָרפאָזע. דער שטעטלדיקער ייִד האָט דאָ געוויינלעך גענוג גיך אראָפּגעוואָרפן דעם שטעטלדיקן הילעך, די מעשונעדיקע ייִדישע קליידער און זיך אויסערלעך פאַרשאַפט אַנ „אייראָפּייִשן״ אויסזען, אָפט אפילו אפּ א קאָמיש איבערגעטריבענעם אופן. דער אלטער פּאַטריאַרכאַלישער שטייגער איז פאַרביטן געוואָרן מיט א נײַעם, באַלעבאַטיש־קרעמערישן פון אַנ אייגנאַרטיקן שניט. די שטעטלדיקע אומבאהאָלפנקײַט האָט זיך אין די סאָכרישע שיכטן פאַרוואַנדלט אין גרויס-שטאָטישער געניטער פלינקײַט און צופּאַסונגספייִקײַט; די פאַרפינצטערטע נאַיִווע פרומקײַט — אין געניסערישער ווילערישקײַט אָדער אין אויסגעשפּראָכענער צוויִעס פון יענעם מינ, וואָס בא די „רעפאָרמירטע״ פאָרשול־ייִדן און בא דעם א סאַך שפּעטער אופקומענדיקן טיפּ „פראַנקפורטער אָרטאָדאָקסן״. די שטעטלדיקע האַסאָגעס וועגן מאָראַל און זיטן זײַנען גיך פאַרשוווּנדן און עס זײַנען אופגעקומען נײַע, אנטשפּרעכנדיקע דער הערשנדיקער געשעפטלעך־ספּעקוליאַנטישער און פאַרוועניוּיִשער אטמאָספער. באַלעבאַטיש־גווירישע באַגרענעצטקײַט האָט זיך מערקווירדיק אויסגעמישט מיט שטריכן פון ציניִשער „פרײַזיניקײַט״. אין דער אטמאָספער פון רײַכקײַט און ווילשטאַנד, פון טומל און גרינדערישער

ספעקוליאציע, האָבנדיק פאר די אויגנ ניט ווייניק פאלנ פונ גיכנ רייַכ־ווערנ, האָבנ דאָ אויכ ברייטערע קרייַזנ פונ דער ייִדישער באפעלקערונג אָנגעהויבנ צו גלייבנ אינ א גליקלעכער נאָענטער צוקונפט. אינ די פרייַערע פארהעלטענישנ, וואָס האָבנ געהערשט אינ דער דאָזיקער נייַער האנדל־שטאָט, איז אויכ מעגלעכ געוואָרנ א לעבעדיקערע טעטיקייַט פונ די פארשיידענע ייִדישע בירגערלעכע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס אונ פארייניקונגענ. פונ דער אנדערער זייַט, ווידער, האָט דאָ דאָס בילדונגס־וועזנ, איבער א ריי ספעציפישע אונ גינסטיקע באדינגונגענ, באקומענ אנ אומפארגלייַכלעכ גרעסערע אנטוויקלונג־מעגלעכקייַט, איידער אינ די איבעריקע קאנטנ פונעמ דעמלטיקנ רוסלאנד, פונקט אזוי ווי דער בילדונגס-ניוואָ אונ די שטייגערישע וועלט-קענטעניש איז באמ אָדעסער ייִד געווענ אומפארגלייַכלעכ העכער, איידער באמ שטעטלדיקנ ייִדישנ אייַנוווינער. דאָ זייַנענ אויכ אנטשטאנענ היפשע קרייַזנ ייִדישע אינטעליגענצ, צו וועלכער ס'האָט געהערט אקסענפעלד אליינ אונ שפעטער א גאנצע ריי באדייַטנדיקסטע ייִדישע שרייַבער, ווי לינעצקי, מענדעלע אא. די דאָזיקע פארהעלטענישנ אינ אָדעס, וואָס האָבנ אינ די 50־ער יאָרנ שוינ באקומענ גענוג אויסגעשפראָכענע קאָנטורנ, האָט דאָס אקסענפעלד געפרווּוט שילדערנ אינ זייַנ נאָוועלע „נאָכ צוויי האָזנ". מיר זעענ דאָ געשילדערט די ערשטע שפראָצונגענ פונ די שאָלעמ-אלייכעמישע געשטאלטנ. אינ דער דאָזיקער נאָוועלע זעענ מיר עפעס אזוינס, ווי א ווערק פונ א פרימיטיוונ שאָלעמ־אלייכעמ — פאר שאָלעמ-אלייכעמענ. אקסענפעלדס ווערק זייַנענ ביכלאל דורכגעדרונגענ מיט הומאָריסטישע שטריכנ, אָבער אינ די פריִערדיקע ווערק הערט זיכ פאָרט דייַטלעכער דער סאטירישער גרונט-טאָנ, די סאטירישע אָנצילונג. ניט אזוי ווייַט די קאָמיק, ווי דער כויזעק. אינ דער דאָזיקער נאָוועלע האָבנ מיר א טיפישע הומאָרעסקע, געבויט לויט א וואָדעווילישער אינטריגע. אגעוו, זעענ מיר דאָ דייַטלעכער, איידער אינ די איבעריקע ווערק אקסענפעלדס, שטריכנ פונעמ פעליעטאָנ אונ פונ דער פארצייכענונג. מעגלעכ, אז דאָס האָט זיכ אזוי באקומענ ערשט אינ דער איבערזעצונג פונ ייִדיש אפ רוסיש — אונ די דאָזיקע רוסישע איבערזעצונג, אינ וועלכער ס'האָט זיכ אָפגעהיט אקסענפעלדס נאָוועלע, איז זייער א מיטלמעסיקע. מעגלעכ, אז דער רוסישער איבערזעצער האָט א סאכ אייגנארטיקייַטנ פונ אקסענפעלדס דערצייל־נוסעכ, איבער דער שווערקייַט זיי איבערצוזעצנ, פּאָשעט ארויסגעוואָרפנ אונ האָט אזויארומ דעמ דערצייל־נוסעכ פארפראָסטערט. דער דערצייל־נוסעכ איז דאָ טאקע גענוג פארשיידנ פונ דעמ, וואָס מיר זעענ אינ אלע איבעריקע ווערק אקסענפעלדס. ס'איז אָבער אויכ ניט אויסגעשלאָסנ, אז אקסענפעלד אליינ האָט זיכ אפ דער עלטער געפרווּוט אָנצושרייַבנ די נאָוועלע אפ רוסיש, אז דער רוסישער טעקסט איז ניט קיינ איבערזעצונג, נאָר אקסענפעלדס אָריגינאל. דאָס אָפּווייַכנ פונ

זײַנ געװײנלעכנ דערצײל-סטיל קאָנ דאנ דערקלערט װערנ מיט די שװעריקײַטנ, װאָס האָבנ זיכ געשטעלט פארנ אלטנ ייִדישנ שרײַבער, װענ ער האָט זיכ גענומענ שרײַבנ אינ דער שפּראַכ, צו װעלכער ער איז אינ זײַנ קינסטלערישנ שאַפנ ניט געװענ צוגעװױנט.

אָבער װי עס זאָל ניט זײַנ, געפינענ מיר דאָ אינ דער נאָװעלע װיציקע אָפּשפּאָטערישע שילדערונגענ פונ די פארשײדענע טיפּנ סאָבערישע באלעבאטים. מיט אנ איראָניע א ביסל א גראָבלעכער װערט באשריבנ די „פילאָזאָפיע" פונעמ סױכער כאַפּערלײפ, װאָס באשטײט דערינ, אז יעדער מענטש מוז גאנװענענ, אונ אױב ער האָט נאָכ ניט געגאנװעט אונ גאנװעט ניט, — װעט ער מינאסטאמ שפּעטער גאנװענענ. אונ אױב א מענטש פירט זיכ צופיל ערלעכ, — איז ער נאָכ מער פארדעכטיק, װי יעדער אנדערער. באמ דערצײלנ װעגנ סאָרקינס ניט געלונגענעמ פּרוּװ צו טאָנ א שידעכ מיט א רײַכער קאלע שילדערט אקסענפעלד דעמ געװיסנלאָזנ ספּעקולאנט, שװינדלער אונ צװױאַק, װאָס איז אינ אײנעמ פונ זײַנע שװינדלערישע שטיק דורכגעפאלנ, װאָס װעט זיכ אָבער פריִער אָדער שפּעטער מינאסטאמ פאָרט דערשלאָגנ צו זײַנ ציל — צו װערנ א רײַכער אָנגעזעענער אָדעסער באלעבאָס. אקסענפעלד איראָניזירט סײַ איבער דער קלױמערשטער פּיליסטערישער „אופגעקלערטקײַט" סאָרקינס אונ פונ דער מישפּאָכע שמאטקינ אונ סײַ פונ דער „נײַמאָדישער" צװיאקישער פרומקײַט פונ דער מישפּאָכע קױמענ, א פרומקײַט פונ דעמ מינ, װי בא די שפּעטערדיקע פראנקפורטער אָרטאָדאָקסנ: אי צו גאָט, אי צו לײַט, אי טױרע, אי סכױרע. ער איראָניזירט איבער זײער גאנצנ שטײגער. צו דער פיגור פונעמ אָדעסער זשוליק סאָ־קינ שטעלט אקסענפעלד אנטקעגנ די לעבנס־באשרײַבונג פונ זײַנ נאַיִװנ אָרעמענ פאָטער אינעמ שטעטל — צוליב קאָנטראסט. די נאָװעלע איז גענוג פּרימיטיװ, זי איז אָבער אינטערעסאנט אלס א זשאנר־בילד פונ דער דעמאלטיקער אָדעסער ייִדישער סוױװע אונ אלס א באשטעטיקונג פאר דעמ פאקט, אז געװיסע שאָלעמ-אלײכעמישע מאָטיװנ זײַנענ נאָכ לאנג פאר שאָלעמ־אלײכעמענ באמערקט געװאָרנ פונ אײנצלנע זײַנע פאָרגײערס אינ דער ייִדישער ליטעראטור. די איבערזעצונג פונ כ׳ ל. רעזניק באמיט זיכ מיט טאקט אינ מאָס אופצושטעלנ דעמ קאָלאָריט פונ אקסענפעלדס שפּראַכ־סטיל.

די העאָרעס אינעמ טעקסט, װעלכע זײַנענ באצײכנט מיט א שטערנדל, שטאמענ פונ אקסענפעלדנ גופא. די העאָרעס, באצײכנטע מיט אראבישע ציפערנ, — שטאמענ פונ דער רעדאקציע.

אינ דער ארבעט איבער די אקסענפעלד-טעקסטנ האָט זיכ באטײליקט דער כ׳ מ. הער.

מאָסקװע, אָקטיאבער 1936.

## צײַט אונ מענטשנ פונ „דאָס שטערנטיכל"

### 1

די האנדלונג פונעמ ראָמאנ קומט פאָר אינ צוויי שטעטלעכ פונ פאָדאָליע אונ טײלווײַז אינ אנדערע ערטער אינ די יאָרנ 13/1812, דה. צוואנציק יאָר נאָכ דעמ, ווי די דאָזיקע שטעטלעכ זײַנענ, אלס באשטאנד־טײל פונ פוילנ, אריבער צו רוסלאנד. מע האָט נאָכ ניט באוויזנ צו פארגעסנ, אז דער קאנט האָט דאָ גאָר ניט לאנג געהערט צו פוילנ, ניט איינ מאָל איז עס געקומענ צו רייד.

פאר דעמ מעשעכ פונ די דאָזיקע צוואנציק יאָר איז פאָרגעקומענ די בורזשואזע רעוואָליוציע אינ פראנקרײַכ אונ האָט זיכ אויסגעלאָזט; ס'איז געווענ א נאפּאָלעאָנ, וואָס האָט געקערט וועלטנ, אונ פונקט 13/1812 האָט ער געפירט א גראנדיִעזע קריגס־קאמפּאניע קעגנ רוסלאנד; פונ דער גאנצער גרויסער פוילישער מעלוכע איז געבליבנ א שוואכער שאָטנ (ווארשעווער הערצאָגטומ, דאָס שפּעטערדיקע „קיניגרײַכ פוילנ"). אָבער אינ די פּאָדאָליער (אונ ניט בלויז אינ די פּאָדאָליער) ייִדישע שטעטלעכ האָט זיכ ווייניק וואָס געביטנ.

פונ העכער 1400 „ייִדישע" שטעט אונ שטעטלעכ אינ פוילנ אינ יאָר 1772 האָט די גרעכטע מערהײַט געהערט צו פּריצימ אונ צומ קלער[1].

ווי ס'האָט אויסגעזענ א דורכשניטלעכער שטעטלדיקער ייִדישער ייִשעוו פונ די דאָזיקע 1400 פונקטנ שילדערט א פּוילישער פּובליציסט פונ יענער צײַט גאנצ לאפּידאריש: „צווישנ עטלעכע כאטעס שטייענ קרעטשמעס אונ לעבנ זיי פארקויפט מענ אינ באשטימטע טעג זיפּנ, בעזעמער אונ טעפּ"[2].

פאר צוואנציק יאָר צײַט האָט זיכ דאָ ווינציק וואָס געענדערט.

---

[1] Воблый. Очерки по истории польской фабричной промышленности. Киев, 1909, стр. 8.

[2] דאָרטנ, ז. 10.

„א קליינ שטעטל איז פונ עטלעכע הײַזלעך. דאָ איז אלע צװײ װאָכנ זונטיק א יאריד. א שטאָט הײסט, װו ס'איז דאָ א פּאָר הונדערט געבױטע שטובנ (א הױז הײסט א שטוב), א שורע געמױערטע קלײטנ" (זע װײַטער, ז. 51) — אזױ־ פּאָטאָגראפירט די זעלבע שטעט אונ שטעטלעך אקסענפעלד. די שטאָט זײַנע איז, פּונקט װי פאר „כמעלניצקיס צײַטנ" אָדער פּונקט װי פארנ אמאָליקנ פּױלנ, בלױז א גליד פונעם גאנצנ פּריצישנ „שליסל" (פּעאָדאלער אדמי־ ניסטראטיװ-װירטשאפטלעכער אײנס).

★

װי באקאנט, איז דער פּעאָדאליזם אינ פּױלנ געװענ א פארשלעפּטע קרענק, װאָס האָט װאָס װײַטער אלץ מער פּראָגרעסירט אונ ענדלעך גע־ טריבנ דאָס זעלבשטענדיקע פּױלנ אינ גרוב ארײַנ. אינ מעשעך פונ XVI, XVII אונ XVIII יאָרהונדערט איז געװאקסנ די מאכט אונ דער װילקיר פונ דעמ פּעאָדאל, אונ דאָס, װאָס האָט אינ מײַרעװ־אײראָפּע געשפּילט די ראָליע פונ א קעגנזאצ צומ פּעאָדאליזמ — די שטאָט, דער האנדל, די מע־ לוכע — איז אינ פּױלנ אױכ פארפּעאָדאליזירט, פארשליאכטיזירט געװאָרנ.

נאָכ אינ XV יאָרהונדערט האָט דער טראנזיט־מיסכער פונ פּױלנ גע־ שפּילט א גאנצ אָנגעזעענע ראָליע אינעמ האנדל־פּארקער צװישנ מיזרעכ (נאָענטער מיזרעכ, אינדיע) אונ אײראָפּע. אינ XVI יאָרהונדערט, נאָכנ אנטדעקנ אמעריקע אונ דעמ יאמ־װעג קײנ אינדיע, װענ די מאגיסטראל פונעמ װעלט־מיסכער איז געװאָרנ דער אטלאנטישער אָקעאנ, נאָכ דעמ, װי־ דעמ נאָענטנ מיזרעכ האָבנ באזעצט די טערקנ, איז דער טראנזיט־האנדל פונ פּױלנ אונטערגעגאנגענ. װידער איז שױנ די שליאכטע אינ פּױלנ אינ XVI יאָרהונדערט דער אבסאָליוטער הערשער. די שטעט, די פּױליש־דײַטשיש־ ייִדישע שטעט, זײַנענ אינ פּױלנ קײנמאָל ניט געװענ קײנ באדײַטנדיק קעגנגעװיכט קעגנ דעמ קױעכ פונ די פּעאָדאלנ, ביפראט איצט, װענ דער גרױסער שליאכ פונעמ װעלט־מיסכער איז פארנ פּױלישנ סױכער פארשפּארט געװאָרנ, װענ ס'קומט אָנ די צײַט פונ דער „גאָלדענער שליאכטישער פרײַהײַט", װענ דער פּױער אינ פּױלנ װערט ענדגילטיק פארקנעכטעט, צוגעפּעסטיקט צו דער ערד, „פארכלאָפּעװעט". דער הערשנדיקער קלאס נעמט זיכ דאָס רעכט ארײַנצופירנ אונ ארױסצופירנ סכױרעס פרײַ אָנ אָפּ־ צאָלנ (פארנ סױכער בלײַבנ, פארשטײט זיכ, די אָפּצאָלנ ניט אָפּגעשאפט), ער פארשטארקט די עקספּלואטאציע פונעמ לײַבײגענעמ פּױער, פירט אלײנ ארױס טװוּע קײנ אױסלאנד אונ ברענגט זיכ ארײַנ פרעמדלענדישע סכױרעס פארנ אײגענעמ געברױך. דער אינטערעס פונ דער שליאכטע פאר דער פּראָדוקציע פונ די פּױלישע מײַסטערס קומט צומ אױסדרוק ניט אינ דעמ, װאָס זי געברױכט אָט די פּראָדוקטנ, נאָר אינ אײַנפירנ פעסטע פרײַזנ

פאר דעם באַלמעלאָכעס שטיקל ארבעט. די רעגלאמענטאַציע פון די צעכן, די אָפטע פּרווון ביכלאַל צו פארווערן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס דערגאַנצט דאָס בילד.

צערעכנט זיך אַזויאַרום מיטן מיסכער און מיטן האַנטווערק, גיט דער פּאָרעץ נאָך א שטארקערן קלאַפּ דער שטאָט — ער גרינדעט זײַנע אייגענע, פּריצישע, סעניאָראַלע שטעט און שטעטלעך אויף זײַן ערד, אָפט צווישן אנדערע גיטער, באַפרײַט זיי „מיט זײַן גנאָד" פון שטײַערן אויף עטלעכע יאָר נאָך זייער גרינדונג, דערנאָך אָבער נעמט ער זיי פײַן שטעלן צום צעטל, ער הייבט אָן רײַסן פון טויט און פון לעבעדיק דורך דער סיסטעם פון פעאָדאַלע אומדירעקטע שטײַערן, מאָנאָפּאָליעס און רעגאַליעס. צום לײַבייגענעם דאָרף קומט אַזויאַרום צו אין פוילן די לײַבייגענע שטאָט.

מײַרעוו־אייראָפּע האָט אָנגעהויבן פון דער פּריצישער שטאָט, און אויסגעלאָזן דערמיט, אַז די שטאָט האָט אויסגעקעמפט אָדער אויסגעקויפט איר פרײַהײַט פון די אדלפֿײַט, פוילן האָט מיט דער פּריצישער שטאָט אָנגעהויבן און מיט דער פּריצישער שטאָט אויסגעלאָזט.

אין רוסלאַנד זײַנען די פּריווילעגיעס פונעם הערשנדיקן קלאַס ניט פאַרגאַנגען אַזוי ווײַט, ווי אין פוילן. אפילע אין XVIII יאָרהונדערט, ווען די אדעליקע האָבן נאָך פיאָטער דעם ערשטן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָליע אין אָרופירן אַפן טראָן און אראָפּפירן פונעם טראָן די רוסישע קייסאָרים, ווען זיי זײַנען באַפרײַט געוואָרן פון אָבליגאַטאָרישן דינסט „ די פּריצישע שטעט "[1] ... האָט דער רוסישער פּאָרעץ ניט געגרינדעט קיין אייגענע סעניאָראַלע שטעט, ניט פאַרמאָגט קיין פּראָפּינאַציע־רעכט[1].

ווען די פוילישע קאַנטן זײַנען אריבער צו רוסלאַנד, ווען די שליאַכטע איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין באַשטאַנד פון רוסלענדישן אדל, האָט זי געהאַט גרעסערע רעכט, איידער די אדעליקע אין גרויסרוסלאַנד. דער צאַריזם האָט די דאָזיקע ספּעציפישע רעכט ניט אָנגערירט.

★

ניט אָנגערירט האָט ער אויך דעם ייִדישן שאָטן פון דעם שליאַכטישן פוילן — דעם קאָהאָל. מערקווירדיק איז, אַז די אַזויגערופענע ייִדישע „אויטאָנאָמיע" אין פאַרצײַטיקן פוילן — די צעצווײַגטע אָרגאַניזאַציע פון קע־הילעס, ייִדישע קרײַז־סיימיקעס און פון דעם צענטראַלן סיים, דעם וואַאד —

---

1 פּראָפּינאַציע־רעכט האָט באַטײַט דער מאָנאָפּאָל אויף ברײַען און פאַרקויפן בראַנפן. דער רוסישער גוטבאַזיצער האָט געהאַט דעם מאָנאָפּאָל בלויז אויף ברײַען בראַנפן אין זײַנע גיטער.

איז אופגעקומענ אונ האָט זיכ פאַנאַנדערגעבליט אינ יענעמ פּעריאָד פונ דער פּוילישער געשיכטע (אינ XVI—XVIII יאָרהונדערט), ווענ די שליאַכטע ווערט דער אבסאָליוטער הערשער אינ לאַנד; מערקווירדיק איז, אַז די גאַנצע סטרוקטור פונ דער יִדישער „אווטאָנאָמיע" האָט קאָפּירט די פּוילישע מעלוכע־סטרוקטור פונ יענער צײַט. דאָס איז ניט בלויז קיינ אויסערלעכער פּאַראַלעליזמ.

די גאַנצע געבײַ פונ דער יִדישער „אווטאָנאָמיע" — פונ דעמ צענטער, דעמ וואַאַד, ביז דעמ מינדסטנ „פּריקאַהאַלאָק" (א קליינע קעהילע, צוגעשריבנ צו א גרעסערער) איז געווענ איינ גרויסע פּאָמפּע אַפ אַרויסצובאַקומענ שטײַערנ פּאַר דער פעאָדאַלער מעלוכע.

אינ שטאָט צי אינ שטעטל איז קאָהאָל געווענ אַנ אָרגאַניזאַציע, דורכ וועלכער דער פעאָדאַל פלעגט אויספירנ זײַנ מאַכט אונ ווילקיר בענעגייע. די האַלבע לײַבקנעכט — דער באַפעלקערונג (מערסטנטייל יִדישער) פונ דער פּריצישער שטאָט. האָט זיכ דעמ פּאָרעצ, דעמ „סאַר", פאַרגלוסט צו פּאָדערנ, אַז זײַנע יִדישע קימאַט־כלאָפּעס זאָלנ אויספילנ די אָדער יענע נאַטוראַלע פליכט, האָט ער געקראָגנ כיישעק צו א שפּאָגל־נײַעמ אָפּצאָל אַאַוו. — צו ווענמענ פלעגט ער זיכ ווענדנ? צו קאָהאָל! ווער פלעגט עס אַלצ דורכפירנ? קאָהאָל! האָט עמעצער א יִד זיכ דערוועגט אַרונטערצורײַסנ דאָס פּראָפּינאַציע־רעכט פונעמ גוטבאַזיצער, וועלכער האַלט אייגענע גוראַלניעס אונ שענקענ, אָדער דאָס רעכט פונעמ רענדאַר (א יִדנ צי אַפילע ניט קיינ יִדנ) פונ אָט־אָ די גוראַלניעס אונ שענקענ, — איז ווו איז די אינסטאַנצ, וועלכע נעמט זיכ אָנ די קריוודע פונ דעמ בידנעמ „פּאַנ" אונ „פּידפּאַנאָק"? דער קאָהאָל!

דער אַלטער קאָהאָל דערנענטערט זיכ אינ אייניקע הינזיכטנ צו דער מאַגדעבורגיע [1] אונ צו די קאָרפּאָראַציעס פונ דער מיטלאַלטערלעכער שטאָט — צו דער גילדיע, צומ צעכ: ער שטייט אַפ דער וואַכ פונ די מאָנאָפּאָליסטישע רעכט פונ די יִדישע גווירימ אונ יוסטע באַלמעלאָכעס, ער מישט זיכ ביכלאַל שטאַרק אַרײַנ אינ דעמ ווירטשאַפטלעכנ לעבנ פונ דער יִדנגאַס אונ רעגולירט עס אינ די אינטערעסנ פונ די יִדישע גרויסע אָרענ-

---

1 מאַגדעבורגיע — די אָנפירונג פונ דער שטאָט לויטנ מאַגדעבורגער רעכט, דה. לויט יענע געזעצנ, וואָס האָבנ עקזיסטירט אינ דער זאַקסישער שטאָט מאַגדעבורג (דײַטשלאַנד). די דאָזיקע געזעצנ זײַנענ סאָפּ XIII יה. אופגעקליבנ געוואָרנ אינ א געזעצ־בוכ. דאָס מאַגדעבורגער רעכט איז באַשטאַנענ אינ דעמ, וואָס די שטאָט האָט פאַרמאָגט אירע א זעלבסטפאַרוואַלטונג אונ איז געווענ אומאָפּהענגיק פונעמ פעאָדאַל. פאָרשטייער פונ די העכערע שיכטנ אינ שטאָט פלעגנ זיצנ אינ „ראַט" פונ דער שטאָט, אינ שטאָטישנ געריכט, זיי פלעגנ מישפּעטנ, אַרויסגעבנ זייערע געזעצנ, פלעגנ אופמאָנענ ספּעציִעלע שטײַערנ, פלעגנ אָפּהיטנ די רעכט פונ די סאָכרימ אונ האַנטווערקער, די מאָנאָפּאָליסטנ אַאַוו.

דאטאָרנ, פּאכטערס אונ סאָכרימ, ער האָט זיכ זײַנ סיסטעמ פונ שטײַערנ, זײַנע געזעצנ, געריכטנ אונ טפיסעס, ער איז ווײַט ניט גלײַכגילטיק צומ לעבנשטייגער אונ זאָגט ארויס זײַנ דייע, די דייע פונ א באלעבאָס בא ייִדנ, מיטנ הארבנ וואָרט. העלפט ניט דאָס הארבע וואָרט, ווענדט ער אָנ קעגנ די שטייגער־ברעכער, ווי קעגנ די מאָנאָפּאָליעס־ארונטערײַסער, ניט־צאָלער פונ שטײַערנ אאוו., זײַנ אייגענעמ געוואלט-אפּאראט.

קורצ גערעדט — אינ הינזיכט פונ עקספּלואטירנ די מאסנ איז קאָהאָל א נאָענטער קאָרעוו מיט די אָרגאניזאציעס פונ דער מיטלאלטערלעכער שטאָט.

אָבער די מיטלאלטערלעכע אָרגאניזאציעס — די שטעט, די גילדיעס, די צעכנ — האָבנ אָפּט געקעמפּט קעגנ די פעאָדאלנ, די שטאָט האָט געטראָגנ אינ זיכ זוימענ פונ דער קינפטיקער בורזשואזער וועלט אינ דער פעאָדא־לער עפּאָכע[1]. וועגנ דער קאָהאָל-אינסטיטוציע קאָנ מענ אזוינס ניט זאָגנ — דער טאָכ פונ קאָהאָל איז געוועזנ א פעאָדאלישער.

ענדלעכ דארפ מענ האָבנ אינ זינענ די ראָליע פונעמ קאָהאָל אלס אנ אָרגאניזאציע צומ אלזײַטיקנ אָפּזונדערנ די ייִדישע מאסע פונ דער ניט-ייִדישער — פּאָליטיש, אידעאָלאָגיש, שטייגעריש.

די אָפּגעזונדערטקײַט האָט געשטאמט אינ גרונט פונ דעמ סאָציאַל־עקאָנאָמישנ אונטערשייד צווישנ דעמ ניט־ייִדנ דעמ פּויער, דעמ לײַבייגענעמ אונ דעמ ייִדנ דעמ הענדלער, שענקער אונ באלמעלאָכע. די עטנישע אונ רעליגיִעזע פארשיידנקײַט צווישנ ייִדנ אונ ניט־ייִדנ האָט נאָכ מער פארשטארקט די אָפּגעפרעמדטקײַט. די קירכ האָט גוט צוגעהאָרעוועט אפּ צו פארטיפערנ די אָפּזונדערונג. א גרויסנ כיילעק אינ דעמ האָט אויכ דער פעאָדאלער געזעצ, די פעאָדאלישע טראדיציע.

קאָהאָל איז געוועזנ דער פארבינדונגס־רינג צווישנ די ייִדישע מאסנ פונ אייג זײַט אונ דער פעאָדאלער מעלוכע, דעמ פּאָרעצ אונ דער שטאָט פונ דער אנדערער זײַט. קאָהאָל האָט זיכ ארײַנגערוקט אלס אנ איבעריקער רינג אינ דער פעאָדאלישער סיסטעמ פונ אונטערדריקונג אונ עקספּלוא־טאציע.

זײַענדיק א „פארבינדונגס־רינג", האָט קאָהאָל גלײַכצײַטיק מיטגעווירקט צו פארשטארקנ אונ פארשארפנ די אָפּגעזונדערטקײַט פונ דער ייִדישער באַ־פעלקערונג בענגייע דער גאנצער ארומיקער וועלט. קאָהאָל האָט אינ-

---

1 עמעס, די שטאָט אינ פּוילנ האָט זיכ אנטוויקלט אנדערש, איידער אינ מײַרעוו, אונ וועגנ ארויסטרעטונגענ פונ די שטעט קעגנ די פּריצימ אינ פּוילנ וויסנ מיר זייער ווייניק, אָבער אפּ דער שאָכ־ברעט פונ די קלאסנ-קויכעס אינ פארצײַטיקנ פּוילנ זײַנענ די שטעט, ביכלאל גערעדט, דאָכ ניט געווענ מיט די פעאָדאלנ.

ווייניק אין דעם יידישן וועלטל אונטערגעהאלטן מיטלאלטערלעכע שאָווינים-טיש־רעליגיעזע פאָרשטעלונגען און אליין זיך אַפּ זיי געשטיצט. קאָהאָל האָט זיך גאָר שטאַרק באַמיט אופצוהאלטן דעם ספּעציפיש־מיטלאלטערלעכן יידישן שטייגער. דאָ גייט קאָהאָל האַנט בא האַנט מיט דער פעאָדאלישער מעלוכע, מיט דער פעאָדאלישער קירכע.

★

די רוסיש-יידישע געשיכטע האָט געיאַרשנט פון אלט־פוילן אויך דעם כאסידיזם. דער קולט פונעם רעבן, דעם זנאכאר, די זנאכארישע פראַק-טיק, די מענגעס פּוסטעפּאסניקעס, וואָס פלעגן כאַדאָשימווײַז זיך וויקגן באַם גוטן-יידן און מאַכנעסווײַז זיך מיט אים אַרומשלעפּן פון איין אָרט אין א צווייטן, אאוו. אאוו. — דאָס אלץ איז א באַגלייט-דערשײַנונג פון דעם פוילונג־פּראָצעס, וואָס איז אָנגעגאַנגען אינעם גאַנצן אָרגאַניזם פון דער „זשעטשפּאָספּאָליטאַ״, אין איר יידישן טייל, פאַרשטייט זיך, אויך. איז עס דען צופעליק, וואָס דער כאסידיזם האָט זיך באַוויזן אַרום דער מיט פון XVIII יה., ווען די פּוילישע מעלוכע האָט שוין געהאַלטן נאָענט באַם סאָף? מע דאַרף רעכענען, אַז ניין. איז עס דען א צופאל, וואָס אופגעקומען און שנעל פאַרשפּרייט זיך האָט דער כאסידיזם דאַפקע אין דער רעכטברעגיקער אוקראַינע, דאָרט, ווו בא יידן זײַנען געווען באַזונדערס פאַר־שפּרייט ארענדע־באַשעפטיקונגען, שענקען, קרעטשמעס, דה. דאָרטן, ווו די יידישע באַפעלקערונג איז געווען אַמײַנסטן פעאָדאליזירט? אפּאָנעם, אַז ניט.

## 2

דאָס פּאָדאָלער שטעטל אין יאָר 1812 געהערט, ווי מיר וויסן, דעם פּאָרעץ, דעם „סאר״. דאָ געפינט זיך זײַן הויף. דאָ איז אפילע פאַראַן א פאָרשטייער פון דער צענטראַלער מאַכט — דער קאַפּיטאַן־איספּראַווניק; דער אייגנטלעכער הערשער איז דאָך דער פּאָרעץ: „אין פּוילן-רוסלאַנד (יענע טיילן רוסלאַנד, וועלכע האָבן פריער געהערט פּוילן. — אָ. מ.) איז דער פּאָ־רעץ פון דער שטאָט שטאָט אליין די פּאָליציע״ (זע ווײַטער, ז. 113). אז עמעצער געפעלט ניט דעם פּאָרעץ, צערעכנט ער זיך אליין מיט אים אַפּן אלטן שטייגער דורך זײַנע אייגענע „רייקים מיט זײַן קאַמיסאַר״ (ז. 113). די לײַבייגענע אין דאָרף האָרעווען מיטן ביטערן שוויס, ווערן פאַרשוואַרצט אַפּ דער פּאַנשטשינע, זײַנען מעכויעוו אָפּצוגעבן דעם פּאַן א געוויסן קוואַנ-טום טווּע, א באַשטימטע צאָל אויפּעס, אייער, לײַוונט אאוו. די האלבע קנעכט אין שטאָט, די שטעטלדיקע יידישע מאַסן, צאָלן דעם „סאר״ טשינש פון די פּלעצער, אַפּ וועלכע עס שטייען זייערע הײַזלעך, קרעמלעך, טיש-

לעב מיט סכוירעס אפּן מארק, זײ צאָלן פאר פּאשען די ציגן אפּ דער פּריצישער לאָנקע, פאר כאַפּן פיש אין טײַך, פאר אַרײַנפירן און ארויס־פירן סכוירעס, פאר איבערוועגן פּראָדוקטן, פאר בײַטן געלט, פאר קויפן און פארקויפן פארשײדענע סכוירעס אאוו. אאוו. [1] גאָר א גרויס אָרט פאר־נעמט צווישן די אָפּצאָלן די האכנאָסע, וואָס די בראנפן־פּראָפּינאציע טראָגט ארײַן. די אַלע באשטײַערונגען ווערן אָפּגעגעבן געוויינלעך אין ארענדע אײנעם מיט די איבעריקע מאיאָנטקעס פונעם „שליסל" אָדער באזונדער אײנעם, „וואָס איז כאָשעוו אין הויף" (ז. 51). אָפּט איז אָט דער „כאָ־שעוו" א ייִד, א גוויר.

אַלזאָ, זעען מיר, אז בא דער צאריש־רוסישער הערשאַפט זײַנען די גאנצע גרויסע סעניאָראַלע רעכט („וואָטשינא"־רעכט) פון די פּוילישע פּרי־צים פארבליבן ניט געענדערט, און די ייִדן זײַנען פארבליבן אין דער זעלבער געזעלשאפטלעכער לאגע, ווי פריִער, אין דער צײַט פון דער שליאכ־טישער פּוילישער מעלוכע.

צו יענער צײַט זײַנען ייִדן אין רוסלאנד געווען באשאָנקען מיטן „סכום", מיט טאָפּלטע שטײַערן, מיט גײרושים פון די דערפער (דאָס אלגע־מיינע ארויסטרײַבן פון אַלע דאָרף־ייִדן איז גראָד דעמלט, אינעם יאָר 1812, בלויז אָפּגערופן געוואָרן, קעדיי ניט שאפן בײס דער מילכאָמע קײן פארבי־טערונג בא דער ייִדישער באפעלקערונג, וואָס האָט געוווינט אין די גרענעץ-קאנטן).

★

אקסענפעלד איליוסטרירט אין „דאָס שטערנטיכל" מיט א קאָנקרעטן עפּי־זאָד די טעטיקײַט פונעם קאָהאָל. דעם בעלפער מיכל מאציייווע כאַפּט מען בא א „שווערער זינד" — ער עסט בײס א טאָנעס. ס'ווערט א געלויפעריי, א געשרײיערײַ, דאָס שטעטל וויגט זיך — געכאַפּט דעם פארברעכער, וואָס איבער אים איז באשערט א גאנצער „שטאָט פארשווארצט צו ווערן", „קים־פּעטאָרנס זאָל עס רײַסן" (ז. 60). די קאָהאָלשע שאמאָסים בינדן אים און פירן אים מיט גרויס פּאראד, באגלייט פון „אַלטע און יונגע ייִדן און ווײַ־בער און קליינע מיידלעך אפילע" (ז. 59) אין קאָהאָל־שטיבל צו די קאָ־האָלס־לײַט.

אקסענפעלד גיט אין געמיטלעכע שילדערונגען, עטוואָס שארזשירט, די פּאָרטרעטן פון די „קאהאלנעס" (קאָהאָלס־לײַט), פון די קאָהאָלשע שאמאָ־סים, פון דער גאנצער זיצונג פון קאָהאָל. דער פּסאק איז אָבער ווײַט ניט

---

1 וועגן די אָפּצאָלן, וואָס די שטעטלעך האָבן געהאט אפּ זיך נאָך אין די 40־ער יאָרן פון XIX יאָרהונדערט — זע די אָפיציִעלע צעטלען פון אָט די אָפּצאָלן אינעם בוך: אַ. מארגוליס. געשיכטע פון ייִדן אין רוסלאנד, ב. I. ז. 222—225.

קיין „געמיטלעכ-פאטריארכאלער". קאַהאַל נעמט בא מיכלען צען זילבער־גילדן געלט-שטראָף (אורטייל נומער איינס) און שיקט אים אָפּ צום כסי־דישן רעבן, וועלכער איז גראָד דעמלט אינעם שטעטל, דער צאדיק זאָל ערשט ארויסטראָגן דעם אורטייל (נומער צוויי). דער רעבע באשטראָפט מיכלען מיט א „פידיען" פון הונדערט זילבער־גילדן. 100 זילבער-גילדן — פופצן זילבער־רובל — איז פאר זיך אליין א באדייטנדיקע סומע צו יענער צייט. דאָס איז אָבער ווייט ניט אלץ — דער רעבע פאסקנט, אז מיכלען זאָל מען אָפּזאָגן פון דער שטעלע און ער זאָל זיך צעשיידן מיט זיין קאלע, וועלכע ער האָט זייער ליב. דער „פארברעכער" האָט נאָך גוט אָפּגעשניטן — ווען ניט דאָס געלט, וואָס ער האָט געהאט אָפּגעשפּאָרט און דערמיט פארענטפערט זיינע „זינד", וואָלט מען אים כוץ אלעמען נאָך אָפּ־געשמיסן און ארויסגעטריבן פון דער שטאָט אויך.

אויב „דער פּאָרעץ פון דער שטאָט איז אליין די פּאָליציע", — ער גופא איז דער קוואל פון רעכט, דער ריכטער, דער אויספירער (דורך זיין קאָ־מיסאר און די רייקים), פארמאָגן ייִדן אין יעדן שטעטל כוץ דער דאָ־זיקער מאכט זייערע אן אייגענע, אן „אווטאָנאָמע": קאָהאָל כאפּט, קאָהאָל בינדט, קאָהאָל פאסקנט, קאָהאָל איז מעקייעם פּסאק.

אקסענפעלד, דער מאסקל, האָט אינעם עפּיזאָד מיט דער קאָהאָל־זיצונג א קליין ביסל צוגעשפּיצט די כאראקטערן און די סיטואציעס, אָבער אין גרונט האָט ער געגעבן רעאליסטישע בילדער.

העכסט כאראקטעריסטיש פאר קאָהאָל פון דעם לעצטן פּעריאָד פון פוילנס זעלבשטענדיקער עקזיסטענצ און פון די ערשטע יאָרצענדליקער פון דער ייִדישער געשיכטע אין רוסלאנד איז דער ווילקיר, די צעלאָזנקייט, די פארקויפטקייט.

מיכל מאצייווע האָט געטאָן א „פארברעכן", לייגט אים פאָר דער קאָהאָלס־מאן, אז אפּ אויסצוקויפן טיילווייז זיין זינד זאָל ער „אנידערלייגן צען גילדן אפּ א טרונק" דעם הייליקן קאָהאָל. געבן קאָהאָל אפּ א טרונק איז א שטייגער־זאַכ. „קאָהאָל האָב איך אויך געגעבן צען גילדן אפּ א טרונק, זאָגט, רעבע... וויפל זאָל איך אייך געבן אפּ א פּידיען?" (ז. 68) — פרעגט מיכל דעם צאדיק. אן אנדערשמאָל באשטראָפט דער גוטער־ייִד דעם שאמעס פאר זיין ווייבס זינד, ער זאָל שטעלן אן עמער מעד פאר קאָהאָל, קעדיי „קאָהאָל זאָל ניט דאָרשטיק זיין" [1] (ז. 138).

---

1 צו א באזונדערס נידריקער מאדרייגע איז דער קאָהאָל געקומען אין די אוקראַיִנישע שטעטלעך, ווו ער איז געלעגן בא די כסידים אין די הענט. אָבער אויך בענעגייע די קאָנטן אויסער אוקראַיִנע האָבן מיר געגוג יעדיעס וועגן קאָהאָלשן ווילקיר.

★

אנאליזירנדיק דעמ פילפאכיקנ פעאָדאלישנ דרוק, וואָס די ייִדישע מאסע (באזונדערס אינ אוקראַיִנע) האָט געהאט אויסצושטיינ מיצאד קאָהאָל, פאנ אונ צאר, דארפנ מיר האָבנ אינ אויג אויכ דעמ פערטנ מינ אונטערדריקער — דעמ כסידישנ רעבנ.

★

מיט וואָס באשעפטיקט זיכ די מאסע אינ די ייִדישע שטעטלעכ? מיר האָבנ צונויפגעשטעלט א צעטל פונ קימאט אלע פראָפעסיעס אונ קעמויפראָפעסיעס, וועלכע ווערנ דערמאָנט אינ „דאָס שטערנטיכל“. אָט איז עס: רענדאר, קרעטשמער, וויַינשענקער, כאלפנ, קרעמער, הענדלער, זיצערקע אינ מארק, „אוישער“, „כאָשעוו אינ הויפ“, „טאקיפ באמ קאפיטאנ-ספראווניק“, „באל־מאכלויקעס“, בעסמעדרעש־שאמעס, שול־שאמעס, קאָהאָל־שאמעס, קאהאלנע, נעמענ אינ דער טאקסע, מעלאמעד, בעלפער, געוועזענער כאזנ, היַינטיקער כאזנ, שאדכנ, ווארטערנ, „קאפצאָנימ, וואָס ריַיסנ בא די פאָלעס“, „ייִדנ מיט הויכע יאמשענע שטעקנס, וואָס מאָנענ א נעדאָוּוע“, כסידישער רעבע, דעמ רעבנס מעקוראָווימ, דעמ רעבנס גאבע, דעמ רעבנס שריַיבער, דעמ רעבנס ליַיב-מענטש. אינ אָט־אָ דעמ צעטל, וואָס רופט זיכ איבער מיט א. מ. דיקס קאָלעקציע (דער אומציַיטיקער באזוכ אונ דער לעסטיקער גאסט. ווילנע 1879, ז. 71 — 72), אונ באזונדערס מיט מענדעלעס קלאסישער גאלעריי אינעמ „ווינטשפינגערל“, פארנעמענ א באשיידנ אָרט „א כעוורע באיאָטימ“, א פאָר באלעגאָלעס, „איציקל ליוואק“, דער קלעזמער אונ א זייגערמאכער.

אי. אָרשאנסקי האָט נאָכ אינ די 60־ער יאָרנ געשריבנ: „מאכמעס דער גרויסער צאָל פונ דער הענדלערישער באפעלקערונג בא ייִדנ, וואָס איז ניט פראָפאָרציאָנעל צו דער פאָדערונג אפ האנדלס־אינדוסטריִעלער ארבעט אינ לאנד (אינעמ פעאָדאל־צארישנ רוסלאנד ביכלאל אונ אינ די קאנטנ פונ געוועזענעמ פוילנ ביפראט. — אָ. מ.) אונ מאכמעס דער אומפייִקייַט פונ אָט דער באפעלקערונג צו אנדערע מינימ באשעפטיקונגענ, אנ אומפייִקייַט, וועלכע איז געווענ ארויסגערופנ דורכ דעמ גאנצנ סיידער (всем строем) פונ דער געזעצגעבונג אונ פונעמ געזעלשאפטלעכנ לעבנ פונ דעמ לאנד אמאָל (פונ פארציַיטיקנ פוילנ. — אָ. מ.), — האָט די דאָזיקע באפעלקערונג געמוזט... דערגיינ צו ווונדערלעכער פולקומקייַט אינ דער קונסט פונ שאפנ פאנטאסטישע, עפעמערע אונ פרוכטלאָזע צוויַיגנ פונ ארבעט ביכלאל“ (מיַינ שטריַיכונג — אָ. מ.)[1]. די קאָהאָלשע שיסל איז א מישפאָכע־זאכ: טעוויע דער „קאהאלנע“ איז דעמ קאהאלנע איציק זאיִקעס

[1] И. Г. Оршанский. Евреи в России. Вып. 1. СПБ. 1872, стр. 48—49.

מעכוט;, און דער דריטער „קאהאלנע" — אוורעמ װעליס — איז זאיִקעס װיַבס א פּעטער (ז. 65).

★

בא אזא לאגע איז ניט קיינ כידעש, אז דער מעזשבעזש־לויהאַפּאַליער ייִד איז ניט נאָר מאטעריעל און גײַסטיק, נאָר אויכ אויסערלעכ, פיזיש, געגאנגענ געבויגנ אינדרײַענ.

דער הויפּט-העלד פונ „דאָס שטערנטיכל", מיכל מאצייווע, האָט געקראָגנ זײַנ צונעמעניש „מאצייווע", װײַל ער האָט זיכ געוואָרפנ אינ די אויגנ דערמיט, וואָס „ער איז טאָמיד גלײַכ, מיטנ קאָפּ ארופ, געגאנגענ (ניט ווי אנדערע, וואָס דער קאָפּ גייט בא זיי פריִער)" (ז. 54).

וועגנ דעם דעמלטיקנ „הילעכ" פונ דעם שטעטלדיקנ ייִדנ קאָנ מענ זיכ שאפנ א פּאָרשטעלונג פונ דעמ, ווי אקסענפעלד שילדערט די קאָהאָלס-לײַט (ז. 61): „רעב אוורעמל וועליס, זייער א גראָבער, א קליינער... אינ א צעריסענעמ קאפטנ... און איציק זאיִקע, א ייִד פונ א יאָר פופציק, מיט זייער א לאנגער באָרד... אינביידע פייעס זײַנע קאָלטענעס... אָנגעטאָנ אינ א לאנגנ געשטעפּטנ ברישלײַק און געגארטלט מיט א נישער פונ א גארטל".

דאָס ערשטע, וואָס מיכל מאצייוועס ווארפט זיכ אינ די אויגנ, ווענ ער קומט ארײַנ אינ דער דײַטשישער שטאָט ברעסלוי, איז דאָס, וואָס עס איז „א שטאָט אָנ בלאָטע" (!) (ז. 102). „וואָס האָט מיכל געזענ אינ דער גרויסער שטאָט באָרדיטשעוו? צענ לויהאָיאָפּאָליער בלאָטעס איניינעמ, פופצנ מאָל אזויפיל פאָרדריפּעטע ווײַבער און פאָרפּאטשקעטע ייִדנ, ווי אינ לויהאָיאָפּאָלי, און אכט און דרײַסיק מאָל אזויפיל קאפּצאָנים, וואָס רײַסנ בא די פּאָלעס" אאוו. (ז. 102).

אָט זײַנענ א פּאָר שורעס, וואָס כאראקטעריזירנ זייער בוילעט די אָפּגעשטאנענקײַט, די פּרימיטיווקײַט פונ די ווירטשאפטלעכע באדינגונגענ אינ שטעטל: „ציפער האָט מיכל אויכ געקענט. דאָס איז אוודע גאָר ניט צוביִז געקומענ, וויל ייִדנ פונ אזא שטאָט זאָגנ א גלײַכווערטל און לאכנ דערבײַ: „היי, היי, ווו נעמ איכ דאָס געלט, וואָס איכ וואָלט געקענט איבערכעזשבענענ מיט רינגעלעכ, שטריכעלעכ! אָט די, וואָס רעכענענ אפּ ציפער, זאָגנ אלצ: „פינעף, באהאלט אכט, באהאלט", צום סאָפ איז ניטאָ א גראָשנ, כא־כא־כא"... (ז. 55).

ריידנ רעדט מענ געוויינלעכ לאנג, צעצויגנ, אָפט מיט אומגעלומפּערטע אײַנשטעלעכצנ — צווישנ עטלעכע ווערטער צו דער זאכ ארײַנגעפּאָרנ מיט א וואָרט, ווי אנ ארבעס צו דער וואנט. אינ קעגנזאצ דערצו רעדט מיכל מאצייווע, דער פּאָזיטיווער העלד פונעמ ווערק, זאכלעכ, געפּרעסט און קורצ: „דאָס גאנצע זאָגעכצ... גיכ און זייער געשמאק אָפּגעזאָגט אינ צוויי מינוטנ" (ז. 68).

אז עס האָט זיך יאָ געמאכט אזא מײַסע, אז מע האָט געפּאקט איינעם, וואָס האָט געגעסן אין א טאָנעס, לויפן אים נאָך אין קאָהאָל־שטיבל „אלטע און יונגע ייִדן און ווײַבער און קליינע מיידלעך אפילע״ (ז. 59). צײַט אפּ צו לויפן פעלט ניט אויס. דערצו האָט אין דער שטייענדיקער בלאָטע זיך עפּעס א ריר געטאָן, איז גלאט א ציקאוועסט: „יאָ האנאָע פון קאָ־האָלס פּסאק, ניט האנאָע, — אבי עס האָט זיך עפּעס געטאָן, און עס טוט זיך נאָך אין לויהאָיאָפּאָלי״ (ז. 63).

שידוכים שליסן, פארשטייט זיך, טאטע-מאמע דורך א שאדכנ; מע פירט צונויף קינדער פון 12—15 יאָר.

די „פּאטריִארכאלישקײַט״ טרעט ארויס אפּ די פארשיידנסטע אויפאנים. עס שטעלט זיך ארויס, אז גלענצנדיקע געשעפטן מאכט... דער בעסמעד־רעש־שאמעס: „אלע באלעבאטים זײַנען זײַנע (דעם שאמעס — אָ. מ.) באַ־לעבאטים: צום כאנוקע־געלט, צום פּורים־געלט און צו דער שיסל ערעוו יאָנקי־פּער גיט מען אים מער פון דעם שול-שאמעס. שאָלעמ־אלײכעמ־געלט און בע־שאס זײַנע באלעבאטים כּאָרנ אוועק, אָדער ווען זיי קומען צו פאָרן קומט אים מאָמיד צו געבן... אז ער איז געגאנגען גוט־יאָנטעוו־ביטן, האָט מען אים טאָמיד געגעבן א גרויס שטיק לעקעך, פּורים — א צוקער־קישעלע מיט א שטיקל געפּועגלטן מאָן דערצו״ (ז. 52 — 53). „פּאטריִארכאל״ גייט צו די קאָ־האָל־זיצונג — מיט ריידענישן, מיט ווערטלעך, וועגן א טרונק (ז. 61 — 62).

גײַסטיק זײַנען די מעזשבעזש־לויהאָיאָפּאָליער — די קליינע, ווי די גרויסע — אפּ דער מאדרייגע פון טיפן מיטלאלטער. דער גלויבן אין שיי־דים, לייצים, גילגולים, „פארקרעענישן״ איז שטארק פארשפרייט. דעם רעבנס רעזידענצ קולטיווירט און פארשפרייט די ווילדסטע אָבערגלויבנס. פון דאָרטן שטאמט אויך דער שארפער קאמפּ קעגן יעדן מינדסטן אָנהייב פון בילדונג און אופקלערונג.

## 3

אָט אזא פארגליווערט, קאָנסערווירט שטיק אלט־פּוילן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט הונדערטער ייִדישע שטעט און שטעטלעך אין צארישן רוס־לאנד אָנהייב XIX יאָרהונדערט.

די גרויסע, די וויכטיקסטע געשעענישן פון סאָפּ XVIII און אָנהייב XIX יאָרהונדערט — שוין זשע איז פון זיי קיין שום אָנצוהערעניש און אָפּהילכ ניט דערגאנגען קיין מעזשבעזש-לויהאָיאָפּאָלי? שוין זשע האָט דאָ דאָס XIX יאָרהונדערט גאָר אינגאנצן, אָן שום ענדערונגען איבערגעכאזערט די פריִערדיקע יאָרהונדערטער?

אזוי קאטעגאָריש קאָן מען עס, פארשטייט זיך, ניט באהויפּטן. ווען

מיר האָבנ אויבנ געזאָגט, אז אינ די ייִדישע שטעטלעכ האָט זיכ פאר צוואנציק יאָר וויניק וואָס געענדערט, האָבנ מיר רעזומירט דעמ אלגעמיינעמ אָנבליק. אז מיר נעמענ זיכ אָבער גענויער צוקוקנ ניט בלויז צומ לאנג אונ פעסט אויספאָרמירטנ צושטאנד, נאָר אויכ צו יענע מאָמענטנ, וואָס זייַנענ געווענ אנ אָנזאָג פונ א נייַער צייַט, מוזנ מיר פאָרט קאָנסטאטירנ, אז אפילע אינ אונדזער פארוואָרפענעמ העק איז ניט דורכויס אלצ געבליבנ אפנ אָרט. אקסענפעלד האָט געשילדערט, ווי ס'האָבנ זיכ אָנגעהויבנ צו באווייַזנ אינעמ שטעטל נייַע מענטשנ מיט נייַע טאטנ, נייַע געדאנקענ אונ אידעאלנ. ער האָט עס געמוזט פארצייכענענ, ערשטנס, אלס רעאליסט, וואָס האָט ניט געקאָנט ניט באמערקנ אָט די נייַ-שפראָצנדיקע דערשייַנונגענ; צווייטנס, ווייַל ער אליינ האָט געהאט א היפשנ כיילעק אינ דעמ נייַעמ, ער אליינ איז געווענ פונ די דעמלטיקע נייַע מענטשנ — פונ די מאסקילימ — אונ ער האָט געהאלטנ פאר זייַנ כויוו זיי צו שילדערנ, צו פראָפּאגאנדירנ זייערע אידעאלנ.

דעמ הויפּט-קעגנער זענענ די אוקראַיִנישע מאסקילימ (ווי אויכ אלע זייערע פאָרגייער, די גאליציִשע מאסקילימ) אינעמ כאסידיזמ, אינ דער דאָזיקער ייִדישער ארויסברענגונג פונעמ אלט־פּויליִשנ פעאָדאליזמ.

אקסענפעלד שילדערט דעמ רעבנ, דעמ כסידישנ פירער אונ אָפּגאָט אזוי ווי ער שטייט אונ גייט: „מיט זייַנע קיילימ, מיט זייַנע פריסנע, ניט געהובליעװעטע טוירע־זאָגעכצנ, מיט זייַנע פאלשע געלעכטערלעכ, מיט זייַנע געקנייטשטע האָווייַעס” אונ „מאכט דעמ גוטנ-ייִדנ צו געשפּעט” (ז. 117).

אינ אקסענפעלדס ווערק ווערנ אופגעדעקט די „געהיימנישנ פונ דעמ רעבנס הויף”, אלס א נעסט פונ אוואנטיוריסטישע אונ טונקעלע עלעמענטנ, עס ווערט באוויזנ דער אונטערדריקערישער דרייַעק — גוטער־ייִד, קאָהאָל, פּאָרעצ. פונ דער צווייטער זייַט ווערנ ארויסגעפירט די טשערעדעס צווייפיסיקע שאָפּ, וועלכע קומענ אליינ זיכ שערנ, די גרויסע צאָל ליידיקגייער, וואָס האלטנ זיכ אופ כאדאָשימווייַז באמ רעבנ אונ שלעפּנ זיכ נאָכ אימ נאָכ.

אופגעדעקט, ארויסגעלאכט דעמ רעבנס הויף, אפּעלירט דער אופקלערער צומ לייענערס סייכל. ייִדנ גלייבנ אינ דעמ רעבנ ניט מאכמעס דעמ, וואָס זיי זייַנענ נאראָנימ, נאָר ווייַל זיי לאָזנ זיכ אייַנריידנ (ז. 117); ווי שיקט זיכ עס, אז „מענטשנ, וואָס זייַנענ קלוג... ווילנ מיט געוואלט דעמ סייכל צונישט מאכנ?” (ז. 113).

דאָס הויפּט־פייַער איז געווענדט קעגנ דעמ אָרגאניזירטסטנ, דעמ שטארקסטנ סוינע, לויט דעמ מאסקלס אופפאסונג: „די צ אָ ר ע (כאסידיזמ — אָ. מ.) איז דאָס גרעסטע אומגליק פאר די ייִדנ אינ רוסיש־פּוילנ” (ז. 108). ס'איז אָבער געווענ נאָכ פיל אונ פיל צאָרעס אינ אלטעגלעכנ לעבנ,

אינ דעמ שטייגער, אינ די באשעפטיקונגענ, וואָס שטאמענ האָבנ זיי אלֿע סאָפּקאָלסאָפּ געשטאמט פונ דער פארקנעכטעטער לֿאגע פונ דעמ מאסנ־מענטשנ אינ דער געזעלֿשאפט פונ „כלֿאָפּעס אונ סראָרעס". אקסענפעלֿד איז געווענ איינער פונ די ערשטע, וואָס האָט אונטערגענומענ א קאמפ קעגנ דער דאָזיקער גאנצער פארקריפּלונג פונעמ ייִדישנ לעבנ.

★

אינ די ערשטע יאָרצענדלֿיקער נאָכנ איבערגאנג פונ די פוילֿישע געגנטנ צו רוסלֿאנד האָבנ זיכ פארנ ייִדישנ סוחר אונ אונטערנעמער ביכלֿאלֿ געשאפנ פילֿ גרעסערע מעגלֿעכקײַטנ, איידער אינ פוילֿנ. צווישנ די נײַע קוואלֿנ פונ רעווחים האָבנ גאָר אנ אָנגעזעענע אָרט פארנומענ די געשעפטנ מיט קאזנא. פאר דער צײַט האָט רוסלֿאנד פיר מאָלֿ מילֿכאָמע געהאלֿטנ מיט פראנקרײַכ, צוויי מאָלֿ מיט טערקײַ, איינ מאָלֿ מיט שוועדנ. בא די אלֿע מילֿכאָמעס אונ גאָר באזונדערס בא דער מילֿכאָמע קעגנ נאפּאָלעאָנ I אינעמ יאָר 1812 איז א באשטימטער טייל ייִדישע סאָכרים רײַכ געוואָרנ פונ פּאָדראדנ. אָבער אינ די פרידלֿעכע יאָרנ האָבנ ייִדישע פּאָדראטשיקעס אויכ געמאכט גרויסע געשעפטנ מיט דער מעלֿוכישער קאזנא, ווי, לֿעמאָשלֿ, דאָס נעמענ אינ קאָנצעסיע איינעמ פונ די רעוועכדיקסטע ארטיקלֿענ אינ אלֿטנ צארישנ רוסלֿאנד — פארקויפנ בראנפנ אינ א ריי קאזיאָנע שטעט (אינ יענע שטעט פונ די געוועזענע פוילֿישע קאנטנ, וועלֿכע האָבנ ניט גע־הערט צו פּריצים).

עס זײַנענ באוווּסט די גרויסע ייִדישע פּאָדראטשיקעס, וואָס זײַנענ אופגעקומענ אינ דער צײַט פונ קאטערינע II — פּערעצ, נאָטקינ, שטיגלֿיצ, אבראמאָוויטש, הילֿמ אא. אייניקע פונ זיי האָבנ געפירט א ברייט לֿעבנ [1] אונ האָבנ סאָפּקאָלסאָפּ באנקראָטירט. די פּאָדראטשיקעס אינ „דאָס שטערנטיכלֿ", „די נײַע פּאָדראטשיקעס" שטעלֿנ זיכ אנטקעגנ „דער אלֿטער מאָדע פּאָד־ראטשיקעס", די אויסברענגערס, וואָס פלֿעגנ „שיטנ מיט געלֿט" אאוו.

★

די מילֿכאָמע פונ 1812 האָט אוועקגעשטעלֿט פאר דער ייִדישער געזעלֿ־שאפטלֿעכקײַט די פראגע — מיט וועמענ איז די ייִדישע באפעלֿקערונג: מיט רוסלֿאנד צי מיט פוילֿנ (ווי באוווּסט, האָט די פוילֿישע שלֿיאכטע געשטיצט נאפּאָלעאָנענ). אינעמ בוכ „דאָס שטערנטיכלֿ", וואָס איז אָנגעשריבנ גאָר

1 באזונדערס פערעצ. ער האָט געהאלטנ אנ „אָפנ הויז" אינ פעטערבורג אונ צו אימ פלעגט זײַנ אײַנגייער „גאנצ פעטערבורג". זע: Барон Корф. Жизнь Сперанского, стр. 129.

ניט לאנג נאָך דער גרויסער מילכאָמע, האָט אקסענפעלד געענטפערט: יידן דארפן זיך אָריענטירן אף רוסלאנד.

וואָס איז שייַעך די יידישע סאָכרים און אונטערנעמער ביכלאל, האָט אזא אָריענטאציע געשטימט מיט דעם פאקט, וואָס לעגאבע דער אויסזיכט־לאָזיקייַט פונעם אונטערגייענדיקן פוילן האָט זיך אין רוסלאנד פאר זיי געעפנט א נייַער גרויסער געביט פון אינערלעכן און אויסערלעכן האנדל, מעלוכע-פּאָדראדן, מאנופאקטורן.

פאר די יידישע מאסן איז געווען מאָסגעבנדיק גאָר אן אנדער מאָמענט: אונטער דער צארישער הערשאפט איז זייער לאגע אין פארגלייַך מיטן פוילישן פעריאָד לאכלוטן ניט בעסער געוואָרן. אָבער נאָך דער מילכאָמע פון 1812 — 1813, אין די קאָנקרעטע פארהעלטענישן אין אוקראינע, ליטע און ווייַסרוסלאנד, ווי פויליש איז געווען בלויז דער אייבערשטער שיכט, די שליאכטע, האָט דאָס שטרעבן זיך צו עמאנסיפירן ניט נאָר פון דעם „יידישן" פעאָדאליזם, נאָר פון דעם פעאָדאליזם ביכלאל, געשטופּט צו באהעפטן זיך צו דער רוסישער קולטור, צו די דעמאָקראטישע ריכטונגען אין דעם דעמלטיקן רוסלאנד. אקסענפעלדס פאָדערונג און האָפענונג, אז יידן „זאָלן לייענען פון הייַנטיקע רוסישע יונגע ווילע ביכער־שרייַבערס זייערע כריצישע כיבורים" (ז. 117), האָט פאקטיש אויסגעדריקט די טענדענץ זיך צו באהעפטן מיט די מער פּראָגרעסיווע באשטרעבונגען פון דער דעמלטיקער רוסישער אינטעליגענץ.

# דאָס שטערנטיכל

ראָמאַן

★

די מײַסע, וואָס איז דאָ דערציילט אין דעם מײַסע־ביכל,
האָט דעם נאָמען, ווי מע רופט עס אין רוסיש־פּוילן, — „שטערנטיכל“.

דאָס אייגענע ווײַבערשע פּערל־צירונג האָט געהייסן אין אנדערע ערטער
שטערנבינדל, קאָפּ־בינדע, בינדאליק און נאָך און נאָך מיט אנדערע ווערטער.

הײַנט, אז מע האָט דעם שיגאָען אָפּגעשאפט פונעם קאָפּ,
און יִידישע ווײַבער גייען, ווי אַלע דאמעס, מיט א פאלשן צאָפּ...

ווי מע דערציילט: „ס׳איז אמאָל געוועזן א ראָוו מיט א רעבעצן פארצײַטן“,
אזוי וועט מען דערמאָנען, וואָס א שטערנטיכל האָט אמאָל געקאָנט באטײַטן.

עפּשער וואָלט מען א שטרײַמל מיט א ספּאָדעק אויך פון א זייכער וועגן,
קעדיי מע זאָל עס אמאָל ווײַזן, געדארפט אין שפּיריטוס אַרײַנלייגן...

מײַן שפּיריטוס צום שטערנטיכל איז א כסידישן רעבנס שאבעס כאנוקע באשריבן,
כאָטשע גאָר נים געראָטן, — איז ער פאָרט א באל־מויפעס געבליבן.

דאכט זיך, א שטערנטיכל מיט א באל־מויפעס קערן זיך ניט אָן,
פאָרט איז עס א מײַסע א ציקאַוועסט, און עס איז דאפקע עפּעס דראָן.

אויב דער באשרײַבער פון דער מײַסע האָט זיך דאָס אויסגעטראכט,
איז עס נאָך מער ציקאַווע, וויאַזוי ער האָט אזעלכעס געמאכט.

נאָר אז מע וועט אויסלייענען איינגאנצן גאָר,
וועלן אַלע מוידע זײַן, אז אַלץ, וואָס שטייט [דאָ], איז וואָר.

★

מאָלט אײַך א געמעל,
רויט אָדער געל,
וואָס איר ווילט,
מאכט אײַך א בילד.

אפ דעם בלעטל,
נאָך דעם צעטל:
דעם מעשוגענעמס גײַנ,
דעם פּאָדראַטשיקס שטײן,

דעם רעבנס זיצנ,
אונ וועלוולס שוויצנ
(אָדער עפשער פארקערט,
ווי ס׳איז באשערט),

דעם ווײַבלס שײַנענ,
דעם קרעטשמערס טײַנענ,
דער זיצערקעס ווײנענ,
דער שאמעסטעס מײנענ...

דער מעלער ווייסט,
וואָס דאָס הייסט,
וועדליק דעם צאָלנ
א געמעל צו מאָלנ.

# 1

ווער ס'איז געניט אין אונדזער רוסיש־פּוילן, ווייסט, וואָס דאָס הייסט א קליין שטעטל.

א קליין שטעטל איז פון עטלעכע הײַזלעך. דאָ איז אלע צוויי וואָכן זונטיק א יאריד. די ייִדלעך האנדלען מיט בראָנפן, מיט טוועס, מיט רעדנע אפּ זעק אָדער מיט סמאָלע. לעראָוו איז דאָ איינער, וואָס רײַסט זיך צו ווערן א גוטער־ייִד.

א שטאָט הייסט, ווו ס'איז דאָ א פּאָר הונדערט געבויטע שטובן (א הויז הייסט א שטוב), א שורע געמויערטע קלייטן. דאָ איז איינער אן אופגעקומענער גרויסער אוישער, עטלעכע רײַכע קרעמערס, עטלעכע, וואָס האנדלען פעלד, מאסע־מאטנס מיט האָזן, מיט וואקס, מיט האָניק און מיט פּאָדראד, גרויסע כאלפּאָנים, וואָס האנדלען א טייל מיט דעם גרויסן אוישערס געלט אפּ כאָצי רעווער, און א טייל האנדלען מיט רײַכע ארענדאריס געלט פון ארום דער שטאָט. אין אזא שטאָט איז דאָ א פּאָרעץ (דער „סאר") מיט זײַן הויף. צו אים קער די שטאָט און א צען דערפער (דאָס רופט מען א שליסל). איינער, וואָס איז כאָשעוו אין הויף, האלט די שטאָט־ארענדע אָדער טאקע דעם גאנצן שליסל דערצו. אין אזא שטאָט איז דאָ איינער א טאקיפ, וואָס איז קאָל וועכאָל בא דעם קאפּיטאן־ספּראוו־ניק. אין אזא שטאָט איז דאָ א באל־מאכלויקעס, וואָס יאָגט זיך מיט דער שטאָט און מיט קאָהאָל בא די סאָנדעס, און אפילע ביז אין דער גובער־ניע ארײַן. אין אזא שטאָט סטארעט זיך דער פּאָרעץ (דער סאר), א גוטער־ייִד — א כסידישער רעבע זאָל דאָ ווינען, ווײַל דורך דעם, וואָס ייִדן פאָרן צו אים, לייזט מען פאר בראָנפן, פאר ביר און פאר מעד. דאָס קער אלץ צום פּאָרעץ פון דער שטאָט, — האָט ער מער האכנאָסע. אין אזא שטאָט איז דאָ א ווײַנשענקער, א זייגערמאכער און א דאָקטער, א געוועזענער כאזן און א הײַנטיקער כאזן, א פאקטער, א מעשוגענער און א ייִדענע אן אגונע, קאָהאָל־שאמאָסים און א סארווער. אין אזא שטאָט איז דאָ א „כעוורע כאיאָטים", א „כעוורע קאדישע", א „כעוורע מישנא־

יעס״ און א „כעווּרע גמילעס־כאסאָדים״. אין אזא שטאָט איז דאָ א שול און א בעסמעדרעש, אמאָל נאָך דערצו א קלײַזל אָדער א כסידים־שטיבל. כאסוועשאָלעם, עמעצער זאָל זיך ארויסכאפּן מיט א וואָרט, ער זאָל רופן די שטאָט שטעטל, — איז ער א שטאָט־אזעספּאָנעם אָדער א כאָסער־דײיעניק.

א גרויסע שטאָט הײסט, ווו ס׳איז דאָ א פּאָר טויזנט באלעבאטים און עטלעכע מויערן כוץ די געבויטע שטובן. דאָס איז שוין גאָר עפּעס אנ־דערש. דאָ בארימט זיך איטלעכער, אז ער האָט אײנעם פון דער אנדער גאס געגעבן שאָלעם אלײכעם, ווײַל ער האָט אים געהאלטן פאר א פרעמדן. יאָ, כ׳לעבן, ווער קאָן אין אזא גרויסער שטאָט דערקענען, אויב דער איז א היגער? ס׳איז דאָ גוזמאָעס, וואָס מע קאָן זײ בעשום אויפן ניט.

די מײַסע, וואָס מע וועט דאָ לײיענען, האָט זיך געטראָפן אין צווײ שטעט: אײן שטאָט הײסט מ ע ז ש ב ע ז ש, די אנדערע שטאָט — טאָר מען ניט אויסזאָגן. דעריבער וועלן מיר זי רופן ל ו י ה אָ י אָ פּ אָ ל י. פון לויהאָ־יאָפּאָלי ביז קײן מעזשבעזש איז צען מײַל ווײַט.

אין אזא שטאָט ווי לויהאָיאָפּאָלי וועמען גײט טאָמיד גוט? נאָר דעם בעסמעדרעש־שאמעס. דעם שול־שאמעס אָדער די קאָהאָל־שאמאָסים איז ניט גוט, ווײַל זינט כסידים זײַנען אופגעקומען, איז די ק א ל ט ע ש ו ל טאָמיד פּוסט. כוץ ראָשעשאָנע, יאָנקיפּער, ווען רענדארעס פון די דער־פער קומען מיט ווײַב און קינדער און דאוונען אין שול, איז א גאנץ יאָר קוים-קוים א מיניען דאָ, פון די זעקס אסאָראָ באטלאָנים, וואָס גײען פון דעם בעסמעדרעש מאשלים צו זײַן צום מיניען, אבי אָפּצודאוונען. דעריבער זאָגט מען דאָס גלײַכווערטל: „ווער גײט טאָמיד אין שול ארײַן? — דער רעגן, ווײַל דער דאך איז צעבראָכן״, אָבער דער אוילעם גײט ניט אין שול ארײַן.

אלע נעגידים דאוונען אין בעסמעדרעש, ווײַל דאָ איז ווינטער ווארעם. און טאקע כוץ לאָזע ווילן אפילע דאָרכס־פּאָווערן זיך צונויפקומען צווישן זיך צו שמועסן, דעריבער גײען זײ אין קרעטשמע ארײַן. דאָ באלאקעט מען באַם טרונק בראָנפן. ייִדן גײען אָבער ניט אין א שענק ארײַן דאָרטן צו טרינקען און צו שמועסן, איז דאָס בעסטע אָרט דאָס בעסמעדרעש. א גאנצן טאָג זיצן יונגעלײַט און ייִנגלעך, וואָס לערנען א ביסל, דאָס איבעריקע שמועסט מען. בעשאס דאוונען קומען זיך צונויף די גאנצע שטאָט דאוונען, דערבײַ שמועסן זײ אויך. א טײל שמועסן אינעם דאוונען אָדער דאוונען אינעם שמועסן, די איבעריקע שמועסן פון אלע מאסע־מאַטנס, פון פּאָטשטן און אלערלײ געריידערײַ און דאוונען קוים-קוים א פּאָר ווער־טער — אלץ אינעם בעסמעדרעש.

סײַוויסײַ איז דער בעסמעדרעש־שאמעס דער רעכטער שאמעס, ווײַל

אלע באַלעבאטים זײַנען זײַנע באַלעבאטים: צום כאנוקע־געלט, צום פּורים־געלט און צו דער שיסל ערעוו יאָנקיפּער גיט מען אים מער פון דעם שול־שאמעס. שאָלעם־אַלײכעם־געלט און בעשאָס זײַנע באַלעבאטים פאַרג אוועק אָדער ווען זײ קומען צו פאָרן, קומט אים טאָמיד צו געבן.

ווער שמועסט די קאָהאָל־שאמאָסים, די גײען נאָר מאָנען נעסינע, די שעלט מען טאָמיד מיט ביטערע קלאָלעס, און מע האָט זײ טאקע דערי־בער פײַנט. זײַנען זײ אײביק קאפּצאָנים און מעוווזע דערצו.

דער לויהאָיאָפּאָלײער שאמעס ארן האָט געהאט א שטיבל אינעם בעס־מעדרעש. דאָ האָט ער געווױנט מיט זײַן ווײַב סאָרע. די סאָרע איז נאָך דערצו געווען א וואַרטערן בא קימפּעטאָרנס, פלעגט זי אהײם צו ברענ־גען לעקעך און געבראָטענע פערטל פון קאפּהינער, פוטער גאנצע טעפּלעך און פלעשלעך בראָנפן. בעשאָס זי האָט געפּילעוועט די קימפּעטאָרן, האָט זי ניט פארגעסן איר מאן און איר מײדל שײנצע, זײ זאָלן אויך הא־נאָע האָבן פון די גוטע זאכן.

ארן שאמעס איז קײן אמאָרעצ געווען, ער האָט אמאָל א מינכע שאבעס געדאוונט, אָנהױבנס ראָשעשאָנע־יאָנקיפּער האָט ער אויך גע־קענט: ער איז געווען אין יאמפּעלע אמאָל א געמאָרע־מעלאמעד, נאָר ווײַל ער איז קראנק געוואָרן אף די אויגן, האָט ער דאָס מעלאמדעס אוועקגע־לײגט און איז אין לויהאָיאָפּאָלי געוואָרן בעסמעדרעש־שאמעס. אז ער איז געגאנגען גוט־יאָנטעוו־ביטן, האָט מען אים טאָמיד געגעבן א גרויס שטיק לעקעך, פּורים — א צוקער־קישעלע מיט א שטיקל געפּרעגלטן מאָן דערצו.

דער ארן שאמעס מיטן ווײַב סאָרע די שאמעסטע האָבן געהאט זײער א שײן מײדל, שײנצע, א מײדל פון א יאָר פערצן איז זי אלט געוואָרן, ווען אונדזער מײַסע הײבט זיך אָן (שנת תקע"ב[1] — אף דעם רוסישן כעזשבן איז עס דער ווינטער פון 1812 און 1813).

א שאמעסעס א מײדל, א בעסמעדרעש־שאמעסעס א מײדל, וואָס דער פאָטער מיט דער מוטער וווינען אין בעסמעדרעש אין א שטיבל, זעט פאר אירע אויגן ניט מער נאָר יידן אָדער ייִנגלעך, באלעבעסלעך אָדער מע־לאמדים, וואָס קומען אמאָל רופן די מוטער צו א קימפּעטאָרן: „געשווינד, סאָרע, מע דארף אײַך". נאָך האָט זי געזען מענטשן פונעם בעסמעדרעש אום ווינטער, וואָס זײַנען פונעם לערנען געקומען א טרונק טאָן, און די מוטער פלעגט זיך צו בײזערן: „אָהאָ, די טוירע האָט זיך צעברענט אין אײַך, שעפּט איר מיר אויס דאָס גאנצע וואסער. אוואדע, יאָ, פאר די דריט־האלבן גילדן סכירעס א וואָך, וואָס ארן נעמט, מ'שטײנסגעזאָגט, זאָל ער

1 שנאס טאק־אינ־בײס.

נאָך וואסער געבנ, מ׳שטיינסגעזאָגט״. כאָטשע נאָכאמאָל „מ׳שטיינסגע־זאָגט״, — וואסער האָט מענ געשעפּט.

קיינ ווײַבער אָדער מיידלעכ האָט זי, שיינצע, קיינמאָל ניט געזענ, נאָר זומער פלעגנ מיידלעכ זיכ צונויפקומענ אינ פּאָליש פונ דער שול, זיכ לערנענ טאנצנ איינע בא דער אנדערע. דענצמאָל איז זי אויכ גע־גאנגענ אינעמ קאָנ. האָט זי זיכ אויסגעלערנט טאנצנ, אינ צייכנ שפּילנ אונ לידלעכ זינגענ.

שיינצע האָט זיכ מעקאנע געווענ אינ די נעגידישע מיידלעכ, וואָס האָבנ דאָ אינעמ פּאָליש געוויזנ זייערע פּירגריזנ אפ געווירעט פּאַפּיר גע־שריבנ, אונ ווי זיי האָבנ זיכ בארימט, אז זיי קענענ שוינ דאווענע אונ לייענע. האָט זי געוויינט אונ געבעטנ דעמ פּאָטער מיט דער מוטער, מע זאָל זי אויכ אויסלערנענ שרײַבנ, דאווענע אונ לייענע.

איינ־איינציק קינד, אז זי וויל ניט עסנ, ניט דעמ לעקעכ, ניט די גע־בראָטענע פערטל קאפהינער, וואָס די מוטער סאָרע גיט איר, נאָר וויינענ אונ וויינענ, זי וויף ראק מע זאָל זי לאָזנ לערנענ, וואָס אנדערע מיידלעכ קענענ, האָבנ די פּאָטער אונ מוטער געמוזט צוליב טאָנ אונ צוגעזאָגט: „יאָ, שיינצעניו, ליובעניו, אבי עס, מיר וועלנ דיר מאָרגנ גאנצ פרי בא־דינגענ דעמ בעלפער מיכל, וועט ער דיכ אויסלערנענ, בעסער פונ אלע מיידלעכ זאָלסטו קענענ״.

בעעמעס איז דער ארנ שאמעס קיינ אָרעמאנ ניט געווענ. ער האָט געהאט געלט, אונ דאָס ווײַב סאָרע האָט געהאט איר באזונדער קניפל געלט. האָט מענ טאקע דעמ אנדערנ אינדערפרי, נאָכ פאר דעמ דאווענע, גערופנ דעמ מיכלענ, אונ מע האָט אימ באדונגענ הורטאָמ פאר אלע דרײַ זאכנ: דאווענע, לייענע אונ שרײַבנ — אימ צו געבנ פופצנ גילדנ.

2

מיכל בעלפער איז געווענ באמ בעסטנ דארדעקע-מעלאמעד ש ל ו י מ ע  ב ע ש ע כ ע ס דער אויבער-בעלפער. מע האָט אימ גערופנ מ י כ ל  מ א צ י י - ו ע, ווײַל ער איז טאָמיד גלײַכ, מיטנ קאָפּ ארופ, געגאנגענ (ניט ווי אנ־דערע, וואָס דער קאָפּ גייט בא זיי פריער). מיכל האָט געקענט שיינ שרײַבנ, אונ מיט דער גרעסטער קיטע האָט ער געלערנט כומעש. דעריבער איז ער כאָשעוו געווענ בא דעמ מעלאמעד שלוימע בעשעכעס. ער האָט אימ גע־געבנ מידיי זמאנ ביזמאנ צוואנציק ווײַסע גילדנ, אכוצ בעלפער־געלט פונ איטלעכנ קינד. דאָס האָט עפּשער געמאכט נאָכאמאָל צוואנציק גילדנ א זמאנ. קעסט האָט ער כוידעשווײַז געגעסנ בא די באלעבאטימ.

נאָך האָט דער מיכל מאצייווע, מיכל בעלפער, געהאט א זמאן נאָך מער פון צוואנציק ווײַסע גילדנ, וואָס ער האָט געלערנט מיידלעך שרײַבנ. נעגידישע מיידלעך האָבנ לייענענ און דאווענע געלערנט באם מעלאמעד שלוימע בעשעכעס, נאָר פארנ שרײַבנ האָט מענ מיכלענ באזונדער געצאָלט.

מיכל בעלפער האָט געקענט א ביסל מאָסקוויטעריש אויכ, פלעגט מענ צו אים גײנ איבערלייענענ א בילעט. „איכ בעט דיכ, מיכל, טו נאָר א זע, ווענ גײט מיר אויס מײַנ בילעט!”. פאר אזא טויווע צאָלט מענ ניט א גראָשנ, אפילע א שיינעמ דאנק זאָגט מענ ניט, ווײַל לעראָוו האָט מיכל א שלעכטע פסורע געזאָגט: „האָ, האָ, דער בילעט איז שוינ לאנג אויווער”.

ציפער האָט מיכל אויכ געקענט. דאָס איז אוואדע גאָר ניט צוניצ געקומענ, ווײַל יידנ פונ אזא שטאָט זאָגנ א גלײַכווערטל און לאכנ דערבײַ: „היי, היי, ווו נעם איכ דאָס געלט, וואָס איכ וואָלט געקענט איבערכעזשבענענ מיט רינגעלעכ, שטריכעלעכ! אָט די, וואָס רעכענענ אפ ציפער, זאָגנ אלצ: „פינעפ, באהאלט אכט, באהאלט, באהאלט”, צום סאָפ איז ניטאָ א גראָשנ, כא־כא־כא”...

מיכל מאצייווע, א שיינער יונג פונ א יאָר צוואנציק, מיט געקרײַזלטע פייעס, טאָמיד הארט פונעמ צוואָגנ מיט ביר, גאנצע שיכ מיט שפיצנ, און זאָקנ ביז אינ דער העלפט פאָדעמ, ווײַטער אראָפ פונ באמול, אינ לײַוונטענע פלודערנ מיט געלע בענדלעכ, אינ א בלאָענ קיטאיאָווענעמ ארבעקאנפעס, מיט א קעלנערל פארנ האלדז, א קאפטאניק מיט העקלעכ (ניט מיט סטראָקעס), און שטארק צוגעגארטלט מיט א שווארצנ גארטל, א הויכנ ספאָדעק מיט א ריינער פליסענער יארמיקע. דאָס אינגאנצנ האָט געהייסנ מיכל בעלפער.

שיינצע האָט איבערנ זומער (פאר דעמ ווינטער, וואָס אונדזער מײַסע הייבט זיכ אָנ) זיכ אויסגעלערנט דאווענע און לייענענ און שרײַבנ טאקע בעסער פונ אלע מיידלעכ, און מיכל האָט גענומענ זײַנע פופצנ ווײַסע גילדנ.

דער שאמעס מיט דער שאמעסטע האָבנ אפילע געקרעכצט פופצנ גילדנ צו געבנ פונ דער קעשענע, נאָר פאָרט האָבנ זיי האנאָע געהאט, אז דאָס איינציקע קינד האָט גרויס כיישעק געהאט און האָט געקענט דאווענע, לייענענ ווי א וואסער; דערצו אלע פירגריזנ האָט זי געקענט אויסנווייניק שרײַבנ, וויל טאקע.

## 3

דער מעלאמעד שלוימע בעשעכעס איז קיינ נאר* ניט געוועזנ, ער האָט פארשטאנענ, אז דער מיכל בעלפער האלט אימ זייַנ גאנצ כיידער, אונ וויבאלד מיכל וועט כאסענע האָבנ, וועט ער אליינ ווערנ דער גרעסטער מעלאמעד (כאסענע האָבנ מוז מענ, בעימ מע וויל ווערנ א מעלאמעד. קאָלזמאנ מע האָט ניט כאסענע, הייסט מענ נאָר בעלפער). דעריבער האָט ער באצייַטנס מיט מיכל מאצייווע געמאכט א שוטפעס מיט א טנייַ, בעימ ער וועט כאסענע האָבנ, זאָל ער זיכ ניט מאכנ קיינ באזונדער כיידער, ראק בעשוטפעס זאָל זייַנ דאָס גאנצע כיידער, נאָר א קדימע זאָל האָבנ רעב שלוימע בעשעכעס צוויי רענדלעכ.

מיכל מאצייווע איז מערוצע געוואָרנ דערופ, נאָר אפ דעמ טנייַ, אז רעב שלוימע בעשעכעס זאָל אימ געבנ טקיִעס־קאפ, ער אליינ זאָל זייַנ דער שאדכנ, אז ארנ שאמעס זאָל אימ געבנ זייַנ מיידל פאר א ווייַב.

שלוימע בעשעכעס דער מעלאמעד האָט זייַנ טקיִעס־קאפ געהאלטנ, אונ האָט דעמ שאמעס ארנ מיט דער שאמעסטע סאָרענ געגעבנ צו פארשטיינ, אז דאָס איז זייער א ווילער שידעכ.

— ווי איר קוקט אימ אָנ, לאכלוטנ, דעמ מיכלענ, איז ער. סעלובעש, לאכלוטנ, מייַסע מאלכעס, ער האָט איינ קאפטנ אונ דעמ אנדערנ אונ האָט עפשער דרייַ הונדערט גילדנ מעזומענ, אכוצ דעמ איז ער אייַכ א גרויסער באל־טאכלעס, ער לייגט אייַכ א גראָשנ צו א גראָשנ, אונ איז בא די נעגידימ דאָס אויג אינ קאָפ. ער ווייסט אייַכ, לאכלוטנ, פונ אלע מאסע-מאטנס, וואָס זיי טוענ, ווייַל ער שרייַבט, לאכלוטנ, אלע זייערע קסאָווימ. אפילע דער פאָדראטשיק מייער ציפעס בעט אימ טאָמיד זייַנע קאָנטראקטנ צו לייענענ, וואָס ער האָט מיט דער קאזנא אפ שטעמפעלאָווע פאפיר, לאכלוטנ. אונ דעמ שטאָט־ארענדארס קוויטעס אפ פויליש לייענט ער אייַכ אונ זאָגט, ווי איטלעכער פאָרעצ הייסט אונ ווענ דער זמאנ איז. היי, היי, וואָלט איכ ווערט געוועזנ פונ גאָט א מיידל צו האָבנ, וואָלט איכ אזעלכנ, לאכלוטנ, מיט ביידע הענט געכאפט פאר אנ איידעמ. זייַנ קנעלנ האָט, לאכלוטנ, קיינ שאצ ניט, א סעדרע כומעש אָפצולערנענ מיט די גרעסטע טאלמידימ איז בא מיכלענ, לאכלוטנ, ווי א פארשע. אז איר ווילט, וועל איכ אייַכ נאָכ א סאָד אויסזאָגנ: מיכל האָט א גאנצ ווייַל

* נאָר פראָסטע ייִדנ מיינענ, אז דאָס וואָרט „נאר" איז א לאָשנקוידעש וואָרט. דעריבער שרייַבנ זיי „נער". בעעמעס אָבער איז עס א דייַטש וואָרט, אנ אלטס אפילע. דער, וואָס האָט דעמ סייכל ניט ווי א מענטש דארפ האָבנ, הייסט אפ דייַטש „נארר" מיט צוויי ר. א ייִד שרייַבט מיט איינ ר.

קעלכנ, אז ער וועט ארופכאפנ דעמ טאלעס אפנ קאָפּ, וועט ער זײַנ א באַל־טפילע, וואָס מע וועט לעקנ די פינגער, לאכלוטנ, נאָכ זײַנ דאווגעג. פאָלגט שלוימע בעשעכעס אונ טוט דעמ שידעכ, לאכלוטנ, טאקע זארעז. איר, ארנ, ווייסט דאָכ, ווי עס שטייט: פנ יקדמני אחר[1]. עקט אונ לאָז זײַנ א מאזלטאָוו, לאכלוטנ.

שיינצע, כאָטשע בעשאס רעב שלוימע האָט געשמועסט מיקויעכנ שידעכ, האָט מענ איר געזאָגט: „גיי אפ א רעגעלע אינ קעמערל ארײַנ", — ווי ווײַט איז דענ פונ דעמ שאמעסעס שטיבל ביז צומ קעמערל? נעענטער ווי פונעמ פריפעטשיק צומ ריבקעלע, — א ווענטל פונ ברעטלעכ קאָנ גאָר ניט אָפּהאלטנ, זי זאָל ניט הערנ איטלעכעס וואָרט, וואָס רעב שלוימע בעשעכעס האָט גערעדט.

סאָרע די שאמעסטע האָט געזאָגט, דער שידעכ געפעלט איר: רייש זהוווים וועט זי געבנ נאדנ, הונדערט גילדנ האָט זי, מעכילע, איינס אונ איינס צו ציילנ, כאָטשע זארעז, אונ ס'איז דאָכ דערופ א שטאָט, מעכילע.

— וואָס שווײַגסטו, ארנ? דײַנע געזונטע באַלעבאטימ, מעכילע, אז דו וועסט זיי טראָגנ לעקעכ, וועלנ זיי ניט צונויפוואַרפנ הונדערט גילדנ, מעכילע? איַי, קליידערלעכ, מעכילע? דערופ איז גאָט א פאָטער, פעדערנ, מעכילע, אונ, מעכילע, בעטגעוואנט וועל איכ פאר נויט מײַנס אוועקגעבנ, מעכילע. אונ טאקע טייקעפ נאָכ יאָנטויווימ, מעכילע, זאָל זײַנ די כאסענע.

ארנ שאמעס האָט זיכ א בייזער געטאָנ:

— א יידענע האָט לאנגע האָר אונ קורצנ סייכל. מעשונע, דו האָסט פארגעסנ, אז א שטערנטיכל מוז שיינצע האָבנ, מעשונע. איאָ, הא? מיילע, קעסט קאָנענ מיר זיי געבנ, מעשונע, נאָר א שטערנטיכל, דאָס איז, מעשונע, דער איקער. וואָס זאָגט איר דאָ, רעב שלוימע?

דאָ איז שיינצע ארײַנגעשפרונגענ פונעמ קעמערל מיט א געוויינ:

— איכ וויל א גרויס שטערנטיכל. וואָס דענ, איר ווילט מיכ פארשלייערנ, ווי א שיקסע, אָנ א שטערנטיכל? וויל איכ אוואדע נישט.

סאָרע די שאמעסטע ווערט בלאַט מיט שלוימע בעשעכעס אונ טײַט מיט די פינגער אפ איר מאנ:

— זעט איר, מעכילע, וואָס ער האָט אָנגעארבעט? ווענ האָט זי געזענ א שטערנטיכל? פאר זיכ, מעכילע, וואָלט זי, מעכילע, גאָר געוווסט, וואָס א שטערנטיכל איז? קומט ער, מעכילע, אונ הייבט אָנ,—דאכט זיכ איר, מעכילע, אז אָנ א שטערנטיכל הייסט, מעכילע, פארשלייערט.

שיינצע ענטפערט:

— אוואדע האָב איכ ניט געזענ! וואָס, איכ האָב קיינ אויגנ ניט? אז

---

1 פענ יעקאדמייני אכייר.

די נעגידעסטעס גייענ סימכעס־טוירע קושנ די טוירע, גייענ זיי אינ שטערנטיכלעכ. די קאפּצאָנישע ווײַבער האָבנ טאקע אָנ א שטערנטיכלֿ א פּאָנעמ ווי מוישע גראָנעמ. איכ וויל טאקע א גרויס שטערנטיכלֿ, ווי גיטעלֿע רעב גאוורִיעלֿס, מיט גרויסע פּערלֿ אונ מיט דימענטנ. פארוואָס ניט?

— כא-כא-כא! — לֿאכט סאָרע, — אָט דו ביסט, מעכילֿע, גאָר א קעלֿבעלֿע. גיטעלֿע רעב גאוורִיעלֿס שטערנטיכלֿ קאָסט עפּשער טויזנט רענדלֿעכ, מעכילֿע.

רעב שלֿוימע בעשעכעס האָט אינ די רייד אויסגעקנעלֿט אנ אייצע:

— ווייסט איר וואָס מע טוט, לֿאכלֿוטנ, אזוי ווי אווראָהאָמ אָווינו האָט געטײַנעט: „גר ותושב אנכי עמכם״ [1] פונ דעמ נאדנ-געלֿט וועט מענ אנטלֿײַענ געלֿט אפ א שטערנטיכלֿ, וועט זײַנ אי גער, אי טוישעוו, לֿאכלֿוטנ. הא, אָט שימענ דער רײַכער איז הײַנט, לֿאכלֿוטנ, זייער געמיינ, די שטוב האָט ער פארקויפט, בלֿײַבט אימ נאָר דאָס שטערנטיכל דעמ ווײַבס, לֿאכלֿוטנ. מיילֿע, ווילֿ זי ניט פארקויפנ, אָבער געלֿט צו לֿײַענ אפ דעמ שטערנטיכלֿ, לֿאכלֿוטנ, מוז זי דאָכ ווערלֿנ. דאָס יִנגלֿ לֿערנט בא מיר, האָט מענ מיר ניט צו צאָלֿנ, לֿאכלוטנ, סכאר־לימעד, אונ דאָס יִנגלֿ איז אפילֿע א בארהאוואָנע א יִנגלֿ, לֿאכלֿוטנ, גייט ער נעבעכ קרוע־בלֿוע. הא, איאָ, א ווילֿע אייצע, לֿאכלֿוטנ?

סאָרע, אויב זי וואָלֿט מאסקימ געווענ אפ דער אייצע אָדער נישט, האָט גרויס האנאָע, אז אינ שימענ דעמ רײַכנס ווײַבס שטערנטיכל זאָלֿ איר שיינצע גיינ אָנגעטאָנ. טוט זי א געשריי:

— וואָס פאר א גאָט מיר האָבנ! אָט י ע נ ט ע־פּ ע ס י ע האָט געמיינט, זי האָט, מעכילֿע, גאָט בא די פיס אָנגעכאפּט, אונ פלעגט אלֿצ מאכנ מיט כיינ, מעכילֿע: „וואָס ווילֿנ נאָכ די פּאסקודנע שאמעסטעס האָבנ פונ מיר?״ ווי זאָגט מענ עפּעס: ני דײַ, ני לֿײַ. וואָס מאכסטו, יענטע־פּעסיע, נאָכ, מעכילֿע, מיט דער מאנאָריע? הײַנט וועט די „פּאסקודנע שאמעסטע״ האָבנ די גדולֿע, אז איר שיינצע וועט גיינ אינ שול ארײַנ אינ יענטע־פּעסיעס שטערנטיכלֿ, מעכילֿע. וואָס שווײַגסטו, ארנ? מאָנעפּשעכ, א זיווער איז דאָכ, מעכילֿע, מײַנ האשאָמאִימ!

ארנ שאמעס מיט די טריפנדיקע אויגנ טוט א קוק אפ זײַנ ווײַב סאָרענ אונ אפ שיינצענ, זעט ער, אז ביידע ווילֿנ דעמ שידעכ. טוט ער א מאכ מיט דער האנט:

— נו, רעב שלֿוימע, אז ס'איז באשערט, מעשונע, לֿייגט אײַכ ארײַנ דרינענ.

דער מעלֿאמעד שלֿוימע בעשעכעס האָט זיכ טאקע ארײַנגעלֿייגט, אונ ס'איז געוואָרנ טנאִָימ, צו מאזלֿ, ראָשכוידעש אָדער זאָלֿ זײַנ די כאסענע.

---

1 גייר וועסוישאָוו אָנויכי אימאָכעמ.

שיינצע האָט קיין כעזשבן פון געלט ניט געוווּסט, דעריבער האָט זי ניט פאַרשטאַנען, אַז פון רייש זהווים נאָדן־געלט, בעיִמ מע וועט לײַען אָפּ אַ שטערנטיכל, וועט עס, מינאַסטאַם, ניט אַזוי גרויס זײַן, ווי גיטעלע רעב גאווריִעלס שטערנטיכל. האָט זי שוין אײַנגעקלעפּט אין קעמערל אַ שטיקל שפּיגל טייקעף נאָך די טנאָיִמ, זי זאָל זיך דרינען אָנקוקן נאָך דער כאַסענע אינעם גרויסן שטערנטיכל. דערווײַל איז זי אַ קאַלע.

סאָרע די שאַמעסטע האָט געהאַט גרויס האַנאָע. אַמאָל זאָל זי אויך קאָנען זײַן אַ מעכוטענעסטע, אַמאָל זאָל מען איר אויך זאָגן מאַזלטאָוו, ניט אַלץ, זי זאָל זאָגן איטלעכן מאַזלטאָוו. און פון דער נעקאָמע, יענטע־פּעסיעס שטערנטיכל זאָל אָנקומען צו איר שיינצען, דער „פּאַסקודנער שאַ־מעסטעס" שיינצע וועט גיין דרינען, איז זי שוין געוואָרן ברייטער ווי לענגער.

אַרן שאַמעס, אַ קלוגער ייִד, האָט אַלע נעגידימ, בעשאַס זיי האָבן אים געזאָגט „מאַזלטאָוו, אַרן!", געענטפערט (ניט אַ שיינעם דאַנק):

— מאַזלטאָוו אײַך, איר וועט דאָך כאַסענע מאַכן, קומט אײַך דער מאַזלטאָוו, מעשונע. איך וועל נאָר זײַן אַ שאַמעס בא אײַך, צונויפנעמען דאָס געלט אָפּ דעם נאָדן און אָפּ קליידערלעך, מעשונע.

דער כאָסן מיכל בעלפער האָט סייכל געהאַט האַנאָע צו האָבן, אַז ער האָט געזען, ווי די שיינע שיינצע איז נאָך שענער געוואָרן און ווערט וואָס אַ טאָג שענער און שענער. ער האָט שיינצען זייער ליב געהאַט, און זי האָט ערשט נאָך די טנאָיִמ אָנגעהויבן איר מיכלען זייער ליב צו האָבן, כאָטשע אין אַזאַ שטעטל (איך האָב מיך אַרויסגעכאַפּט, האָט ניט פּאַ־ריבל) — אין אַזאַ שטאָט ווי לויהאָיאָפּאָלי טאָר אַ כאָסן מיט אַ קאַלע ניט פיל שמועסן, נאָר דורך דעם אויסרייד, אַז ער וויל זי אויסלערנען ציפער, כעזשבענען („מעכעטייסע, עס קאָן אַמאָל צוניץ קומען", — האָט אַרן שאַמעס געזאָגט), פלעגט מיכל אַלע טאָג צו קומען. אויב ער מיט איר האָבן גע־ציפערט, ווייסט מען ניט, — געשמועסט האָבן זיי אוואַדע, ווי אַ קלוגער כאָסן מיט זייער אַ שיינער קאַלע האָבן געדאַרפט.

## 4

אין דער שטאָט לויהאָיאָפּאָלי איז אַסאָראָ בעטסייוועס (שנת תקע"ב)[1] אַ גערודער. פון איין עק שטאָט צו דער אַנדערער לויפן אַלטע און יונגע ייִדן און ווײַבער און קליינע מיידלעך אַפילע לויפן ווי בעשאַס אַ סרייפע. מע לויפט, מע יאָגט זיך, מע דעריאָגט איינער דעם אַנדערן. אַ טייל

1 שנאַס טאַק־אײַן־בייס.

לויפן שווייַגנדיק און א טייל ריידן און מאכן, ווי מע קלינגט מיט דער צונג און מיט די ליפּן.

—עס פּאַרלויפט זיך ניט. אזא הולטייַ, אזא הולטייַ! אין קיין שום שטאָט טרעפט זיך ס'ניט.

— נאָר אין לויהאָיאָפּאָלי מוז זיך אזעלכעס טרעפן, רחמנא יצילנו.[1]

— ס'איז באשערט, די שטאָט לויהאָיאָפּאָלי זאָל האָבן אגמעסנעפּעש.

— אזא הולטייַ, אזא הולטייַ! דער אייבערשטער זאָל מעשאמער או־מאצל זייַן.

— קום גיכער, געשווינד, לאָמיר הערן וואָס דער אכבעראָש וועט זאָגן.

— נאָר אָפּשמייַסן און פון דער שטאָט ארויסטרייַבן.

— איך וויל אים אָנקוקן, דעם הולטייַ, אין זייַנע טרייפע פּארציפּערע.

— וואָס האָט געזאָלט זייַן דער שטאָט, זאָל נאָר צו זייַן קאָפּ אויס־גיין.

— א שטאָט, כ'לעבן, לויהאָיאָפּאָלי! אין לויהאָיאָפּאָלי קאָן זיך אזעל־כעס אויך טרעפן.

— אזא פּאָשע יִסראָעל! פּארצייַטן וואָלט מען אזא ראָשע פּארשטיינט.

דאָס, וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרן, האָבן צען ייִדן דורכאנאנד גע־רעדט און געזאָגט, אלע איניינעם, איטלעכער באזונדער, טאקע לויפנדיקער־הייט, סאפּנדיקערהייט, אין איין אָטעם, א טייל מיט א האלבן אָטעם.

מיטאמאָל ווערט פון אלע זייַטן א געשריי:

— אָט איז ער, אָט איז ער, אָט פירט מען אים!

— גוט, גוט. ביידע הענט ארונטערגעבונדן. צוויי קאָהאָל־שאמאָסים... גוט, מיט קאָוועד, ווי אזא הולטייַ שטייט אָן.

— לאָז ער וויסן, דער אכבעראָש, לאָז ער ניט עסן אין א טאָנעס. אזא מיכל מאצייווע האָט געמיינט, מע וועט אים ניט כאפּן.

— ניין, א מאקע! איידער די שטאָט זאָל פּארשווארצט ווערן, קים־פּעטאָרנס זאָל עס, כאסוועשאָלעם, רייַסן, בעסער ווער דו, מיכל מאצייווע, אויסגעריסן.

— אבי ס'איז שוין בעפּארהעסיע, וועט עס דער שטאָט ניט שאטן.

— קוקט נאָר ווי ער גייט אזוי, גלייַך, טאקע ווי א מאצייווע... א מאצייווע זאָל מען אים שוין גיך און באלד שטעלן!

— א מאקע אים! אים א מאצייווע שטעלן? ניט דערלעבן זאָל ער עס. אזא הולטייַ איז קראנק צו ליגן אונטער א פּלויט, ווייַט־ווייַט, העט ווייַט פונעם בייסאלמען?

דאָס האָבן ווידער עטלעכע מענטשן געזאָגט, געשווינד גערעדט; נאָר

1 ראכמאָנאָ יאצילײנו.

שוין ניט געלאָפן, ווײַל די שאמאָסים מיט מיכלען גייען דאָך ניט לויפנ־דיק.

געבונדענערהייט האָט מען מיכל מאצייווע געפירט אין קאָהאָל־שטוב אַרײַן, באגלייט פון דעם לויהאָיאָפּאָליער אוילעם.

אין קאָהאָל־שטוב זײַנען געזעסן דרײַ ראָשע־קעהילע (אָדער קא־האלנעס רופט מען זיי אף רוסיש; ייִדן האָבן אין די שטעטלעך זיי גערופן אף דעם אלטן נאָמען פּארנעס־כאדאָשים):

רעב טעוויע בילענקיס, א ייִד א לאנגער, א מאָגערער, מיט א רויטער לאנגער באָרד. כאָטשע די ליפּן זײַנען פארשמאכט, האָט דאָס פּאָנעם פּאָרט געפלאמט, עפּשער ווײַל דרויסן איז ווינטער קאַלט, אינעם קאָהאָל־שטיבל איז געווען הייס, ווארעם, דערצו האָבן זיך אָנגעשטופּט פיל מענטשן;

רעב אוורעמל וועלוויס, זייער א גראָבער, א קליינער, מיט א שיטער גראָ קליין בערדעלע, אין א צעריסענעם קאפטן, מיט בייזע צוויי מיִעסע אויגן, און

רעב איציק זאיִקע, א ייִד פון א יאָר פופציק, מיט זייער א לאנגער באָרד, געטיילט אף צוויי העלפטן, קימאט ווי צוויי בערד. איןביידע פּייעס זײַנען קאָלטענעס; ניט גרויס, ניט קליין איז ער, אָנגעטאָן אין א לאנגן געשטעפּטן ברישלײַק און געגארטלט מיט א נישער פון א גארטל.

די דרײַ זיצן ארום א טיש: רעב טעוויע בילענקיס גאנץ אויוונאָן, די אנדערע צוויי פון ביידע זײַטן.

ווי מע האָט מיכל מאצייווע ארײַנגעבראכט, שטופּן אים די צוויי שא־מאָסים צו צום טיש.

— גיי צו, דו באָכער, עסן אום אסאָראָ בעטייוועס קאָנסטו, האָבן מיר דיר קאָוועד אָנגעטאָן דיך אהער צו קאָהאָל צו ברענגען, און קאָהאָל זאָל לעבן וועט הייסן דיר נאָך מער קאָוועד אָנטאָן.

דער אוילעם, וואָס איז דאָ געווען אין קאָהאָל־שטוב, האָבן אלע ארויסגעלאָזט א געלעכטער אף עטלעכע מינוט.

אלע בלײַבן שטיל, אז מע זעט רעב טעוויע וויל עפענען דאָס מויל. רעב טעוויע בילענקיס זאָגט אָבער גאָר א קליין ווערטעלע:

— אכבעראָש איינער! פארוואָס האָסטו דאָס ניט געטאָן אן אנדערן טאָג, ניט אין א טאָנעס, איט וואָלט קאָהאָל דערווײַל א טרונק געטאָן גוטן מעד?

ביידע אנדערע קאהאלנעס האָבן לעכאטכיִפע ניט פארשטאנען דאָס גלײַכע ווערטל, ערשט מיט א מינוט שפּעטער האָט רעב איציק זאיִקע ארויסגעלאָזט א געלעכטער:

— ס־ס־סטײַטש, אז־אז ד־דער ב־באָכער ז־זאָ־זאָ־זאָל גע־גע־גע־גע־

וועזנ ניט־ניט אינ א-א טאָנעס פּ־פּ־פּר־פּרעסנ, וואָלט דאָכ קאָהאָל ג-ניט-ניט־ניט גע־גע־געזעסנ... הא?

דער אוילעמ וואָלט געלאכט, נאָר דאָס ביטערע היקענ האָט קאליע געמאכט. רעב אוורעמעלע וועליס טוט זיכ א טאַפּ באמ קליינעמ בערדל אונ זאָגט מיט אנ ערנצטער האוויַיע:

— וואָס? מיר וועלנ אימ שענקענ, כאָלילע? אונדזער טרונק וועלנ מיר אפּדערנאכט טאָנ, טאקע. ער האָט ניט געוואָלט, טאקע, ווארטנ ביז אפּדערנאכט, פאקע, מיר וועלנ טאקע פאקע יאָ ווארטנ, טאקע.

מיכל שטייט אינ געהאקטע ווונדנ, נאָר פאָרט טוט ער א זאָג:

— איר זענט אוואדע גערעכט, איכ האָב א גרויסע אויירע געטאָנ. נאָר בא אונדז, ייִדנ, איז דאָ א „שלחן ערוך“[1], שטייט דאָרטנ ארויסגעשריבן, וואָס פאר אנ אוינעש עס קומט אפּ איטלעכער אוויירע. כאָטש איכ בינ ניט קיינ לאמדנ, ווייס איכ, אז פאר אזא אוויירע קומט ניט בינדנ, קומט ניט שויפעכ דאמ צו זײַנ א מענטשנ, עפּשער...

ער, מיכל, וואָלט געוועזנ וויַיטער געזאָגט, טוט רעב טעוויע בילענקיס א געשריי מיט קאעס:

— טארבעס, שייגעצ! איט, פּאָשע ייִסראָעל, איט, איכ וועל דיר, איט, וויַיזנ, איט, ווער עלטער איז, איט.

רעב וועלוול וועליס מאכט גאָר אנ עק דעמ קאָהאָלס פּסאק אונ הייבט אָנ גאָר מיט „כאָלילע“:

— מיר שיקנ דעמ באָכער מיט צוויי שאמאָסימ פאקע אוועק צו רעב ... דעמ... דעמ צאדיקס זונ קאָנ, כאָלילע, אוועקפּאָרנ פונ לויהאָיאָפּאָלי אונ זאָל קיינ געלט ניט מאכנ, וויַיל די שטאָט איז היַינט זייער געפאלנ טאקע. דערצו האָט רעב ... פאקע ערשט געמאכט געלט. נו, הא? נו, קאָנ נאָכ דעמ צאדיקס זונ, כאָלילע, הא, ברויגעז אוועקפּאָרנ פונ לויהאָיאָפּאָלי, כאָלילע. הא, לאָמיר דעמ באָכער הייסנ טאקע אנידערלייגנ צענ גילדנ אפּ א טרונק, אונ, כאָלילע, די שאמאָסימ ניט צו פארגעסנ, פאקע, מוז ער זיי געבנ צו האלבע גילדנ איטלעכנ. נאָר גיב שוינ, באָכער הולטײַ, אהער צענ גילדנ אונ זײַ מעסאלעק די שאמאָסימ טאקע. שאמאָסימ, פירט אימ אהינ צומ צאדיקס זונ טאקע, אונ זאָגט, טאקע, קאָהאָל האָט געהייסנ, ער זאָל מיט אימ מושווע ווערנ. הא, כאָלילע, דעמ צאדיקס זונ זאָל ניט אוועקפּאָרנ, כאָלילע, ברויגעז, אָנ געלט, כאָלילע, פונ ליִוהאָיאָפּאָלי, כאָלילע.

איידער רעב א־ציק האָט געהיקעט אונ איידער רעב טעוויע בילענקיס האָט גע-איט-איט-עט, איז רעב אוורעמל־פאקע־טאקע צוגעגאנגענ צו מיכלענ.

---

1 „שולכנ־אָרוכ“.

דער איז טאקע ווי א מאציִווע געשטאנענע געבונדן די הענט. האָט ער אים אָפּגעבונדן די הענט און הייסט זיך געבן צען גילדן.

מיכל דאָביוועט געלט און איז מעסאלעק צען גילדן דעם קאהאלנע רעב' אוורעמלען, און נאָך א ווײַסן גילדן די שאמאָסים. סייכל האָט ער געהאט אכוץ דעם נאָך א גריווינקע ארײַנצורוקן דעם בעסדן־שאמעס, יע־כעזקל (קעדיי ער זאָל אים ניט ווידער בינדן און זאָל מיט אים גיין דורכ א הינטערגעסל צו רעב ...), דער אנדער שאמעס, לייב, דער בלינדער אפ איין אויג, זאָל ניט זען. יעכעזקל האָט פארשטאנען.

אזוי האָט זיך געענדיקט דאָס קאָהאָל־זיצן, און די צוויי קאָהאָל־שאמאָ־סים, יעכעזקל מיט לייבן, האָבן געפירט ניט־געבונדן מיכל בעלפער, א כאפּ אין דער זײַט ארײַן, אוועק מיטן הינטערגעסל, געשווינד אוועק צו רעב ... דעם ...

דער אוילעם איז מיד פונעם טאָנעס, א טייל — אין דרויסן צו שטיין איז עס ווינטער ניט גוט, [ס'איז] דערפרוירן צו ווערן. דעריבער זײַנען נאָר א פופציק מענטשן געלאָפן צו רעב ...ס גאָספּידע, ווו ער שטייט אײַן. די איבעריקע זײַנען צעגאנגען ווי זאלץ אין וואסער. יאָ האנאָע פון קאָ־האָלס פּסאק, ניט האנאָע, — אבי עס האָט זיך עפּעס געטאָן, און עס טוט זיך נאָך אין לויהאָיאָפּאָלי.

5

רעב ... דעם ... ער ראָווס, דער, וואָס איז אצינד געקומען קיין לויהאָ־יאָפּאָלי געלט מאכן*, רעב ... האָט נישט געקענט קיין ניגלע (ווי דער פאָ־טער איז געוועזן א לאמדן, האָט דער זון ... ניט געוואָלט לערנען יונגער־הייט און האָט פּאָפּראָסטע ניט געקענט, נעבעכ, גאָר לאכלוטן ניט). ניסטער (דאָס הייסט קאבאָלע בא כסידים) האָט ער, פּשיטע, ניט געקענט. אפילע דאָס ביסל פּלוידערן, וואָס א כסידישן רעבנס א זון הערט זיך אָן פון קינדווײַז אָן, דערמיט אָפּצוקומען א שאלעסודעס שאבעס, דאָס האָט ער אויכ ניט געקענט פּאָשעט איז פּאָשעט, ער איז געוועזן אָן אלע זאכן נאָר דעם ...ס א זון. ניט מער. עפּעס אנדערש צו ווערן האָט דער רעב ... ניט געטויגט אָדער

* דאָס געלט, וואָס ער „מאכט״, איז ניט פאלש געלט, כאָלילע; נאָר דער מענטש מאכט פאלשע אָנשטעלן, מע זאָל אים געבן געלט; דאָס רופט מען בא אלע כסידישע רעבעס אָדער וואָס זיי רופן „גוטע־יִדן״: געלט מאכן אפ דער מעדינע, וואָס ער פאָרט ארום.

דער ... ער ראָוו (א קליין שטעטל, ניט ווײַט פון מעזשבעזש) איז געוועזן רעב ...ס אן איידעם, דעריבער איז ער אויכ געוועזן נאָכ רעב ...ס טויט א כסידישער רעבע. זײַן זון, רעב ..., איז געבליבן א יאָסעם נאָכן פאָטער און דערצו אן אמאָרעץ מעפורסעם.

ער האָט ניט געוואָלט האָרעווענ, שווער ארבעטנ. צו שטעלנ זיכ פאר א מעשאָרעס אָדער פאר א שאפער אינ א דאָרפ, האָט ער געמיינט, עס שטייט אימ ניט אָנ (כאָטש אונדזער געמאָרע זאָגט: פשוט נבלה בשוק ואל תצטרך לבריות[1]. דאָס הייסט: אפילע א שינדער צו זײַנ, אבי ניט צו דארפנ, מע זאָל אימ צדאָקע געבנ. דאָס ווילנ די לײַט ניט וויסנ). דע־ריבער איז ער ארומגעפאָרנ פונ איינ שטאָט צו דער אנדערער, אונ פונ איינ שטעטל צומ אנדערנ: — גיב געלט, רעב ..., ווײַל ער איז דעמ ... ראָווס זונ.

כאָרט האָט דער רעב ... עפּעס געטאָנ, וואָס אלע כסידישע רעבעס טוענ. ער האָט געלײַגט אונ ליגנ געזאָגט אפ אנ אנדער מאָדע. ניט קיינ מויפסימ האָט ער פירגעזאָגט, — ער, רעב ..., האָט מײַסעס דערציילט. מײַסעס פונ רעב ..., זײַנ זיידנ, האָט ער דאָכ געהאט זעק אונ טאָרבעס פול צו דערציילנ. אזעלכע מעשונענע מײַסעס, וואָס שטייענ גאָר ניט אינעמ סייפער... [„שבחי הבעש"ט"] (וואָס א ליניצער שויכעט, רעב בער, האָט צונויפגעזאמלט פונ אלע ליגנערס פונ זײַנ דאָר אפנ ... [באלשעמטאָוו] אונ פונעמ ... וועגנ צו זאָגנ אונ האָט עס געדרוקט, איידער רעב... האָט אָנגעהויבנ צו מײַסע־נענ). די גרעסטע ליגנס האָט דער רעב ... דערציילט מיט ערנצטע פרומע האווײַעס, גלײַכ ווי ס'איז עמעס אונ ס'וואָלט זיכ געטראָפנ באמ ...

די מײַסעס, עטלעכע אונ צוואנציק, האָט ער אומעטומ נאָכאמאָל אונ נאָכאמאָל אונ ווידעראמאָל אלצ דערציילט. בעשאס די טשאטע כסידימ קו־מענ זיכ צונויפ צו הערנ די מײַסעס, דענצמאָל איז די צײַט, וואָס די יונ־גע באלעבעסלעכ ווערבעווענ זיכ אליינ צו ווערנ כסידימ. כאָטש די עלטע־רע כסידימ קענענ שוינ די מײַסעס פונ צענ מאָל הערנ, טאקע פונ דעמ רעב ...נ, איז דאָס בא די יונגע צוציקעס גאָר א נײַע זאכ. מאכנ זיי מע־שונענע האווײַעס (יאָ פארשטאנענ, ניט פארשטאנענ, געשיקט זיכ עס אזעלכעס צו גלייבנ אָדער געשיקט זיכ ניט, — רעב ... אליינ, דעמ... [באלשעמס] אייניקל, האָט עס דערציילט, איז עס עמעס, אונ דער, וואָס זאָל, כאסוועשאָלעמ, ניט וועלנ אלצ אָנעמענ פאר מעזומענ, דער איז אנ אפיקוירעס).

די טשאטע כסידימ אונ די יונגע באלעבעסלעכ גיבנ אָבער גאָר ניט קיינ געלט, אָדער ווענ זיי גיבנ יאָ א קליינע מאטבייע, קלעקט דאָכ דאָס ניט רעב ...נ. טראָגט ער אָפּ די מײַסעס אהיימ צו די נעגידימ, דאָרטנ די סכוירע אָפּצולייגנ, מע זאָל אימ גרויסע מאטבייעס געבנ. א טייל גיבנ געלט אבי אימ פּאָטער צו ווערנ, ניט צו הערנ די כאלאָשעס־מײַסעס. א טייל ווערנ פארשווארצט אונ מוזנ אויסהערנ, דערנאָכ געבנ געלט רעב ...נ. אינ קאמענעצ איז דער רעב ... געזעסנ בא איינעמ אנ אוישער, רעב

1 פשוט נעווײלאָ באשוק וועאל טיצטארייכ לאבריִויס.

מוישע בלאנק, שפעט באנאכט מיט זײַנע מײַסעס-דערציילן. דער רעב מוישע בלאנק האָט אים שוין געגעבן א פּאָר קערבלעך. רעב ... דערציילט אָבער ווײַטער און ווײַטער. ס'איז שוין געווען נאָך האלבע נאכט, אלע האָבן געוואָלט זיך לייגן שלאָפן, ער וויל אָבער גאָר ניט אופהערן. האָט איינער א קלוגער א זאָג געטאָן:

— און מיקויעך דער מײַסע האָט איר, רעב ..., ניט געהערט, אפּאָנעם?

— וואָס, וואָס, וואָס פאר א מײַסע? — פרעגט דער רעב ... ער האָט געמיינט, אָט וועט ער דאָ האָבן א פרישן ליגן, עפּעס א פרישע מײַסע פונעם ... [באלשעם]. דאָס קאָן אים טויגן אין זײַן קראָם ארײַן. — זאָגט זשע, רעב קאָרעוו, וואָס פאר א מײַסע?

— איר ווייסט ניט, — זאָגט דער קלוגער שפּעטער, — איר ווייסט ניט, רעב ..., די מײַסע מיט דעם דיד און דער באביצע, מיט די קינדערלעך, וואָס דער בער איז געקומען און האָט א פּאָ... געטאָן, די טיר ארויסגעשלאָגן? ס'איז דאָך אויך א מויפעס!

דער גאנצער אוילעם האָט זיך אזוי צעלאכט, אז רעב ... איז אנטלאָפן געוואָרן. אזוי איז מען זײַנער פּאָטער געוואָרן בא רעב מוישע בלאנק.

אז מע ווייסט שוין ווער דער רעב ... איז און וואָס ער איז, וועט מען ערשט פארשטיין, אז דער קאָלטענעוואטער פּארנעס־כוידעש־קאהאלנע מיט זײַן „טאקע־פאקע", „כאָלילע" האָט זייער רעכט געטאָן אָפּצושיקן מיכל מאציוועס, מיכל בעלפער, וואָס האָט געגעסן אין א טאָנעס, אסאָראָ בעטייוועס, צום צאדיקס זון, צו דעם רעב ..., דעם ראָווס זון, צו רעב ...ס איינעקל: אי די שטאָט וועט אים פארשפּאָרן געלט צו געבן, אי דער רעב ... וועט האָבן געלט פון דעם הולטײַ, פון דעם פּאָשע יִיסראָעל, ווי ער וועט מושווע ווערן מיט אים.

ווו שטייט אײַנע רעב ...? בא שמערל טעוויעס דעם קאהאלנע. רעב טעוויע בילענקיס א זון האָט זײַן אײַנפּאָר, וואָס יידן שטייען אײַנ בא אים. קיין אוישער איז דער שמערל טעוויעס ניט פונעם יידישן אײַנפּאָר אין לויהאָיאָפּאָלי, דערצו איז דער שמערל טעוויעס טאקע רעב איציק זאיקעס איידעם. דעריבער האָבן עס ביידע מאסקימ געווען אפ רעב אוורעמל וועליס (וואָס קער אָן א פעטער רעב איציק זאיקעס ווײַב) אייצע, מיכלען אהין צו שיקן אפ א פסאק.

איידער די שאמאָסימ רעב יעכעזקל מיט לייבן האָבן געבראכט מיכל בעלפער צו רעב ...ן, זײַנען עטלעכע שוין פריער געקומען פארסאפּעט צו לויפן, זאָגן די פסורע, אז אָט פירט מען אים, דעם באָכער, און רעב ...ן געזאָגט מיטן לאָשן, ווי רעב אוורעמל וועליס האָט געגעבן צו פארשטיין, פון וועסט וועגן ער שיקט אים פון קאָהאָל אהער, קעדיי ער זאָל געלט מאכן.

דערצו דארפ מענ אפילע קיינ צײַט ניט צו פארשטיינ, אז רעב ... האָט
דאָס פארשטאנענ, ער דארפ דאָ געלט נעמענ. נאָר אזא אמאָרעצ, ווי רעב ...,
ווייסט דאָכ ניט וואָס עס קומט פאר אנ אוינעש פאר דער אווײדע עסנ
אינ א טאָנעס. געהערט האָט ער, אז אסאָראָ בעטייוועס איז עפשער איינער
פונ די ארבע טאנייסימ, האָט ער, ווי אלע אמעראצימ, געמיינט, דאָס הייסט
הארבע טאנייסימ, אונ ער, רעב ..., מוז זייער שטארק זיכ אָנעמענ די האר־
בע טאנייסימס קריוודע. ער מוז דאָכ באווײַזנ, אז ער איז נאָכ פרימער
פונ גאנצ קאָהאָל. האָט [ער] בא זיכ אָפגעקלערט, אז ער מוז דאָ שארפ
שמועסנ, ביפראט דער באָכער, זאָגט מענ, האָט געלט. איז דאָכ אוואדע
געניטיק צו מאכנ א גרויסע ווארע, מיט האווײַעס, ער זאָל זיכ דערשרעקנ.

רעב ... איז א דינ יידעלע מיט א ווײַסער יארמיקע, אינ א פיאָס גרע־
דיטירנ אלט זשופיצל מיט א סטראָקע, אָנ א גארטל. זעט מענ ארויס
דעמ טאלעסקאָטנ דעמ לאנגנ. ער זיצט אויווגאָנ באמ לאנגנ הילצערנעמ
פראָסטנ טיש, אפ א באנק א דעמבענער, א קישעלע פונ ציצ אונטערגע־
לייגט. אפנ טיש ליגט פאר אימ אָפנ א „זויהאר".

ער קוקט ארײַנ אינעמ „זויהאר" אונ ווייסט וואָס דאָרטנ שטייט (ווי
רעב ... זאָגט), ווי דער קאפאָרע־האָנ ווייסט וואָס עס שטייט אינ דעמ
„בניי־אָדאָמ", אָדער ווי דער פלעדערוויש ווייסט וואָס די קרעטשמערקע
זאָגט אינ קוימענ ארײַנ די בראָכע.

ווײַל דער גאנצער „זויהאר" איז אפ א גויִיש לאָשנ (ניט לאָשנקוי־
דעש — יידיש), אפ כאלדייִש לאָשנ, איז זייער שווער זיכ צו
שטויסנ, וואָס די ווערטער באטײַטנ אפ יידיש. כוצ לאָזע, האָט מענ דרי־
נענ אומישנע פארדרייט די נעמענ, קימאט טאקע קעדיי ניט איטלעכער
זאָל ויסנ וואָס מע מיינט. א פראָסטער ייד, אז ער וויל ויסנ, אויב דאָס
איז עמעס, וויל איכ, דער, וואָס באשרײַבט די מײַסע, זאָגנ נאָר איינ זאכ
פונעמ „זויהאר", וועט מענ מיר מודע זײַנ, אז ס'איז אקוראט אזוי. לע־
מאָשל, דער „זויהאר" רופט חכמה [1] — פאָטער, אונ בינה [2] — מוטער, ווײַל
מיט האוואָנע קאָנ מענ איינ זאכ פונ דער אנדערער מאמצי זײַנ. דעריבער
טוט דער „זויהאר" א בײַט, אונ רופט שוינ גאָר ניט חכמה [1] אונ בינה [2], נייִנ,
ער רופט שוינ דיביידע אבא [3] (דאָס הייסט דער פאָטער) ואמא [4] (דאָס
הייסט די מוטער), אָדער גאָר דכר ונקבא [5] (דאָס הייסט א זאָכער מיט

1 כאָכמאָ.
2 בינאָ.
3 אבאָ.
4 ווענימאָ.
5 דכאר ווענוקוואָ.

א נעקייווע). נו, ווי זאָל א מענטש, וואָס ווייסט ניט די שפרינגערישע פארדרייעכצן, וויסן, וואָס דכר ונקבא באטײַט?

דערפונ קאָנ מענ זיכ מעשאער זײַנ אפ דעמ איבעריקנ. דעריבער רופנ אלע כסידימ דעמ „זויהאר"—דער „זויהאר האקאָדויש" אָדער קאבאָלע, ווײַל דאָ ווערנ אלע גלײַכ הייליק. ער קוקט ארײַנ אָדער ער זאָגט „זויהאר", אונ קיינער ווײַט אימ ניט אָפּפרעגנ דרינען. ער זאָל האָבנ פאר זיכ א געמאָרע אָדער אנ אנדער יידיש סייפער, וואָלט עמעצער געקאָנט קומענ פרעגנ: „רעבע, דו זאָגסט, דו ווייסט וואָס אפנ הימל טוט זיכ. אנו, זאָג מיר דעמ פשאט אינ דער געמאָרע אָדער א הארבנ טויספעס. קאָנסט ניט? ביסטו א פראָסטער ליגנער".

דער „זויהאר" מעג זײַנ צוגעמאכט אָדער אָפנ, פאר רעב ...נ איז גאָר גלײַכ. פונ כיינ וועגנ טויג צומ שווינדל, דער „זויהאר" זאָל ליגנ אָפנ, אונ רעב ... קרעכצט אונ קוקט ארײַנ. קרעכצנ קאָנ ער זייער ווויל אויסנווייניק.

אינ שטוב ווערט שטיל־שא, אז דער מיכל בעלפער איז ארײַנגעקו־מענ. די צוויי שאמאָסימ שטאָרקענ מיכלענ ארופ צו רעב ...נ, אונ זיי בלײַבנ פונוויײַטנס שטיינ. אלע גלאָצנ מיט די אויגנ אפ רעב ...נ, וואָס ער וועט דאָ זאָגנ אונ וואָס אזא ...ס אייניקל, דעמ ...ער ראָווס א זונ, וועט טאָנ.

רעב ... טוט א מאכ צו דעמ „זויהאר" אונ קוקט קלאָמערשט גאָר ניט אָנ דעמ מיכלענ. נאָר די שאמאָסימ טוט ער א פרעג:

— וואָס האָט איר מיר געבראכט דעמ ראָשע אהער צו מיר? מײַנ זיידע אונ מײַנ טאטע האָבנ געננג געטראָגנ די גאנצע וועלט אפ זייערע פלייצעס.

יעכעזקל שאמעס גייט צו, אונ לייב דער בלינדער שטעלט זיכ הינטער יעכעז־קלענ.

— רעבע, אינ לויהאָיאָפּאָלי, רעבע, האָט זיכ נאָכ אזא מײַסע ניט פארלאָפנ אזא מײַסע. איז קאָהאָל געזעסנ קאָהאָל... וואָס שטאָרקעסטו מיכ, בלינדער הונט? איכ קאָנ, באָרעכאשעמ, שמועסנ איכ... (דאָס האָט יעכעזקל אינ־מיטנ געזאָגט צו לייבנ). מיילע, רעבע, האָט קאָהאָל געזאָגט קאָהאָל, אז אזא גרויסער גוטער־ייִד גרויסער איז גראָד אינ לויהאָיאָפּאָלי... לייב, איכ וועל דיר געבנ א פליאסק, וועט דיר דאָס אנדערע אויג אויכ ארויס דאָס אנדערע אויג... וויל קאָהאָל, רעבע, וויל קאָהאָל, איר זאָלט אימ געבנ א פסאק איר, צי פונ דער שטאָט ארויסטרײַבנ פונ דער שטאָט, אונ פונעמ שידעכ אימ מיט ארנ שאמעסעס מיידל אימ אָפּ... לייב, איכ זאָג דיר נאָכ־אמאָל איכ, אז דו זאָלסט מיכ ניט שטאָרכענ דו. איכ קאָנ, באָרעכא־שעמ, שמועסנ איכ. מיר דארפ מענ די צונג ניט פיקנ מיר... אונ פונעמ כיידער, ווו ער איז א בעלפער אינ כיידער, אימ אוואדע...

יעכעזקל האָט נאָך ניט אויסגערעדט דאָס איבעריקע, כאַפּט זיך אָן רעב ... מיט ביידע הענט בא ביידע פּייעס, אופשטייענדיק מיט א ווילד-פרומען געשריי:

— סטײַטש, אזא ראָשע זאָל זײַן אין א כיידער, ווו יִדישע קינדערלעך לערנען? ריבוינעשעלוילעם, קודשא בריך הוא[1], האָב ראַכמאָנעס אף יִדישע קליינע קינדערלעך! אזא ראָשע זאָל לערנען מיט דײַנע יִדישע קינדערלעך? ניין, ניין, איך הייס ניט, בעשום אויפן ניט. אוי און ווי געשריגן! אן ערלעכן יִדנס א טאָכטער זאָל נעמען אזא פּאָשע, אזא ראָשע? ניין, ניין, איך הייס בעשום אויפן ניט. ניין, ניין, בעשום אויפן ניט, ניין, איך הייס ניט...

דער רעב ... וואָלט זיך ווײַטער צעברענט און עפּשער געהייסן פון דער שטאָט אויך ארויסטרײַבן, האָט ער זיך דערמאָנט, אז מע דארף געלט נעמען, איז ער געבליבן א מינוט שטיל־שווײַגנדיק און א קוק געטאָן אף מיכלען.

מיכל דער קלוגער האָט זיך טייקעף געשטויסן און טוט זיך א נעם צום געלט-בײַטעלע, וואָס הענגט בא אים אפן האלדז, און טוט א ווײַז דעם רעב ... (ווי איינער רעדט: אָט איז עס, וואָס דו ווילסט, רעב ...). דערבײַ זאָגט ער:

— רעבע! דער שאמעס האָט אײַך ניט דעם עמעס געזאָגט. קאָהאָל, זאָל לעבן, האָבן מיך צו אײַך געשיקט, אײַך צו בעטן, איר זאָלט בא מיר נעמען אף א פּידיען. פאר מײַן אווייִרע בין איך שוין גענוג אָפּגעקומען כאר-פּעס און בושעס. זאָגט, רעבע, וויפל זאָל איך אײַך געבן אף א פּידיען? איך האָב אכט יאָר געהאָרעוועט אף מײַנע עטלעכע גראָשן, קאָהאָל האָב איך אויך געגעבן צען גילדן אף א טרונק. זאָגט, רעבע, מיט ראַכמאָנעס: וויפל זאָל איך אײַך געבן אף א פּידיען?

דאָס גאנצע זאָגעכץ האָט מיכל גיך און זייער געשמאק אָפּגעזאָגט אין צוויי מינוטן.

רעב ... האָט ניט קיין צײַט געהאט זיך מעיאשעוו צו זײַן און מיט א גרויסן שווערן פרומען קרעכץ זיך צוריק אף דער באנק א זעצ געטאָן, אָפּגעלאָזט די פּייעס. נאָך א קרעכץ און נאָך א קרעכץ. דערנאָך טוט רעב... א זאָג:

— ראָשע! אזויפיל, וויפל דײַנע נאָמען באטרעפט, אזויפיל גילדנס זאָלסטו געבן רעב ...ס אייניקל אף א פּידיען. הערסטו, ראָשע?

שמערל טעוויעס כאַפּט א קרײַדל און באכעזשבנט, טוט א זאָג:

— אקוראט הונדערט גילדן,—און טוט זיך א קער צו מיכל בעלפּער:— צייל, באָכער, און מאך קיין האווײַעס ניט. עס וועט ניט פעלן. כ׳לעבן, דו

---

1 קודשאָ בריך הו.

האָסט מאזלֿ, וואָס דו הייסט נישט נתן [1], וואָלֿסטו געמוזט געבנ ת'יק [2] זהוּוים. גיב גיכער, ווײַלֿ דו הייסט מיכלֿ, אפ דייַנ טרייפ מאזלֿ, נאָר הונדערט גילֿדנ.

מיכלֿ בעלֿפער זעט, אז רעב ... קוקט שוינ זייער שטארק אונ ווילֿ שוינ די הונדערט גילֿדנ א שלֿעפּ טאָנ, הייבט ער אָנ מיט א ראכמאָנעס־פּאָנעמ צו בעטנ:

— רעבע, לֿאָז געננוג זייַנ האלבע גילֿדנ, ווי מע גיט פּורים כופּר־נפש [3]־געלֿט צו האלֿבע גילדנ. כ'לֿעבנ, כ'האָב, נעבעכ, זייער שווער געהאָ־רעוועט אפּ מייַנע...

רעב ... ווערט אינ קאעס:

— גיסטו, ראָשע, ווי רעב שמערלֿ האָט באכעזשבנט, טייקעפּ, איז גוט, אז ניט — וועלֿ איכ...

מיכלֿ זעט, די שפּילֿ איז פארנ טייַוולֿ: אזא רעב ... האָט לֿיבער געלֿט פונ ראכמאָנעס. טוט ער מיט א ביטער הארצ א צייַף שמערלֿ טעוויעס אינ די הענט אריינ אונ קלֿינגט אומיסנע מיט איטלֿעכנ גילדנ בעשאסנ צייַפֿנ. ער האָט געהערט, אז פּראָסטע פּאָווערנ בא א פור האָלֿצ קויפנ העלפט ד'אָס קלֿינגענ מיט געלֿט בעסער אויסצודינגענ, אונ ציילֿט אָפּ נאָר נייַנציק גילדנ.

ער טוט א קוק צו רעב ...

— רעבע! איאָ, די צענ גילדנ, וואָס קאָהאָלֿ, זאָלֿ לֿעבנ ..., נעמט איר אָנ? זיי האָבנ דאָכ אייַכ געשיקט דעמ פּידיענ, איאָ, רעבע?

בא רעב ... האָט טאקע דאָס קלינגענ געפּויעלֿט, אז ער האָט געשוויגנ. האָט שוינ שמערלֿ צוגענומענ די נייַנציק גילֿדנ, ניט מער.

נאָר רעב ... האָט, כוצ דעמ געלֿט, עפּעס צו באברעמענ די גאנצע זאכ א זאָג געטאָנ מיט א פרומער האווייַע:

— א האלב יאָר נאָכאנאנד זאָלֿ מענ אימ ניט אופרופנ אונ ניט צו־לֿאָזנ צו קידעש־לֿעוואָנע. הערט איר, ראבויסימ?

מיכלֿ בעלפער איז נעבעכ אוועקגעגאנגענ מיט א שווער הארצ אונ מיט א גרינג בייַטעלֿע. שפּעטלֿעכ איז שוינ געווענ, אונ בא א טאָנעס־טאָג שלֿעפּט מענ די נאכט־שטערנ (אָדער ווי אנדערע רופנ — די בראָנפנ־שטערנ, ווײַלֿ אז שטערנ שטייענ, מעג מענ א טרונק בראָנפנ טאָנ) באצייַטנ ארויס. איז דער אוילֿעמ געגאנגענ איטלֿעכער זייַנ וועג.

רעב ... האָט דערטאפּט אזא בארג געלֿט. אזויפילֿ מאכט ער ניט אפילע אינ פיר שטעט. האָט ער נאָכ דער וועטשערע טייקעפּ געהייסנ אייַנשפּא־

1 נאָסנ.

2 טאק.

3 קויפער־נעפּעש.

נעבן די פור און אוועקגעפאָרן ווײַטער לײַגן, ווײַטער מײַסעס דערציילן. ניט גיך ווען זיך אים אזא מײַסע טרעפן, ווי אין לויהאָיאָפּאָלי.

די שטאָט לויהאָיאָפּאָלי האָט געהאַט וואָכן־לאַנג צו ריידן און צו שמו־עסן פון מיכל מאצייוועס מײַסע. ווערטלעך, גלײַכע ווערטלעך זײַנען גע־פלויגן אף מיכלס טאָנעס און אף זײַנע טײַנעס.

ארן שאמעס האָט צעריסן די טנאָים.

רעב שלוימע בעשעכעס האָט אן אנדער בעלפער צוגענומען.

וואָס איז פון מיכל מאצייווע געוואָרן, וועלן מיר שפּעטער וויסן.

## 6

ניט ווײַט פון לויהאָיאָפּאָלי, א מײַל פון דער שטאָט, האָט געהאלטן דאָוויד סמיק אן ארענדע פון א גרויס דאָרף נימיִעוקע, וואָס האָט געקערט צום לויהאָיאָפּאָלער סאר.

דער דאָוויד סמיק האָט געהאַט איינ־איינציקע טאָכטער, אן אויסגעגע־בענע, וואָס דער איידעם, א גוט קינד זײַנוועלע, דעם אָסטרער מאגידס אן איניקל, האָט אים געקאָסט זייער פיל געלט, איז געזעסן און האָט געלערנט, און איינ־איינציק יינגל נאפּטאָלקע, א ייִנגל פון א יאָר פופצן, זייער א מיִעסער, א געשטופּלטער באָכער, א נאר און א גרויסער אמאָרעצ. אפילע דאוונען האָט ער ניט געקענט.

מעלאמדים פלעגט מען צו האלטן און א בעלפער אוואדע, נאָר נאפּ־טאָלקע האָט ניט געוואָלט לערנען. עפּשער מע זאָל אים געוועֶן שלאָגן און נייטן, וואָלט נאפטאָלקע געמוזט לערנען. איז אָבער דאָוויד סמיקס ווײַב, ברײַנע־דאָבריש, געוועזן די גרויסע בעריע צו דער ארענדע (אז מע האָט געזאָגט, נאָר דורך איר האָט דאָוויד סמיק די צען טויזנט רענדלעך זײַן אייגנס. ווען ניט זי, וואָלט ער ניט געהאנדלט מיט אָקסן און וואָלט אפילע ניט געטויגט א קאצ א שוואנצ צו פארבינדן. נאָר זי, נאָר ברײַנע דאַבריש). זי, די מוטער, האָט ניט געלאָזט א ריר טאָן נאפטאָלקען. ער איז בא דער מאמען דאָס אויג אין קאָפּ, א בעניאָכיד.

אז אזא נאפטאָלקע איז עלטער געוואָרן און איז גאנצע טעג ליידיק ארומגעגאנגען מיט אלע קאליקעס דאָרף־שקאָצים (ווײַל די גע־זונטע פּאָווערישע קינדער ארבעטן אפן פּאָרעצ, נאָר סײַדן א קאליקע גייט ליידיק), איז בא אים געוועזן א ווילער מאָסע־מאטן, אז א ראָטע סאָל־דאטן זײַנען אָנגעקומען אין דאָרף ארײַן. ער איז מיט די סאָלדאטן גאנצע פרײַ ארויסגעגאנגען צום מושטיר הינטערן דאָרף און איז געגאנגען זען, ווי מע לערנט באזונדער איטלעכן סאָלדאט דעם נאָמען פונעם קייסער זאָגן און דער קייסערינעס, מיט אלע דעם קייסערס קינדערס נעמען, און דעם

הויפּט־יענעראַלס נאָמען אויסנווייניק צו קענען נאָכזאָגן, ווי מע פּוצט די ביקסן, די קנעפּלעך פונעם מונדיר. אומעטום איז נאַפּטאָלקע געווען.

די פויקערס זייַנען אים געווען גאָר א ווילע זאַך. ער האָט גע־בראַכט פּלעשלעך בראָנפן פון דער היים, מע זאָל אים לאָזן קלאַפּן אַף דער פּויק א ביסל מיט די שטעקלעך. די אָפיצערן און אַלע סאָלדאַטן האָבן געקענט נאַפּטאָלקען באַם נאָמען, און ער האָט זיי אַלע שיירעסן געטאָן.

זייַנוועלע דער איידעם האָט געזען, אַז שאַבעס אַפילע איז נאַפּטאָלקע ניטאָ צום דאַווענען, ניט צום עסן. ווּ איז ער? באַ די סאָלדאַטן. שפּעטער איז ער געקומען, האָט אים די מוטער געגעבן צו עסן, און ער איז באַלד צוריק געלאָפן זען, ווי מע שערט די קעפּ באַ די סאָלדאַטן.

אומישנע איז רעב זייַנוועלע געגאַנגען שאַבעס פאַר מינכע איבערן דאָרף און האָט געזען נאַפּטאָלקען גיין מיט צוויי שיקסעס און מיט אַן אָפיצערס קנעכט, זייער כאָרעד צום קאַפּיטאַן פון דער ראָטע, און, ווי עס האָט א פּאָנעם געהאַט, איז נאַפּטאָלקע ניט ניכטערן געווען און האָט גע־רעדט מיִעסע ווערטער מיט די שיקסעס. נאַפּטאָלקע האָט מאַכמעס טירדעס און מאַכמעס בראָנפן אין קאָפּ דעם שוואָגער זייַנוועלע ניט געזען. אַכוץ דעם האָט זייַנוועלע געזען באַ נאַפּטאָלקען אַרויסשטעקן א פּלעשל בראָנפן פון דער קעשענע, [און] אין א דאָרף טאָר מען שאַבעס ניט טראָגן.

זייַנוועלע האָט שאַבעסצונאַכטס אַרייַנגערופן דעם שווער רעב דאָוויד סמיק מיט דער שוויגער בריַינע־דאָבריש און זייַן ווייַב ביילצע צו זיך אינעם שטיבל, ווּ ער איז געזעסן און געלערנט. דאָ האָט זייַנוועלע אַלע דריַי דערציילט, וואָס ער האָט דעם שאַבעס געזען פון נאַפּטאָלקען און האָט מיט אַזאַ לאָשן און מיט אַזאַ ווייגענדיק קאָל גערעדט, אַז זייַן ווייַב ביילצע און אַפילע די שוויגער בריַינע־דאָבריש האָבן אָנגעהויבן צו וויינען. דאָ־וויד סמיק, דער שווער, האָט געטייַנעט, אַז נאָר דאָס ווייַב, נאָר די מוטער איז שולדיק.

זייַנוועלע, דער קלוגער לאַמדן, האָט פאַרשטאַנען, אַז פון דעם „דו ביסט שולדיק, נאָר דו ביסט שולדיק" וועט קיין רעפּוע צו דער מאַקע ניט זייַן, און פון דעם, וואָס בריַינע־דאָבריש שלאָגט זיך מיט ביידע קולעקעס אין קאָפּ אַריַין, וועט נאַפּטאָלקע ניט ווערן קיין אַנדער מענטש. דערצו האָט נעבעך זייַן ווייַב ביילצע, א מעובערעס ווייַבל, אָנגעהויבן צו כאַלעשן, און מע האָט זי קוים־קוים דערמינטערט.

אַז ס'איז א ביסל שטילער געוואָרן, האָט זייַנוועלע געבעטן דעם שווער מיט דער שוויגער, [זיי] זאָלן זיך אַנידערזעצן לעבן ביילצען, וואָס מע האָט זי אַנידערגעלייגט אַף זייַנוועלעס בעטל.

— הערט זשע צו, — זאָגט זייַנוועלע מיט א פריילעכער האַווּיע, —

איך האָב נאָך א רעפוע, וויאזוי איר זאָלט ארויסראטעווען אייער בעניאָ-כיד. נאָר איר מוזט מיר צוזאָגן, מיך טייקעף צו פאָלגן.

די שוויגער ברײַנע-דאָבריש שפרינגט צו צום איידעם מיט א האלדזן און מיט א געבעט:

— יאָ, טאקע, דו בישט הײַנט און אימידאָר, צאנצילאָמיש, א גוט קינד, צאנצילאָמיש. זאָג פון די שייפערס, וואָס מע זאָל טאָן, צאנצילאָמיש. איך וועל דיר אוועקגעבן מײַן סטערנטיכל, דאָש גרוישע. ראטעווע מיך, צאנצילאָמיש, ווײי איז דער מאמען, אָך איז דער מאמען, צאנצילאָמיש.

— גוט, וואָס איר ווילט אײַער שטערנטיכל אוועקגעבן. נאָר ניט מיר. איך וויל ניט, — זאָגט זײַנוועלע. — דאָס שטערנטיכל זאָלט איר געבן אײַער בעניאָכיד, און נאָך זעקס הונדערט קערבלעך נאדן-געלט זאָלט איר אויך געבן אײַער בעניאָכיד, און לאָמיר פרי א פאָר טאָן אין שטאָט אריין. ווי מע האָט דאָנערשטיק דערציילט פון דער שטאָט, האָט דער ארג שאמעס זייער א שיין מיידל. איר האָט דאָך געהערט די מײַסע פון רעב ...ס פסאק די מנאָים צו צעררײַסן? איז דאָך דאָס מיידל אצינדערט ניט קיין קאלע. נו, לאָז זי ווערן נאפטאָלקעס קאלע. כאָטש מײַן זיידן איז עפשער קיין קאָווער ניט געוועזן צו זײַן ארג שאמעסעס מעכוטן, נאָר קעדיי ער זאָל ניט ווערן, כאסוועשאָלעם, מאציקס מעכוטן, מוז מען דעם שידעך טאָן... (ברײַנע־דאָב-ריש וויל עפּעס זאָגן.) איך בעט אײַך, שוויגער, שווײַגט און הערט מיך אויס אינגאנצן. אז אײַך וועט קאָשע זײַן, וואָס טויג צו אזא שידעך א גרויסער נאדן און אזא גרויס שטערנטיכל, מוז איך אײַך זאָגן, אז די שטאָט־לײַט זײַנען גאָר קיין נאראָנים נישט. אויערן און אויגן האָבן זיי אויך, אונדזער נאפטאָלקעס כעפציעס ווייסט מען אין לויהאָיאָפּאָלי בעסער ווי איר ווייסט. זיי האָבן געהערט אוואדע מער, ווי איך האָב געזען. אָנ־צוקוקן אונדזער נאפטאָלקען איז א שטאָט-מאן א מייווון, וואָס אין אים שטעקט. דער ארג שאמעס וויל אויך האָבן אן איידעם, וואָס זאָל כאָטש א ביסל קענען לערנען, און דאָס מיידל, כאָטש א בעסמעדרעש־שאמעסעס א מיידל, וויל א שיינעם כאָסן. איך האָב געזען דאָס מיידל אומישנע, בעשאס איך בין געפאָרן אנומלט יאָרצײַט־האָבן אין שטאָט ארײַן. א יע-פאס־טויאר, זייער, זייער א שיין מיידל, און גאָר קיין נאר נישט, ווי מע האָט מיר דערציילט. מיר איז נאָך דענצמאָל אײַנגעפאלן, [אז] פאר נאפ-טאָלקען וואָלט זי געקאָנט זײַן א רעפוע. ער וועט דעם שיינעם מיידל צו-ליב ווערן א סטאטעק... (דאָוויד סמיק שאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ!) נאָר זי איז שוין געוועזן א קאלע פאר דעם מיכלען. אצינדערט, אז דער שידעך איז צונישט געוואָרן, מוז מען טייקעף זאָגן צום אלעם ערשטן, אז זעקס הונדערט קערבלעך און אײַער גרויס שטערנטיכל דערצו — דאָס איז אזא לאקאָמע זאך (דאָוויד סמיק שאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ!), אז ארג שאמעס מיטן

ווײַב און דאָס מײדל װעלן אויך אזוי מאכן מיטן קאָפּ: יאָ! ווי דער שווער מאכט...

— צאנצילאָמיש, מושטו, מײַן קינד, מיט אונדזש פאָרן אין סטאָט ארײַן. איך וועל דיך פּאָלגן. ביילצע, נעסאָמע מײַנע, דו בלײַב אין קרעצ־מע. צאנצילאָמיש, וועט דאָך דרײַ-פיר טאָג געדויערן, וועשטו די האָדײַעש געבן הירז און מעל און צו קוואָרט בראָנפן. איאָ, דאָוויד? (דאָוויד סמיק שאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ!)

זײַנוועלע טוט א שאָקל מיטן קאָפּ:

— ניין! איך זאָג, מע זאָל טאָן דעם שידעך און טײקעפּ כאסענע מאכן. ניט אָפּלייגן די כאסענע, בעשום אויפן ניט. ביילצע לאָז טאקע אין דער היים בלײַבן, איך וועל נאָר אזוי לאנג בלײַבן מיט אײַך אין שטאָט, ביז דער שידעך וועט זײַן. די כאסענע וועט איר מאכן אָן מיר. איך קאָן ביילצען ניט לאָזן אין דער היים גאנצע אכט טעג, בא אזא צײַט, ווי זי איז אפּ דער צײַט. אָפּלייגן די כאסענע טאָר מען ניט. איר זענט דאָך א קלוגע, דארפט איר, שוויגער, צו פארשטײן, אז בא אזא שידעך מוז מען גיך כא־סענע מאכן. א טערעצ איז דאָ, אז איר האָט ניט צײַט, אז איר האָט אָקסן אויסצוריכטן און קאָנט ניט איבערלאָזן דאָס דאָרף אליין. דאָס וועל איך אין די רייך אלצ אויספּײַנען, אז עס זאָל רעכט זײַן... (דאָוויד סמיק שאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ!) מיר בלײַבט נאָך א גרויסע ארבעט. ביילצע וועט מיר אויך מוזן העלפן אונדזער נאפּטאָלקען כײשעק צו מאכן צו פאָרן. ער וועט ניט וועלן אוועקוואַרפן זײַנע מאָסקויטער. ביילצע מוז לויבן דאָס שיינע מײדל, וואָס מע רעדט אים פאר א קאלע, און איך וועל זאָגן, אז צו אזא ווילן שידעך מוז מען טייקעפּ פאָרן אין שטאָט ארײַן טאָן, קעדיי אַנ אנדערער זאָל זי ניט אוועקכאפּן. נו, בלײַבט דאָס אזוי? זאָגט!

— צאנצילאָמיש, זאָלשטו מיר מײַריכ־יאָמים זײַן, מײַן זײַנוועלע שער־צע. ער איז דאָך אָבער נאָך ניסט געקומען, צאנצילאָמיש, וועל איך מוזן סיקן דעם סטאָריז אים זוכן. ווײ און פינטשטער איז דער מאמען, צאנצילאָ־מיש. הא, ווי זאָגשטו, דאָוויד? ער איז נאָך ניסטאָ?

ביילצע טוט א געשריי:

— שא, אָט הער איך זײַן קאָל אין דרויסן.

נאפּטאָלקע קומט ארײַן אין א ראצעמאָרן זשופּיצל מיט א סטראָקע אינעם שטרײַמל, נאָר שטיקער פונעם זשופּיצל זײַנען אָפּגעריסן, פונעם לײַב געריסן, און דאָס שטרײַמל איז פון דער בלאָטע אויסגעשמירט. מיט אים קומט א שיקערער סאָלדאט, וואָס רײַסט און טשעפּעט זיך אין אים. דער סאָלדאט זאָל ניט שיקער זײַן, וואָלט נאפּטאָלקע ניט געקאָנט אנט־לויפן, נאָר ווײַל ער איז שטארק שיקער, האָט אים נאפּטאָלקע געקאָנט שלעפּן ביז אהער.

— וואָס וויל, צאנצילאָמיש, ווײ איזש דער מאמעג, דער מאָשקוויטער פון דיר, נאפטאָלקע? — פרעגט ברײַנע־דאָבריש דעם בעניאָכיד, — ווײ אוג פינטשטער איזש דער מאמעג!

כאָטשע נאפטאָלקע איז אויך א ביסל ניט ניכטערג געווען, נאָר דאָס ביסערניש, וואָס דער סאָלדאט רײַסט אים אלץ און רײַסט אים ווײַטער נאָך שטיקערווײַז פונעם זשופיצל גראָד דערצו פאר דעם שוואָגער זײַנוועלעס אויגג (פאר דעם שוואָגער זײַנוועלע האָט ער מער דערעכערעץ געהאט, ווי פארג פאָטער מיט דער מוטער), דאָס האָט נאפטאָלקען גאָר ניכטערג געמאכט. ער רעדט ווי א פארשעמטער:

— ווייש איך וואָש ער וויל דער סיקעריסקע, ער זאָגט, איך האָב בא אים געגאנוועט א מעסנ קנעפל, וואָש קאָשט א גילדנ. זאָלג מיר די הענט אָפּגענומענ ווערנ, אויב איך האָב עש גענומענ! סלאָגט ער מיך אונ סלעפּט מיך צום כיעל־כעבל (פעלדפעבל). סוינ פונ א סאָ סלעפּט ער מיך אונ רײַשט מיך.

זײַנוועלע איז געשווינד געפאלנ אפ אנ אייצע און זאָגט:

— שוויגער, גיט דעם שיקער מאָסקוויטער א גילדנ. וואָס איז, נעבעכ, נאפטאָלקע שולדיק, אז א שיקער טשעפּעט זיכ צו אים מיט א ביקבל? דאָס זשופיצל איז בלויז אנ אלט זשופיצל, א כארפּע פאר נאפטאָלקען. איר וועט דאָכ אים בלויז מאכנ נײַע ווילע מאלבושימ, אז ער ווערט מאָרגנ, אימירצעשעמ, א כאָסנ? טו אויס, נאפטאָלקע, דאָס צעריסענע זשופיצל. פע, ס׳איז ניט שיינ, א נאָגידס א זונדל, וואָס דארפ מאָרגנ טנאָימ שרײַבנ, זאָל זיכ פּאָרענ מיט א שיקערנ מאָסקוויטער.

דאָוויד סמיק שאָקלט מיטנ קאָפּ פונווײַטנס, נאפטאָלקע זאָל ניט זענ, צו זײַנוועלענ, ווי איינער זאָגט: זייער קלוג! און גייט מיט ברײַנע־דאָבּרישנ ארײַנ אינ דער קרעטשמע. דעם סאָלדאט שלעפּט ער מיט זיכ אהינ. בלײַבט זײַנוועלע מיט ביילצענ און נאפטאָלקענ איבער אינ שטיבל.

ביילצע טוט נאפטאָלקענ א צי אינ א זײַט, און זײַנוועלע זעצט זיכ לערנענ באמ טיש: קלאָמערשט ער הערט נישט און ווייסט נישט פונ וואָס דער ברודער מיט דער שוועסטער שמועסנ. זי רעדט אינ אים ארײַנ מיט אלע קויכעס, און ער, נאפטאָלקע, זאָגט אלץ:

— ביילצע-קאפּיילצע, ש׳איז א ליגנ. ווריאָש, ביילצע-קאפּיילצע, ש׳איז א ליגנ. אזא סיינ מיידל, וואָס כּוט זי אינ לויהאָיאָבאָלי?

ביילצע רעדט און רעדט, דערנאָכ טוט זי א זאָג הויכ:

— פרעג דיר אים, זײַנוועלענ, איאָ, זײַנוועלע, דעם סידעכ מיט דעמ סיינעם מיידל רעדט מענ אים?

זײַנוועלע גייט צו צו נאפטאָלקענ און גיט אים א גלעט:

— אָכ איז מיר! אזא נאפטאָלקע, אזא פאָטער אנ אוישערס א זונ,

מיט זעקס הונדערט קערבלעך נאדן, און די מאמע וויל דעם בעניאָכידס קאלע אוועקגעבן איר שטערנטיכל, דאָס גרויסע שטערנטיכל, — פארוואָס זאָל דאָס שיינע מיידל אים ניט נעמען? אז נאפטאָלקע וועט מיך א בעט טאָן, פאָר איך מיט אים אין שטאָט אריַין. דער שווער מיט דער שוויגער אפּ א באזונדער בריטשקע. וועל איך מיך אריַינלייגן, דער שידעך זאָל זיַין, און סאקע טייקעף די כאסענע. נאָר דיך, ביילצע, וועל איך ניט מיטנעמען, וויַיל דו קריגסט דיך מיט אים. נו, בעטסטו מיך, נאפטאָלקע?

— וויאַזוי בעטן אים? — זאָגט נאפטאָלקע. — אז דו ווילשט, נעם זי ניט מיט, זי וועט סעלטן די קאלע, און געסעדיקט לאָש זי דאָ זיַין. איאָ?

— אין שטאָט, — ענטפערט זיַינוועלע, — וועט מען טייקעף מאָרגן, אימיר־צעשעם, שיקן צום קרעמער און נעמען אפּ צוויי נייַע ראצעמאָרענע זשו־פּיצלעך און אפּ א ראדזיווולקע אויך:

— און נייַע פלודערן, לאָש זיַין געלע, — זאָגט נאפטאָלקע, — מיט גוטע קנעפּלעך, ווילע...

— פארשטייט זיך, — זאָגט מיט אן ערנצטער האוויַיע זיַינוועלע, — דער שניַידער וועט פארשוואַרצט ווערן, אז ער וועט ניס מאכן געלע פלודערן און א געלן ארבעקאנפּעס, ווי צו א כאסענע א גאָגידס א זונדל שטייט אָן.

— און ספּאָגל־נייַע קאָזלאָווע סיך מיט ספּיצן, איאָ, זיַינוועלע? צו א כאסענע מאכט מען מיט צוועקעש סיך מיט ספּיצן, קאָזלאָווענע. איאָ? — זאָגט נאפטאָלקע.

— גיי דו, נאפטאָלקע, לייג דיך שלאָפן, וויַיל מיר דארפן גאנץ פרי אופשטיין פאָרן אין שטאָט אריַין. אז איך וועל זיַין אין שטאָט, וועל איך דיר טייקעף לאָזן מאכן קאָזלאָווע שיך. דער שוסטער וועט פון מיר האָבן א שוואַרצן סאָפ, ער מוז מאכן נאפטאָלקען מיט דער מאָדע ווילע שיך. דו וועסט ניט טאָרן א וואָרט זאָגן, ביילצע, ווייסטו פארוואָס, נאפטאָלקע? אנו זאָג.

— וויַיל די מיַיז וועלן איר צעעשן די יופּעס, וואָרן זי איז מעובערעש, — זאָגט נאפטאָלקע.

— נאר איינער! — גלעט, זיַינוועלע נאפטאָלקען, — בעסער זאָג, וויַיל מיר וועלן זי ניט מיטנעמען אפּ די טנאָים און ניס אפּ דער כאסענע. לאָז זי דאָ בלייַבן, איאָ?

נאפטאָלקע טוט א לאך.

— לאָזש זי דאָ זיַין אין נימיעווקע. מיר וועלן זיַין אין לויהאָיאָפאָלי אפּ דער כאשענע. איאָ, מיך וועשטו מיטנעמען, זיַינוועלע?

דער קלוגער זיַינוועלע האָט אלץ ווויל אויסגעפירט. פאר געלט איז דער פּארנעס־כוידעש טעוויע בילענקיס מיט זיַין זון שמערל טעוויעס באלד געוואָרן שאדכאָנים.

ארנ שאמעס מיט זײַנ װײַב אונ זײער מײדל שײנצע, די זײער שײנע שײנצע, זײַנענ געקומענ צו שמערל טעװיעס, דאָרט, װו דער כאָסנ איז אײַנגעשטאנענ מיט זײַנ פאָטער. אונ מוטער. אונ זײַנװעלע האָט זיכ גע־שאסטעט אונ געװאָרפנ אפ אלע זײַטנ: מיט שנײַדערס, קרעמערס אונ שוס-טערס. האָט ער געלאָזט מאכנ פונ נאפטאָלקעס װעגנ זשופיצלעכ אונ געלע פלודערנ אונ קאָזלאָװע שיכ. נאָר מיט א טנאַי: מע זאָל באנאכט װי בא-טאָג נײענ אונ פארטיק מאכנ אפ דינסטיק.

שײנצע האָט א קוק געטאָנ אפ דעמ גרויסנ שטערנטיכל, נאָכ א גרע-סערס װי גיטעלע רעב גאװריִעלס. דאָס שטערנטיכל װעט זײַנ אירס, אונ זי װעט גײנ דרינענ. דער כאָסנ מעג זײַנ א שטומער אפילע, פארגעסט זי אינ דער מינוט, װאָס זי זעט דאָס רײַכע גרויסע שײנע שטערנטיכל. ארנ שאמעס אונ סאָרענ איז אװאדע װויל. שײנצע איז שוינ אנ אשירעס. כוצ דעמ איז נאפטאָלקע א בעניאָכיד בא אזא געזונטנ טאטנ, װאָס האָט עפ־שער צענ טויזנט רענדלעכ זײַנ אײגנס. דערצו באשײַנט זײַנװעלע אפילע נאָכ א מיִעסערנ כאָסנ.

נאפטאָלקע גײט אלעמאָל אונ גיט א קוק אפ דער זײער שײנער שײנ-צענ אונ גלײבט זיכ אלצ ניט, אז דאָס שײנע מײדל װעט װערנ זײַנ קאלע אונ באלד טאקע זײַנ װײַב. ער פארבײַסט מיט די ליפּנ אונ זאָגט אלצ שטילערהײט צו דער מוטער ברײַנע-דאָברישֿ:

— אוי־װאַ, מאמע, איז עש א סײנע, אָװא, סײנ, װי הײשט זי, מא-מע, די סײנע? זאָג סוינ, נו, זאָג סוינ, מאמע, נו, זאָג סוינ!

---

ס'איז דאָכ װינטער, איז באלד נאכט געװאָרנ. דאָ, בא שמערל טעװיעס, האָט מענ געדאװנט מינכע אומײַרעװו. שמערלס װײַב אונ די מוטער אירע האָבנ דאָכ אינצװײענ א סימכע: אי שאדכאָנעס נעמענ די מאנענ, אי דאָ װעט מענ מאכנ א װעטשערע מיט טנאָיִמ, אוביפראט, װי רעב זײַנ־װעלע זאָגט, זאָל טײקעפ א כאסענע אויכ זײַנ.

ארנ שאמעס װעט ניט מאכנ די רײַכע כאסענע, װער דענ? טאקע דאָ אינ דער גאָספידע, װו די מעכוטאָנימ שטײענ אײַנ. בא שמערלענ װעט מענ פאר ברײַנע־דאָברישעס געלט מאכנ א שארפע כאסענע. בא אזא כאסענע װעט מענ פארדינענ נאָכאמאָל.

צו די טנאָיִמ האָט שמערל אָנגעגרײט אלע קײלימ, װאָס מע דארפ: א כאזנ אונ א שול־שאמעס, טינט אונ א פענ אונ צװײ בויגנ פאפיר, טעפ אפ צו ברעכנ אויכ.

דעמ גרויסנ אוישער רעב גאװריִעל גיטעלעס (זי האָט מענ גערופנ גי־טעלע רעב גאװריִעלס, אונ אימ—גאװריִעל גיטעלעס. װײַל ער איז אנ אופּ־

געקומענער אוישער, האָט ער ניט קיין טאטע־מאמע, און ניט קיין שווער־און־שוויגער, צו הייסן נאָך עמעצנ פון זיי), — ווײַל זײַנוועלע האָט מיט ארנ שאמעס אָפּגעשמועסט, מע זאָל בא אים, בא רעב גאוורִיעל גיטעלעס, אײַנ־לייגנ דעם נאדנ זעקס הונדערט רענדלעך, — האָט אים רעב טעוויע אליינ אויך געבראכט אהער צו די טנאָיִם.

אפ דעם כאָסנ אָדער אפ דער קאלע פרעגט קיינער ניט. די מעכוטאָ־נים און דער נאדנ און די טנאָיִם און די כאסענע איז דער איקער. אזוי־ווי דאָ האָט מענ מער געגעבנ ווי ארנ שאמעס וואָלט געקאָנט זיך אמאָל אויסטראכטנ, איבער דעם זײַנענ אלע פריילעך און סימכע-ווּעסאָסנ. עפּשער וואָלט דאָס מיידל שיינצע, מע זאָל זי רעכט א פרעג טאָנ: „ווילסטו דעמ נאפטאָלקענ, ווי דו קוקסט אים אָנ, פאר א כאָסנ און פאר א מאנ נעמענ?" געזאָגט: „ניינ, ער איז א גראָבער, פאסקודנער יונג, איך וויל אים ניט מיט זײַנ געלט און מיט זײַנ גרויסנ שטערנטיכל". אז מע פרעגט זי אָבער ניט.

און עס ווערט א געפילדער, א פריילעכער געפילדער. מע האָט ליכט אָנגעצונדנ אינ הענגלײַכטער, מע האָט א טישטעך געלייגט אפנ טיש, דעמ גרויסנ דרײַרערנדיקנ לײַכטער אנידערגעשטעלט מיט דרײַ הויכע ליכט, און פלעשלעך מיט בראָנפנ שטייענ אָנגעגרייט, טעלערס מיט אײַנגעמאכטס אויך. יידנ קומענ אָנ אלע מינוט, און נאָך און נאָך. מע צייילט אפנ טיש רענד־לעך. און מע רופט צו ארנ שאמעס מיטנ ווייַב, מיט זייער מיידל צום טיש. ווער רופט? רעב גאוורִיעל גיטעלעס אליינ. ער אליינ רופט זיי:

— זעט, זײַט זשע מויכל, ווי דער מעכוטנ רעב דאָוויד מיט זײַנ איידעם און ברײַנע־דאָבריש גיבנ מיר זעקס הונדערט רענדלעך, רויטע רענדלעך בעיאד שאָליש, אפ א יאָר זאָל דאָס געלט זײַנ בא מיר אינ די הענט, ביז ביידע צדאָדים וועלנ דאָס געלט וועלנ פונ די קינדערס וועגנ ארויסנעמענ. — ער טוט א קוק אפ שיינצען און אפ נאפטאָלקענ, וואָס זײַנ־וועלע ווײַזט אפ אים. — אײַך מיינ איך, כאָסנ-קאלע. דאָס איז אײַער געלט, די זעקס הונדערט רענדלעך. זענט איר מערוצע? נו, איז א מאזלטאָוו, לאָז גאָט געבנ מיט מאזל!

גלײַך ער האָט גאָר געווארט אפ א טשוווע...

ווי א דונער האָט עס א זעצ געטאָנ מיט די טעפּ אינ דער ערד־ארײַנ, דערבײַ דאָס געשריי פונ אלע זײַטנ: „מאזלטאָוו!", „מאזלטאָוו!", אז עס האָט פארטויבט די אויערנ.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער, דער ווערטלזאָגער, האָט אמאָל געזאָגט א טאם, פארוואָס שפּילנ קלעזמער אפ כאסענעס: ווײַל ס'איז ווי א ווערבע־ניק: דאָס פידעלע שפּילט, א פלעשל בראָנפנ שטייט אפנ טיש און מע טאנצט, דעריבער מאכט עס א כיישעק דעמ, וואָס גייט פארבײַ, שטייט ער

צו א זעלנער צו ווערן. דאָ זאָל ניט זײַן דאָס שפּילן מיטן טאַנצן, מיטן פּלעשל בראָנפן,— מעשוגע וואָלט עמעץ געווען צוצושטיין א זעלנער צו ווערן. אקוראַט אזוי וואָלט קיינער ניט געוואָלט כאַסענע האָבן, מוז מען לאָזן קלעזמער שפּילן, און מע מוז מאכן א טאַנץ, מיט א פריילעכן ליאַ־רעם,— שפּרינגט מען אַרײַן און מע האָט כאַסענע.

באַ שיינצען, באַם מיידל, איז אוודע געווען נאָר דער ראש און דער פריילעכער געשריי „מאזלטאָוו״, וואָס האָט זי געמאַכט פאַר א קאַלע. דאָס גרויסע שטערנטיכל האָט דעם ערשטן צי געטאָן, און דער געפּילדער האָט דאָס איבעריקע געמאַכט זי פאַר א קאַלע, נאַפּטאָלקעס קאַלע.

די טנאָים האָט מען געשריבן, א ווערטשערע איז געווען א גאַנץ גו־טע. זײַנוועלע האָט געהייסן, האָט די שוויגער געגעבן צען רויטע רענדלעך נאַפּטאָלקען אין די הענט אַרײַן. איז זײַנוועלע צוגעגאַנגען מיט נאַפּטאָל־קען צו דעם שיינעם מיידל, צו דער קאַלע שיינצע, און הייסט נאַפּטאָלקע זאָל פון זײַן האַנט געבן דער קאַלע דאָס געלט א מאַטאָנע. דערווײַל האָט זײַנוועלע גערעדט מיט ווערטער:

— קאַלע שיינצע, דאָס גיט דיר דײַן כאָסן נאַפּטאָלע א מאַטאָנע. מאזל־טאָוו אײַךביידע. עפּשער וועל איך ניט קאָנען זײַן אף דער כאַסענע, ווײַל מײַן ווײַב איז אף דער צײַט, מעכילע (ער נעמט אַרויס דרײַ רענדלעך פון זײַן קעשענע), גיב איך דיר, קאַלע, צו די הענט, מײַנע דרײַ רויטע רענדלעך אף דראָשע־געשאַנק. איר, רעב אַרן מעכוטן,— צו אַרן שאַמעס, וואָס שטייט מיטן ווײַב לעבן שיינצען, זאָגט זײַנוועלע:— איר זענט אַן ערלעכער ייִד, איר וועט ניט פאַרגעסן אויסצורופן דראָשע־געשאַנק פונמײַנט־וועגן, איאָ?

— נעם, שיינצע, נעם, נישקאָשע, שעם דיך ניט,— זאָגט סאָרע די שאַמעסטע.— דאָס איז אַלץ דײַנס, באָרעכאשעם, דײַנס און דײַן כאָסנס צו מאזל.

אַרום האַלבע נאַכט איז מען זיך צעגאַנגען.

אַרן שאַמעס מיט זײַן ווײַב סאָרע די שאַמעסטע און שיינצען האָט זיך מיט א נאַכט פריער אוודע ניט געכאַפּט, וואָס הײַנטיקע נאַכט איז מיט זיי פאַר א גליק געוואָרן: „רויטע רענדלעך פּלוצים, און אזעלכע רײַ־כע מעכוטאָנים. מינאַסטאַם איז דאָך שיינצעס מאזל הויך אין הימל, האַ?״...

גאַנץ ליוהאָיאָפּאָלי פון איין עק שטאָט צו דער אַנדערער, אין אַלע ווינקעלעך אפילע שמועסט מען פון דעם שידעך, אַלץ פון דעם גרויסן גליק, ווי דאָס מיידל איז גליקלעך:

— פּאָשעט, מע שיט זי אָפּ מיט גאָלד, מע גילדט זי אָפּ.

— ווער איז געווען דער מעשוגענע זאָל גראָד אַרן שאַמעס מיידל אָנשלאָגן?

— פלוצים אזא גרויסער אדיר, ווי דאָוויד, ווער וואָלט מיט אים ניט געטאָנ? אזא גרודע גאָלד נאדנ, אונ דערצו דאָס גרויסע ברײַנע-דאָברישעכ שטערנטיכל! כ'לעבנ, גאוורי̇על גיטעלעס וואָלט אויכ געטאָנ מיט אים.

— א מעשוגענע וועלט! א גראָבער יונג דאָוויד סמיק, ער איז דאָכ, ווי א שטומע בעהיימע. א שיינ מיידל בא א שאמעס איז בא אים אויכ א גוטער שידעכ. נאָר זי, זי, זי, די טויזנט־רוכעסניצע ברײַנע־דאָבריש. זי פירט דאָכ די וועלט,— וואָס איז אינ. איר ארײַנ פאר א שיגאָענ?

— אמער פרעגט דעמ קלוגנ זײַנוועלע, ער איז דאָכ א טאכשיט, א לאמדנ אונ א פרומער. זאָגט מענ, אז ער אליינ האָט געפירט דעמ כאָסנ בא דער האנט צומ שאמעס מיידל.

— כא־כא־כא! גיי קלער א וועלט, ווער ווייסט... לאָמיכ בעסער שווײַגנ.

— וואָס דענ?

די אלע גערײדעכצנ מיט די אלע קאשעס, ווי מיר ווייסנ, זײַנענ ניט קאָשע, דעמ טערעצ ווייסט זײַנוועלע, נאָר ער וויל בעסער די קאשעס זאָלנ בלײַבנ, איידער ער זאָל אויסזאָגנ דעמ ביטערנ טערעצ, אז נאפטאָלקע איז קיינ שיקסע אויכ ניט ווערט, נאָר אז מע וועט אים כאסענע מאכנ מיט אזא שיינ מיידל אונ מע וועט זי נעמענ אפ אייביקע קעסט אינ דאָרפ ארײַנ, וועט נאפטאָלקע ווערנ א סטאטעק, ווײַל זי וועט אים אינ דער היימ צוהאלטנ.

דינסטיק, אז די זשופיצלעכ האָט דער שנײַדער אָפגעבראכט, אונ געלע פלודערנ מיט קנעפלעכ אויכ, אונ קאָזלאָוועגע שיכ מיט שפיצנ, ווילע, מיט נאָכ א סויבלענ היטל דערצו, אונ דער קאלע א שפיגל מיט קראָמ־זעקלעכ, אונ סיטקעס, אונ געלע יאמפערקעלעכ, אונ א ברוסט־טיכל מיט שפאניער גאָלד אפ קאלע־מאטאָנעס איז אלצ פארטיק געוואָרנ, — איז זײַנוועלע אוועק־געפאָרנ צוריק אינ דאָרפ ארײַנ. דאָ האָט ער געבעטנ רעב טעוויע בילענ־קיס מיט שמערל טעוויעס, זיי זאָלנ מושטרעוועג די כאסענע, פרײַטיק זאָל זײַנ די כופע, דעמ שווער אונ די שוויגער האָט ער געבעטנ, זיי זאָלנ פאָלגנ טעוויענ אונ שמערלענ מיט אלע זאכנ, גלײַכ ווי אים אליינ. דאָוויד סמיק האָט געשאָקלט מיטנ קאָפ יאַ אונ האָט געזאָגט — דאָס ערשטע מאָל, וואָס מע הערט פונ אים א וואָרט:

— א סײַנענדיקע קאלע, א מי̇עשער כאָשנ, ניסקאָסע.

ברײַנע־דאָבריש האָט צוגעזאָגט:

— פאָר געזונט, צאנצילאָמיש, וועל איכ כאשענע מאכנ מײַנ בעניאָ־ביד, צאנצילאָמיש. א סיינעמ דאנק דיר, זײַנוועלע, זע, צאנצילאָמיש, די האָדמײַעש זאָלנ די אָקשנ פילעחענ. איכ פאָלג דײַנ ראָט אונ דײַנ אייצע, צאנצילאָמיש, געלט זאלעווע איכ ניסט, אזוי ווי דו, זײַנוועלע, היישט.

זײַנוועלע איז געגאַנגען צו אַרנ שאַמעס זיך געזעגענען, ווי אַ מעכוטנ, און מיט סאָרע דער שאַמעסטע אַפּילע האָט ער זיך גאָר ליבלעך און פֿרײַנט־לעך געזעגנט:

— פֿרײַט אײַך דאָ געזונטערהייט, זונטיק, אימירצעשעם, אַז איר וועט אַלע אַרויסקומען מיטנ פּאָרפּאָלק צו אונדז, וועלנ מיר ערשט אײַך אײַנ נימיִעווקע מאַכנ אַ כאַסענע. זײַט געזונט.

— זײַט זשע מיר טאַקע געזונט.

דער קאַלע האָט ער איבערגעלאָזט אַ רויט רענדל אַ נידיזנע, און האָט איר מיט גוטע ווערטער געזאָגט:

— דו ווערסט, באָרעכאַשעם, ניט האָבנ וואָס צו זאָרגנ, אַ בעניאָ־כידס אַ ווײַב, בא אַזאַ גרויס אַשירעס, וועט דיר אַוואַדע גוט זײַנ.

אַרנ שאַמעס און דאָס ווײַב און שיינצע האָבנ ניט געקאָנט גענוג אים אָנווינטשעווענ, זײַנ ווײַב זאָל גרינג איבערקומענ.

— [פֿאַרבלײַבט] געזונטערהייט.

— פֿאָרט געזונט!

7

דאָנערשטיק איז געווען אַ כאָסנ-מאָל, געטאַנצט און געהוליעט אינ לויהאָיאָפּאָלי. דאָוויד סמיק האָט געמאַכט [אַ מאָלצײַט] אַפֿ אָרעמעלײַט אום דאָנערשטיק. געלט און עסנ, אַז מע גיט אָרעמעלײַט, ווינטשעווענ זיי אַלדאָסגוטס.

פֿרײַטיק איז געווען די כופּע. אַוואַדע געטאַנצט. „מאַזלטאָוו״!, „מאַזל־טאָוו!״ פֿונ אַלע זײַטנ, נאָר אַפֿ שאַבעסצונאַכטס זאָל זײַנ די גרויסע ווע־טשערע, ווײַל פֿאַבעס איז שאַבעס. רעב טעוויע און רעב שמערל טעוויעס האָבנ אַלצ אָנגעגרייט. דאָס פּאָרפּאָלק טאָר מענ ניט פֿירנ באַלײַגנ, ווײַל די כאַסענע איז געקומענ אומגעריכט: „מיר זײַנענ דאָך דערופֿ ייִרנ״...

שאַבעסצונאַכטס, קוימ האָט מענ האַוודאָלע געמאַכט, איז פּלוצים זײַנ־ווען אָנגעקומענ צו לויפֿנ, געטריבנ די פֿערד צו דער פּעגירע, און איז אַרײַנגעלאָפֿנ זיך סוידענ מיט דעמ שווער און מיט דער שוויגער, מיט אַ פֿינצטערער האַווײַע.

אַלע דרײַ קומענ אַרויס פֿונעמ אַלקער, ווו מע האָט זיך געסוידעט, און מע ווייסט נאָך נים וואָס פֿאַר אַנ אייצע מע זאָל זיך געבנ, אויב מע זאָל רעב טעוויענ דעמ קאַהאַלנע פּרעגנ אָדער עמעצנ אַנדערש, אַ־געניטערנ פֿונ אים, מיקויעך אַנ אייצע בעטנ. אַלע דרײַ זײַנענ טרויעריק און ווי מעחוגלוול.

קומט פּלוצים אַרײַנ דער קאַפּיטאַנ־ספּראַווניק מיט דעסיאַטניקעס, און מיט סאָלדאַטנ האָט מענ אַרומגעשטעלט שמערלס שטוב. די טירנ זײַנענ אַלע פֿאַרשטעלט, קיינעמ ניט אַרויסצולאָזנ.

דער קאפיטאנ-ספראווניק האָט טייקעפ א כאפ געטאָנ נאפטאָלקענ, דריי סאָלדאטנ זאָלנ אימ היטנ, אונ צוויי דעסיאטניקעס זאָלנ צונויפנעמענ נאפטאָלקעס זאכנ.

— וואָז טוט זיכ דאָ, וואָס איז דאָ פאר א פלוצימע זאכ?

דער קאפיטאנ-ספראווניק נעמט טאקע שטילערהייט געלט בא ברייניע-דאָברישנ אונ זאָגט צו העלפנ. נאָר נאפטאָלקענ מוז ער אוועקפירנ מיט זיכ.

כאלעש הינ, כאלעש הער, ברעכ די הענט, וויי, יאָמער, — נאפטאָלקענ האָט מענ מיט אלע זיינע זאכנ אוועקגעפירט. וווּהינ? א טייל זאָגנ אינ גאָראָד אריינ, א טייל זאָגנ גאָר אינ דער גובערניע, גלייכ קיינ זשיטאָמיר, אונ עפשער קיינ קאמענעצ. א טייל זאָגנ צוריק אינ דאָרפ אריינ.

א גערודער, א געפילדער, א געשושקעריי, א געשמועסעריי, וואָס — ווייסט מענ נישט.

— לויהאָיאָפאָלי איז א שטאָט.

— אינ לויהאָיאָפאָלי טרעפט זיכ אלצ ווילדע זאכנ.

— די שטאָט האָט עפעס נייס אלעמאָל.

נאָכ באנאכט איז זיינוועלע מיטנ שווער אוועקגעפאָרנ צוריק אינ דאָרפ אריינ. ברייניע-דאָבריש האָט מיטגענומענ דעמ קאהאלנע טעוויע בילענקיס אפ א געדונגענער פור, אוועקגעפאָרנ אפ א גאנצער נאכט אינ גאָראָד אריינ. פונ דאָרטנ וועט מענ זענ, עפשער וועט מענ מוזנ ווייטער פאָרנ.

דער גרעסטער סאָד שעבעסוידעס קומט ארויס נאָכ נײַנ כאדאָשימ: די יידענע ווערט געלעגנ, אז זי טראָגט דעמ סאָד נײַנ כאדאָשימ. דעמ סאָד פונ נאפטאָלקעס אוועקפירנ האָט מענ דעמ אנדערנ טאָג געוואָר געוואָרנ פונ זכאריענ דעמ כאָשעוו באמ קאפיטאנ-ספראווניק. ער האָט עס אימ אָבער ערשט אויסגעזאָגט, אז מע האָט נאפטאָלקענ שוינ געהאט אוועקגעפירט מיט סאָלדאטנ.

נאפטאָלקע פלעגט צו זיינ באמ קאפיטאנ פונ דער ראָטע, וואָס שטייט אינ נימיעווקע, א היימישער אונ האָט אלע שיירעסנ געטאָנ. איז דער גאלעכ פונעמ פאָלק פאר פיר וואָכנ געווענ צוגאסט בא דעמ קאפיטאנ אונ האָט אָנגעהויבנ צו שמועסנ מיט נאפטאָלקענ, ער זאָל זיכ שמאדנ. האָט נאפטאָלקע געזאָגט יאָ, ער וויל זיכ שמאדנ, נאָר מיט א טנאי, ער זאָל ווערנ א באראבאנשטשיק* (א פויקער). זייער גוט. דער גאלעכ האָט געלאָזט אינ קאפיטאנס קאנצעליאריע אָנשרייבנ א פאפיר, וואָס מע דארפ צו אזא זאכ. נאפטאָלקע האָט זיכ מיט יידישע אויסיעס אזוי ווי געכאסמעט.

* אינ באלטע האָט זיכ איינער, מר... רעב ...ס א שוואָגערל, אויכ געשמאדט נאָר רעריבער, קעדיי ער זאָל קאָנענ ווערנ א באראבאנשטשיק, ווייל דענצמאָל האָט מענ קיינ יידישע רעקרוטנ נאָכ ניט גענומענ, אונ ער האָט כיישעק געהאט צו א פויק.

דער גאַלעכ האָט געהייסנ צוויי אָפּיצערנ פאר איידעס זיכ כאַסמענענ, אכוצ דעמ האָט מענ נאָכ א פאפיר אָנגעשריבנ, אז נאפּטאַלקע בעט זיכ פאר א פויקער צו גיינ דינענ דעמ קייסער. נאפטאַלקע האָט זיכ נאָכאמאָל אזוי ווי געכאסמעט אפ ייִדיש. די ביידע פאפירנ (פראָשעניעס) האָט מענ ערשט געדארפט חייַטער אוועקשיקנ, צו ווערמענ איטלעכעס קער. ביז די רעזאָליו-ציעס וועלנ אָנקומענ, האָט דער גאַלעכ אָנגעזאָגט, מע זאָל דאָס האלטנ בעסאָד. אכוצ דעמ האָט דער גאַלעכ געגלייבט דעמ קאַפיטאנ פונ דער ראָטע, ער זאָל האזשגאָכע האָבנ, נאפטאַלקע זאָל ניט ערגעצ אוועקלויפנ.

דריי וואָכנ האָט דער קאַפיטאנ אַלע טאָג געזענ נאפטאַלקענ בא זיכ אונ בא די פויקערס, ווי ער לערנט זיכ פויקנ. ערשט אפ דער פערטער וואָכ, אַרומ דינסטיק, האָט דער קאַפיטאנ אָנגעהויבנ צו פרעגנ: פארוואָס זעט מענ נאפטאַלקענ נישט? ווו איז נאפטאַלקע? ווו איז אונדזער נאפטאַלקע?

האָט ער געוואָר געוואָרנ, אז נאפטאַלקע האָט גאָר כאַסענע אינ לויהאָ־יאָפּאַלי. דעריבער האָט ער געמוזט פאָרנ אָפּזוכנ דעמ קאַפיטאנ־ספּראַווניק, ווו ער איז ארומגעפאָרנ אינ די דערפער פעקלעכ כאַפּנ אָדער אנדערע אייסאָקימ. ביז דער קאַפיטאנ האָט אימ ערשט פרייַטיק פארנאכט געפונענ אונ האָט אימ אייַנגעגעבנ אפ פאפיר אונ באשריבנ די גאנצע זאכ. אזעלכע צוויי הארבע זאכנ אינייַנעמ: אי שמאדנ, אי קרוינס־דינסט (וואָיענע סלוזשבע), — דאָ קאָנ א קאַפיטאנ־ספּראַווניק ניט מאכנ קיינ מעלאָכעס. ער איז גלייַכ געפאָרנ קיינ לויהאָיאָפאָלי אונ האָט גוט פארכאפּט, איידער זייַנוועלע האָט געקאָנט אָנקומענ מיט אנ אייצע. עפּשער מיט א שאָ שפּעטער וואָלט מענ געוועזנ געקאָנט אנטלויפנ מיט נאפטאַלקענ איבער דער גרענעצ צו. זייַנוועלע האָט אָבער פארנאכט ערשט געוואָר געוואָרנ אינ דאָרפ פונ דער גאנצער מייַסע. ווי ווייַט ער האָט געקאָנט, איז ער געלאָפּנ מיט די פערד. ס׳איז אזוי דאָס אומגליק געוועזנ, דער ספּראַווניק זאָל פארכאפּנ נאפטאַלקענ.

שיינצע איז א מיידל — אנ איישעס־איש. ווערמענס ווייַב? א פויקערס. דאָס נאדנ־געלט וועט מענ איר ניט ארויסגעבנ. נאָר דאָס גרויסע, חוילע, טייַערע שטערנטיכל, וואָס זי איז א גאנצנ שאבעס געגאנגענ הויכ געשלייערט, איז אירס, דאכט זיכ? אנו, לייענט ווייַטער.

גאָט שטראָפט מיט איינ האנט, אונ מיט דער אנדערער בענטשט ער. טאַקע האָבנ אַלע לויפערייַענ מיט שיטנ געלט ניט געהאָלפנ. נאפטאַלקע איז געוואָרנ געשמאדט אונ איז געוואָרנ א סאָלדאט א פויקער. געלט געבנ האָט כאָטשע דאָס געפּויעלט, אז ניט דאָ אינ דעמ פּאָלק האָט מענ נאפטאַלקענ ארייַנגעגעבנ, אינ אנ אנדער פּאָלק. מיט צענ מייַלנ חייַטער איז געשטאנענ אנ אנדער פּאָלק. אהינ האָט מענ אימ געשיקט.

ביילצע איז, באַרעכאשעמ, גרינג איבערגעקומענ, זי איז געלעגנ גע-וואָרנ מיט א ייִנגל, וואָס הייסט נאָכ דעמ אָסטרער מאגיד.

נאָר ווי זאָגט מען עפּעס: אפילע טאטע־מאמע האָבן מיט א קינד קיינ כופּע־קדושנ ניט גענומען. פונ די אויגנ — פונעם הארצנ. אינ נימיִעווקע פארגעסט מענ נאפטאָלקען.

שיינצע האָט אָבער דאָך יאָ כופּע־קדושנ גענומענ מיט דעם פּויקער, מיט דעם געשמאדטנ נאפטאָלקען. ליגט זי אפנ פּאָנעם אונ וויינט ביטער: זי, זי מוז נעמענ געט בא דעם פּויקער...

ארנ שאמעס האָט מיטגענומענ פונ קאָהאָל בריוולעך צו אלע קאהאלנעס פונ די שטעט, ווו מע זאָגט, דאָרטנ שטייט דער פּאָלק, ווו דער געשמאדטער נאפטאָלקע איז א פּויקער. די עטלעכע רענדלעך, וואָס שיינצע האָט, גיט זי דעם פּאָטער אפּ הויצאָעס, נאָך פּורים זאָל ער פאָרנ צו ברענגענ א געט.

ארנ שאמעס, א ראכמאָנעס, נעבעך, — „נעבעך" האָט מענ זייער ליב צו זאָגנ — מוז אינ די גרויסע סליאָטעס, בלאָטעס נאָך פּורים פאָרנ. ביז ער האָט אָפּגעזוכט דעמ געוועזענעמ נאפטאָלקענ — דעמ, וואָס הייסט היינט ריצקאָ. אינ א שטעטל מישעלאָווקע שטייט ער מיט א ראָטע.

יידנ בניי־ראכמאָנימ האָבנ זיך אינ מישעלאָווקע אָנגענומענ פאר דעמ ארנ שאמעס. ביפראט, אז מע האָט דעמ מישעלאָווקער גאלעך געשענקט א רויט רענדל, האָט ער געזאָגט: „יאָ, ער מוז דאָס פּריקלענטע (פּארפלוכטע) יידישע ווייב געטנ".

די אָפיצערנ פונ דער ראָטע האָבנ אויסגעפרעגט ריצקאָ פּויקער, וויאזוי די מייסע איז געוועזנ. האָט ער זיי אויסגעזאָגט פונ דעם גרויסנ שטערנטיכל אונ פונ די צענ רויטע רענדלעך, וואָס ער האָט שיינצענ געגעבנ. האָבנ אימ די אָפיצערנ געלערנט, ער זאָל זאָגנ: „יאָ, איך גיב א געט, נאָר זי זאָל מיר אָפּגעבנ דאָס שטערנטיכל אונ די צענ רויטע רענדלעך".

ארנ שאמעס איז צוריקגעפאָרנ צוועלף מייל אונ ברענגט דאָס שטערנטיכל מיט צענ רענדלעך. א פּראָסט יידל אפילע ארנ שאמעס, איז ער געפאלנ אפנ סייכל: „עפּשער וועל איך מיטנעמענ א קליינ שטערנטיכעלע? אזא פארכאזערטער קאָפּ װעט פיל ויסנ? אבי א שטערנטיכל". האָט ער אָבער מוירע געהאט, טאָמער האָט דער מעשומעד יאָ א סימענ אינ זיינ מאמעס שטערנטיכל, וועט מענ אימ נאָר צערייצנ, ער זאָל שוינ ניט וועלנ געבנ קיינ געט בעשומ אויפנ ניט. איז געבליבנ, ער, ארנ שאמעס, זאָל מיטנעמענ דאָס גאנצע שטערנטיכל, ווי עס איז. מאָנעפשעך: אויב עס וועט קאָנענ גיינ א קליינס אימ צו געבנ, קאָנ ער דאָך אינ מישעלאָווקע, אינעמ שטעטל א קליינ שטערנטיכל באקומענ. הא?

געטראָפנ! נאפטאָלקע האָט זייער גוט געקענט דער מוטערס שטערנטיכל, אונ אז מע האָט געמאכט א פּרווו אונטערצורוקנ אנ אנדער שטערנטיכל, האָט ער געשאָלטנ מיט דער פּאסקודנער סאָלדאטסקער קלאָלע אונ

האָט געזאָגט, אז ער האָט א סימען אין זײַן מאמע ברײַנע־דאָברישעס שטערנטיכל.

האָט מען דאָס גרויסע שטערנטיכל געמוזט ברענגען צום מישעלאָווקער דאַיען, — קיין ראָוו איז ניטאָ די צײַטן אין קיין שטאָט אין רוסיש־פוילן; זינט כסידישע ראַביײִם זײַנען געוואָרן א מאָדע, האָט איין רעבע אױפֿלכער עטלעכע שטעט אונטער זיך, — און דער קאַפּיטאַן פון דער ראָטע איז אויך געווען באַם דאַיען. דאָס שטערנטיכל, ווייסט נאַפּטאָלקע, האָט א סימען:

— איך האָב אום ראָשעשאָנע, אין שטאָט, דרײַ פערל ארויסגעגאַנוועט, איידער די מאמע האָט עס אָנגעטאָן צו גיין אין שול אַרײַן.

די צען רענדלעך האָט מען אים יאָ איבערגעביטן, געגעבן קאַלים. איז געווען אַפּ הויצאָעס האַגעט, וואָס נאַפּטאָלקע, ריצקאָ־פּויקער, האָט דורך א שאַלִיעך געגעבן שײַנצען.

ארן שאַמעס איז אַהיים געקומען פאַר פּייסעך דרײַ טאָג, פאַרביטערט, אָפּגעהאָרעוועט פונעם וועג, און סאָרע האָט געוויינט אַפּ אים קוקנדיק.

שײַנצען האָט דער שאַלִיעך איבערגעגעבן באַם דאַיען אין לויהאָיאָפּאָלִי טײקעפּ דעם געט, און די שטאָט האָט געהאַט א גאַנצן פּײסעך פון עפּעס צו שמועסן.

## 8

מיכל בעלפער שטייט ווי א מאַצײַווע, מיינט איר? ניין, מיכל איז געוואָרן א פאַקטער אין לויהאָיאָפּאָלִי, און האָט זיך געוואָרפן, ווי א לעבעדיקער, אַפּ אַלע זײַטן, און האָט אָנגעהויבן ביסלעכווײַז צו פאַרדינען געלט.

אין די ייִדישע שטעט איז א פאַקטער זייער מעוווזע. א פאַקטער איז נאָר עפּעס, עפּעס ווייניקער מעוווזע פונעם היצל. פאַרוואָס איז א פאַקטער מעוווזע? ווײַל ווי דער אוילעם זאָגט: ניט די מעלאָכע איז מעוואוזע דעם מענטשן, ניין, דער מענטש איז מעוואוזע די מעלאָכע. א פאַקטער איז בעעמעס זייער א געניײַטיקער מענטש פאַר א פרעמדן פּאָרעץ, וואָס קומט אין שטאָט אַרײַן און דאַרף עפּעס אײַנקויפן, אָדער זיך לאָזן באַ א שנײַדער מאַלבושים מאכן, אָדער צו פאַרקויפן טוווע פון זײַנע גיטער, — ווייסט ער דאָך ניט וווהין צו גיין, מיט וועמען צו האַנדלען אוכעדוימע, אוכעדוימע. א היימישער מענטש, אז ער ווײַזט דעם פרעמדן און דינט אים געטרײַ, איז ער דאָך ווערט, מע זאָל אים צאָלן פאַר זײַן טירכע און טאַקע צו דאַנקען פאַר דער טויווע, וואָס ער האָט אַלץ אַזוי גוט פאַרזאָרגט.

אין דײַטשלאַנד, אין אַלע מעדינעס אין דער גרויסער וועלט, רופט מען אַזאַ פאַקטער קאָמיסיאָנער אָדער נאָך א בעקאָוועדערן נאָמען. נאָר די פאַק־

טוירים אין די יִדישע שטעט זײַנען שיקורים, הולטײַעס, טאָמיד ניט ער־לעך, זיי האָבן ניט אין זינען ערלעך צו באַדינען דעם פרעמדן מענטשן, נײַן, אָפּצונארן. פּאַלשע שוועס אפן שאָק פּליט אויסן מויל פאר צען גראָשן. דער פאקטער איז בא זיך אַליין מעוווזע, אז ער טוט אַלע פּאַס־קודנע אוווידעס פאר א גילדן, און ער פּאָזוואָליעט דעריבער דעם פּאָרעצס קנעכט אפילע זאָל אים שפּײַען אין פּאָנעם ארײַן, אבי דערנאָך זאָל ער געבן א טרונק בראָנפן.

פארוואָס די זאך איז אזוי? מאָג דער טאַם זײַן, ווײַל א פּוילישער פּאָרעץ איז לעראָוו — מע קאָן ניט זאָגן אַלע פּריצים, ס׳איז דאָ עטלעכע בעסערע אויך — מיט גרויס גאַדלעס אָנגעשפּיגעוועט. נאָר ער איז בא זיך א מענטש אפּ דער וועלט. דער פּאָווער איז בא אים גלײַך מיט א פערד, מיט אן אָקס אָדער מיט א קו. פּאָווערן זײַנען באַשאַפן געוואָרן פונעם פּאָרעצס ארבעט וועגן. יִדן זײַנען דאָך ניט זײַנע אוואָדים, האָלט ער זיי פאר קיילים, און זײַנען אויך נאָר פונעם פּאָרעצס וועגן דאָ אפּ דער וועלט. טאקע, ווען דער פּאָרעץ דאַרף דעם רײַכן יִדנס לאַסקע, ער זאָל אים געלט אנטלײַען, איז ער בא אים, ווי דער שוסטער: ער מוז אים האָבן, ווײַל ער דאַרף שטיוול; האָט ער שוין די שטיוול, איז דער שוסטער א שוסטער, ניט מער. מיקאָל־שקיין, מיקאָל־שקיין זײַן קרעטשמער און דער קרעמער, דער יִד, איז בא דעם באַל־גײַווע־פּאָרעץ מעוווזע ערגער ווי א גאַסן־הונט: ער שפּעט פון אים, ער מאַכט פון אים כויזעק, ער שלאָגט אים, ער פּאַטשט אים, ווען ער האָט כיישעק. זידלען און שעלטן איז פּראָסט א מינהעג. „זשיד שעלמא, זשיד הונצוואָט" הייסט אזוי ווי „רעב קאָרעוו". א פאקטער, וואָס דרייט זיך ארום א פּוילישן פּאָרעץ, הערט פון אים נאָך גרעבערע ווער־טער: „פּיעס, פּאָביעגני נאָ, זאראז!" א צי בא דער פּייע אָדער בא דער באָרד איז א קאַטאָוועסל. און אז ער צאָלט אים פאר דער טירכע, טוט ער דעם גילדן א וואָרפּ אפּ דער ערד: „נא, מאש, הונצוואָט!" אזעלכעס צו קאָנען דערלײַדן, מוז מען טאקע זײַן גאָר א נידעריקער מענטש, א שיקער, א הולטײַ.

אונדזערע רוסישע סראָרעס זײַנען גאָר אנדערע מענטשן. דאָס פּוילישע ביטערע אָנגעבלאָזענע גאַדלעס, די פּוילישע גײַווע איז באַם רוס ניטאָ. א רוס, אז ער קען זיך מיט א יִדן און האָט מיט אים עטלעכע מאָל צו טאָן, רופט ער אים „בראַט" אָדער „בראַטיעץ". אפילע דער פאקטער, אז ער דינט אים געטרײַ, האָט ער אים ליב; יאָ, יאָ, טאקע פּראָסט ליב. ווער שמועסט, אז ער ווערט באַקאַנט דורך מאַסע־מאַטן מיט א יִדישן סוחער א צײַט לאַנג, ווערט דער גרעסטער רוס דעם יִדנס גוטער פרײַנט; יאָ, יאָ, א גוטער פרײַנט.

דער אלטער פאקטער אין לויהאָיאָפּאָלי, מ ע ש ל, האָט נאָר געטויגט צו פּוילישע פּריצים. ער האָט געקענט גוט פּויליש ריידן און איז טאָמיד מע־ווזע געווען אין שטאָט. א קאפּצן — אוואדע קאָל יאָמאָוו, מיקאָל־שקיין אפּ דער עלטער איז ער מער שיקער געווען ווי ניכטערן. דאָס כידעש איז געווען, אז דער מעשל פאקטער האָט נאָר פּאָליאקן ליב געהאט. רוסן האָט ער ניט געקאָנט אָנקוקן. ער וואָלט זיך געקאָנט לאָזן דערהארגענען פאר א פּאָליאק. אפּ רוסן האָט ער גערעדט אלע מיִעסע ווערטער און האָט ניט א וואָרט רוסיש געקאָנט ריידן. דעריבער, אז מיכל בעלפער, מיכל מא־צייווע, איז געוואָרן א פאקטער נאָר בא די רוסישע אָפיצערן, האָט עס דעם מעשלען, דעם אלטן פאקטער, גאָר ניט געארט. מעשל האָט פון אים געשפּעט מיט די רוסן אינאיינעם.

די צײַט, וואָס מיכל איז געוואָרן א פאקטער, איז גראָד געווען מיל־כאָמע־צײַט, ווען דער גרויסער נאפּאָליאָן איז מיט פראנצויזיש כאַיל ארײַן קיין רוסלאנד. דענצמאָל זײַנען רוסישע אָפיצערן היין און הער געפאָרן דורך לויהאָיאָפּאָלי. א פּראָוואָרנער, יונגער יונג, א שיינער יונג, א קלוגער יונג מיכל האָט אלע די אָפיצערן באדינט ווי צום בעסטן און האָט בא זיי זוג ארום זיי אלע טאָג פאר דינט געלט. ער האָט זיך אויסגעלערנט ארום די רוסישע אָפיצערן זייער גוט רוסיש ריידן. א ביסל שרײַבן האָט מיכל געקענט אפּ רוסיש און ציפער רעכענען אויך. האָט ער דאָס פּאק־טערסטווע געפירט ווי א מענטש.

מיכל האָט אָפּגעגעבן א געשריבענעם כעזשבן דעם רוסישן יענעראל, וואָס איז דורכגעפאָרן דורך לויהאָיאָפּאָלי, פון אלע זאכן, וואָס ער האָט זײַנערטוועגן אײַנגעקויפט, דער יענעראל האָט האנאָע געהאט און האָט מיכ־לען געשענקט א פינף־און־צוואנציקער.

— נא, בראט, יא דאָוואָליען טאָבאָיו.

אן אנדער מאיאָר, וואָס איז דורכגעפאָרן, א קניאז קאניאנאָוו, האָט מיכלען געשענקט אכוץ א פינף־און־צוואנציקער נאָך א בריטשקע, א גוטע, ווײַל ער איז מיט פּאָטשט־פערד אוועקגעפאָרן. מיכל האָט פאר דער בריטש־קע דעם אנדערן טאָג בא אן אנדער אָפיצער, וואָס האָט געדארפט אזא בריטשקע, גענומען הונדערט רובל.

אזוי איז עס געגאנגען און געגאנגען מיכלען זייער גוט אין לויהאָיאָ־פּאָלי. אלע קרעמערס האָבן געדארפט מיכלס לאסקע און האָבן אים געכאנפעט, ער זאָל צו זיי קומען מיט די אָפיצערן קויפן. מיכל הייסט שוין ניט מיכל בעלפער, ניט מיכל מאצייווע, ניט מיכל פאק־טער, כאָלילע — מיכל דער מאָסקוויטישער רופט מען אים. צומאָל איז מיכל אליין אָן דעם אָפיצער געגאנגען מיט טויזנטער רובל אסיגנא־

ציעס צווישן די קרעמערס איינקויפן סכוירעס פון די אָפּיצערנס וועגן, האָט מען אים אָנגעהויבן צו רופן ר ע ב מיכל:

— [רעב מיכל], זײַט זשע מויכל, קומט צו מיר.

באם גרויסן אוישער רעב גאווריִעל גיטעלעס פלעגט מיכל דער מאָס־קוויטישער אָפּט קומען כאלפּענען אסיגנאציעס אפ רענדלעך אָדער אפ קער־בלעך. האָט אים רעב גאווריִעל אליין געבעטן:

— זעצט אײַך, רעב מיכל! גיטעלע, גיב אריין בראָנפן מיט לעקעך, זײַ מעכאבעד רעב מיכלען. כ׳לעבן, א גרויסער בעריע. אזא יאָר זאָל איך האָבן...

בא א כילעף האָט מיכל גענומען בא גאווריִעל גיטעלעס א פּופּציקער אמאָל, כוץ וואָס דער אָפּיצער האָט אים געגעבן:

— בראטיעץ, וואָט טעבע זא טרוד.

איבערן זומער האָט זיך מיכל וויל באקליידט און האָט נאָך געהאט מע־זומען עפּשער ביז טויזנט רובל אין קעשענע.

ערשט פאר ראָשעשאָנע איז דורכגעפאָרן אן אָפּיצער כליעבאָוו, וואָס איז געוועזן א קאָמיסיאָנער באם כאיִל. ער איז געפאָרן צו דער רוסישער הויפּט־קווארטיר, דאָרט בא פּראָוויאנט־מאגאזינעס צו זײַן א סמאָטריטעל (א מאגאזיניער). און מיכל איז אים געפעלן פאר א בעריע א מענטש. האָט ער אים אײַנגערעדט, ער זאָל מיט אים פאָרן, און האָט אים צוגעזאָגט איי־סאָקים צו געבן.

אכוץ דעם זײַנען אלע רוסישע אָפּיצערן קימאט אוועק צום כאיִל, וואָס זײַנען געשטאנען אין דער מילכאָמע העט ווײַט אין דײַטשלאנד, אנט־קעגן נאפּאָליאָנען. איז וויניקער געוואָרן דאָס הין־און־הער־פאָרן פון רו־סישע אָפּיצערן. האָט מיכל געפאָלגט דעם קאָמיסיאָנער כליעבאָוו און איז מיט אים געפאָרן צו דעם כאיִל, אהין, ווו די הויפּט-קווארטיר איז געשטאנען.

— זײַ דיר געזונט, לויהאָיאָפּאָלי!

## 9

לויהאָיאָפּאָלי איז א שטאָט, ווו ס׳טרעפט זיך אלץ. א טרעוואָגע און א גערודערײַ איז פון נאָך טישעבאָוו אָן אין אלע עקן און אין אלע ווינ־קעלעך אין שטאָט — פון מארקלען דעם שענקער. מארקלס שטוב איז א שענק־שטוב, א שעפּע־שטוב. דער גוטער הארבער מעד איז בא מארקלען, דער גוטער אָליעמביקאָווער בראָנפן איז בא מארקלען, מארצאָווע ביר איז בא מארקלען. יידן און פּאָווערן, אפילע פּריצים פלעגן בא מארקלען ארײַנגייב טרינקען. ווי דער אוילעם האָט געשמועסט, האָט מארקל בע־דייע נאָך יאָנטויוים א ווײַנשענק אויך צו מאכן. ער וויל גאָר פון א

סוקע א געבויטער מאכנ נאָכ סוקעס א גרויסע שטוב, פונ פּריצימס וועגנ, אפּ א ווייַנשענק.

פּלוצים ווערט א געשמועס אינ שטאָט: בא מארקלענ אינ קעלער האָט זיכ זאַניאַדעט א לעצ. דער אוילעמ האָט אָנגעהויבנ צו מייַדנ מארקלס שענק. ווער וויל זאטשעפּענ מיט א לעצ, מיט א רועכ, מיט אנ אומריינער זאכ? ייִדנ אונ ניט-ייִדנ דערציילנ זיכ גאנצע מייַסעס פונ מארקלס קעלער: עס קלינגט דאָרטנ מיט קייטנ, אונ פּלוצים הערט מענ א געלעכטער מיט א ליארעמ, אזש די האָר גייענ קאפּויר.

א טייל דערציילנ, אז א מעשאָרעס בא מארקלענ איז ניזעק געוואָרנ: ער האָט זיכ אזוי דערשראָקנ, בעשאס ער איז געגאנגענ מעד צאפּנ, אז דאָס מויל האָט אימ פארקרימט. האָט מענ אימ אוועקגעפירט צומ טאָ־טער. א טייל דערציילנ: בעפּיירעש האָט מארקל אליינ געוואָלט א בעריע זייַנ, אראָפּגייִנ צאפּנ מעד אָדער ביר. האָט עס א וואָרפ געטאָנ מיט שעפּ־לעכ אימ אפּנ קאָפּ, איז ער שיר נעבעג געוואָרנ אונ איז קוים לעבעדיק ארופּגעקומענ פונעמ קעלער. דאָ האָט מענ נאָכ צוגעזאָגט: א פינגער האָט עס אימ פארדרייט, אונ מיט איינ פוס קאָנ ער ניט רירנ פונ דענצמאָל אָנ.

די ווייַבער זאָגנ:

— ס'איז אזא אומריינע זאכ, אז אפּ דער צענטער שטוב הערט מענ דעמ שלעכטנ רייעכ. אנומלט האָט די מעלניטשקע געמוזט דעמ גאנצנ טשאָלנט ארויסוואַרפנ, ווייַל ער האָט געשטונקענ נאָכ טייַוולס קויט.

— עס האָט זיכ שוינ אמאָל געטראָפנ אינ באָסיווקע, האָט מענ געמוזט אָפּטרעטנ די שטוב, אונ ס'איז געוואָרנ א פוסטע שטוב. א שייַ־נענדיקע דירע מיט אלעמ האָט מענ געמוזט אוועקוואַרפנ: דאָס לעבנ איז ליב, ווער וויל זייַנ לעבנ איינשטעלנ?

שמערל טעוויעס, א הייסער כאָסיד, מיט נאָכ צוויי יונגעלייַט כסידימ זייַנענ אריבערגעגאנגענ צומ אלטנ מארקל שענקער, ווו ער זיצט נעבעכ פארזאָרגט.

— א גוטנ־אָוונט, רעב מארקל, וואָס זיצט איר עס אזוי אינ אצוועס? איר ווייסט עפּשער נישט, אז אצוועס איז נאָכ ערגער צו דער שמועס? נאָר פריילעכ, נאָר פריילעכ, קאָנ די שמוע קיינ שליטע ניט האָבנ. פריילעכ, רעב מארקל! א גוטנ־אָוונט, זאָגנ מיר, כסידימ, אייַכ. נו, וואָס שווייַגט איר?

— בא מיר איז גראָד פארקערט, — זיפצט מארקל דער שענקער. — בא־טאָג איז נישט, גאָרנישט. דיר נישט — מיר נישט, שטיל, שיינ, ווי גאָט האָט געבאָטנ. נאָר אז עס ווערט נאכט, טוט זיכ א קלאפּעדרייַ, א געקלינגערייַ, א לאכנ מיט א געוואָרפעדרייַ, אז ס'איז א סאקאָנע אפילע פונ־ווייַטנס צו שטיינ.

— ווייסט איר וואָס מיר זײַנען צו אײַך געקומען, רעב מארקל? — זאָגט שמערל מיט די אנדערע צוויי כסידימ אינײנעמ אפ א מאָל, — איר זײַט דאָך אנ ערלעכער ייִד אפילע, נאָר א ייִד פונ דער אלטער קאזא־טשינע אָדער פונ דער הײַדאמאטשינע, איר האָט ניט קײנ עמונאס כאכאָמימ, איר גלײבט ניט אינ גוטע-ייִדנ, דעריבער האָט די סיטרע אכרע (דער טײַוול) צו אײַך אונ צו אײַער שטוב בעפּיירעש א שליטע.

מארקל ווערט ברויגעז, וואָס מע רעדט אפ זײַנ שטוב, אונ ענטפערט מיט קאעס:

— אָט זײַט איר א כאָסיד, האָט זיך אינ אײַער שטוב עפּעס אנדערש, ערגערס געטראָפנ: א מעשומעד האָט בא אײַך כאסענע געהאט. נו, וואָס, זײַט איר שולדיק?

— מעשוגענער! איר מײנט, מיר זײַנען געקומען מיט אײַך זיך קריגנ, בעפּיירעש? — לאכנ שמערל מיט די צוויי יונגע לײַט, — קוק אימ נאָר אָנ, דעמ אלטנ מיסנאגעד! מיר ווילנ אײַך א טויווע טאָנ, מיר ווילנ אײַך אנ אײצע געבנ, וויאזוי איר זאָלט דורכ א פּידיענ פּאָטער ווערנ די צאָרע פונ אײַער קעלער, בעפּיירעש.

מארקל וויל עפּעס זאָגנ, לאָזט מענ אימ ניט א וואָרט ארויסרײדנ. אלע דרײַ שטעלנ זיך פאר מארקלענ אונ מאכנ מיט אלע זעקס הענט אונ מיט די כסידישע האוויײַעס:

— איר מעגט טאקע ניט גלײבנ אינ אנדערע גוטע-ייִדנ, נאָר דער צאדיק, זאָל לעבנ, איז דאָך גאָר ניט קײנ גוטער-ייִד, בעפּיירעש. הערט זשע צו: רעב ..., זייכער צאדיק ליוורעכע, איז דאָך א ווא͏דע געוועג ווי א מוישע ראביינו, אונ די גאנצע וועלט האָט מוידע געוועג, אז רעב ... איז געוועזנ, בעפּיירעש, א העכערע נעשאָמע פונעמ רעב ... נו, האָט רעב ... פּארנ טויט דעמ צאדיק איבערגעגעבנ די מעמשאָלע. ער איז דאָך אומישנע געקומענ פונ יאס צו פּאָרנ, כאָטשע, בעפּיירעש, יאס האָט אימ בעשומ אויפנ ניט געוואָלט ארויס־לאָזנ. עפּעס ווייניק זאכנ, אינטערעסנ אונ מויפסימ האָט מענ פונעמ באל־מויפעס געזוענ, בעפּיירעש, אלע טאָג אינ יאס (א כסידישנ פרומענ זיפצ) — מיר זאָלנ נאָר זויכע זײַנ, זײַנ אונטער־אונטער־בענקעלע צו זענ אינ גאנײדנ, וואָלט פאר אונדז געווג זכיִע געוועג. ווי פלעגט ער, רעב ..., צו זאָגנ: מיט פּאָסטעלעס קאָנ מענ ניט קומענ אינ גאנײדנ ארײַנ, מע מוז גוט האָרעווענ אונ זיך וואלגערנ בא גוטע־ייִדנ פריִער, פּאָשעט. דער רעבע איז דאָך א ראָוו אויך. איר ווייסט, רעב מארקל, פּארוואָס מע רופט אימ דער געטרײַער רעבע?

— איך ווייס, — זאָגט מארקל דער אלטער, — ווײַל ער איז פריִער גע־וועג אינ א שטעטל א רעוול, דערנאָך האָט ער זיך א כאפּ געטאָנ צו כסידעס, דעריבער איז ער ארויס צו די מאָלדאוואנעס, צו די גראָביאנעס.

— כא־כא־כא! — טוען אלע דרײַ א לאַכ. — מעשוגענער! נאר! שויטע! אלטער מימנאגעד! איר ווייסט דאָכ, לאכלוטנ, גאָרנישט, ניט א ייִדיש וואָרט אפילע. כא-כא-כא! „א שטעטל", „א רעוול", — דאָס קענ א קליינ ייִנגל אויכ זאָגנ. שעמט אײַכ! דער גרויסער רעבע ..., זיכרוינע ליוויראָכע, איז קליגער געווענ פונ מארקל שענקער פונ לויהאָיאָפּאָלי. איאָ? ער האָט געזאָגט: צאדיק טרעפט אָנ וויפל, אנו זאָגט, איאָ, נײַנציק? נו, זאָגט, אלטער מארקל, שויטע, דאָס איבעריקע. וואָס איז נײַנציק? איאָ, א צאדיק, ווײַל ער איז דער עמעסער צאדיק האדאָר, בעפּיירעש. דעריבער האָט רעבע ..., זיכרוינע ליוויראָכע, אימ ניט געהייסנ רופנ אנדערש, נאָר סטאמ דער באל־מויפעס. הא, איאָ, א קוק, ניט ווי מיר, מיט אונדזערע בלינדע אויגנ, זיי קוקנ גוזמע־גוזמאָעס העכער, ווײַטער. בעפּיירעש האָט מענ געזענ, ווי ער האָט אימ אינ מעזשבעזש איבערגעגעבנ די מעלוכע. קיינער האָט פארשטאנענ, וואָס זייער אוזיאזד האָט, בעפּיירעש, באטײַט. הײַנט זעט מענ דאָכ די מילכאָמעס, זיי, נאָר זיי, ווייסנ, אונ אָנ זיי טוט זיכ ניט, בעפּיירעש. בא זיי פרעגט מענ זיכ אָנ, אויב מילכאָמע זאָל זײַנ. אָנ זיי מאכט מענ נישט קיינ מייפּעכ, בעשום אויפנ נישט. היי, היי, אלטער, — שמערל טעוויעס טוט א זיפצ, אונ יענע צוויי כסידים קראצנ זיכ אונ קוקנ מיט א מעשוגענער האווײַע אימ אינ מויל ארײַנ, — היי, היי, וואָס זיי טוענ אָפּ אינעם שטיבל, מוזנ מעלאָכים אונ סאָרים פּאָלגנ. אנומלט איז געקומענ א יאסער אגונע צו אימ, צומ צאדיק, באשער זי פּאָרט שוינ ארומ, בעפּיירעש, כמה וכמה שנים[1], אונ זוכט איר מאנ. זי איז געווענ בא אלע גוטע־ייִדנ, קיינער האָט איר ניט געקאָנט העלפנ. רעב מוישע רעב יעשועס איז געווענ דערבײַ, ווי דער ... האָט א לאכ געטאָנ אונ האָט דאָס ווײַבל געפירט אינ קיכ־שטיבל ארײַנ. דאָס ווײַב זײַנס ליגט שוינ כמה שנים[2], בעפּיירעש, אָנ הענט אונ אָנ פיס. דאָרטנ איז געשטאנענ א קאדקע מיט וואסער, וואָס דער טאָטער באָדט זי דרינענ. „שטעק ארײַנ, ווײַבל, די האנט" — האָט ער א ווײַז געטאָנ דעמ ווײַבל. האָט זי ארויסגענומענ א יארמיקע. „גיי זוכ דעמ קאָפּ פונ דער יארמיקע, — האָט ער געזאָגט צו איר, — די יארמיקע איז דײַנ מאנס יארמיקע". — די גאנצע שטאָט האָט געהאט צו טאָנ, בעפּיירעש, מיט דעמ מויפעס. אונ איר, אלטער סיעריאַק, רעב מארקל, פּאָרט ניט צומ באל־מויפעס מיקויעכ אײַער קעלער? שעמט אײַכ, אלטער נאר, שויטע, פּעטעכ, כויזעק איר!

דער אלטער שענקער וויל עפּעס פרעגנ אונ וויל פארשטיינ, וואָס די דרײַ האָבנ דערציילט. עפּעס איז אימ ניט גלאט געווענ די מײַסעס מיט די

---

1 קאמאָ וועקאמאָ שאָנימ.

2 קאמאָ שאָנימ.

מויפסים. לאָזט אים שמערל ניט עפּענען דאָס מויל און רעדט מיט גרויס כּוימעם:

— אָט אַצינדערט, איידער עלעל פּאַרכאַפּט, קאָנט איר אין אַ מינוט אײַער זאַך פּויעלן, בעפּיירעש. וויבאַלד עלעל וועט זיך אַרײַנכאַפּן, איר זאָלט, בעפּיירעש, אַפילו געבן טויזנט רענדלעך, וועט מען אײַך בעשום אויפן ניט צולאָזן צו אים. ער טראָגט דאָך די גאַנצע וועלט אַף זיך. עלעל! עפּעס אַ קאַטאָוועס? אַף אַזאַ צאַדיק האַדאָר קוקן אַרויס אַלע גוטע־ייִדן. איר האָט דאָך אונדז ניט [וואָס] כּוישעד צו זײַן. מיר ווילן פֿון אײַך קיין האַסקאָמע ניט, און ער דאַרף בעפּיירעש אײַער האַסקאָמע אַוואַדע נישט... אַנומלט זײַנען ליטוואַקעס געקומען פֿון העט־ווײַט, עפּשער, בעפּיירעש, פֿון הונדערט מײַל: „רעבע, נאָר איר, רעבע, גאָר צו אײַך דאַרפֿן מיר!״ האָט ער זיי געשווינד געטראָפֿן זייער מעוווקעש און האָט זיי געהייסן אַהיים פֿאָרן. ווילט איר, רעב מאַרקל, פֿאָלגן, איז גוט, אַז ניט — וועט מען אײַנוואַרפֿן אײַער שטוב... עס זאָל, כאַסוועשאָלעם, דער שטאָט ניט שאַטן, בעפּיירעש.

דאָס גאַנצע פּלוידערן וואָלט עפּשער ניט גערירט דעם אַלטן מיסנאַגעד. נאָר ביטער אַפּן האַרצן איז מאַרקלען בלויז געוועזן, [וואָס] פֿון דער פּאַרנאָסע איז ער געקומען. דערצו דער הינטערשטעער „בעפּיירעש״, מע וויל אים זײַן שטוב אײַנוואַרפֿן. דאָס האָט אים, נעבעך, גאָר דעם קאָפּ זאַטשמעליעט.

דער שענקער, רעב מאַרקל דער אַלטער, איז דעם אַנדערן טאָג מיט שמערל טעוויעס אוועקגעפֿאָרן קיין מעזשבעזש. ער האָט געגעבן גילדנס וויפּל „מאַרקיל״ טרעפֿט אָן — דרײַ הונדערט איין און אַכציק גילדן — אַף אַ פּידיען. האָט אים דער באַל־מויפּעס מיטגעגעבן אַן אַלטן „זויהאַר״ אויפֿצוהענגען אַף דער טיר פֿונעם קעלער, מיט דעם לאָשן:

— דרײַסיק יאָר האָב איך אין דעם „סייפער האַזויהאַר״ געזען אורות עליונים[1], דאַכט זיך, אַז אַלע „רוחות הטומאה״[2] וועלן קיין שליטע ניט האָבן, ביפֿראַט... — ער האָט זיך פֿאַרטראַכט און האָט שטאַרק געגלאָצט אַף מאַרקלען, — אַ ייִד דאַרף, נעבעך, פּאַרנאָסע. מעכעטייסע, אַן ערלעכער ייִד זאָל טאַקע האָבן פּאַרנאָסע...

מאַרקל איז פֿון דער נעסיִע אָן געוואָרן אויס מיסנאַגעד און איז אַהיים געקומען אַ טאָג פֿאַר ראָשכוידעש עלעל. שמערל האָט דעם אַלטן מאַרקלען געפֿירט אין מיקווע אַרײַן, איידער מע האָט אויפֿגעהאַנגען דעם אַלטן „זויהאַר״ אַף דער טיר פֿונעם קעלער — „בעפּיירעש״.

---

1 אוירויס עליוינים.

2 רוכויס האַטומאָ.

די גאנצע שטאָט לויהאָיאָפּאָלי איז געלאָפֿן אָפּ דעם כּידעש, צו הערן די מײַסע פֿון מאַרקלען אַלײן, אַז אַקוראַט, ווי דער באַל־מויפֿעס האָט געזאָגט: „כּאָצע עלעל וועט עס אופֿהערן בא אײַך אין קעלער צו זײַן, און איר וועט האָבן אײַער פּאַרנאָסע אינעם שענק נאָך בעסער פֿון פֿריִער".

נאָך מער וווּנדער פֿון אַלע ווונדער איז, אַז דער אַלטער „זויהאַר", דער טײַערער „זויהאַר האַקאָדויש", וואָס דער צאַדיק האָט אין אים דרײַסיק יאָר... יאָ, טאַקע דרײַסיק יאָר דורכאַנאַנד געזוען אַלע נעשאָמעס, וואָס ער האָט מעסאַקן געווען און האָט זיי אַרויסגענומען פֿונעם גענעם, — טאַקע ד ע ר „זויהאַר" איז פֿון דער טיר, ווו מע האָט אים איבערן קעלער אופֿגעהאַנגען, צוריק — דאָ טוט אײנער דעם אַנדערן אַ שטורכע מיט אַ גרוי־סער פּאַרוווּנדערטער האַוויַיע — אָפּ זײַן אַכסאַניע טאַקע, צום באַל-מויפֿעס אין די הענט אַרײַן געקומען, צוריק צו אים, פּאָשעס, בעפּיירעש...

פֿרעגן פֿיל טאָר מען נישט, און דערצו רעב מאַרקל, דער געוועזענער שטאַרקער מיסנאַגעד, איז געוואָרן אַ כאָסיד און מאַכט מיט כסידישע קנײטשן און מיט פֿאַרגלײזטע אויגן נאָך ערגער פֿון אַ געבוירענעם כאָסיד, און ער דערציילט עס. נו, דאַרף מען נאָך מעסופּעק זײַן?

מעד, ביר און אָליעמביקאָווע בראָנפֿן טרינקט מען ווידער בא מאַרק־לען.

איאָ, אַ מויפֿעס דערוויַיל?

10

זײַנוועלע פֿון נימיִעווקע, דאָוויד סמיקס אײדעם, איז אָפּ סליכעס אַרײַנגעקומען אין שטאָט אַרײַן קיין לויהאָיאָפּאָלי און איז אויך געגאַנגען צום אַלטן שענקער מאַרקל הערן דעם מויפֿעס, וואָס שמערל טעוויעס האָט אים אין דער ברייט דערציילט.

כּאָטשע ער האָט שוין אין דאָרף געהערט פֿון דער מײַסע, איז זײַנוועלע אָפּ ראָשעשאָנע אויך געפֿאָרן צום גרויסן באַל־מויפֿעס קיין מעזש־בעזש.

לויהאָיאָפּאָלי איז אַ שטאָט. אָן מײַסעס, ווי עס האָט אַ פּאָנעם, קאָן די שטאָט ניט זײַן. ווידער אַ מײַסע, אַ ווילדע מײַסע.

צוויי טעג נאָך ראָשעשאָנע איז ש יי נ צ ע פ אַ ר פ אַ ל ן ג עוו אָ ר ן. מע ווייסט ניט: צווישן טאָג און נאַכט איז דאָס ווײַבל פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. ניטאָ אײן טאָג, ניטאָ צוויי טעג, ניטאָ דעם דריטן טאָג, — ניטאָ און טאַקע ניטאָ.

אַרן שאַמעס און סאָרע די שאַמעסטע גייען גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט זוכן.

— א שפּילקע איז עס? וואָס זוכט איר אומזיסט? פּאָלגט בעסער אונ פאָרט ביידע, אָדער דו, ארנ, אליינ צום צאדיק, דאָרט ווערסטו האָבנ היי־מישע מענטשנ„ זיי וועלנ דיכ אריינפירנ צום רעבנ. עפּעס גרעסערע מויפ־סים, ווי א ווײַבל אָפּצוזוכנ, האָט ער שוינ באוויזנ. בעס אימ נאָר, וועט אוודע רעכט זײַנ, — האָט מענ צו ארענענ געזאָגט.

ארנ שאמעס מיט זײַנ ווײַב סאָרענ איז ווי געוועזנ ערעוו יאָנקיפּער די שיסל צו פּארלאָזנ. דאָס איז א זאכ, וואָס מע קוקט דערופ ארויס א גאנצ יאָר. דעריבער איז געבליבנ, סאָרע די שאמעסטע זאָל אליינ פאָרנ מיט נאָכ ווײַבלעכ, וואָס ווילנ קינדער האָבנ.

שטילערהייט בא זיכ האָט ארנ שאמעס מיטנ ווײַב א שטיקל כשאד געהאט אפּ דעמ זײַנוועלענ, דאָוויד סמיקס איידעמ, ווײַל זיי האָבנ גע-דענקט, ווי ער האָט זייער געקוקט אפּ שיינצענ בעשאס דעמ פינצטערנ שידעכ, אז ער האָט דעמ יימאכשמויניק נאפּטאָלקענ צוגעפירט מיט די צענ רויטע רענדלעכ. דערצו האָט ער, זײַנוועלע אליינ, איר די דרײַ רענדלעכ געגעבנ מיט גרויס כיישעק. דערצו האָט ער מיט איר עפּעס ווי צופיל געשמועסט. סאָרע די שאמעסטע הייבט זיכ אָנ צו דערמאָנענ, וואָס זײַנ־וועלע האָט צו שיינצענ געזאָגט, אז ער איז געהאט געקומענ זיכ געזעג־גענענ: „דו וועסט ניט האָבנ צו זאָרגנ!“ [דאָס] האָט א פּאָנעמ געהאט, עפּעס ווי איינער שמועסט פונזײַנטוועגנ, זיכ צו באשטעלנ דאָס שיינצעלע. צו דעמ, ווילנ שכיינימ האָבנ געזענ, אז עפּעס א יונגערמאנ האָט דעמ טאָג, וואָס זי איז פארפאלנ געוואָרנ, מיט שיינצענ געשמועסט אינ א ווינקעלע פונעמ הינטערגעסל.

כאָטשע זײַנוועלע איז דאָכ גאָר אוועקגעפאָרנ פאר ראָשעשאָנע צומ גוטנ־יידנ קיינ מעזשבעזש מיט אלע כסידימ אינײנעמ, פאלט מענ אפּ אנ אייצע: עפּשער איז זײַנוועלע טייקעפּ נאָכ ראָשעשאָנע פונ מעזשבעזש צו־ריק אונ איז אונטערגעפאָרנ זי אוועקכאפּנ. ווו וועט א זײַנוועלע אהינטאָנ דאָס ווײַבל? איז קאָשע, געפינט מענ א טערעצ: אזא אוישער וועט שיינצענ דינגענ אינ אנ אנדער דאָרפ ערגעצ א דירע, זי זאָל דאָרטנ זײַנ, אונ ער וועט אלעמאָל צו איר אהינ פאָרנ.

דאָס ערשטע, וואָס מע האָט צו טאָנ, איז מענ געגאנגענ פרעגנ בא רעב שמערל טעוויעס, ווו דאָוויד סמיק מיט ברײַנע־דאָבריש האָבנ גע־האלטנ ראָשעשאָנע, עפּעס פונ דאָרטנ כאפּנ א צונג. ווערט מענ געוואָר, אז טאקע דעמ אנדערנ טאָג ראָשעשאָנע איז זײַנוועלע געקומענ צוריק פונ מעזשבעזש אונ האָט דאָ גענעכטיקט. פּארטאָג, נאָכ די סליכעס, איז ער אוועקגעפאָרנ אינ דאָרפ ארײַנ. אפּ יאָנקיפּער וועט ער מיטנ שווער אונ מיט דער שוויגער, מיט ביילצענ אונ מיטנ קינד ווידער קומענ אינ שטאָט ארײַנ.

פון דעם אלעם איינינעם איז געבליבן, אז מע זאָל דאָס שטילער־הייט זאָגן דעם באל־מויפעס, ווער ער אוואדע פאסקענען, זיינוועלע זאָל אָפּ־געבן שיינצען בישטיקע.

— נאָר לעמאנאשעם, — זאָגט אָן ארג דעם וויַיב, — כאפּ דיך ניט ארויס, מעשוגע, עמעצער זאָל הערן, אז דו ווייסט דעם צאדיק דעם סאָד זאָגן.

סאָרע האָט פארשטאנען און געוויזן מיטן פינגער אפן מויל, אז זי וועט דעם סאָד נאָר דעם צאדיק זאָגן, און איז אוועקגעפאָרן.

11

סאָרע די שאמעסטע איז צוויי טעג נאָך יאָנקיפּער צוריק געקומען פון מעזשבעזש. אלע וויַיבער, אפילע גיטעלע רעב גאווריעלס, די גרעסטע אשירעס אין שטאָט, זיינען געלאָפן הערן, וואָס סאָרע וועט דערציילן און וואָס זי האָט געפּויעלט מיקויעך שיינצען. די מאנצבלען האָבן זיך געשיַיט זיך צו שטופּן צווישן די וויַיבער אין ענגן בעסמעדרעש־שטיבל צו דער שאמעסטע, נאָר איטלעכער מאן האָט אָנגעזאָגט זיין וויַיב, זי זאָל צו אים טייקעף ארויסקומען פארן בעסמעדרעש, צו דערציילן, וואָס זי וועט הערן פון סאָרען.

דרויסן, פארן בעסמעדרעש, איז געשטאנען א גרויסער אוילעם וואַרטן, ביז די וויַיבער וועלן ארויסקומען. בלויז וואַרטן איז ניט זייער גוט, אָבער וואַרטן און וואַרטן א שאָ און נאָך מער פון א שאָ איז גאָר שלעכט. א טייל מאנען האָבן הינטער די אויגן געשאָלטן, א טייל האָבן געפלוכט, — אוועקגיין טאָר מען ניט.

— וואָס דויערט עס דאָרטן אזוי לאנג? — פרעגן א צען מיטאמאָל.

— קענט איר וויַיבער? — ענטפערן א זעקס באלעבאטים. — ניַין מאָס רייד! זיי ריידן דערוויַיל פון שלייערס און פון שפּילקעס און פון מערנ־צימעס.

בעעמעס אָבער זיַינען די וויַיבער ניט שולדיק געוועזן, אז די סאָרע די שאמעסטע האָט געמיינט, זי מוז דערציילן, וויאזוי זי איז געפאָרן מיט איר ביטער הארצ, ווי א ראָד האָט זיך צעבראָכן און ווי זי האָט באגעגנט וויַיבער צוריקפאָרן פון קייווער־אָוועס, ווי א רעגן איז זיי אָנ־געפאלן, האָבן זיי זיך מיט א קילים אלע דריַי וויַיבער איינינעם געמוזט צודעקן און זיַינען פּאָרט נאס געוואָרן ביז, מעכילע, צום העמד... ווי זיי האָבן געטראָפן א מעשוגן חזיַבל, וואָס מע האָט פון א דאָרף, מ׳שטיינס־געזאָגט, געפירט צום טאָטער, און פון מויפסים, וואָס מע האָט זיי אפן וועג דערציילט פונעם צאדיק.

דאָס האָט עס אזוי לאנג געוועהרט, ביז מע איז געקומען צו דער רעכטער זאַך:

—... מעכילע, אַ אישע, כ׳לעבן, ווי זאָגט מען עפּעס, אַ אישע קאָן דאָך, מעכילע, זיך ניט, מעכילע, אריינשטופּן צווישן באַלעבאַטים. דאָרטן איז דאָך פון דער גאַנצער וועלט ייִדן און ווײַבער, מעכילע. האָט מיר איינע, לאַנג לעבן זאָל זי, אַ אייצע געגעבן: „ווייסט איר וואָס, ייִדענע? רוקט אַרײַן דעם גאַבע עפּעס, וועט ער אײַך אַרײַנפירן העט ביז צום צאַ־דיק”. נו, וואָס טוט סאָרע? איך האָב דעם גאַבע, מעכילע, אַ ווײַז געסאָגן אַ קערבל, נאָר ניט געגעבן אין דער האַנט אַרײַן, מעכילע, האָט ער אַף דעם קערבל קוקנדיק מיך געפירט ביז צום צאַדיק אין אַלקער אַרײַן, מע־כילע. אַז סאָרע איז שוין אינעווייניק, מעכילע, האָב איך אים אַ פּיאַטאַק אַרײַנגערוקט.

אַלע ווײַבער לאָזן אַרויס אַ געלעכטער:

— כע־כע־כע! כי־כי־כי!

— איך לאַך, פאַרשוואַרצט איז סאָרעס געלעכטער געוואָרן! — זאָגט סאָרע. — אַרן, רוק דאָרטן אַוועק דאָס טעפּל אַפן פּריפּעטשיק, עס זאָל ניט אויסלויפן דאָס ביסל יושקע, מעכילע. דרײַצן גראָשן האָב איך, מעכילע, געמוזט געבן פאַר אַ קאַפּאָרע, אַ קליין הינדל. הי, איז עס ווערט צען גראָשן... לאָמיך פאַרגעסן אין מײַן לייד, לאָמיך ניט פאַרגעסן אין מײַנע רייד. ווי איך בין געקומען צום צאַדיק, האָט ער טייקעף דערקענט אַלץ, וואָס איך דאַרף. — דאָ שטרעקן אויס ווײַבער די העלדזער און פאַרוואונדערן זיך. — האָט ער מיך אויסגעפרעגט איטלעכעס פּיצעלע, און האָט געקרעכצט, ווי אַ געווינערן, מעכילע... אַרן, דו ווייסט דאָך מיקויעך דעם... האָב איך דעם צאַדיק אויך געזאָגט. וואָס ס׳איז מיר געקומען אין מויל אַרײַן, האָב איך דערציילט דעם צאַדיק. האָט ער, הערט איר, אַף מיר אַזאַ קוק געטאָן, אַז ס׳איז אין מיר קיין נעשאָמע, מעכילע, ניט געבליבן...

אַלע ווײַבער טרעסן מיט די קעפּ.

— אַזאַ אוילעמהאַבע זאָל איך האָבן, וואָס פאַר אַ צאַדיק דאָס איז! „שאַמעסטע, — זאָגט ער צו מיר אַזוי פּאָשעט, מיט גוטע ווערטער, — שאַ־מעסטע, פאָר אַהיים און מאַך פון יאָרע וואַקס אַ גרויסע ליכט, וואָס זאָל קאָנען ברענען צוויי מעסלעס דורכאויס. וועט רעכט זײַן”. און גע־בענטשט האָט ער מיך, מעכילע, אויך. האָב איך אונטערגעלייגט דאָס ווײַסע קערבל און בין אָוועקגעגאַנגען, מעכילע. האַלעוויי, עס זאָל אים אָנגיין, וואָס איך האָב אים געווונטשן!

גיטעלע רעב גאַווריעלס טוט אַ כאַפּ די רייד:

— נו, האָט איר געמאַכט דאָס ליכט, דאָס יאָרע וואַקסענע גרויסע ליכט?

ארנ שאמעס רופט זיך אָנ:

— מעשונע, ברענט עס שוינ אינ בעסמעדרעש פונ צוויי שאָ. סטײַטש, זי איז דאָך פונדעסטוועגנ געפּאָרנ... סאָרע, גיי דו צום פּריפּעטשיק, דו ווייסט, מעשונע, אז הײַנט טאָר מענ ניט פאסטנ.

די ווײַבער זײַנענ ארויסגעגאנגענ, אונ איטלעכע האָט איר מאנ דערציילט, מיט עטלעכע ליגנ באברעמט, די מײַסע, וואָס סאָרע האָט זיי דערציילט. לעסאטע ברענט דאָס ליכט, איז שוינ א האלבער מויפעס. ביז מאָרגנ וועט ערשט זײַנ די אנדערע העלפט — שיינצע זאָל זיך אָפּ־זוכנ.

פארשטייט זיך, אז מע האָט געוואָר געוואָרנ, וואָס דאָס יארע וואק־סענע, גראָבע, גרויסע ליכט באטײַט, זײַנענ אלע געלאָפנ זענ, ווי דאָס ליכט ברענט. נו, וואָס זעט מענ? א ליכט ברענט. פּאָרט האָבנ די ווײַבער מעקאנע געווענ די באלעבאטים, די מאנצבלענ: זיי קאָנענ זענ דאָס יארע וואקסענע, ווײַסע ליכט ברענענ. ווײַבער גייענ ניט אינ קיינ בעסמעדרעש ארײַנ, קאָנענ זיי ניט זענ. דאכט זיך, וואָס האָט מענ דאָ צו זענ? גלוסט זיך פּאָרט אליינ צו זענ מיט זײַנע אויגנ. טוט זיך עפּשער אינ דער גרויסער וועלט בא אנדערע קליינע זאכנ אויך אזוי, דער אוילעם וויל דאפקע מיט זײַנע אויגנ זענ.

ארנ שאמעס האָט געפּילעוועט דאָס יארע וואקסענע ליכט בעסער פונ א יאָרצײַט־ליכט, עס זאָל, כאסוועשאָלעם, ניט פארלאָשנ ווערנ. דער באל־מוי־פעס האָט אָנגעזאָגט, עס זאָל ברענענ, אונ דורך דעם ברענענ וועט זיך שיינצע אָפּזוכנ. מוז מענ פּילעווענ.

## 12

לויהאָיאָפּאָלי איז א שטאָט, אינ לויהאָיאָפּאָלי מוז זיך אלץ טרעפנ.

דעם יאָנקיפער איז דאָוויד סמיק אונ זײַנ ווײַב ברײַנע־דאָבריש מיט דער איינ־איינציקער טאָכטער ביילצע, מיטנ זויגעדיקנ קינד אונ זײַנוועלע געווענ אינ שטאָט. איז פונעם טאָנעס אונ פונ דער ענגעניש אינ דער ווײַבערשער שול, — דערצו איז הײַנט געווענ זייער א הייסער טאָג, כאָטשע א פיש ציטערט אינ וואסער; א קינד האָט דאָס דערשטיקאטנע ווײַבל ביילצע אויך געזויגנ, ווײנענ מוז מענ — האָט ביילצע צו נעילע געכאלעשט אינ שול. מע האָט זי קוים פארפירט אהיים, ווו זיי זײַנענ אײַנגעשטאנענ, בא שמערל טעוויעס, אונ דערמינטערט.

וואָלט מענ עפּשער געוועזנ גערופנ טייקעף דעם סארס דאָקטער, וואָלט ער פאר געוויס עפּעס געגעבנ צו טאָנ דעם ווײַבל. מע האָט דעם דאָקטער ניט גערופנ, ווײַל לעראָוו טרעפט זיך, אז ווײַבער כאלעשנ אינ

שול, דערנאָכ ווערנ זײ געזונט אונ עסנ אפּדערנאכט די קאלטע קאפּאָרעס אונ הארטע בארנ מיט נאָכ מער הונגער, ווי אנדערע, אונ עס טאט זײ גאָר ניט.

בײלצע איז אָבער קראנק געוואָרנ, טאקע זײער קראנק געוואָרנ. דעמ אנדערנ טאָג נאָכ ערגער, אונ טאקע גאָר מעסוקנ קראנק געוואָרנ. אפילע אז מע האָט דעמ אנדערנ טאָג נאָכ יאָנקיפּער שפּעט פארנאכט אראָפּגעבראכט דעמ סארס דאָקטער צו בײלצענ, האָט דער דאָקטער געזאָגט: „ס׳איז זײער שלימ“. ער האָט געבראכט רעפּועס, מע האָט איר שוינ ניט געקאָנט אײַנגעבנ די רעפּועס, ווײַל דער האלדז (דער גאָרגל) איז געווענ ווי פארשלאָסנ. קײנ שומ ביסל וואסער אפילע האָט ניט געקאָנט ארײַנ אינ האלדז. שלעכט, אונ שלעכט, אונ גאָר שלעכט. ערעוו סוקעס איז בײלצע געשטאָרבנ, האלבנ טאָג.

אזא אומגליק, אזא אומגליק! ביטער אונ ווײ איז דעמ טאטנ מיט דער מאמענ, פארפינצטערט זײַנענ זײ געוואָרנ. דער בעניאָכיד האָט זיכ געשמאדט, אונ די ווילע באסיעכידע איז געשטאָרבנ.

ווײ אונ ביטער איז זײַנוועלענ! ער האָט בײלצענ ליב געהאט, אונ בײלצע האָט זײַנוועלענ אויכ זײער ליב געהאט, דאָס הײסט, זײ בײדע האָבנ זיכ ליב געהאט: בײלצע איז געווענ זײער קלוג, גוט אונ פרומ, א שײנ יונג ווײַבל איז זי אויכ געווענ: איז, נעבעכ, דעמ זײַנוועלענ א ריפּ פונעמ לײַב ארויסגעריסנ געוואָרנ. נאָכ מער האָט עס אימ זײער געשמארצט, אז ער האָט געוווסט, ווי ביטער, אומגליקלעכ די פארפינצטערטע טאטע אונ מאמע זײַנענ: בא דעמ גרויסנ אשירעס זײַנענ זײ גאָר זײער, זײער אומגליקלעכ. צוויי קינדער האָבנ זײ געהאט: יענער ימאכשמוינ איז געשמאדט: א כארפּע, א בושע, א ווײטעק איז עס, נאָר מע האָט עס געקאָנט דערטראָגנ, ווײַל מע האָט געהאט א בײלצע אונ א נײַ אײניקל, א ווײל יינגעלע, אונ זײַנוועלענ האָבנ זײ אויכ געהאלטנ פאר אנ אײגנ קינד. אצינד איז פלוצימ די אײנציקע טאָכטער אויכ געשטאָרבנ. א גרויס, זײער א גרויס אומגליק פאר א פאָטער מיט א מוטער! די אײנציקע טאָכטער איז אויסגעכאפּט געוואָרנ.

דאָס האָט זײַנוועלע, דער גוטער, קלוגער, פרומער לאמדנ זײַנוועלע, בעשאס טרויערנ נאָכ זײַנ ליב ווײַב, פארשטאנענ, דעריבער האָט ער טאקע דאָ, פאר אלע לײַט, פארנ מעס טײקעפּ צוגעזאָגט דעמ שווער מיט דער שוויגער, אז ער וועט בעשומ אויפנ ניט נעמענ קײנ אנדער ווײַב אונ וועט ניט ארויס פונ זײ. ער אונ זײַנ קינד, דאָס יינגעלע, וועלנ בלײַבנ בא זײ אונ וועלנ זײַנ טאָמיד ווי זײערע קינדער, בא זײ טאָמיד.

כאָטשע אז מע וויל, איז עס, פונ אײנ זײַט, עפּעס ניט גאנצ רעכט, בעשאס די וווּנד ליגט נאָכ פאר די אויגנ, די אײנציקע טאָכטער ליגט נאָכ אפּ דער ערד מיט די פיס צו דער טיר, איבערגעדעקט מיט א שווארצ געוואנט, דענצמאָל צו שמועסנ פונ ניט כאסענע האָבנ, פונ ניט נעמענ

קיין אנדער ווײַב; און פון דער אנדערער זײַט, איז קאָשע, ווי קאָן א יונ־גערמאַן, ווי זײַנוועלע, פון אכצן יאָר, צוזאָגן ניט צו נעמען קיין אנדער ווײַב? נאָר דערווײַל איז עס געווען פאַר דעם טאַטן מיט דער מאַמען א פינצטערע נעכאָמע, בעשאַס זיי זיצן אף דער ערד און באַוויינען די גע־שטאָרבענע איין־איינציקע טאָכטער. בא דעם גרויסן-אומגליק נאָך ערגער אומגליקלעך צו ווערן, — איז דאָס בא זיי זייער, זייער אָנגעלייגט געווען, אַזעלכע ווערטער פונעם גוטן קינד, פונעם אָסטרער מאַגידס אייניקל, צו הערן, אַז ער וויל פון זיי ניט אַוועק.

ביידע, ברײַנע־דאָבריש מיטן צעריסענעם האַרץ, מיט דעם טרויעריקן, ביטערן געמיט, און אפילו דער שווײַגנדיקער דאָוויד סמיק, זײַנען צוגע־פאַלן קושן און האַלדזן דעם גוטן, פרומען, קלוגן זײַנוועלען פאַר די ווערטער.

ווײַבער זײַנען אַרום געשטאַנען און האָבן זייער געוויינט אף די ביי־טערע קלאָג־לידער, וואָס ברײַנע־דאָבריש האָט, „צאַנצילאָמיש", אויסגעז־קלאָגט און אויסגעיאָמערט אף דער איין-איינציקער טויטער טאָכטער. בא איטלעכן וואָרט, וואָס די פאַרפינצטערטע, פאַרוויסטע מאַמע האָט געזאָגט אי־בערן מעס, האָבן די ווײַבער אַרויסגעלאָזט א געוויין מיט א האַרצרײַסנ-דיק קאָל. אַזוי האָט עס געדויערט אַקעגן א שאָ. ברײַנע־דאָבריש האָט אַלץ געטרויערט מיט ווערטער, און די ווײַבער האָבן נאָכגע־וויינט.

דערנאָך, אַז זײַנוועלע האָט צוגעזאָגט, ער וועט בא זיי בלײַבן מיט זײַן קליין ייִנגעלע, מיטן יאָסעמל, און די פאָטער און מוטער האָבן אים מיט א געוויין אַרומגעפאַלן האַלדזן און קושן („הערשטו, טאָכטער ביילצע, וואָס דײַן זײַנוועלע זאָגט אונדז צו? פאַר אַלע סטאָט־לײַט, צאַנצילאָ־מיש..."), דאָ האָבן זיך אַלע ווײַבער צעגאָזן פאַר געוויין.

פּלוצים הערט זיך א געפילדער פון דרויסן. ארנ שאַמעס מיט סאָרע די שאַמעסטע קריגן זיך מיט די כעוורע שאַמאָסים. און אַז א פּאָר ווײַבער זײַנען פון דער שטוב אַרויסגעלאָפן זען, וואָס עס איז פאַר א ליאַרעם, הערט מען אין שטוב, אין דער טרויעריקער שטוב, סאָרע דער שאַמעסטעס קאָל:

— לאָז ער מיר אָפּגעבן מײַן קינד! דאָס ליכט האָט אויסגעברענט, מעכילע, ווען זי איז געשטאָרבן, אַקוראַט. וואָס שווײַגסטו, ארנ? שרײַ: „ראַזבויניק! גיב אונדז אָפּ שיינצען". דער צאַדיק, דער באַל־מויפעס, האָט ניט אומזיסט געזאָגט: „נאָך צוויי מעסלעס, אַז דאָס ליכט וועט אויסברע־נען, וועט מוזן רעכט זײַן, שיינצע וועט מען דיר אָפּגעבן"...

ארנ שאַמעס מוז שרײַען, ווײַל סאָרע הייסט.

— מעשונע, האָט דאָס ליכט אויסגעברענט אַקוראַט אין דער מינוט, ווי דאָס ווײַבל זײַנס איז געשטאָרבן...

רעב טעוויע און רעב שמערל טעוויעס מיט נאָך עטלעכע כעווירע־קאַ־

דישע־לײַט זײַנען אויך געקומען צו לױפֿן, זיך בײזערן אף דער שאמעסטע מיט דעם שאמעס אַרן.

דערװײַל װערט דאָ פֿון דעם גאַנצן אױלעם, װאָס דרױסן שטײט װאַרטן אף דער לעװײַע, א שטופּעניש צו דער טיר, װו די שאמעסטע שטײט און שרײַט, אז מענטשן האָבן געקאָנט דערשטיקט װערן. װײַל קײנער װײסט נישט, װאָס קאָן אזא סאָרע די שאמעסטע מיט אַרן שאמעס האָבן דאָ צו שרײַען. איבער דעם שטופּט מען זיך נאָך מער.

— איך זאָג אויס דעם סאָד, יאָ, איך, סאָרע די שאמעסטע, מעכילע, שרײַ גװאַלד! אַרן, שרײַ, לאָז ער אונדז אָפּגעבן אונדזער שײנצע, לאָז ער זאָגן, װו זי איז, װעלן מיר גײן זי אָפּנעמען. הא, דאָס ליכט האָט געװיזן דעם עמעס, מעכילע... — זי שרײַט זײער הױך און באַרעט זיך מיט כעװורע־שאמאָסים אַרײַנצושטופּן זיך װי א מעשוגענע. — לאָז מיך צו אים, צו זײַנװעלען, לאָז ער מיר אָפּגעבן שײנצען, ער, נאָר ער האָט זי...

זײַנװעלע, אין די גרױסע צאָרעס, הערט ער, מע רופֿט זײַן נאָמען, קומט ער צו צו דער טיר, פֿרעגנדיק:

— מיך רופֿט עמעצער?

רעב טעװיע מיט שמערל טעװיעס טוען א קװיטשעדיקן געשרײ:

— שאמאָסים, בינדט זי, די ייִדענע איז מעשוגע.

סאָרע שרײַט נאָך העכער:

— יאָ, יאָ, דאָס ליכט האָט אויסגעברענט, איך בין ניט מעשוגע... — זי דערזעט זײַנװעלען, כאַפּט זי אים אָן מיט בײדע הענט, — גיב טקיִעס־קאַפּ, מעכילע, איבערן מעס, אז דו װעסט מיר אָפּגעבן שײנצען, דער צאַדיק האָט געהײסן, מעכילע...

זײַנװעלע מײנט, די ייִדענע, די שאמעסטע, איז טאַקע פֿאַר צאָרעס מעשוגע געװאָרן, — גײט ער מיט די פֿאַרװײנטע אױגן צוריק צום גע־שטאָרבענעם װײַב.

די שאמאָסים האָבן סאָרע די שאמעסטע געכאַפּט אונטער די הענט און אװעקגעפֿירט אהײם. דערװײַל האָט רעב טעװיע בילענקיס און שמערל טעװיעס געגעבן צו פֿאַרשטײן אַרן שאמעס, אז ס'איז א נאַרישקײַט און דערצו א גרױסע אװלע אזא זײַנװעלע כױשעד צו זײַן. דערבײַ האָט מען אַרן שאמעס געזאָגט מיטן האַרבן װאָרט:

— אז דו אָדער דײַן חײַב װעלן זיך נאָר דערװעגן א שלעכט װאָרט דעם אָסטרער מאַגידס אײניקל, דעם טײַערן זײַנװעלען, צו זאָגן, ביסטו מאָרגן אויס שאמעס אין בעסמעדרעש.

דאָס האָט אַרן שאמעס געבראַכט צום סײכל, איז ער שטילערהײט אװעקגעגאַנגען.

סאָרע די שאַמעסטע, בעשאַס מע טאַסקעט זי אַהיים, שרײַט זי איבערנ גאַנצנ מאַרק:

— פאַרוואָס דענ האָב איכ הויצאָעס געהאַט? פאַרוואָס דענ האָב איכ געגעבנ א קערבל אפ א פידיענ? פאַרוואָס דענ האָב איכ געקויפט אנ אָקע יאַרע וואַקס? לאָז ער מיכ ניט נאַרנ, אז ער ווייסט ניט. וואָס זשע זאָגט ער מויפסימ? נאָכ וואָס שטופנ זיכ צו אימ אַזויפיל ייִדנ?

שרײַ הײַנט, שרײַ מאָרגנ, סאָרע די שאַמעסטע! ער וועט דיר ניט צוריקגעבנ דײַנע הויצאָעס, אונ ניט דײַנ קערבל, אונ ניט דאָס, וואָס דאָס ליכט האָט דיכ געקאָסט. דו ביסט ניט די ערשטע אונ ניט די הינטערשטע. די וועלט וויל גענאַרט זײַנ, געפינענ זיי אַזעלכע, וואָס קענענ די מעלאָכע גוט אָפּצונאַרנ אונ נעמענ געלט דערפאַר.

בײַלצענ האָט מענ איר רעכט אָפּגעטאָנ ביז נאַכט. יאָנטעוו סוקעס נעמט איבער שיווע. מאָצע־יאָנטעוו פונ די ערשטע טעג סוקעס איז דאָוויד סמיק מיט ברײַנע-דאָברישנ אונ זײַנוועלע מיטנ קליינ ייִנגעלע, מיט א ייִדענע, אנ אמ, געפאָרנ אינ דאָרפ ארײַנ קיינ נימיעווקע, דאָרטנ טרויערנ אונ דאָרטנ זוכנ זיכ צו טרייסטנ, אז דאָס קליינע ייִנגעלע האָט גאָר בײַלצעס פאָנעמ.

## 13

גענוג שוינ לויהאָיאָפאָלי. עס איז צײַט א קוק צו טאָנ, וואָס מיט מיכלענ — דעמ געוועזענעמ מיכל בעלפּעה, מיכל מאַצייווע, דערנאָכ מיכל דער מאָסקוויטישער — טוט זיכ.

מיר האָבנ געזענ, אז מיכל איז דרײַ טעג פאַר האָשעשאָנע מיט דעמ רוסישנ אָפיצער, קאָמיכיז נער כליעבאָוו, אוועקגעפאָרנ פונ לויהאָיאָפאָלי צו דער רוסישער הויפט-קוואַרטיר.

כליעבאָוו איז מיט מיכלענ — פונ הײַנט אָנ וועלנ מיר אימ רופנ אָנ צונעמענ נאָר גלאַט: מיכל — אָנגעקומענ צוויי טאָג נאָכ סוקעס קיינ ברעסלע. דאָס איז א דײַכשערישע גרויסע שטאָט אינ דער פוייסישער מעדינע. אינ ברעסלע האָט שוינ כליעבאָוו געפונענ בא דעמ רוסישנ קאָמענדאַנט, באַיאָר ועדריקאָוו, א פאַפּיר, ווו דער יענעראַל־אינטענדאַנט פונ דער רוסישער אַרמיע הייסט כליעבאָוונ זײַנ א כמאָטריטיעל (מאַגאַזינער) טאַקע אינ ברעסלע בא דעמ רוסישנ פּראָוויאַנט-מאַגאַזינ: צו געבנ מעל, גרויפנ אונ סוכאַרעס, אונ האָבער אונ היי אַלע רוסישע פאָלקנ, וואָס גייענ דורכ ברעסלע, אונ די רוסישע סאָלדאַטנ, וואָס וועלנ בלײַבנ שטיינ אינ ברעסלע.

כליעבאָוו איז פאַרזאָרגט. מיכל קאָנ אָבער אַרומ כליעבאָוונ זייער ווייניק האָבנ צו טאָנ. ער האָט גאָר ניט אַזאַ אייסעק, מיכל זאָל דערבײַ קאָ־

נענ פארדינענ. ער האָט דאָכ אָבער מיכלענ פונ דער היים אוועקגענומענ, מיט אים באנג. אכוץ דעם איז דאָ אינ דייַטשלאַנד מיכל א ווילד־פרעמדער, ער קענ ניט אזוי קיינ שום מענטשנ ניט, ער קענ אפילע דאָ די דייַטשישע לאָשנ ניט. כאָטשע איטלעכנ יידנ אינ דער היים, אינ די פּוילישע מעדינעס, דאכט זיכ: „א, אז דער פּאָרעצ שמועסט דייַטשעריש, וועל איכ דאָכ אימ קאָנענ זאָגנ אלצדינג״, — באלד אזא ייִד קומט קיינ דייַטשלאנד, הערט ער קלינגענ אונ קאָנ ניט נאָכזינגענ. ער הערט ריידנ צווישנ די ווערטער א פּאָר, קלאָמערשט, ווי עס דאכט זיכ, גאָר ווי יידיש; פאָרט פארשטייט ער נישט, וואָס דער דייַטש וויל אונ וואָס דער דייַטש מיינט.

א גוטער מענטש כליעבאָוו! האָט געטראכט אונ האָט אויסגעטראכט פונ מיכלס וועגנ, וויאזוי מיכלען צו העלפנ. ער, כליעבאָוו, האָט געהאט פיל באקאנטע יידנ פּאָדראטשיקעס (ליפעראנטנ), וואָס זייַנענ פונ רוסלאנד געקומענ מיט דעם רוסישנ כאיל, אייסאָקימ צו האָבנ בא פּאָרדאדנ. זייַנענ עטלעכע געווענ גראָד אצינדערט אינ ברעסלע. א פּאָר האָבנ פונ דער קאָמיסאריאטסקי קאָמיסיע (קאָמיסאריאט-וועזנ אָדער אדמיניסטראציאָנס-וועזנ) געהאט קאָנטראקטנ, די רוסישע שפּיטאָלנ פונ די קראנקע סאָלדאטנ אלצ צו געבנ, מיט מעקאָכים פאר אינגלעכער זאכ. דאָס איז אויכ א גרויס אייסעק. נאָכ עטלעכע האָבנ געהאט קאָנטראקטנ אפ פּערעוואָזקעס (טראנספּאָרט-וועזנ), דאָס איז אויכ א גרויס אייסעק.

כליעבאָוו האָט מיטגענומענ זייַנ מיכלען אונ איז מיט אים געגאנגענ פונ איינ פּאָדראטשיק צומ אנדערנ, אונ האָט זיי געבעטנ, זיי זאָלנ מיכלען צונעמענ פאר א פּריקאשטשיק (א קאָמי). ער, כליעבאָוו, האָט געגלויבט מיכלען אונ האָט אָפּעוו געווענ, אז מיכל איז אנ ערלעכער, געטרייַער מענטש, מע קאָנ זיכ פארלאָזנ אפ אים אונ מע מעג אים געטרויענ געלט אינ די הענט אריינ.

ווער זאָל ניט צוליב טאָנ אזא באקאנטנ קאָמיסיאָנער כליעבאָוונ? אזא קאָמיסיאָנער קאָנ זייער גוט צוניצ קומענ אמאָל. האָט איינער א פּאָדראטשיק פונ דעם ברעסלער שפּיטאָל, אָקסמאנ, צוגענומענ מיכלען פאר א פּריקאשטשיק צווישנ די אנדערע פּריקאשטשיקעס. וואָס ער, אָקסמאנ, האָט געהאט ארומ זיכ, דערבייַ [האָט ער] געהייכנ, מיכל זאָל זיכ טאָמיד געפינענ לעבנ אימ אונ בא אימ אינ זייַנ קוואַרטיר. ניט פאר קיינ מעשאָרעס, — ווייַל אינ דייַטשלאנד דארפ מענ ניט מיטשלעפּנ קיינ מעשאָרעס: אינ די גאסטהייַזער, ווו מע שטייט איינ, באדינט מענ זייער וויל, בעסער ווי צענ מעשאָרסימ (דאָס איז גאָר ניט צו פארשטיינ בא אונדז אינ די רוסיש־פּוילישע שטעט, מיט אלע אייַנפאָר־הייַזער זיי ווייסנ גאָר ניט, וואָס באדינענ אנ אורעכ הייסט), — נאָר צומ אייַנקויפנ די זאכנ, וואָס מע דארפ צום

שפּיטאָל. אָקסמאַנ האָט געהאַט אַ ברעסלער דײַטשל; ווי עס האָט זיך אָקס־מאַנען געדאַכט, איז דאָס דײַטשל ניט געווען קיין גרויסער נעמער, דערי־בער האָט ער צוגעזעצט צום דײַטשל דעם מיכלען, זיי ביידע זאָלן אײַנ־קויפֿן, וואָס מע וועט דאַרפֿן.

אַ יונגער מענטש, אַז ער קומט פֿון די רוסיש־פּוילישע שטעט פּלוצים אַרײַן קיין דײַטשלאַנד, און דערצו גראָד אין אַ גרויסער שטאָט ברעסלע אַרײַן, – ווי דוף ווערט ער צעכאַטכילט.

מיכל איז אַפֿילע געפֿאָרן פֿון לויהאָיאָפּאָלי קיין באַרדיטשעוו מיט אַ כאָסן אַף אַ כאַסענע. אַ נאָגיד אַ לויהאָיאָפּאָליער האָט דעם פּראַוואָרנעם בעלפֿער מיטגענומען אַף צו באַדינען און האָט אים דערפֿאַר געגעבן אַכט ווײַסע גילדן, כוץ נעדיזנעס פֿון נאָך זעקס ווײַסע גילדן.

וואָס האָט מיכל געזען אין דער גרויסער שטאָט באַרדיטשעוו? צען לויהאָיאָפּאָליער בלאָטעס אינײנעם, פּופֿצן מאָל אַזויפֿיל פּאַרדריפּעטע ווײַ־בער און פּאַרפּאַטשקעטע ייִדן, ווי אין לויהאָיאָפּאָלי, אין אַכט און דרײַסיק מאָל אַזויפֿיל קאַפּצאָנים, וואָס רײַסן באַ די פּאָלעס, פּערציק מאָל אַזויפֿיל וועגן מיט פֿערד. אַ געשטופּעכץ, אַ געשווינד לויפֿעכץ, אַ יאָגעכץ איינער אַפֿן אַנדערן. איינער שעלט, איינער שלאָגט, צען קריגן זיך, פֿינף שרײַען: „שאָלעם אַלייכעם, וואָס מאַכט איר גוטס?‟ אַלע האָבן ניט צײַט: דעם פּאַרטשעפּעט אַ ראָד און רײַסט אים אַוועק אַ האַלבן קאַפּטן, פֿון דער אַנדער זײַט זאָגט מען אים „מאַזלטאָוו!‟ בלעכענע פּושקעס קלאַפּן: „צדקה תּציל ממות[1]!‟ און דערצו טאַנצן ווײַבער צו דער קאַ־לעס רעשיטקע מיט קלעזמער איבער דער גאַס. ייִדן מיט הויכע יאַמשע־נע שטעקנס מאָנען אַ נעדאָווע, דערבײַ לויפֿן נאָך צען ייִדן מיט אַ געשריי: „כאַפּט דעם גאַנעוו, אָט לויפֿט ער אַוועק!‟...

פּלוצים האָט מיכל דערזען אַ ברעסלע. אַ שטאָט אָן בלאָטע, קיינער איז ניט פּאַרדריפּעס, איטלעכער גייט ווי אַ פּאָרעץ אָנגעטאָן, און שיין און ריין. אַפֿילע באַ די גרויסע מויערן זײַנען די טרעפּ פֿון דרויסן ריין אָפּגעוואַשן, און באַ די קראָמען שרײַט מען גאָר ניט: „קומט אַהער אַרײַן, וואָס קויפֿט איר?‟

נאָך מער וווּנדער. מע זאָגט: אין ברעסלע וווינען צען טויזנט ייִדן, און ער האָט אַפֿילע איינ־איינציקן ייִדן ניט געזען, — אַזוי ווי אַ לויהאָיאָפּאָליער אָדער אַ באַרדיטשעווער ייִד, — ביז ער האָט זיך דערפֿרעגט און האָט געוואָר געוואָרן, אַז די ייִדן גייען אויך אָנגעטאָן, ווי די פּריצים. טראַכט ער באַ זיך: וויאַזוי זײַנען פּריצים ייִדן? סכײַטש? נאָך דעם, אַז

[1] צדקָא מאַציל מימאָוועס.

ער איז שאבעס געגאנגען אין שול אריין און האָט געהערט און געזען דאווענען, איז ער, מיכל, אומישנע צוגעגאנגען אריינקוקן אינעם סידער, וואָס איטלעכער האלט אפ זיין אָרט שטייענדיק און דאוונט. טאקע דאָס אייגע־נע דאווענען (נאָר ניט קיין ספארדישע סידורימלעך). כ׳לעבן, עס הייבט זיך אָן פון „מה טובו“ [1] א כאזן שטייט פארן אָמעד, נאָר ער רייסט זיך ניט אפ די ציין. איטלעכער שטייט אפ זיין שטאָט שטיל, שיין, און דאוונט גאנץ ערנצט, איז דאָך דאָס אוואדע יידן. די ווייבער גייען גאָר ווי די פריצעס אָנגעטאָן, און זאָגן „גוט־שאבעס“ איינער דער אנדערער.

דעם אנדערן טאָג נאָך שאבעס איז זונטיק. זעט מיכל טויזנטערוויין דייטשן מיט דייטשקעס, אלטע און יונגע, זייער ריין, יאָנטעוודיק אָנגעטאָן, גייען אלע ארויס פון דער שטאָט. וווּהין גייען זיי? אין בעסמעדרעש ארײַן — נישט, ווייל ס׳איז ניטאָ קיין קויטיקער בעסמעדרעש אין ברעס־לע, צו „טאשלעך“ — אויך ניט. אנטקעגן דעם גובערנאטאָר סיידן אָדער אפשער קומט אָן דער נייער סאר?

מיכל דערזעט דעם יידן, בא דעם וואָס ער האָט שאבעס געגעסן, אויך ווי א סראָרע ווייל אָנגעטאָן, און דאָס ווייב ווי א סראָרעטע פיד־באָלאָם, גייען גלייך, ווי אלע גייען, ארויס פון דער שטאָט. איז ער צו־געגאנגען פרעגן:

— ווּהין גייט עס דער אוילעם?

— קאָמט, פּאָלאַק, האלטן זי אונדז פריי (קומט מיט אונדז, פּוילישער, וועט איר טאקע צאָלן פאר אונדז), — ענטפערט מען אים.

כאָטשע ער האָט ניט פארשטאנען, וואָס דער ייד דער דייטש זאָגט, איז מיכל זיי נאָכגעגאנגען פוסטריט, ביז מע איז געקומען צו א גרויסןברייטן לאנגן גאָרטן. אהין גייען אלע פריצים מיט די פריצעס, מיט די קינדער אפילע אריין. מיכל הערט א מייל אלטע דייטשישע יידן, די, וואָס ער האָט אין דער שול געזען זייער ערנצט דאווענען, רופן דאָס: „ליביכס גאָרטן“. די יונגעלייט, מיט די, וואָס ער גייט, זאָגן צו אים:

— נו, פּאָלאַק, היר איזט דער גארטן, וואָלן זי אונדז פריי האלטן?

האָט זיך מיכל גישטויסן, אז דאָס, וואָס די אלטע רופן „גאָרטן“, זאָגן די יונגע „גאוטן“. „א גאָרטן, — טראכט ער בא זיך, — וואָס טויג מיר א גאָרטן, ווו עס וואקסן פּשעניטשקעס און אוגערקעס און בורעקעס, אָדער אפשער קארשן מיט ווייַנשל, אָדער בארן, פלוימען און עפל?“ פאָרט האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ...

„און אפשער ניין?..“

1 „מא טויווו“.

דער באַלעבאָס, בא דעם, וואָס ער האָט נעכטן געגעסן שאַבעס, טוט אים א שלעפּ אַרײַן און זאָגט צום ווײַב מיט א ווונק, האָט זי אים אויך א ציי געטאָן אַרײַן.

מיכל איז אינעווייניק, דורך דעם שיינעם טויער פונעם גאָרטן, גלײַך מיט אַלע סראָרעס און מיט אַלע סראָרעטעס אַרײַנגעגאַנגען און כאַפּט אַראָפּ דאָס קאַפּעליושל. (דעם ספּאָדעק האָט ער טייקעפּ באַהאַלטן און האָט זיך א קאַפּעליושל געקויפט.) דער באַלעבאָס מיט זײַן ווײַב לאַכן און ווײַזן מיכלען, אַז אַלע גייען אין די היטלען, מעג ער אויך גיין אינעם היטל.

דאָ אין גאָרטן, אין ליביכס גאָרטן, זעט מיכל, איז ניטאָ קיין בורעקעס און ניט קיין פּשעניטשקעס, אַפילע ניט קיין פלוימען־אָדער באַרנביימער. וואָס דען איז דאָ? פון פאָרנט א גרויסער פּלאַץ, באַוואַקסן מיט אַלערליי צאַצקעס, זייער שיינע צאַצקעס פון נאָך סוקעס, וואָס וואַקסן. ווײַטער און ווײַטער איז דאָ גרויסע און קליינע ביימער, זייער שיינע, שורע־ווײַז אָדער קײַלעכדיק אַרום ווי א צירקל וואַקסן זיי. און צווישן די ביימער שטייען טישלעך, טישלעך, אַלץ מיט בענקלעך דערבײַ אַף צו זיצן. גוזמע־גוזמאָעס אַזעלכע טישלעך זײַנען שוין אַרום אַף די בענקלעך באַזעצט מיט סראָרעס און מיט סראָרעטעס. א טייל, קוקט זיך מיכל צו, טרינקען קאַווע און צאָלן דעם, וואָס ברענגט דאָס טעצל מיט די פיליזשאַנקעס און א קריגעלע קאַווע, מיט א קריגעלע מילך און צוקער דערצו, נאָר א האַלבן גילדן. בא אַנדערע טישלעך זיצן סראָרעס מיט סראָרעטעס און קינדער דערבײַ און טרינקען א בוטילקע ביר פון שיינע גלעזלעך, צאָלן זיי נאָך ווייניקער.

„אַך, אַזוי וואָלוול! בא אונדז אין לויהאַיאָפּאָלי, — טראַכט בא זיך מיכל, — קאָסט דאָך א גלאָז אַלטער מעד טײַערער“.

— אנו, גיב אַהער, — זאָגט מיכל צו די דײַטשלעך די קליינע מעשאָרסימלעך, וואָס טראָגן אַרום און ברענגען איטלעכן קאַווע אָדער ביר, — דײַטשל, אַהער צו דעם טישל, וואָס מײַן באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע זיצט, ברענג קאַווע אי ביר.

דאָס דײַטשל האָט אַפילע ניט גאָר פאַרשטאַנען, וואָס מיכל האָט געזאָגט, נאָר די צוויי ווערטער: „קאַווע, ביר“ — האָט ער געהערט. דערבײַ האָט מיכל אים געוויזן דאָס טישל, וווּ דער, וואָס ער האָט בא אים נעכטן געגעסן, מיטן ווײַב זיצט. מיט א מינוט שפּעטער האָט דאָס דײַטשעלע אינעם גרינעם שפּענצער געבראַכט צו טראָגן אַף א טעצל קאַווע מיט מילך און צוקער, מיט פיליזשאַנקעס אין איין האַנט, און א בוטילקע ביר מיט גלעזלעך, דערבײַ אַזוינס, וואָס מע נעמט אַרויס דעם קאָרעק פון דער בוטילקע, טראָגט ער אַף א טעצל אין דער אַנדערער האַנט. געשווינד אַנידערגעשטעלט אַפן טישל און אַרויסגעשלעפּט דעם קאָרעק, מיט די ווערטער:

— הירו!

שוינ לויפט דאָס דײַטשל אוועק אונ ברענגט צו אַנדערע טישלעך וואָס מע האָט געהייסנ. אזעלכע קליינע, גרינע דײַטשלעך לויפנ ארום, ברענגענ אונ טראָגנ איטלעכנ זײַנס. עפּשער צוואנציק שיינע, פראָוואָרנע דײַטשלעך. אינדערמיטנ פונעם גאָרטנ איז אזוי [ווי] א בעלעמער—לעהאוודל ווי אינ שול — זיצנ עפּשער צוואנציק מענטשנ, וואָס שפּילנ אפּ פידלענ אונ אפּ פלייטנ, אונ אנדערע קלעזמער, אזוי וויל, אז מע הערט איבערנ גאנצנ גאָרטנ.

מיכל גלייבט זיך גאָר ניט, אז דאָס טוט מענ ניט א כאסענע וועגנ. נאָר קאָשע איז אים: די קלעזמער שפּילנ אונ קיינער טאנצט ניט?

מיכל זעט, אז דער באלעבאָס, וואָס ער האָט בא אים געגעסנ, — ער הייסט העב אוראָם זאקס, — מיט זײַנ ווײַב טרינקענ קאווע. נעמט ער זיך צום ביר. זייער גוט, קאַלט ביר, בעסער אפילע פונעם-בארדיטשעווער מאר־צאַזע ביר, וואָס ער האָט אפּ דער כאסענע געטרונקענ. דאָס דײַטשעלע לויפט אונ זעט, מע האָט אויסגעטרונקענ, זאָגט ער דאָס וואָרט:

— געלט!

מיכל לייגט אנידער א פוילישנ גילדנ, גיט מענ אים ארויס צוויי פּייעמ מינצ אונ שוינ. לויפט דאָס דײַטשל אוועק מיט די צוויי טעצלעך אונ מיט אלע קיילימ.

די קלעזמער שפּילנ ווײַטער, אלעמאָל עפּעס אנדערש, אָבער אלצ וויל. פּאָרט טאנצט ניט קיינער. „מעשוגענע דײַטשנ!“ — טראכט מיכל בא זיך.

דער ר׳ב אוראָמ זאקס מיט זײַנ שיינעמ ווײַבעלע הייבנ אָנ צו גיינ שפּאצירנ אינ גאָרטנ. קומט זיי אנטקעגנ איינער פונ די קלעזמער מיט א טאצ; אפּ דער טאצ ליגט א פּאפּיר ווי נאָטעס, וואָס א קאפּעלע האָט טאָמיד פאר זיך בעשאס זיי שפּילנ. אונדזער רעב אוראָמ זאקס טוט א ווײַז צו מיכלענ, ער זאָל די צוויי פּייעמ, וואָס מע האָט אים ארויסגעגעבנ פונעם גילדנ, דאָ אפּ דער טאצ אנידערלייגנ. דאנקט דער דײַטש, דער קלעזמער, אונ גייט ווײַטער. לייגנ אים אנדערע אויך עפּעס אנידער אפּ דער טאצ. א טייל לייגנ גאָרנישט אנידער אונ טוענ א מאכ מיט דער האנט. איז אויך נישקאָשע.

בא מיכלענ איז דאָס אלצ גרויסע װוּנדער: סטײַטש, פאר איינ פוילישנ גילדנ איז ער דאָ אינעמ גאנײדנ צווישנ כראָרעס מיט אזוינע שיינע שײַ־נענדיקע כראָרעטעס! ביר געטרונקענ האָט ער אונ האָט זײַנ באלעכאָס מיט דער שיינער באלעבאָסטע מעכאבעד געווענ מיט קאווע. קלעזמער הערט ער שפּילנ, וויל שפּילנ זיי, בעסער טויזנט מאָל פונ איציקל ליוואק אינ לוהאָיצאָפּאָלי, שפּאצירנ גייט ער ארומ אינ גאנײדנ צוויי זייגער־שאָ. דאָס אלצ קאָסט נאָר איינ פוילישנ גילדנ! אָט אזוי לעבנ מענטשנ, וואָס דענ! „בא אונדז לעבט מענ טאקע ווי כאזיירימ“, — זאָגט מיכל זיך אלײנ.

זונטיק אפדערנאכט האָט כליעבאָוו, דער קאָמיסיאָנער, באַשטעלט בא דעם פאָדראַטשיק אָקסמאַן זײַן מיכלען פאַר א פּריקאַשטשיק. איז ער מאָ־טיק אינדערפֿרי שוין אַרײַן צו אָקסמאַנען און איז בא אים אין זײַנע שיינע, גרויסע צוויי שטובן, וואָס מע האָט אין גאַסטהויז אָקסמאַנען אָפּגעגעבן. איין שטוב איז א שיין א שלאָף־ציידער מיט א שיין ריין בעט, מיט ווײַסע גלאַנצנדיקע ציכן איבערגעצויגן בעטגעוואַנט, דערבײַ שטייט א טישעלע ביט א פּאָרצעלײַענער גרויסער שיסל, מיט א פּאָרצעלײַענעם קרוג מיט וואַסער, א שטיקל זייף און א קעמל. דערבײַ א ריין ווײַסער האַנטעך. א פּאָר בענקלעך שטייען אויך דאָ אינעם שלאָף־ציידער. די אַנדערע שטוב איז א גרעסערע. דאָ הענגט א גרויסער שפּיגל, און א קאָמאָדע, מיט א שיינער קאַנאַפּע און זעקס שיינע, פֿײַנע בענקלעך. א שיינער, גרויסער טיש, און אכוצ—א שרײַבטישל. דערויף ליגט פּאַפּירן, טינט און פּען. פֿאַר די צוויי שטובן איז נאָר פֿאָרנט אַזוי ווי א הײַזל. דאָ שטייען שטיוול און בערשטלעך, דאָ הענגט מען אויף א טולופּ אָדער א שינעל, איידער מע גייט אין שטוב אַרײַן.

אז מיכל איז אַרײַן אין דער מאָנטיק געקומען צו אָקסמאַנען, האָט ער אים געטראָפֿן ווי ער איז געזעסן באַם שרײַבן. מיכל האָט גע־ען א שיין פּריצעלע אַרײַנברענגען אַף א טאַץ קאַווע, קיילים מיט קאַווע, דערבײַ זאָגט זי: „גוט־מאָרגן!“ דערווײַל, ווי אָקסמאַן לייגט אַוועק דאָס שרײַבן און נעמט זיך קאַווע צו טרינקען מיט א ווײַז דעם שיינעם יונגן פּריצעלע אַף זײַן בעט אין אַלקער אַרײַן, לויפֿט אַוועק שפּרינגענדיק דאָס פּריצעלע און קומט צוריק טאַקע אין דער מינוט, טראָגנדיק אין א קאָשיקל פֿרישע, ווײַסע ציכן און ציט איבער אָקסמאַנס בעטגעוואַנט. די פֿריערדיקע ציכן נעמט זי צוריק אין קאָשיקל אַרײַן, דערבײַ נעמט זי אין אײַנוועגס צו די קיילים. מיט א נייַג פֿרעגט זי: „העַר אָקסמאַן, וואָס נאָך באַפֿעלן זי?“ קוקט מ כל מיט א פֿאַרוווּנדערונג: „ווי געשווינד, ווי גיך דאָ טוט זיך אַלץ און מיט וואָס פֿאַר א גרויס דערעכערעץ דאָ גייט צו!“

אָקסמאַן איז א מיוון, ווי א ייִדל פֿון א רוסיש־פּוילישער שטאָט פֿאַרשטייט דאָס גאָר ניט אָדער מוז מיינען, אז אָקסמאַן צאָלט דאָ א הונדערטער א טאָג. ער זאָגט צו מיכלען:

— ווילסטו אויך קאַווע? הייס דיר ברענגען.

מיכל ענטפֿערט:

— ניין, קאַרפּ סעמיאָנאָוויטש האָט מיך ניט אַוועקגעלאָזט, איך האָב מיט אים געמוזט טיי טרינקען.

דענצמאָל האָט ערשט אָקסמאַן געזאָגט:

— ניין, קאַראָלינע, דער מאַן טרינקט קיינע קאַפֿע.

איז זי אַוועקגעגאַנגען.

— איאָ, מיכל, — זאָגט אָקסמאַן, אַז קאַראָלינע איז אוועקגעגאַנגען, צו מיכלען. — דו מיינסט, ווער ווייסט וויפל דער אָקסמאַן צאָלט פאַר דער קוואַרטיר דעם דײַטש פונעם גאַסטהויז. זע, אָט די ציוויי שיינע שטובן מיטן בעט, און מיט אַלע אַכט טאָג ווײַס, פּריש איבערגעצויגן בעטגעוואַנט, מיט אַלע בענקלעך און טישן און טישלעך, מיט אַלע מאָנדעוקעס, וואָס דו זעסט, מיט.. אַפּילע אָט הענגט א שליסל צו זייער א ריינעם אָפּטרעט, מעכילע. דערפאַר גיב איך אַכט גוטע גראָשן, דאָס ווייסט צוויי פּוילישע גילדן א טאָג. קאָסט דאָס איינגאַנצן מיך א כוידעש ניַין קערבלעך. האָב איך א דירע, וואָס איך דאַרף מיך ניט צו שעמען, אַז עס קומען צו מיר אַהער פּאַלקאָווניקעס און יענעראַלן אַפּילע. צו מײַן אייסעק מוז איך האָבן א שיינע דירע און פאַרשפּאָר א בעט-זאַק מיט בעטגעוואַנט מיט מיר צו פירן, אַז איך דאַרף פאָרן. בא אונדז צאָלט מען מער פור-געלט פאַרן בעט-זאַק ווי פאַר זיך אַליין. און דאָס שיקסל באַדינט צוואַנציק אָרכים, וואָס שטייען אײַן אין דעם גאַסטהויז, איטלעכן אין זײַנע שטיבלעך. אַז איך גיי אַוועק צו מײַנע אייסאָקים, לאָז איך איבער דעם שליסל בא דעם שיקסל, ווייסט זי שוין אויסצוקערן און ריין צו מאַכן ווי גאָלד איטלעכס ווינקעלע. איך מעג איבערלאָזן אומגעציילט געלט, וועט מיר ניט גוואַנועט ווערן ניט א קאָפּיקע. אַז איך קום צוריק, הענגט שוין מײַן שליסל באַם באַלעבאָס פונעם גאַסטהויז. פאַר קאַווע צאָל איך א האַלבן פּוילישן גילדן. און אַלץ, וואָס איך אויבערקאָן דאַרפן, שטייט אַפּ א טאָוול — ער ווײַזט מיכלען מיטן פינגער, ווו א טאָוול הענגט אַפּ דער וואַנט, — אָפּגעשריבן דער מעקעך, ווי טײַער עס קאָסט. קאָן איך אַליין פירן מײַן כעזשבן, וואָס איך האָב גענומען באַם באַלעבאָס, וויפל איך האָב אים צו צאָלן. און דער באַלעבאָס קאָן זייער גוט באַשטיין. א דײַטש קען רעכענען... ווער ווייסט, ווי לאַנג עס וועט נאָך בא אונדז, אין אונדזערע פּאַסקידנע שטעט אין רוסיש-פּוילן, געדויערן, זיי זאָלן האָבן אַזאַ סיידער פּאַרנאָסע מיט אַזאַ כעזשבן פּאַרנאָסע? לאַנג, לאַנג האָט מען דערווײַל צו וואַרטן בא אונדז.

מיכל טוט א טרעס מיטן קאָפּ.

— ניין, קיינמאָל וועט עס בא אונדז ניט זײַן. איך זאָג אײַך דעם עמעס. סײַדן מע זאָל זיי אַלע, גאַנץ רוסיש-פּוילישע ייִדן, אַהער טרײַבן אַפּ א פּאָר יאָר, וואָלטן זיי זיך עפּעס א מוסער גענומען. אַזוי אַז איינער קומט צו פּאָרן פונדאַנען און דערציילט דאָס, גלייבן זיי ניט און מאַכן נאָך כויזעק.

— דאָס כויזעק-מאַכן, — ענטפערט אָקסמאַן, — האָבן אונדזערע רוסיש-פּוילישע ייִדן נאָר פון די ביטערע כסידים מיט זייערע שווינדלערס, די כסידישע רעבעס אָדער וואָס זיי רופן „גוטע-ייִדן". דערפון זײַנע ייִדן

געוואָרן איזעספּענעמער. דו, מיכל, ווייסט ניט, אַז די געמאָרע לויבט יידן מיט דרײַ מײַלעס: בישנים, רחמנים, גומלי חסדים[1]. דאָס ערשטע, אַז יידן זײַנען בײַשאָנים, האָבן [די] כסידים גאָר געמאַכט פאַר אַ ליגן: איזעספּע־נעמער! קיין אַלטן יידן אַ לאַמדן רופט מען ניט רעב, נאָר אַלץ שייגע־צעוואַטע: „העד נאָר דו, שמועל", זאָגט מען צו אַן אַלטן יידן פון אכציק יאָרן. כוץ זייער רעבע, דער גוטער־ייד, זײַנען אַלץ העפקער. ראַכמאָ־נעס אַפּ אַ מענטשן אָדער אַ גמילעס־כעסעד טאָן אַ מענטשן, וואָס איז ניט קיין כאָסיד, איז בא זיי אַן אַוויירע. דעריבער, איידער כסידים מיט דער מאַקע כסידישע רעבעס האָבן זיך זאַנאַדעט בא יידן, האָט מען זיי געקאָנט דערציילן: „ברידערלעך, ניט אַזוי איז גוט ווי איר טוט, לערנט אײַך פון עלטערע מעדינעס בעסערע מינהאָגים, קליגערע אײַנפירעכצן מיט אַ סיידער פּאַרנאָסע. דאָס קאָסט ווערלוועלער. און ס'איז בעסער צום לעבן!" זיי האָבן פאַרשטאַנען און צוגעהאָרכט. ביסלעכווײַז האָט מען אַלטע שײַבעלעך מיט לעטניקעס מיט נאָך נאַרישקײַט אָפּגעשאַפט, און מע האָט געפאָלגט. די פלאָג איזעספּענעמער כסידים מאַכן כויזעק פון דער גאַנצער וועלט, ער דאַרף גאָרנישט קענען, און די כסידישע רעבעס זאָגן בעפיירעש, אַז נאָר אַ כאָסיד צו זײַן איז דער איקער, אינעם רעבן צו גלייבן, אַז ער שטייט מיט איין פוס דאָ און מיטן אַנדערן פוס שטייט ער איבער די מאַלאָכימס קעפּ צו דערלאַנגען גאָטס קנעפּל פון די פלורערן, — אָט דאָס דאַרף אַ ייד קענען, ווײַטער טויג אַלץ אַפּ קאַפּאָרעס. די צאָרע איז דאָס גרעסטע אומגליק פאַר די יידן אין רוסיש־פּוילן. יידן ווערן אַלע טאָג מער קאַליקעס, זיי קענען ניט לערנען קיין יידיש, זיי קענען ניט שרײַבן און זײַנען סאַמע איזעכפּענעמער. „אַלעמײַ דער רעבע, רעבע.., דעם ..ס אַן אייניקל, קען זיך אַפילע ניט כאַסמענען, — נו, איז ער ניט אַ געלט-מאַכער? טויזנטער ווײַסע רענדלעך טראָגט מען אים אַפּ אַהיים אין שטוב אַרײַן: „האָ, נאַ", זאָגט איטלעכער כאָסיד.. מיכל, מיר וועלן איבער די פאַרנאַרטע יידן פאַרגעסן אונדזערע קראַנקע סאָלדאַטן. קום מיט אין שפּיטאָל אַרײַן, וועל איך דיר איין מאָל ווײַזן דאָס דײַטשל. מיט דעם וועסטו טאָמיד גיין אײַנקויפן פונעם שפּיטאָלס וועגן, וואָס מע דאַרף. און וועל דיר ווײַזן, ווע־מען דו האָסט טאָמיד אָפּצוגעבן די זאַכן, וואָס איר וועט אײַנקויפן. דעם מענטשן וועסטו אַלע פאַרנאַכט אָפּגעבן כעזשבנ פון געלט, וואָס איר האָט אײַנגעקויפט איך גלייב כליעבאָווג, אַז דו ביסט אַן ערלעכער כענטש. מײַן דײַטשל געפעלט מיר ניט פאַר קיין נעמען. איך גיב דיר אַ כוידעש צוויי הונדערט רובל. און אַז דו וועסט דיך סטאַרען וואָלוול אײַנצוקויפן, — איך וועל דאָך זען דעם כילעק אַקעגן די מעקאָכים, וואָס דאָס דײַטשל האָט

1 בײַשאָנים, ראַכמאָנים, גוימליי כאַסאָדים.

מיר ביז אַהער געוויזנ, — זײַ באַטועכ, איכ וועל דיכ גוט באַלוינענ אכוצ דײַנ זשאַלאָוואַניע (געהאַלט). קום!

מיכל האָט אַלצ גוט אויסגעהערט, אונ איז נאָכ מער פאַרווונדערט געוואָרנ, אז ס'איז דאָ א מענטש, וואָס האַלט די גוטע־יידנ פאַר ליגנערס, פאַר אַמעראַצימ, פאַר אָזעספּענעכער, עפּעס גאָר ניט וויאַזוי ער האָט טאָמיד אינ לויהאָיאָפּאַלי געהערט.

א גײַ געטאָנ מיט אָקסמאַנענ, אונ אפנ וועג ערשט רעכט איבערגעלייגט אַלצ, וואָס אָקסמאַנ האָט אים געזאָגט. אינ שפּיטאַל האָט מיכל טויפּעס געוועזנ דעם אײַסעק אונ איז געוואָרנ א ווילער פריקאַשטשיק.

## 14

א בעריע א יונג, א קלוגער יונג ווי מיכל, האָט זייער גוט געטויגט אָקסמאַנענ צומ אײַסעק. ער איז אינ צענ טעג געוואָרנ, אָנ דעמ דײַטשל, גאָר אַליינ, דער גאַנצער אײַנקויפער. כאָטשע ער האָט ניט גוט גערעדט אפ דײַטשעריש, עפּעס אַנדעריש, אָבער דאָרט, וווּ מע האָט געהאַט צו קויפנ, האָט ער געוווּסט די נעכענ אָנצורופנ. דערבײַ האָט דאָס געלט א סגולע, אַז די דײַטשנ פאַרשטייענ, ווענ מע וויל זיי געבנ צו לייזנ, אַפילע שלעכט גערעדט.

אָקסמאַנ האָט ליב באַקומענ מיכלענ אונ האָט אים טאָמיד צו זיכ אינ שטוב אַרײַנגערופנ, ווענ געסט, אַנדערע פּאָדראַטשיקעס, זײַנענ זיכ צונויפגעקומענ בא אימ אפ דער נאַכט טיי צו טרינקענ אונ צו שמועסנ פונ אַלערליי זאַכנ.

מיכל איז שוינ עטלעכע מאָל געוועזנ מיט אָקסמאַנענ אינ טעאַטער. אונ אָקסמאַנ האָט מיכלענ געגעבנ צו פאַרשטיינ די שטיק, וואָס מע שפּילט אינעמ טעאַטער, וואָס איטלעכעס באַטײַט.

מיכל האָט געזענ, אַז אָקסמאַנ איז אַזוי גוט אונ וויל, ער זאָל פאַרשטיינ, פרעגט ער אַמאָל:

— האָט מיר ניט פאַריבל. יאָ, ס'איז זייער שיינ, יאָ, ס'איז זייער קלוג, מיט סייכל אַלצ געמאַכט, אונ מע האָט האַנאָע. נאָר וואָלט איכ געוואָרנ געוווּסט: צו וואָס קומט צוניצ דער טעאַטער מיט די אָנשטעלנ?

— גוט, וואָס דו האָסט מיכ געפרעגט, מיכל, — זאָגט אָקסמאַנ. — אַנו, מאַכ א כעזשבנ פונ די זעקס שטיק, וואָס דו האָסט מיט מיר געזענ שפּילנ אינעמ טעאַטער, אויב איטלעכס שטיק איז ניט א מוסער פאַר דעמ מענטשנ? איינער איז רײַכ, א באַראָנ, אונ האָט אַזויפיל סייכל אונ געלט אויסגעבראַכט, אַנ ערלעכנ אָרעמענ מענטשנ צו ברענגענ פונ זײַנ ערלעכער טאָכטער אונ פונעמ שניבעלע אפילע אַרויסצוטרײַבנ. געדענקסטו דעמ באַראָנ?

נו, ווי האָט זיך אויסגעלאָזט? אז דער באראָן איז געוואָרן זרעם און א קאליקע דערצו, דער אָרעמער איז דורך זײַן ערלעך, גוט, שיין מיידעלע געוואָרן א גוטן גראַפּ א שווער און איז גליקלעך געוואָרן. געדענקסטו, מיכל?

— יאָ, כ'לעבן, — זאָגט מיכל, — איך דערמאָן מיך בא די אלע שטיק איז אלץ אזוי דער כּאָפּ. יאָ, כ'לעבן, טאקע. טאקע קומט אלץ אויס, אז דער גערע־טער ווערט דערנאָך באקאנט, און דער שלעכטער מענטש ווערט געהארגעט, אָדער זײַנע פאלשע זאכן קומען ארויס קלאָר, אז ער ווערט מעוויעש, נא...

— קומט דאָך דער טעאטער צוניץ בעסער, — זאָגט אָקסמאן, — בעסער פון א באל-דארשערס מוסער זאָגן. דאָ, אינעם טעאטער, בעשאס מע האָט האנאָע פון די אָנשטעלן, ווי דו, מיכל, רופסט עס — פּעקלט מען ארײַן איטלעכן, וואָס זעען און וואָס הערן, אין האַרצן ארײַן, מוסער, און א רײַע, אז גוט איז ערלעך צו זײַן און גוטע לײַט צו פאָלגן גייט טאָמיד אויס צום גוטן. פארקערט, ווידער, איז עס א רײַע, אז א באל־גײַווע, א שלעכטער מענטש, א הולטײַ, כאָטשע עס דאכט זיך אפּ א קורצער צײַט, ער לויכט, קומט ער דערנאָך צו ביזיוינעס און צו אלע צאָרעס. פון א באל־דארשער וויל ניט איטלעכער הערן, און אז מע הערט יאָ אפילע, פארגעסט מען זײַן דראָשע מיט זײַנע גוטע ווערטער מיט א שאָ שפּעטער נאָך דער דראָשע. די טעאטער-שטיק הערט איטלעכער צו מיט כיישעק און הערט גוט איטלעכס וואָרט. בלײַבט עס טאקע אינעם הארצן. אָט געדענקסטו אוואדע אלע שטיק, וועל איך מיך וועטן?

— עמעס, — טוט מיכל א זאָג, — איך וועל אײַך אין דער היים ווײַזן, בא מיר איז אפּ יִדיש אופגעשריבן איטלעכס שטיק, מיטן נאָמען ווי עס הייסט, אבי איך האָב נאָר דעם נאָמען פונעם שטיק, וועל איך שוין אויסנווייניק, אפילע, אין לויהאָיאָפּאָלי קענען דערציילן דאָס גאנצע שטיק.

— איך האָב האנאָע, — לאכט אָקסמאן, — אז דו שרײַבסט דיר אופּ די נעמען. טאָמער מיינסטו אָבער, אז די גאנצע האמצאָע פון טעאטער קומט ארויס פון מארשעליקעס, ווי דו רופסט עס „אָנשטעלן”? ווײַל בא אונדז אינעם פינצטערן אָרט, אין די רוסיש־פּוילישע יִדישע שטעט, פארשטעלן זיך די מארשעליקעס אפּ א כאסענע און מאכן אָנשטעלן. אקוראט, ווי אז מע זעט קליינע קינדער פארשטעלן זיך פאר סאָלדאטן, — קאָן א נאר מיינען, אז אלע תּכסיסי מלחמה [1] קומען ארויס פון קליינע קינדער? ניין, מיכל. דער, וואָס האָט מאמצי געוועזן דאָס ערשטע מאָל די זאך פון א טעאטער, האָט געהייסן אריסטאָטעלעס, — אפילע פּראָסטע יִדן זאָגן: „קלוג, גאָר ווי

[1] טאכסיסיי מילכאָמאָ.

אריסטאָטעלעס", — דאָס איז פאַר עטלעכע טויזנט יאָר געווען זייער א גרויר-סער וועלט־כאָכעם אין אלע כאָכמעס פון דער וועלט. דער האָט געזאָגט: א טעאטער איז א כיידער, ווו מענטשן לערנען זיך גוט און פרום א־ין ערלעך צו זײַן („דאס טעאטער איזט די שולע דער טוגענד"). אצײנדערם וו־יסטו, מיכל, צו וואָס עס קומט צוניצ, א־אָ?

— א שיינעם דאנק אײַך, הער אָקסמאַן, — זאָגט מיכל. — הײַנט חיים איך פיל זאַכן, וואָס איך האָב פריִער נים געוווּסט. אין די שטעטלעך בא אונדז לעבט מען גאָר ווי די בעה־ימעס פּראָסטע. מיר זאָל ניט זײַן איינ־איינציקע זאַך, וואָס ציט מײַן הארץ אהיים, וואָלט א־יך, כ'לעבן, ניט גע־פאָרן אין דעם פינצטערן כויטעב אריַין, ווי איר זאָגט, נאָך דערצו די ליגנערס צי די כסידישע רעבעס מיט זייערע אָנשטעלן, וואָס מאכן מענטשן פאר ליגנערס, פאר פלוידערערס און פאר קאליקעס. נעבעך, נעבעך, א ראַכ־מאָנעס אפ זיי! עס רײַסט דאָס הארץ...

אזוי זײַנעןביידע, אָקסמאַן און מיכל, אהיים געקומען פונעם טע־אטער.

## 15

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, נאָך דעם טעאטער־שמועס, איז בא אָקס־מאַנען זיך צונויפגעקומען אלע רוסישע פּאָדראטשיקעס, וואָס זײַנען געווען אין ברעסלע. ניט מיקויעכ אייסאָקים צו ריידן. דאָס איז נאָר אין די רוסיש-פּוילישע שטעט אזוי, אָן דערעכערעץ, מע זאָל אריַינקומען צו יענעם צו זען, וואָס ער שרײַבט אָדער מיט וועמען ער האָט צו טאָן, געוואָר צו ווערן פון יענעמס סוידעס. אין דײַטשלאַנד האָבן זיך אונדזערע רוסישע פּאָ־דראטשיקעס אויסגעלערנט דערעכערעץ: אז מע ציילט געלט בא א טיש, זאָל מען שטיין ווײַט פונעם טיש, און אז יענער שרײַבט, זאָל מען בעשום אויפן ניט נאָענט צוגיין, קעדיי עס זאָל ניט א פּאָנעם האָבן, אז מע וויל קוקן, זען, וואָס יענער שרײַבט. גלאט דער אויפעם זײַנען זיך צונויפגע־קומען. אפּדערנאכט, אז איטלעכער האָט זײַן אייסעק באטאָג געטאָן, מעג מען א ביסל שמועסן פון וועלט־זאכן.

דאָ איז מיכל אויך געזעסן, ווײַל אָקסמאַן האָט אים אריַינגערופן, ווען פרעמדע מענטשן זײַנען צו אים געקומען, קעדיי ער זאָל באקאנט ווערן מיט בעסערע לײַט, ווי בא א־ים אין לויהאָי־אָפּאָלי זײַנען. דערביַי האָט ער, אָקסמאַן, אפ דעם דײַטשערישן שטייגער, טאָמיד די פרעמדע, וואָס האָבן מיכלען נים געקענט, געזאָגט:

— אָט דאָס איז מײַן מיכל, אן ערלעכער, טויגלעכער יונגערמאַן פון רוסיש־פּוילן, ניט לאַנג ארויס פון דער פינצטערניש, פון די שטעטלעך.

איך וויל, ער זאָל געניט ווערן און זאָל באַקאַנט ווערן אין דער גרויסער וועלט מיט לייט, ניט גראָד כסידים אָדער פּאַרנאַרישטע קלוגע. איך וואָלט געוועלט, ער זאָל אהיים קומען כאָטשע ניט מיט פיל געלט, זאָל ער האָבן אַ מויל דאָרטן צו זאָגן: „פאַרנאַרטע מענטשן! ס'איז ניט עמעס, וואָס מע זאָגט אַ־ך פיר!"

אַזוי האָט אָקסמאַן איטלעכס מאָל גערעדט. אצינדערט אפדערנאָכט, אַז אַלע רוסישע פּאַדראַטשיקעס, וואָס אין ברעסלע, זיינען זיך צו אים צונויפגעקומען, האָט אָקסמאַן פאַר אַלע דאָס אייגענע (אָדער מיט אַנדערע ווערטער) מיכלען רעקאָמענדירט.

אַ קלוגער יונג מיכל, האָט אויך שוין געוווּסט דערעכערעץ און האָט זיך צו איטלעכן געגייגט און צו אָקסמאַנען געזאָגט:

— אַ טייערן דאַנק פאַר אייערע גוטע ווערטער.

ניט ווי אַ ייִדל פון רוסיש־פוילן זאָגט טייקעף צו איטלעכן: אַ „גוטער פּריינט", אָדער „אייער אַ גוטער פריינט", ווי קומט באַקאַנטשאַפט צו גוט־פרײַנטשאַפט? מיכל האָט שוין געוווּסט דעם כילעק פון די ביידע זאַכן.

די פּאַדראַטשיקעס: רעב גערשן מאַרגאָסין, רעב מוישע דאַווידזאָן, רעב יעקל הײַלפּערין, רעב כאַיִם קרוין, רעב שלוימע בלומענפעלד, רעב אווראָם לאַנדע זײַנען אַלע געווען בעריעס מענטשן, געניטע פּאַדראַטשיקעס, מענטשן, וואָס האָבן אַ נאָמען אפּ דער מעדינע, פון דער היים מעקוכאָסים, אשירים, אַ טייל גרויסע אשירים, אַ טייל ניט זייער רייך, נאָר טאָמיד אין אייסאָקים, קלוגע, אויפגעקלערטע מענטשן, וואָס האָבן פון דער היים געוווּסט, אַז די כסידערײַ איז אַ צאָרע פאַר ייִדן, ביפראַט, אַז זיי האָבן דאָ אין דײַטשלאַנד געזען ייִדישע יונגעלײַט מיט גרויסע מײַלעס, ייִדישע קינדער לערנען און קענען לעשוינעס און אַלע כאָכמעס, אַז מע מוז פאַר אַזעלכע קינדער דערעכערעץ האָבן.

איז דאָך פיל דאָ צו ריידן, אַז מע טוט אַ קוק, ווי ווייט זייערע אייגענע קינדער אין דער היים זײַנען פון די היגע קינדער.

בײַ איינעם איז זײַן איידעם מיט זונדל ביידע כסידים און ליגן באַם גוטן־ייִדן טאָג און נאַכט, אַפילע אַ ביסל ייִדיש־לערנען פילעוועט מען ניט, מיקאָל־שקיין שרײַבן לאַכלוטן ניט.

דער אַנדערער זיפצט. ער האָט צוויי יינגלעך, האָבן זיי זייער גוטע, קלוגע קעפּ, איז אַפילע ניטאָ בײַ וועמען צו לאָזן לערנען לאָשנקוידעש, ווער שמועסט רוסיש אָדער דײַטש — טאָר מען ניט לאָזן אַ קינד, כאַסוועשאָלעם, זאָל עס קענען, נאָר בײַ די מעלאַמדים, די קאַליקעס כסידים. דער מעלאַמעד, פּינכעס, דעם האָרבאַטש, איז אויך אַ קאַרגער לאַמדן, אַפילע געמאָרע קען ער נאָר אַ קאַפּ; אָקעגן איז ער אַ כאָשעוו באַם כסידישן

רעבן, א טײַער זײַדנ ייִדעלע. רעב ... זאָגט, אז אפ זײַנ האָרב שטייט א האלבע וועלט. כא-כא-כא!.. נא, וואָס וועט ער דערציילנ מײַנע קינדער? אווּדע פונ כסידישע גוטע-ייִדנס מויפּסימ, איינ ליגנ גרעסער פונ דעמ אנדערנ, איינ נארישקײַט גרעסער פונעמ אנדערנ. יונגע קינדער נעמענ אלצ אָנ פאר עמעס: „סטײַטש, דער מעלאמעד, דאָס זײַדענע ייִדעלע, דערציילט עס, איז דאָכ דאָס אווּדע עמעס"...

רעב גערשנ מארגאָסינ הייבט אָנ צו דערציילנ:

— ראבויסײַ! איכ זאָג אײַכ דעמ עמעס, אז איכ האָב [זיכ] שוינ לאנג מעיאעש געווענ [פונ] אונדזערע מעדינע־ייִדנ, זיי וועט שוינ קיינ זאכ ניט העלפנ. סטײַטש, איכ בינ אליינ געווענ אינ טולטשינ (אינ פּאָדאָלסקער גובערניע), ווו דער כסידישער רעבע, דער בא די כסידימ הויכ־געליבטער גוטער־ייִד, רעב ..., האָט מעוואיעש געווענ, זייער גראָב מעוואיעש געווענ דעמ רעב לייזערצענ, דעמ גרעסטנ נאָגיד אינ טולטשינ, א ייִד א לאמדנ אונ זייער אנ ערלעכער ייִד דערצו. נו, איז דער רעב לייזערצע געגאנגענ צומ גראפ פּאָטאָצקי, — ווי איר ווייסט, אינ פוילנ־רוסלאנד איז דער פּאָרעצ פונ דער שטאָט אליינ די פּאָליציע, — אונ האָט זיכ זייער ביטער באקלאָגט. דער גראף פּאָטאָצקי ווייסט דאָכ ניט, אז אזא רעב ... איז בא די כסידימ א האלבער גאָט. זײַנ ערלעכער סויכער רעב לייזערצע איז בא אימ טײַערער, ווײַל אינ דער גאנצער שטאָט איז ניטאָ נאָכ אזא ערלעכער גרויסער סויכער. דער גראף פּאָטאָצקי האָט געשיקט זײַנע רייקימ מיט זײַנ קאָמיסאר. טאקע אומ פורימ האָט מענ דעמ באל־מויפעס, דעמ האלבנ גאָט, רעב ..., ארויס־געטריבנ פונ טולטשינ. אימ מיטנ ווײַב אונ מיט די קינדער האָט מענ אומ פורימ ארויסגעפירט פונ טולטשינ. נו, וועט איר, ראבויסימ, מיינענ, אז די כסידימ האָבנ געזאָגט: „דו, רעבע, דו, באל-מויפעס, האָסט א שטימפ, אָט האָט מענ דיכ ארויסגעטריבנ פּאָשעט ווי א... פונ טולטשינ, ביסטו דאָכ נישט קיינ גאָטס הוונדער?" ניינ, כאָלילע! טאקע ווײַטער געגלייבט, טאקע ווײַטער צו אימ געפאָרנ נאָכ מויפסימ, טאקע ווײַטער אימ געגעבנ אפ פּידיוינעס. די גאנצע צײַט, וואָס דער רעב ... האָט זיכ געוואלגערט אינעמ שטעטל בראצלעוו, צוויי מײַל פונ טולטשינ, ווער שמועסט, אז רעב ... איז ארויס פונ בראצלעוו קיינ מעזשבעזש, איז נאָכ מער פּאָרערײַ געווענ צו אימ. פרעג איכ אײַכ, ראבויסימ, אויב פונ אזעלכע מענטשנ, וואָס לייקענענ אָפ אלצ, וואָס א מענטשלעכער סייכל איז מעכאיעוו, אויב אזעלכע מענטשנ קאָנענ בעסער ווערנ? בישלעמע, איינער איז א נאר, זאָגט מענ: אָט וועל איכ אימ אײַנגעבנ בעסער סייכל. מענטשנ, וואָס זײַנענ קלוג, זייער קלוג, אונ ווילנ מיט געוואלט דעמ סייכל צונישט מאכנ, נאָר נארערײַ געפעלט זיי, — מיט וואָס קאָנ מענ אזעלכע מענטשנ העלפנ? דעריבער האָט דער רעב דאָוויד פרידלענדער פונ בערלינ געשריבנ צו אונדזער מיניסטער א טשוווע

אפ דעם, וואָס דער מיניסטער האָט אים געבעטן, ער זאָל אים שרײַבן, מיט וואָס קאָן מען אין רוסלאנד העלפן, אז די ייִדן זאָלן אזוי גוט אופגע-קלערט ווערן, ווי די דײַטשישע ייִדן. דער כאָכעם רעב דאָוויד פרידלענ-דער האָט צוריק געשריבן: ווי? א גרויסער מאן, א מיניסטער מיינט, אז די ייִדן אין רוסלאנד איז צו העלפן, ווי מע האָט געהאָלפן די דײַטשישע ייִדן? ניין, די ביידערליי ייִדן זײַנען גאָר ניט גלײַך. אין דײַטשלאנד האָט די פארצײַטיקע לאָמדישע ייִדן ניט מער געפעלט, נאָר מע האָט זיי געדארפט אופקלערן, מע האָט זיי געדארפט א ווײַז טאָן, אז געמאָרע אליין צו לער-נען איז ניט גענוג, מע מוז אנדערע לעשוינעס און אנדערע כאָכמעס אויך קענען, און מע האָט זיי דאָס דערוויזן פון דער געמאָרע טאקע. דעריבער האָבן זיך אלע דײַטשערישע ייִדן גענומען צום קענען אלץ, וואָס א מענטש דארף אין דער וועלט צו קענען. א גרויסער כילעק איז די ייִדן אין רוס-לאנד: אײַערע כסידים זאָגן, אָן געמאָרע און אָן אלע מעפאָרשים, גלאט: א ייִד דארף ניט, א ייִד טאָר ניט קענען קיין שום וועלט-זאך, אפילע שרײַבן צו קענען איז ניט פרום, אפילע לאָשנקוידעש איז ניט פרום — א ייִד הייסט אפיקוירעס, וויבאלד ער קען עפּעס. „כוץ דעם כסי-דישן רעבנס פינצטערע טוירע — זאָגט אזא רעבע — טאָר א ייִד ניט הערן, כאָלילע, עס שאט אים צו דער נעשאָמע“... פארשטיי אליין, מיניסטער, אויב די ביידערליי ייִדן זײַנען גלײַך.

דאווידזאָן טוט א הויכן לאך:

— ווייסט איר וואָס פאר א פּאָנעם דאָס האָט? ווי מע זאָגט: ווייסט איר וואָס א פּאָווערשער גענעם ווערט זײַן? מע ווערט דעם פּאָווער ארײַנזעצן אין א קאדקע פול מיט בראָנפן, און איינער ווערט דעם פּאָווער האלטן בא דער טשופרינע, ער זאָל ניט קאָנען טרינקען ניט א קאפּ פון דעם בראָנפן. אזוי האלטן די רעבעס די ייִדן בא די פייעס, כאָלילע א ייִד זאָל עפּעס קענען אָדער עפּעס זיך אויסלערנען.

— מיר זײַנען די פּאָווערן, — זאָגט רעב אווראָם לאנדע, — [מיר] מוזן זען פאר אונדז ייִדן מושלאָמים, יונגעלײַט, וואָס קענען אזוי פיל און וואָלטן געגערן, אונדזערע קינדער זאָל אויך אזוי זײַן. האלטן אונדז די מאלאכיי-כאבאָלע, די רעבעס, בא דער טשופּרינע, און לאָזן אונדז ניט. איך האלט מיט רעב גערשן מארגאָסין, אז צו אזא מאקע איז טאקע ניטאָ קיין רעפוע. ווי זאָגט איר, הײַלפערין, ווי זאָגט איר, רעב כאיִם קרוין, און איר, בלו-מענפעלד? סײַדן מיר וועלן אונדזערע קינדער אהער שיקן קיין דײַטשלאנד.

אלע זאָגן:

— טאקע, טאקע, נאָר אהער פעקלען.

אָקסמאן האָט אויסגעהערט און פרעגט:

— זאָגט זשע איר, קלוגע לײַט, וואָס האָט דאָס פאר א מענטשלעכ-

קיים? אבי זיך, אבי זײַנע קינדער. און אזויפיל הונדערטער טויזנטער ייִדישע קינדער זאָלן פארפאלן ווערן? ניין, כאלאָשעס, פּע! מיר דאכט, מע קאָן אלע העלפן, נאָר מיט א גרינגער רעפּוע. איאָ, אײַך דאכט זיך, ס׳איז ניט צו העלפן? איך זאָג אײַך אָבער, אז נאָר דורך געשפּעט-מאכן פון די כסידישע רעבעס איז פון זיי אן עק [צו מאכן]. לעמאָשל, וויל איך אײַך דערציילן וואָס איך האָב געטאָן אין א פּאָליעסער שטאָט, כומעצ, דאכט זיך, האָט די שטאָט געהייסן.

בא מײַן אהער-פאָרן איז מײַן וועג אויסגעקומען אום ווינטער, ווען די אלע ווילדע פראנצויזן מיט אלע דײַטשישע כאיאָלעס זײַנען בא אונדז אין רוסלאנד דורך די גרויסע פרעסט געפאלן ווי שטרוי. דענצמאָל האָט מען זיך פארפרי געשטעלט נעכטיקן. מיט מיר איז געפאָרן א זשיטאָמירער ייִד, ליפּע איינער — איר וועט מיר דערמאָנען נאָך דער מײַסע, איך זאָל אײַך דערציילן פון דעם זשיטאָמירער ליפּע לעוויט א באזונדערע מײַסע מיט א פאלש שטערנטיכל. איידער מיר זײַנען ארײַנגעפאָרן אינעם אײַנפאָרהויז אין כומעצ, האָב איך געבעטן דעם ליפּען:

— איך בעט דיך, שווײַגן זאָלסטו, איך וויל דאָ ווײַזן די ייִדעלעך, ווי גרינג מע קאָן זיי אלע פארנארן אין זאק ארײַן. דו מוזט מיר צוזאָגן צו שווײַגן א פּאָר שאָ.

ליפּע האָט ניט געוווּסט, וואָס איך מיין, נאָר צוגעזאָגט האָט ער מיר „גוט", צו שווײַגן גאנצע צוויי שאָ.

אז מיר זײַנען ארײַנגעקומען אין דער גרויסער שטוב, האָט מען ערשט אָנגעצונדן א ליכט. איך האָב געשווינד אָנגעטאָן מײַן כאלאט און מײַן סויבלענע היטל, מיך בא דער וואנט געשטעלט דאוונען מינכע אומײַרעוו. דאָ האָב איך אָנגעהויבן צו טאָן דאָס, וואָס כסידישע רעבעס טוען, — צו פּליעסקען און צו קרעכצן און צו אָכקען באַם דאוונען, באברעמט מיט משונענע אויסגעשרייען אף פרומע משונענע קולעס:

— טאטוניו, פּאָטערוניו, וואַ, האַ, טאטע ליבער, בים־באָם!

איידער איך האָב נאָך אָפּגעדאוונט, זײַנען שוין ארום מיר געשטאנען א צען ייִדן. איך האָב אָפּגעדאוונט, האָט מען אויסגעשטרעקט הענט מיט פארקרימטע פּענעמער: „שאָלעם אלייכעם". איך האָב געענטפערט: „אלייכעם שאָלעם" מיט א כסידישער משוגענער האווײַע. איך בין צוגעגאנגען צום טיש, מיך אנידערגעזעצט גאנץ אויוונאָן, א שיט מיט כסידיש-רעביישער קאבאָלע־טוירע (די פלוידער-טוירע זייערע שיט איך פון די שטיוול ארויס), דערבײַ: „בים-באָם!" אלעמאָל: „פּאָטער הארציקער!", „קודשא בריך הוא"[1], „הא, פּא, בים־באָם!" דאָס איז געגאנגען ווי א וואסער. די שטוב איז

1 קודשאָ בריכ הו.

געוואָרן פול. אנ ענגעניש, דערשטיקט צו ווערן, געלעקט די פינגער האָט מען נאָכ מײַנ טוירע, אויסגעמישט די „עשר ספירות"[1] מיט „בחינות"[2], און מיט זויהאר-לאָשן. דערצו עטלעכע באַרימעכצער אפ מיר אליינ.

— „וויל! א כידעש! מעכײַע! ניפלאָעס! האפלע!" — האָבנ געזאָגט די, וואָס האָבנ עפּעס פארשטאַנען. די איבעריקע, וואָס האָבנ ניט געהערט, אָדער כאָטשע זיי האָבנ געהערט, האָבנ זיי ניט א וואָרט פארשטאנענ, די האָבנ נאָכ מער געלויבט, אז איכ האָב געקאָנט הערנ זייער שושקערײַ:

— א גרויסער צאדיק!

— א מעשונענער גוטער־ייִד!

— א פּאכעד פונ א רעבנ!

— א שרעקלעכער באלטוירע!

— פּאָשעט, די שכינע רוט אפ אימ...

איכ זאָל געווענ נאָכ א האלבע שאָ טאָקנ די פלוידער־טוירע און מיט די פאלשע האווײַעס, וואָלט מענ געווענ אָנגעהויבנ צו טראָגנ געלט. ווײַבער מיט בלינדע מיידלעכ האָבנ זיכ שוינ געשטופּט צו מיר. האָט דער גראָבער יונג, דער ליפע, ארויסגעלאָזט איינ געלעכטער נאָכנ אנדערנ:

— נאראָנים! מע נארט אײַכ אינ זאק ארײַנ, ווייסט איר ווער דאָס איז? דאָס איז אָקסמאנ, א פּאָדראטשיק, כא־כא־כא...

עפּשער וואָלטנ זיי אימ ניט געגלייבט, נאָר איכ האָב געעפנט דאָס מויל:

— זעט, ווי גרינג עס איז אײַכ אָפּצונארנ, אָט וואָלט איכ מיט די כאלאָשעסדיקע ווערטער, — ניט איינ עמעס וואָרט איז אינ דער גאנצער כסידישער קאבאָלע־טוירע, וואָס איכ האָב אײַכ געזאָגט, — אײַכ געקאָנט אינ טאָרבע ארײַנעמענ, אזוי מאכנ אײַכ אלע רעבעס א גאנצ יאָר צום נאר. ער אליינ, דער רעבע, לויבט זיכ, און איר גלייבט. ער לײַגט, און איר גיט אימ געלט פאר זײַנע ליגנ. איר, קלוגע ייִדנ, לאָזט אײַכ אײַנ־ריידנ די גרעסטע פאלשע ליגנ. איכ וועל אײַכ אצינדערט זאָגנ אנ עמעס וואָרט. שלוימע האמעלעכ האָט אָנגעשריבנ אינ סייפער „מישליי": „פּתי יאמין לכל דבר"[3]. דער כאָכעם שלוימע האָט ניט געזאָגט: „סכל יאמין לכל דבר"[4], ווײַל „סכל"[5] איז די טײַטש: א נאר, א שויטע. אזעלכער גלייבט ניט איטלעכנ, ווי מע זאָגט בא ייִדנ א גלײַכווערטל: א נאר איז שווער

---

1 עסער ספירויס.

2 בכינויס.

3 פּעסי יאאמינ לעכאָל דאָוואָר.

4 סאָכאָל יאאמינ לעכאָל דאָוואָר.

5 סאָכאָל.

צו נארן. דאָס לאָשנקוידעש־וואָרט „פתי" [1] — איז טײַטש: א מענטש, וואָס לאָזט זיך גרינג איבעריידן. אָט אזעלכער הייסט „פתי". דעריבער זאָגט שלוימע האמעלעך: „פתי יאמין לכל דבר". איר, ברידערלעך, אין רוסיש־פוילן, איר זײַט ניט קיין נאראָנים. דער איז אליין א נאר, וואָס גלייבט אפ אײַך אָדער ער האלט אײַך פאר נאראָנים. וואָס דען זײַט איר? פתאים [2], איר לאָזט אײַך גרינג אײַנריידן.

וואָס מיינט איר, ראבויסים? עטלעכע פון דעם גרויסן אוילעם האָבן מיך געפירט אין אלקער ארײַן און האָבן מיר געדאנקט פאר מײַן גאנצן אָנשטעל און כאר מײַנע הינטערשטע עטלעכע ווערטער:

— איר האָט א מיצווע געטאָן און א טויווע געטאָן אין קאמע אוי־פאנים פיל מענטשן. בא אונדז ווערבעוועט מען הײַנט יונגעלײַט אינעם חב"ד [3] ארײַן, דורך אײַער געשפעט-טרײַבן וועט דער ווערבעניק בלײַבן ניט געפוירעלט.

פארשטייט איר מיך, ראבויסים, מע מוז מיט קיילים שפעטן פון זיי, טאקע מיט זייערע קיילים, מיט זייערע פריסנע, ניט געהובליעוועטע טוירע־זאָגעכצן, מיט זייערע פאלשע געלעכטערלעך, מיט זייערע געקנייטשטע האוויַעס, זיי צו געשפעט מאכן, אז דער פראָסטער אוילעם זאָל אין די גאסן פון זיי שפעטן, דענצמאָל וועלן זיי אופהערן צו גילטן. דערבײַ בעטן דעם קייסער, ער זאָל הייסן, ער זאָל געבן אן אוקאז, אז א ייִד מוז כאָטשע גוט קענען שרײַבן און לייענען, וועלן ייִדן לייענען פון די הײַנטיקע רו־סישע יונגע ווילע ביכער־שרײַבערס זייערע כרוצישע כיבוירים, וועט גאָר בא אונדז ווערן אן אנדער וועלט. מיט שטעקנס וועט מען טרײַבן די כסידים מיט זייערע רעבעס. דאָס, האָפ איך צו גאָט באָרוך הו, וועט נאָך אין א פופציק יאָר ווערן אין גאנץ רוסיש-פוילן אין אלע שטעט בא ייִדן יעשועס ווענעכאָמעס.

פון דעם דערציילעכץ, מיט אָקסמאנס ווערטער, האָט קיינער ניט אזוי האנאָע געהאט און ניט אזוי שטארק געלאכט, ווי מיכל.

רעב גערשן מארגאָסיכ האָט ניט געשענקט און האָט געזאָגט:

— מיר גייען ניט אוועק פון אײַך, אָקסמאן, ביז איר מוזט אונדז דער־ציילן פון דעם ליפע לעוויט, ווײַל איך קען דעם באָכער. ער איז א פאק־טער, א בייזע לייד. ווי קומט איר צו אים; מיט אזעלכן זאָלט איר אינײנעם פאָרן? א קאשע!

1 פעסי.
2 פסאָים.
3 כאבאד.

עס איז שוין געווען שפּעט באַנאַכט. דערצו איז אָקסמאַנס אייסעק, אַז מע מוז צום שפּיטאָל פֿאַרטראַכטן אַלץ מיטן טאָג גלײַך, איבערצוגעבן אַף די קיכן, זאָלן האָבן וואָס צו קאָכן פֿאַר די קראַנקע סאָלדאַטן. האָט געמוזט בלײַבן, אַף אַכט טאָג שפּעטער זאָל מען זיך צונויפקומען בײַ רעב גערשן מאַרגאָסין. דאָרטן וועט אָקסמאַן דערציילן די מײַסע פֿון דעם ליפּע לעווית מיט דעם פֿאַלשן שטערנטיכל (אָדער שטערנבינדל אָדער בינדאַ־ליק, ווי מע רופֿט עס).

מיכל האָט דערמאָנט אָקסמאַנען אַקוראַט צום אַכטן טאָג, ווי עס איז נאָכט געוואָרן, צו מאַרגאָסינען צו גיין.

— יאָ, דו ביסט גערעכט, איך האָב צוגעזאָגט. קום, מיכל, מיט מיר אַהין.

ביידע זײַנען געקומען צו מאַרגאָסינען און האָבן די גאַנצע כעוורע פּאָדראַטשיקעס שוין אָנגעטראָפֿן דאָרטן אײַנײַנעם וואַרטן אַף אָקסמאַנס מײַסע און בעטן אים טייקעף אָנצוהייבן.

אָקסמאַן פֿרעגט:

— פֿונוואַנען ווייסט איר, אַז די מײַסע איז ווערט צו הערן דערציילן, וואָס איר ווילט אַזוי שטאַרק, איך זאָל טייקעף אַ דערצייל טאָן? איר ווייסט עפּשער ניט, מײַנע ליבע פּאָדראַטשיקעס, אַז מע איז ניט טאָמיד גלײַך פֿאַרטיק אַ זאַך צו דערציילן, בפֿרט אַז מע מאָנט עס ווי אַ כויוו: דערצייל שוין, דערצייל שוין.

רעב גערשן מאַרגאָסין ענטפֿערט:

— איר, מײַן ליבער אָקסמאַן, ווייסט ווידער נישט, אַז עפּעס פֿון ליפּעס מײַסע האָב איך געהערט אין קאַליש, בעשאַס אונדזער קייסער איז דאָרטן זיך צונויפֿגעפֿאָרן מיטן פּרײַסישן מײלעך. איך האָב דעם אוילעם איס־קאַליעטשעט, וואָס איך האָב זיי אַזוי ווײַט דערציילט. פֿאַרשטייען אַלע, אַז דער קאָפּ גייט אָפּ. דעריבער בעטן מיר אײַך אַלע אַזוי שטאַרק, איר זאָלט דאָס גאַנצע, ווי עס איז געווען, דערציילן.

— אַז ס׳איז יאָ אַזוי, — זאָגט אָקסמאַן, — מוז איך דערציילן, בפֿרט איר, רעב גערשן מאַרגאָסין, האָט מיך אַנומלט געפֿרעגט אַ האַרבע קאַשע: ווי קום איך מיט אַזאַ בייזער לייד ליפּע פּאַקטער פֿון זשיטאָמיר צו פֿאָרן אײַנײַנעם? די מײַסע איז אַזוי:

דער אָנהייב איז פֿון די גרויסע פֿרעסט, וואָס יענעם ווינטער 1812 — 1813 איז געווען, עפּעס ווי אומישנע מעכאַבעד צו זײַן די פֿראַנצויזן.

אין די גרויסע פֿרעסט בין איך אָנגעקומען נאָך נאָוויגאָד קיין טשער־ניגאָוו, פֿון דאָרטן ווײַטער צו פֿאָרן צו דער הויפּט־קוואַרטיר. ווי דער

אוילעם דערציילט פונעם קלוגן הענזלס וועגן, זיין גלייכווערטל איז געווען: ווען זעען זיך אלע פּאָדראַטשיקעס איינינעם? נאָר אין גענעם, און באַם לעבן — אין דער הויפּט-קוואַרטיר. אלע פּאָדראַטשיקעס זיינען אהין געפאָרן נאָך אייסאָקים, פאָר איך אויך. עס איז אָבער בעעמעס געווען א גרויסע סאַקאָנע צו פאָרן אין די גרויסע פרעסט פון זעקס און דרייסיק גראַד, דעריבער האָב איך געמוזט בלייבן אין טשערניגאָוו א ביסל וואַרטן, עפשער וועלן אָפּלאָזן די פרעסט. אכוץ דעם האָט מען ניט געקאָנט וויסן, ווו די הויפּט-קוואַרטיר שטייט, ווייל דער קייסער אלעקסאַנדער אליין מיט דעם פעלדמאַרשאַל קוטוזאָוו און דאָס גאַנצע כאַיל האָט ניט גערוט. מע איז נאָר ווייטער און ווייטער געגאַנגען ארופּ קיין דייטשלאַנד, נאָכפּאָליאָגען מיט זיין ביסל נישער־קרים ארויסצוטרייבן איבער דייטשלאַנדס גרענעץ. בלייב איך, אָקסמאַן, אין דער ליטווישער שטאָט טשערניגאָוו.

איין-איינציקער ייִד אייזל, בא דעם שטייט מען איין, אין טשערניגאָוו. דער אייזל האַלט אָרכים. בין איך, אָקסמאַן, מינאַסטאַם, אויך אהין אריינגעפאָרן.

ווי ניטגוט איז מיר געוואָרן, אז בא דעם אייזלען איז נאָר דאָ איין־איינציקע שטוב. דאָ ליגן עפשער פופצן אָרכים. אפ דער ערד שלאָפן אלע, ווי בעהיימעס אין איין שטאַל; איך פרעג די באַלעבאָסטע, די קויטיקע ליטוואַטשקע, אייזלס ווייב, אויב ס'איז ניטאָ א באַזונדער שטיבל מיר צו געבן.

— ניסט פאַראַן, ס'איז דאָ אים איין סטוב, סטייט אָבער איצט רעב ליפּע, דער גרוישער פּאָדראַציק.

גראָד ווי זי האָט מיר די טשוווע געזאָגט, איז עס געווען בא דער טיר פון יענער שטוב. עפנט דער ליפּע די טיר, ווי ער הערט מיך זאָגן:

— איך הייס אָקסמאַן, און מוז מיר ערגעץ אנדערש זוכן א באַזונדער שטיבל.

— א, הער אָקסמאַן, — זאָגט דער ליפּע מיט א כיין. — הער אָקסמאַנען נעם איך צו מיר אריין. קומט אריין. איך בין דאָ אליין אין א גאַנצער שטוב. זייער גוט, אזא שאָכן וויל איך.

איך קען אים ניט, איך ווייס אים ניט, ווער דער גרויסער פּאָדראַטשיק רעב ליפּע איז, איך האָב אפילע קיינמאָל ניט געהערט זיין נאָמען, נאָר דערווייל האָט ער מיך יאָ געקענט און האָט מיר א גרויסע טויווע געטאָן, לעסאַטע.

רעב ליפּעס מעשאָרעס לויפט מיין בעט-זאַק מיט מיינע זאַכן אהער צו ברענגען. איך בין שוין אין א גרויסער, ריינער שטוב, זייער וואַרעם און ליכטיק.

דערצו שטייט א סאמאָוואר אפן טיש בא רעב ליפּען, א לאַרטשיק (אָדער א פּאָגרעבעצ) מיט שאָלן, און אַלע טײ־קײלים שטעקן דרינען. די אַלטע רוסישע פּאָדראטשיקעס זײַנען קיינמאָל ניט געפאָרן אָן דרײַ מאָל „טשיק": א לאַרטשיק, א מאַלטשיק און א טשעמאָדאַנטשיק (א רענצל פון לעדער). טראכט איך בא מיר: דער ליפּע מוז אוואדע זײַן פון די אַלטע פּאָדראטשיקעס. מיר איז דאָ גוט געוואָרן פון דער קעלט קומענדיק. הייסן טיי מיט א בוטילקע ראָם שטייט דערבײַ, קאָן מען זיך באַלד דער־ווארעמען, איאָ?

איך זע: פון א קראָם האָט מען געבראכט א גרויסן הוט צוקער און נאָך צוויי בוטילקעס ראָם, מיט א פונט טײ. דער קרעמער האַלט א גע־שריבענעם כעזשבן אין די הענט, וויל ער געלט, מינאַסטאַם. זאָגט אים רעב ליפּע:

— זאַווטרא (דאָס הייסט — מאָרגן וועסטו קומען).

בא דעם טיי־טרינקען זאָגט מיר דער רעב ליפּע:

— איר קענט מיך ניט, ווײַל איר זענט נאָך גאָר א יונגערמאַן. אײַער טאטע און אײַער מאמע — רעב ליפּע האָט זיי ביידע אָנגערופן בא די נע־מען — קען איך, און זיי האָבן מיך זייער גוט געקענט. אײַער מאמע איז געשטאָרבן, און אײַער טאטע וווינט אין אומאַן, איאָ?

כאָטשע איך קען אים ניט, נאָר בא אַזעלכע סימאָנים גלייבט מען, אז דער רעב ליפּע איז אוואדע איינער פון די אַלטע, גרויסע פּאָדראטשיקעס מיט די דרײַ מאָל „טשיק".

געגעסן האָבן מיר ביידע בא רעב ליפּען אין שטוב, און איך בין א גאַנצן טאָג געבליבן אין דער ווארעמער, ריינער שטוב. רעב ליפּע אויך. ווי ער זאָגט, איז ער איבער די גרויסע פרעסט מעוקעוו געוואָרן. ער האָט זײַנע גרויסע אייסאָקים, בעשוטפעס מיט איינעם רעב לייזער דילאָן פון נעסוויזש. איז רעב לייזער דילאָן געבליבן בא דער הויפּט־קוואַרטיר, נאָר ער האָט געניטיק געמוזט אפ עטלעכע טעג פאָרן אהער. דאָ איז ער געבליבן ביז די קעלטן וועלן נאָכלאָזן. האָט ער זײַן פור, א שליטן מיט דרײַ פערד שטייען און פרעסן האָבער אפ אוועקצופאָרן. דערבײַ, אז ס'איז נאכט געוואָרן, טוט דער רעב ליפּע מיך א פרעג, אויב איך וויל גיין אין באָד ארײַן מיט אים.

— זייער וויל, — ענטפער איך. ביפראט דער באַלעבאָס אײַזל איז ארײַנ־געקומען מיט גרויס דערעכערעץ זאָגן:

— די באָד איז סוין גאָטאָוו, זאָגט מען.

גייען דער באַלעבאָס, רעב ליפּע און איך. ניט ווײַט הינטער דער גאַס איז די באָד. פינצטער איז אין דער באָד, זייער א פּאַסקודנע אָרט זיך אויסצוטאָן, נאָר איך בין שוין דאָ, מוז מען זיך שוין אויסטאָן.

ווי דערשראָקן בין איך געוואָרן, אז איך האָב אין דער כוישעכדיקער באָד דערזען, איר וועט דאָס עפּשער ניט גלייבן, אזוי ווי איך האָב מײַנע אייגענע אויגן ניט געגלייבט: קאצאפּעס מיט קאצאפּקעס, נאקעטע, באָדן זיך אינאיינעם, דאָ אין דער באָד...

איך בין אנטלאָפן געוואָרן און האָב מיך צוריק ווידער אָנגעטאָן, אהיים, צוריק אהיים אנטלאָפן געוואָרן.

באַרדיטשעווער ייִדן, וואָס זײַנען אײַנגעשטאנען בײַ דעם אײַזלען, האָב איך מיט קאַס א פרעג געטאָן:

— סטייטש, מאַנצבלען באָדן זיך אינאיינעם מיט ווײַבער הי?

— יאָ, הי איז אַלץ אזוי, מיר זײַנען שוין אזוי געוווינט, — ענטפערן מיר די אָרכים.

— שיינ געוווינט, שיין, ערלעך, אזא יאָר זאָלט איר האָבן! — האָב איך די ייִדן געזאָגט און בין אין מײַן שטוב אַרײַנגעגאנגען.

אין שטוב זע איך מײַנע זאכן פון מײַן בעט-זאַק זײַנען צעוואָרפן. איך טו א פרעג דעם מעשאָרעס:

— ווער האָט דאָ מײַנע זאכן צעוואָרפן?

דער מעשאָרעס ענטפערט מיר:

— דער באַלעבאָס מײַנער, רעב ליפּע, האָט מיר געהייסן פון אײַער בעט-זאַק אַרויסנעמען א העמד און פּלודערן און א פּאָר זאָקן מיט נאָך עטלעכע זאכן, איך זאָל אים נאָכטראָגן אין באָד אַרײַן, האָב איך אים דער־לאַנגט. איר האָט מיך ניט געזען, ווײַל עס איז פינצטער דאָרט.

כאָטשע עס קאָן זיך טרעפן, אז מע האָט זײַן ווײַס גרעט נאָך נישט געוואַשן, מוז מען עפּשער אנטלײַען בײַ א באַקאַנטן דערווײַל, נאָר די קאַשע איז: פאַרוואָס האָסטו, רעב ליפּע, מיך נישט געפרעגט? איז דאָס ערשטע. דערנאָך הייב איך אָן רעכט צו קוקן. איז טאַקע אין דער גאַנ־צער שטוב ניטאָ נאָר דער לאַרטשיק מיטן גרויסן הוט צוקער, מיט בו-טילקעס ראָם, ווײַטער לאַכלוטן גאָרנישט. איינ טולופּ גייט רעב ליפּע פּאַר א שלאָפ־ראָק און פּאַר א טולופּ. אפילע דאָס בעט איז מיט הויל שטרוי, און דערויף ליגט א רוסישע נײַע ווײַסע וואָלענע קאָלדרע מיט דער באַלעבאָס־טעס א קויטיקן קישן, אויסגענייט מיט רוסישע אָדלערס. די קאָלדרע איז עפּשער אויך בײַ א קרעמער גענומען אפּ מאָרגן צו צאָלן, דער לאַרטשיק אויך, אקוראט ווי דער צוקער מיט דעם ראָם.

איך האָב מיך געלייגט שלאָפן. איך האָב ניט געהערט רעב ליפּעס אהיים־קומען. ערשט אינדערפרי בין איך אופגעשטאנען, טיי האָט מען ווי־דער געטרונקען, און רעב ליפּע איז אוועקגעגאנגען ערגעץ.

דער באַלעבאָס רעב אײַזיק מיט זײַן ווײַב, מיט דעם מעשאָרעס דער־צו, זײַנען צו מיר אַרײַנגעקומען מיך עפּעס צו בעטן. איך וויל אײַך ניט

אפ ליטוויש נאָכמאכנ זייערע רייד מיט זייערע האוויַעס און דערציילט איַיכ אפ אונדזער לאָשנ. וואָס בעטנ זיי מיכ?

— באשער דער גרויסער פּאָדראטשיק רעב ליפּע האָט בא זיכ א בינדאליק (דאָס הייסט א שטערנטיכל בא אונדז) פונ זייער גרויסע פּערל, וויל ער דאַפקע צענ טויזנט רובל פארנ בינדאליק. איכ, איַיזל, וויל פונ מיַינ וויַיבס וועגנ קויפנ דעמ בינדאליק, וויל איכ אימ געבנ דריַי טויזנט אסיגנאציעס מעזומענ טייקעף, איכ וויל צאָלנ די קרע-מערס, וואָס רעב ליפּע איז זיי שולדיק א דריַי הונדערט רובל; פאר סטאנציע, היי און האָבער די פערד און פאר קעסט אימ און זיַינ מעשאָרעס און זיַינ באלעגאָלע פיר וואָכנ די פינפטע וועט מיר אויכ קומענ אקעגנ דריַי הונדערט רובל. אפ דעמ איבעריקנ וויל איכ אימ געבנ א שטאר־כויוו אפ זעקס כאדאָשימ ציַיט. בא אזא גרויסנ פּאָדראטשיק איז עס גרינג צו ווארטנ, ביז איכ וועל ארויסנעמענ געלט, וואָס איכ האלט אזא פּאָסט־סטאנציע מיט פערציק פערד. הייַנט איז מיר א ביסל ענגלעכ, קאָנ איכ מער קיינ מעזומענ ניט געבנ. מיר זעענ דאָכ, אז ער איז איַיכ נויהעג־קאָווד און האָט איַיכ אריַינגענומענ אינ זיַינ שטוב אריַינ, בעט איר אימ, ער זאָל די טויווע טאָנ, וועט איר האָבנ א מיצווע.

דער מעשאָרעס זאָגט זיַינ באקאָשע:

— רעב ליפּע האָט מיכ ערשט הי צוגענומענ, און דערוויַיל האָב איכ אימ הונדערט רובל מיַינע געגעבנ, וויַיל ער האָט געזאָגט: נאָר אפ א פּאָר טעג. אצינדערט באדארפ איכ מיַינ וויַיב אהיימ שיקנ קיינ קיִעוו דאָס געלט. יאָ, איכ פּאָר מיט אימ וויַיטער, נאָר דעמ וויַיב מוז מענ שיקנ, זי זאָל ניט שטארבנ פאר הונגער. עמעס, ער גיט מיר א גרויסע זשאלעוואניע (געהאלט), פּופציק רובל א כוידעש. נאָר דאָס וויַיב, דאָס וויַיב דארפ דער־וויַיל. אז איר זאָלט אימ איַינריידנ, ער זאָל זיי פארקויפנ דעמ בינדאליק, וואָלט ער געהאט געלט, מיר די הונדערט רובל צו געבנ.

— און די פערד? — פרעג איכ דעמ מעשאָרעס.

ענטפערט ער מיר:

— די פערד זיַינענ א באלעגאָלעס, דעמ האָט רעב ליפּע געדונגענ. די פערד עסנ האָבער אפ זיַינ כעזשבנ, און דער באלעגאָלע נעמט פאר שטייג א וואָכ פינפ און צוואנציק רובל, און פאר פאָרנ א וואָכ — אינ בייַטל אריַינ זעכציק רובל. שוינ דריַי וואָכנ שטייט דער באלעגאָלע דאָ, די פרעסט זיַי־נענ זייער גרויס.

איכ האָב צוגעזאָגט צו ריידנ מיט רעב ליפּענ דערפונ.

דערוויַיל האָב איכ דאָ געוואָר געוואָרנ, אז רעב ליפּע האָט פאר טויזנט רענדלעכ א שטערנטיכל בא זיכ צומ פארקויפנ, איז ער דאָכ, אפּאָנעס, א נ אוישער. אז דער באלעבאָס און די באלעבאָסטע זאָגנ: „צענ טויזנט רובל

איז דער בינדאַליק פון "גרויסע פּערל ווערט", מוזן זיי דאָך האָבן אַ מייוון געווען, אָדער זיי זײַנען אַליין מעווינים. דער אוילעם זאָגט אַ שפּריכ-וואָרט: בעסער צען שלעסער איידער איין דאַלעס. אַבי דו, רעב ליפּע, האָסט אַ זאַק פון צען טויזנט רובל, דאָס הייסט טויזנט רענדלעך, ביסטו, מינאַסטאַם, אַן אוישער.

דאָס כאַפּן אין די קראָמען, כאַפּן בײַ אַ מעשאָרעס הונדערט רובל, — דאָס קער צו דער אַלטער מאָדע פּאָדראַטשיקעס. מיר, נײַע פּאָדראַטשי-קעס, האָבן דאָס פּײַנט, אַזוי ווי מיר האָבן נישט ליב אַ פרעמד העמד אָנצוטאָן אומגעפרעגט. אָבער אַ קאַשע איז נאָר קאָשע: וואָס איז דאָס פאַר אַ שטייגער אַ שטערנטיכל צו פאַרקויפן ארומצופירן? צו דער קאַשע פעלט נאָר אַ טערעץ. מינאַסטאַם וועל איך שפּעטער וויסן דעם טערעץ אויך...

— איאָ, ראַבויסים, האָב איך גוט בארעכנט?

אַלע לאַכן און זאָגן:

— לעסאַטע האָט אונדז רעב גערשן מאַרגאָסין קאַליע געמאַכט, אַז מיר וויסן שוין פריִער אַ מײַסע פון אַ פאַלש שטערנטיכל. בײַ דעם אַלעם בעטן מיר אײַך, דערציילט קעסיידער ווײַטער.

— פון זעקס און דרײַסיק גראַד, אַז די פרעסט זײַנען אראָפּגעפאַלן אַף צוואַנציק, — דערציילט אָקסמאַן ווײַטער, — האָט שוין געהייסן אַ יעשועס, מעג מען שוין פאָרן צו דער הויפּט־קוואַרטיר. דעמלט האָב איך געפרעגט דעם רעב ליפּען:

— איר פאָרט אַליין מיט אײַער ווילער פור צו דער הויפּט-קוואַרטיר. אויב איר ווילט, איך זאָל אויך מיט אײַך פאָרן, גיב איך הורטאָם הונדערט רובל, איר זאָלט מיך צושטעלן ביז אַפן אָרט, ווו די הויפּט־קוואַרטיר וועט זײַן.

— דאָס איז אַ קליײניקײַט, — ענטפערט רעב ליפּע. — איך נעם בײַ אײַך הונדערט רובל, נאָר טייקעף דאַרף איך די הונדערט רובל. אַז איר ווילט, גיט מיר דאָס געלט טייקעף.

טייקעף האָב איך רעב ליפּען געגעבן די הונדערט רובל, איך האָב אָנגעשריבן אַ רוסישע ראַספּיסקע, אַז ער נעמט בײַ מיר הונדערט רובל פור־געלט, מיך צושטעלן ביז אהין, ווו די הויפּט־קוואַרטיר וועט זײַן. רעב ליפּע האָט געכאַסמעט.

בײַ דעם געלט־געבן האָב איך אים געזאָגט דאָס, וואָס דער באַלעבאָס אײַזל מיטן ווײַב האָבן מיך געבעטן מיקויעך דעם שטערנטיכל.

רעב ליפּע האָט מיר געזאָגט אַ טערעץ, פאַרוואָס ער קאָן אין טשער-ביגאָוו נים פאַרקויפן דאָס שטערנטיכל, בעשום אויפן נישט.

— מאָלט אײַך, אַז איך האָב אַזעלכע גרויסע אײַסאָקים מיט מײַן שור־טעפּ רעב לייזער דילאָן און האָב נאָר אַצינדערט אַף דער מינוט אַ נויט אין געלט, ווײַל מײַן דראַב, דער שוטעף, האָט מיר צוגעזאָגט אהער אַרויס־צושיקן מײַע אַלאָפים רובל און האָט אַדאַיאָם ניט געשיקט. איך האָב מײַן ווײַבס שטערנטיכל מיטגענומען, ווײַל איך האָב איבערגעטראַכט, — ווי איך האָב געטראָפן, — טאָמער שיקט מיר דער לייזער דילאָן ניט קיין געלט, זאָל איך מאַכמעס איין ברייערע באָדײַ דאָס שטערנטיכל פאַרקויפן אַף הויצאָעס, ביז צו דער הויפּט־קוואַרטיר צו קאָנען דערפאָרן. איאָ, איר, אָקסמאַן, זעט, אַז מיר אַף לעהאַכעס זײַנען גראָד אַזויפיל באַרדיטשעווער ייִדן אַצינד הי׳ אין טשערניגאָוו זיך צונויפגעפאָרן. ווי ווײַט איז דען פון באַרדיטשעוו קיין זשיטאָמיר? פיר מײַל נאָר, ווערט מען באַלד וויסן אין גאַנצ זשיטאָמיר, אַז רעב ליפּע לעוויט האָט פאַרקויפט דעם ווײַבס שטערנטיכל. מײַן ווײַב וועט דערפון האָבן אַ שמאַרצונג, און די בושע איז מיר אַליין זייער גרויס. דעריבער וועל איך דאָס שטערנטיכל הי׳ בעשום אויפן נישט פאַרקויפן. אײַ, וועט איר פרעגן, איך דאַרף אַף הויצאָעס, ווו וועל איך נעמען? דערום איז דאָ אַן אייצע.

איך האָב צוגעהערט, געגלייבט און געשוויגן.

אין דרײַ טעג אַרום הייבן מיר אָן זיך פאַרטיק צו מאַכן אַוועקצופאָרן. איך האָב דעם אײַזלען מימן ווײַב געזאָגט די אייגענע טשוווע, וואָס ליפּע האָט מיר געזאָגט.

דער באַלעבאָס אײַזל מיט זײַן ווײַב האָבן געזאָגט:

— רעב ליפּע איז גערעכט, ווײַל די באַרדיטשעווער ייִדן האָבן שוין גע־רעדט אַף אים. מיקאַל־שקיין, ער זאָל פאַרקויפן דעם ווײַבס בינדאַליק, וואָלטן זיי דאָס באַלד דערלאַנגט קיין זשיטאָמיר.

די אייצע? וועט איר פרעגן: וואָס פאַר אַן אייצע? וואַרט אַ ביסל. דער באַלעבאָס אײַזל מיט זײַן ווײַב זײַנען מיט רעב ליפּען איינינעם אַרײַנ־געקומען צו מיר, איך זאָל שרײַבן אַ קסעוול. מיר האָט מען פירגעזאָגט און איך האָב געשריבן:

— אַ ייִדישע קסעוועלע סרײַבט, איר זאָלט לעבן, אַז דער רעב ליפּע, זאָל לעבן, נעמט בא אונדז פופצן הונדערט רובל, אַזוי איז אַ כעזבן געווען... מע רעכנט נאָכאַמאָל:

— מעזומען פינף הונדערט רובל, די לאַוועצניקעס פינף הונדערט רובל, פאַר די הויצאָעש פינף הונדערט... אוי, אַ פלעזיר! די סינעל האָב איך פאַר־געשן... אַ נײַע סינעל, הונדערט רובל... סרײַבט זע זעכצן הונדערט רובל, מיט אַל מענאַס, אַז רעב ליפּע וועט אונדז פון נעסוויז ניט סיקן די געלט, איז די בינדאַליק פאַרקויפט אַף דעם מעקאַך, ווי די מעקאַך איז. סרײַבט, לעבן זאָלט איר...

איך האָב געשריבן און פֿאַרגעלייענט דאָס געשריבענע.

— ווייל, לעבן זאָלט איר! — האָט דער מאַן מיט דעם ווייַב מיר געזאָגט.

געמיינט האָב איך, אַז רעב ליפּע גיט זיי דאָס שטערנטיכל בעמאַשקנ. איאָ, איר אַלע וואָלט אויך אַזוי געמיינט?

איך בין נאָך ערגער דערשראָקן געוואָרן, ווי פֿון די נאַקעטע אַלטע קאַצאַפּקעס. די בינדאַליק לאָזט מען בא רעב ליפּע, זאָל לעבן, די קסעוועלע איז געננוג. „זייער גוט באַוואָרנט", — טראַכט איך בא מיר.

דעם אַנדערן טאָג גאַנץ פֿרי זייַנען מיר מיט דעם ווילן שליטן מיט גוטע דרייַ פֿערד אַוועקגעפֿאָרן אַפֿ דעם וועג קיין נעסוויזש.

אַפֿן וועג שיט רעב ליפּע מיט געלט, אַקוראַט ווי מע דערציילט פֿון די אַלטע פֿאַרברענגערס פּאָדראַטשיקעס פֿון פֿאַרצייַטן. רעב ליפּע שפּילט אין קאָרטן אויך, אַבי עס טרעפֿט זיך ערגעץ אַ קאָמפּאַניע, אין אַ קרעטשמע אַפֿילע, צוויי טאָג אַוועקצושטיין אין אַ שטעטל, ווען עס איז דאָ אַ קאָרטנכעוורע.

מיר זייַנען געקומען קיין נעסוויזש. רעב ליפּע בעט מיך, איך זאָל מיט אים גיין צו דעם לייזער דילאָנס ווייַב, ער זאָל אַ יעדיִע פֿרעגן מיקויעך שוטפֿעס־אייסאָקים. זי מוז דאָך אַוואדע וויסן.

דער רעב לייזער דילאָן, — ווי איך האָב אין נעסוויזש געהערט, — מיט נאָך איינעם פֿון גראָדנע, רעב זונדל זאָנענבערג, זייַנען געוואָרן דעפּוטאַטן* פֿון גאָר אַלע יידישע קעהילעס באַם קייסער אַלעקסאַנדערס הויפּט־קוואַרטיר.

רעב ליפּע איז מיט מיר אַרייַנגעקומען צו דעם לייזער דילאָנס ווייַב מיט די ווערטער:

— רעב לייזערס ווייַב, האָט איר בריוו פֿון רעב לייזערן? איך וואָלט געדאַרפֿט שוין לאַנג האָבן פֿון אים געלט און בריוו מיקויעך אונדזערע שוטפֿעס־אייסאָקים. איבער די פֿרעסט האָב איך געמוזט עטלעכע וואָכן שטיין אַפֿ איין אָרט. מייַן שוטעף רעב לייזער מוז מיינען, איך בין ערגעץ דערפֿרוירן געוואָרן, מעג ער מייַן כיילעק זיך צונעמען. כאַ־כאַ־כאַ, איך לעב, ליפּע לעוויט לעבט און פֿאַרט כעזשבן אָפּנעמען. דערווייַל וואָלט איך געדאַרפֿט עטלעכע טויזנט רובל כאָטשע אַפֿ הויצאָעס...

רעב לייזערס ווייַב האָט דעם רעב ליפּען קיינמאָל נישט געזען און פֿון אים נישט געוווּסט. האָט זי דערווייַל געהייסן אַרייַנברענגען קאַווע, ווי בא אַזאַ נעגידעס געשיקט זיך, מעכאַבעד צו זייַן פֿרעמדע מענטשן, ביפֿראַט

---

* די מייַסע פֿון זייער דעפּוטאַטסטווע איז אַפֿ אַן אַנדער מאָל אָפּגעלייגט. ס'איז ווערט דערפֿון אַ באַזונדער סייפֿער צו שרייַבן. מיט דער צייַט וועט עס געשריבן זייַן.

אז איינער איז איר מאנס א שוטעף. זי האָט נאָר קיין געלט ניט געגעבן.

— איך בינ, — זאָגט זי, — אנ אישע, אינ מײַנ מאנס פּאָדראד־אײַכאָקימ מיש איך מיך ניט. איך האָב הי מײַנ געווענט־שניט. פּילעווע איך מײַנ מאסע־מאטנ. איר קאָנט מיר ניט פאריבל האָבנ, אז איך קאָנ אפ מײַנ מאנס כעזשבנ ניט געבנ קיינ געלט...

פארשמייט זיך, אז דערמיט זײַנענ מיר אוועקגעגאנגענ. דאָס הייסט, נאָר מיט קאווע־געטרונקענ אונ מיט גוטע רייד, נאָר אָנ געלט.

בא מיר אינ הארצנ האָב איך אוודע געקאָנט אונ געמוזט גלייבנ, אז דער רעב ליפּע איז מיט דעמ אוישער רעב לייזער דילאָנ א שוטעפ. ווּעהאָרײַע, ער האָט דאָך אפילע דעמ רעב לייזערס ווײַב דאָס אייגענע געזאָגט.

דערוויַיל האָט רעב ליפּע ניט א קאָפּיקע אפ הויצאָעס מיט וואָס ווײַטער צו פאָרנ. איז מיר אויך ניט גוט, מײַנ הונדערטער איז דאָך שוינ ניטאָ.

דעמ אנדערנ טאָג קומט רעב ליפּע מיט א נײַעמ נעסוויזשער באלע-גאָלע צו גיינ פונ דער גאס. דער באלעגאָלע האָט געהייסנ זיסל. דער איז אנ אויסער אונ האָט זײַנ בויד מיט פיר פערד. ווײַל דער פראָסט האָט אָנגעהויבנ שטארק אָפּצולאָזנ, זאָגט רעב ליפּע, וויל ער בעסער מיט א וואָגנ, ניט מיט א שליטנ פאָרנ.

דעמ זיסל באלעגאָלע האָט רעב ליפּע באדונגענ צו פופצנ זילבערנע רובל אימ אינ בײַטל ארײַנ א וואָכ. אכוצ וואָס די פערד אונ דער באַ־לעגאָלע וועט קאָסטנ — דאָס איז אפ רעב ליפּעס כעזשבנ. זייער טײַער אפילע, נאָר...

דער זיסל באלעגאָלע זאָל רעב ליפּענ אנטלײַענ מעזומענ טויזנט רובל אסיגנאציעס — א סאָד איז דאָ דערבײַ, אפילע פאר מיר א סאָד. דעריבער בינ איך ארויסגעגאנגענ פונעמ שטיבל אפ עטלעכע מינוט.

דורכ דער וואנט פונ ברעטלעכ האָב איך פּאָרט געקאָנט זענ דעמ סאָד. דער מעשאָרעס האָט אָנגעצונדנ א ליכט, אונ רעב ליפּע האָט מיט טריפ־וואקס פארכאסמעט אפ צוואנציק ערטער ארומ אונ ארומ א פּאפּיר, וואָס דרינענ איז געלעגנ דאָס שטערנטיכל אײַנגעוויקלט.

וואָלט עס געווענ ווײַטער געבליבנ פאר מיר א סאָד, וואָלט מיר גאָר ניט געווענ. נײַנ, מע רופט מיך ארײַנצוקומענ צוריק אינ שטיבל, איך זאָל שרײַבנ דאָס נײַע קסעוועלע, „די גוטע קסעוול“.

— לעבנ זאָלט איר, טוט א סרײַב, — בעט מיך דער באלעגאָלע. — רעב ליפּע, זאָל לעבנ, זאָגט, אז איר קענט בעסער סרײַבנ. איז טאקע ניסט קעדײַ, זיי זאָלנ זיך אליינ מאטריכ זײַנ צו סרײַבנ די קסעוועלע, די קסעוועלע איז דאָך מײַנ גאָר-אונ-גאנצנ.

בינ איכ געוואָרנ א שרײַבער בא רעב ליפּע לעחיט אונ בא זיסל באַלעגאָלע.

רעב ליפּע האָט מיר אַליינ פאָרגעזאָגט, אז איכ זאָל אלצ ארויסשרײַבנ, וויפל ער דארפ אימ געבנ סכאר־אגאָלע אונ הויצאָעס פונ די פערד אונ די הויצאָעס פונ דעמ זיסלענ. אלצ אפ רעב ליפּענ. נאָכ דערצו די אנטליגענע טויזנט רובל אסיגנאציעס מוז ער אימ אָפּגעבנ, וויבאלד מע וועט אָנקומענ צו דער הויפּט־קווארטיר. אולעיעסער ביטאָכנ, דאָס הייסט א מאשקנ, האָט רעב זיסל גענומענ א שטערנטיכל (א פערלדיקנ בינדאליק — אפ ליטוויש), פארכאסמעט מיט רעב ליפּעס כסימע (ס'איז ניט געװעזנ זײַנ נאָמענ דערופ, נאָר א שטאָלענער כויסעמ, וואָס מע קויפט אינ די רוסישע לאווקעס, אויסגעשניטנ א פויגל אָדער עפּעס אנדערש). אונ דער זיסל מוז היטנ דאָס שטערנטיכל, צוריק גאנצ אונ פארכאסמעט אָפּצוגעבנ רעב ליפּענ, ויבאלד ער וועט אימ צאָלנ, וואָס עס וועט קומענ: הענ סכאר־אגאָלע, וועהענ די מעזומאָנימ טויזנט רובל. אזא קסעוול האָט דער באלעגאָלע, אונ דאָס אייגענע פונעמ באלעגאָלע — רעב ליפּע.

רעב ליפּע האָט געלט! טייקעפּ געצאָלט דעמ פריִערדיקנ שליטנ־באלעגאָלע, וואָס אימ איז געקומענ פאר אונדז, דעמ מעשאָרעס געגעבנ זײַנע הונדערט רובל אונ סכירעס וויפל עס איז אימ געקומענ (נאָר דערפאר, וואָס ער האָט מיר אויסגעזאָגט, אז רעב ליפּע איז אימ שולדיק מעזומענ הונדערט רובל, האָט ער אימ אָפּגעשאפט), אונ מיר זײַנענ אוועקגעפאָרנ מיט א ווילער בויד מיט פיר ווילע פערד.

איכ וויל אײַכ ניט דערציילנ, וואָס אפנ וועג האָט זיכ געטאָנ, ווײַל עס איז שפּעט. קורצ פונ דער זאכ, מיר זײַנענ אָנגעקומענ דרײַ טעג נאָכ פּורימ (1813) קיינ קאליש, אפ דער פּרײַסישער גרענעצ — א שטאָט, וואָס קער קיינ פּוילנ (קשענסטוואָ ווארשאווסקע איז דענצמאָל געוועזנ אָפּגענומענ דורכ דעמ רוסישנ כאיִל, אונ א רוסישער גובערנאטאָר, גראפ פאלינ, איז פונעמ קייסער געזעסנ אינ ווארשע).

דער באלעגאָלע זיסל האָט געהאט באמ קייסער אלעקסאנדערס הויפּט־קווארטיר זײַנס א שוואָגער, איינעמ ז א ל מ ע נ ס א ק י ר. דער זאלמענ סאקיר האָט צוגעשטעלט אלצ, וואָס מע האָט געדארפט צומ קייסערס קיכ. פארשטייט זיכ, אז דער זיסל איז באלד נאָכ דעמ אויסשפּאנענ די פערד געגאנגענ זיכ זענ מיט דעמ שוואָגער. ניט רעב ליפּע, ניט איכ האָבנ מיר געוווּסט, וווּהינ דער באלעגאָלע איז געגאנגענ.

דאָ קומט ערשט די רעכטע מײַסע. לאָזט מיכ א ביסל אָפּרוענ...

אלע שרײַענ:

— ניינ, ניינ! לאָזט אונדז ניט איבער באמ רעכטנ שפּיצ פונ דער

מײַסע. נײַן, איר מוזט, אָקסמאַן, איר מוזט עקן, נעמט אונדז ניט אָפּ די נעשאָמע...

אָקסמאַן דערציילט ווײַטער:

— איך האָב רעב ליפּען געפּרעגט, אויב ער וועט טייקעף גיין צו רעב לייזער דילאָן, ווײַל איך וויל אויב ארויסגיין מיך אומזען, טאָמער וועל איך געפינען באַקאַנטע קאָמיסיאָנערן אָדער עפּעס פון אייסאָקים.

רעב ליפּע טוט זיך, ווי איך זע, ניט זייער איילן. ער איז גע־ווען אומרויִק, פארטראַכט א ביסל. ער האָט זיך אויסגעשלייערט און איז פּאָרט אוועקגעגאַנגען.

איך בין אויך ארויסגעגאַנגען און האָב טאַקע געטראָפן באַקאַנטע מענטשן, וואָס האָבן מיך געוואָלט פירן צום יענעראַל־אינטענדאַנטס הויפּט־קאָמיסיאָנער נעוואַכאָוויטש. אַקעגן א שאָ האָב איך מיט זיי גערעדט.

פּלוצים קומט אָפּ מיר אָן צו לויפן מיט א פאַרוויינט פּאָנעם דער באַלעגאָלע זיסל און טוט מיך א ציי אין א געסל אַרײַן מיט א געוויין:

— איר האָט מיך געקוילעט מיט ווײַב און קינדער, געקוילעט...

— וואָס איז? מיט וואָס האָט מען אײַך געקוילעט? — פרעג איך.

שלעפּט דער זיסל ארויס פונעם בוזעם דאָס פאַרכאַסמעטע פּאַפּיר, וווּ דאָס שטערנטיכל רעב ליפּעס איז געווען אײַנגעוויקלט, און ווײַזט מיר. מיט א געוויין רעדט ער:

— נאַט, זעט, ס׳איז דאָך ניט קיין פּערל, ס׳איז פון פאַלשע פּערל, קלאָמערשט געהעפט, ווי א שטערנטיכל, אָפּ אָפּצונאַרן...

ער, זיסל, רײַסט אָפּ א פּאָר פון די פאַלשע פּערל און צעקײַט זיי.

— איך בין געווען בא מײַן שוואָגער זאַלמען סאָקיר, — רעדט דער זיסל מיט א וויינענדיק קאָל, — דער, וואָס גיט צום קייסערס קיך, האָב איך אים ניט געטראָפן אין זײַן קוואַרטיר. ערשט מיט א האַלבער שאָ שפּעטער איז ער אָנגעקומען און האָט זייער געלאַכט, דערציילנדיק, ווי ער איז גע־ווען דערבײַ, אז איינער ליפּע לעוויט איז ארײַנגעקומען צו לייזער די־לאָן, האָט רעב לייזער אים דערלאַנגט ניט קיין שאָלעם־אַלייכעם־האַנט, נאָר טאַקע צוויי גרויסע פּעטש מיט דער רעכטער האַנט. גוטע צוויי פּעטש. מיט גרויס קאַס האָט רעב לייזער דילאָן געשריגן: „דו, גאַנעוו, דו, ארויס־געטריבענער פון דער הויפּט־קוואַרטיר אונטער מאָסקווע, ווײַל דו האָסט געוואָלט דעם קאָנאַטשיי (צאָלמײַסטער אָדער קאַסיר) טיכאָנאָוו באַגאַנווע־נען! דו, הונט, האָסט מײַן ווײַב אין נעסוויזש געקאָנט זיך דערוועגן צו זאָגן, דו ביסט מײַן שותּף? מײַן ווײַב שרײַבט מיר אין א בריוול. דו, אַבבעראָש, גאַנעוו! טיכאָנאָוו איז דאָ הי, אָט גיי איך אים זאָגן, אז זײַן פּאַקסער, וואָס האָט אים געוואָלט באַגאַנווענען, איז ווידער דאָ. קאַזאַקן!״ —

האָט רעב לייזער א געשריי געטאָן. ווײַל ער איז א דעפּוטאַט פון ייִדי־
שע קעהילעס, האָט מען אים מיט זונדל זאָנענבערגן געגעבן צוויי קאזאקן,
זאָלן טאַמיד בא זיי זײַן. אף דעם געשריי: „קאזאקי, בינדט דעם גאַ־
נעוו דערווײַל!" וואָלט מען דעם ליפּען אוואדע געוועזן געבונדן. איז
ער קליגער געווען און איז אנטלאָפן געוואָרן, דער ליפּע. אזוי האָט
מײַן שוואָגער דערציילט און געלאכט, געלאכט און דערציילט. דערנאָך ערשט
האָט ער מיר שאָלעם געגעבן. האָב איך אים צוריק דערציילט, אז דעם
אייגענעם רעב ליפּען האָב איך אהער געבראכט אף מײַן בויד, און מי־
קויעך די טויזנט רובל מעזומען, וואָס איך האָב אים געגעבן, נאָר איך
האָב געזאָגט: „איך האָב א מאשקן, א פּערלדיקן בינדאליק". האָט זאלמען
גענומען עפענען די פּאפּירן. אז ביטער און ווי איז מיר מיט מײַן ווײַב
און מיט מײַנע קינדערלעך! מײַן זאלמען האָט א הויכן לאַך געטאָן: „סטײַטש,
דאָס איז דאָך ניט קיין פּערל! דאָס איז א פאלשע זאך, פון פאלשע פּערל".
און האָט אף א פּרווו איין פּערל צעקײַט. אָט לויף איך דאָס אים מיט
אײַך איינעם אויקער מין האשוירעש צו זײַן.. גיט מיר אָפּ מײַן געלט,
ראזבויניקעס! פאַרוואָס ווילט איר מיך קוילען מיט ווײַב און קינדער?

ווי פאַרשטייט איר, ראבויסים? מיר איז ביטער און זויער געוואָרן
אין מויל, קאלט איז מיר געוואָרן אין אלע אייווורים.

איך האָב אינדערגעשווינד א טראכט געטאָן. די גרויסע סאקאָנע,
וואָס מיר קאָן דאָ אָט, אָקאָרשט מע זעט נישט, ווערן. לעמאָשל, דער
זאלמען סאקיר זאָל מיט דעם שוואָגער גיין צום יענעראל ערטעל, דעם
אויבער־פּאָליציײַמײַסטער בא דער הויפּט־קוואַרטיר, און זאָל פאַרקלאָגן צוויי
רוסיש־פּוילישע ייִדן, מיך איינעם מיט דעם ליפּען: די צוויי האָבן
בא זײַן שוואָגער אויסגענאַרט טויזנט רובל מיט פור־געלט דערצו און האָבן
אים געגעבן א מאשקן א פאלש שטערנטיכל פון פאלשע פּערל... איידער
עפּעס, וואָלט ערטעל, דער אכזער, מיך אזוי גוט געקאָוועט אין קייטן,
ווי ליפּען, און אונדז ביידע, מיך מיט ליפּען, אָפּגעשיקט געקאָוועטערהייט
אהיים, מע זאָל אונדז מישפּעטן. א שיינע אייסעק פאַר מיר, איאָ? א גליק
געמאכט בא דער הויפּט־קוואַרטיר!

אלע האָבן געסמאָצקעס מיט די ליפּן:

— טאקע, טאקע וואָלט אזוי געקאָנט זײַן. נו, וואָס האָט איר, אָקסמאַן, גע־
כאָן? זאָגט זשע, מע האָט דאָך, ווי מיר זעען, אײַך ניט געקאָוועט?
מינאסטאם האָט איר אײַך עפּעס א קלוגע אייצע געגעבן. טויזנט רובל
דעם זיסלען צו געבן האָט איר ניט געהאַט אין קעשענע, — זאָגן אלע.

— ניין, ברידערלעך, — ענטפערט אָקכמאַן, — קוים, קוים אף הויצאָעס
האָב איך געהאַט. נאָר מײַן ביסל סייכל האָט מיר געדינט.

אפ דער שנעל האָב איך דעם באַלעגאַלע צום אַלעם ערשטנ געפרעגט:

— וואָס ווילסטו, שלעכטער מענטש, האָבנ פונ מיר? דו ווייסט, אז דו ביסט ליפּעס באַלעגאַלע, אונ דער ליפּע איז ווידער בא מיר גאָר א באַלעגאַלע. נא, זע, איך האָב פונ אים אקוראט אזא קסעוועלע, ווי ער מיט דיר, אז ער מוז מיך צושטעלנ ביז צו דער הויפּט-קווארטיר. נאָך עפּעס וועל איך דיר זאָגנ, אז דער רעב ליפּע וועט קאָנענ טײַנענ גאָר פארקערט אפ דיר, באַלעגאַלע, אז דו האָסט זײַנ בינדאַליק פונ גוטע פּערל אוועקגעגאנוועט אונ ·דו האָסט אים איבערגעגעביטנ [אפ] א פאַלשנ בינדאַליק פונ פאַלשע פּערל. וועהאָרײַע, דו האָסט אופגעעפנט אַלע זײַנע כסימעס. ווייסטו, זיסל, אז אקוראט, ווי דו האָסט א קסעוול, האָט ער דאָך אקעגנ פונ דיר א קסעוול. „הולטײַ, גאנעוו! — וועט דיר ליפּע זאָגנ, — דו האָסט מײַנ שטערנטיכל פונ צענ טויזנט רובל אוועקגעגאנוועט”...

דער באַלעגאַלע איז געבליבנ ווי דערשלאָגנ שטיינ, ווי אָנ א נעשאָמע.

— גיט מיר עפּעס אנ אייצע, — האָט ער אָנגעהויבנ מיך צו בעטנ.

— יאָ, אז דו שמועסט ווי אנ ערלעכער מענטש, וועל איך דיר געבנ א ווילע אייצע, דאָס הייסט, די אייצע וועט זײַנ, דו זאָלסט ניצל ווערנ פונ דער סאקאָנע, מע זאָל דיך ניט נעמענ פאר קיינ גאנעוו. דו פארשטייסט אַליינ אצינדערט, אז דער ליפּע קאָנ דיך אוועקשיקנ קיינ סיביר פאר א גניוועּ פונ צענ טויזנט רובל. דו האָסט זײַנע כסימעס געעפנט, איז גלײַך ווי איבער זײַנ קאסטנ געגאנגענ אונ געגאנוועט. נאָר ווײַל איך האָב ראכ־מאָנעס אפ דײַנ ווײַב אונ קינדער, וויל איך דיר אנ אייצע געבנ. גיי דו אהיים צו דײַנע פערד אונ זיצ אינ שטאל, ביז איך וועל פונ אנ אנדער זײַט אויך אָנקומענ אהיימ אפ דער קווארטיר, וועט רעכט זײַנ.

דער באַלעגאַלע האָט מיך געפאָלגט. איך בינ געקומענ אינ מײַנ קוואר־טיר ארײַנ, טרעפ איך אונדזער רעב ליפּענ אינ א מײַמעד — אפ אַלע דרא־בעס געזאָגט געוואָרנ!

ער מיינט, איך ווייס ניט פונ זײַנ שאָלעמ אַלייכעמ בא לייזער דילאָנ, אונ איך מאכ מיך אומישנע גלײַכ ווי איך ווייס פונ נישט, אונ טו אים מיט א געלעכטערל א פרעג, קלאָמפערשט ווי א גוטער פרײַנט, מיט א טײַט אפ דעמ זיסל דעמ באַלעגאַלע (ווי איך בינ אהיים געקומענ, האָב איך זיסלענ א ווונק געטאָנ, ער זאָל מיר נאָכגיינ):

— וואָס וויל דער הולטײַ, דער באַלעגאַלע? שוינ די ערשטע שאָ, טייקעפ זאָלט איר אים געלט געבנ, אונ זאָגט אַלצ: „מײַנ מאשקנ!” אזא גראָבער יונג, האָט אפילע קיינ דערעכערעצ נישט. קומ אהער, דו. מאָנעפ־שעכ, בארעכנט אײַכ, רעב ליפּע, מיט אים, וויפל אימ קומט סאכאקל, אונ גיט אים א שטאר-כויוו אפ עטלעכע טעג. — דערבײַ זאָג איך צו ליפּענ שטילער א ביסל, נאָר דער באַלעגאַלע זיסל זאָל אויך הערנ, — אונ נעמט

אָפּ דעם מאשקנ. נאָכ וואָס זאָל ער האלטנ דעם מאשקנ, אז מיר זײַנענ שוינ אינ דער הויפּט־קוואַרטיר?

ליפּע איז אוואדע מערוצע · געוואָרנ ארויסצוכאפּנ דעם פאלשנ פּייגער פונ דעם באלעגאָלעס הענט, אונ דער באלעגאָלע זאָגט אויכ:

— אז רעב ליפּע, זאָל לעבנ, הייסט אזוי, בינ איכ מערוצע. לאָז זײַנ מיט פיר טעג ספּעטער די געלט מיר אוועקגעבנ. ס'איז ניסט קעדײַ. פיר טעג, לאָז זײַנ פיר טעג...

געשווינד האָב איכ אימ געהייסנ ארײַנרופנ דעם באלעבאָס פונ דעם גאסטהויז, ער זאָל אפּ דײַטשעריש אָנשרײַבנ א שטאר־כויוו, ווי אינ קאליש איז די מאָדע.

ליפּע האָט צונויפגעכעזשבנט, איז דעם באלעגאָלע זיסלענ געקומענ סאַ־כאקל טויזנט מיט דרײַ הונדערט אונ אכציק רובל אסיגנאציעס. דאָס האָט מענ בארעכנט אפּ פּרײַסישע טאָלערס, אונ אָנגעשריבנ א שטאר־כויוו אפּ פיר טעג. אונדזער ליפּע האָט זיכ געשווינד געכאזמעט. דער דײַטש דער באלעבאָס מיט נאָכ איינעמ האָבנ זיכ געכאסמעט פאר איידעס. איכ בינ אומישנע ארויסגעגאנגענ ניט צו זײַנ דערבײַ.

ביידע האָבנ געלויכט. דער באלעגאָלע זיסל האָט געמיינט, א מאלעכ שפּילט זיכ מיט אימ, אז דער רעב ליפּע האָט צוגענומענ די אפּויטיקע צוואָר־פּענערהייט אונ מאכט נישט קיינ שומ פּיירעש ניט. אלע כסימעס אופּגעריסנ, אונ רעב ליפּע פרעגט ניט אונ קוקט גאָר ניט. ליפּע, ווי ער האָט בא זיכ געוווּסט די צאָרע, האָט ער א כאפּ געטאָנ מיט ביידע הענט דעם פּייגער, פּאָטער צו ווערנ די סאקאָנע, וואָס ער האָט אוואדע געקאָנט גיינ סיביר דערפאר, כאפּט אוועק אונ טייקעפּ טאקע געזוכט אנ אָרט, ווו פײַער ברענט אינ דער הרובע, ארופגעלייגט דעם קאָרבנ אפּ דעם מיזבייעכ אונ פאר־ברענט אד לעאָפאָר.

אזוי, ברידערלעכ, בינ איכ דורכ א ביסל סייכל ניצל געוואָרנ פונ אזא ביטערער זאכ. נאָר מיט א האלבער שאָ שפּעטער, אז דער ליפּע איז געבליבנ זיצנ בא זיכ אינ שטיבל, האָב איכ מיר מײַנע זאכנ אײַנגעפּאקט אונ האָב מיכ ארויסגעצויגנ פונ דער קוואַרטיר גאָר אפּ אנ אנדער גאס, צו א ייִדנ. דער ליפּע האָט געזענ · מיכ טאָרעד, אופּצופּאקנ מײַנע זאכנ איבער־צופירנ אפּ א וועגעלע, טוט ער מיכ א פרעג:

— וואָס איז דאָס, איר פאָרט אוועק?

דענצמאָל האָב איכ טאקע, ווי דער אוילעמ זאָגט, מײַנ שווער הארצ צו זײַנ קאָפּ אויסגעלאָזט. צוויי קאָפּל־שמוינע פּעטש האָב איכ אימ געגעבנ אונ האָב אימ געגעבנ צו פארשטיינ, אז איכ ווייס זײַנ מײַסע פונ רעב לייזער דילאָנס פּעטש אונ פארוואָס אפּילע מע האָט אימ אזוי מעכאבעד געווענ, אונ אז מיקויעכ דעם פאלשנ שטערנטיכל האָב איכ ערשט הײַנט געוואָר געוואָרנ. איכ האָב מיכ נויקעמ געווענ אינ דעם הולטײַ, ווי ער איז ווערט געווענ.

ער, ליפּע, איז נאָך דעם אייגענעם טאָג אַנטלאָפן געוואָרן צופוס פון קאַליש. ניט אַזוי ווײַל ער האָט מוירע געהאַט פאַר דעם וועקסל זיסל דעם באַלע-גאָלעס; ווי מע האָט מיר דערציילט, האָט רעב לייזער דילאָן אים געזוכט מיט קאָזאַקן אויף דער קוואַרטיר. ליפּע האָט מינאַסטאָם געהערט, אַז מע זוכט אים, האָט ער געמאַכט, ווי די פּוילישע יִידן זאָגן אויף אַנטלויפן: „געמאַכט פיס".

— נו, האָב איך אײַך געענדיקט די מײַסע פון עם פאַלשן שטערנטיכל אינ־גאַנצן. אַצינד מעג איך אַהיים גיין, איך דאַרף פרי אויפשטיין.

— אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט! — פון אַלע זײַטן האָט איינער דעם אַנדערן געזאָגט, און מע איז איטלעכער אַהיים געגאַנגען מיט אַ שיינעם דאַנק אָקסמאַנען פאַר דער וווילער, לאַנגער, ציקאַווער מײַסע.

אויפן וועג גייענדיק, פרעגט מיכל אָקסמאַנען:

— יאָ, איך האָב פאַרשטאַנען די גאַנצע מײַסע. נאָר אַזאַ יִידל, ווי איך, ווייס גאָר ניט, אויב ס׳איז דאָ פאַלשע פּערל, וואָס זאָלן אַ פּנים האָבן, ווי גוטע פּערל...

— כאַ־כאַ־כאַ! — לאַכט אָקסמאַן, — אין דײַן לויהאַיאָפּאָלי איז ניט גוט פאַר אַזאַ ליפּע לעווית. דעריבער האָט ער אין באַרדיטשעוו געמוזט קויפן צווישן די גאַלאַנטעריי־קראָמען, דאָרטן קויפן אַלע פּריצים. הי, אין ברעס־לע, די דײַטשקעס קויפן אויך פאַלשע פּערל און גייען אָנגעטאָן טאָמיד דרינען, ווי די פּאָווערטעס בײַ אונדז אין פּאַצערקעס...

## 17

דערפאַר, וואָס יענער פייערק זעכצן איז צו לאַנג געווען, דעריבער איז דער פייערק זיבעצן גאָר אַ קורצער.

ווי גוט מיכלען איז געווען בײַ דעם אָקסמאַנען! ער האָט געהאַט גוט צו עסן און גוט געצאָלט זשאַלאָוואַניע. פון די סאָכרים אין ברעסלע, בײַ די, וואָס ער האָט אײַנגעקויפט פון עם שפּיטאָל וועגן, האָט מיכל אויך גע־האַט אַלעמאָל מאַטאָנעס, געלט און אַ זייגערל און פּאַטשיילעס זײַדענע. אַכוץ דעם האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ ביסל דײַטש ריידן, און אַלדאָס גוטס געהערט בײַ אָקסמאַנען און פון די מענטשן, וואָס זײַנען אַרײַנגע־קומען צו אָקסמאַנען, אָדער וואָס אָקסמאַן האָט מיכלען מיטגענומען, אַז ער איז געגאַנגען צו זיי. אינעם אייסעק שפּיטאָלן איז מיכל געניט גע־וואָרן. אַלץ איז פאַר מיכלען געווען אַ גליק. נאָר דאָס גליק האָט ניט לאַנג געדויערט. פּלוצים איז אָנגעקומען פון דעם יענעראַל-אינטענדאַנט אַ פּאַפּיר, מע זאָל אַלע קראַנקע סאָלדאַטן אוועקשיקן פון ברעסלע קיין פּוילן אין קשענסטאָוואָ וואַרשאַווסקע — וועט דעם קייסער ניט קאָסטן די שפּיטאָלן. אין ברעסלע מוז דער קייסער זיי האַלטן פאַר זײַן געלט, דאָרטן, אין קשענ־

סטוואָ וואַרשאַווסקע, וועט די פּויליִשע קאַסע צאָלן די פּאָדראַטשיקעס.

אָקסמאַן האָט געעקט דעם אייסעק און מוז ווײַטער פֿאָרן זוכן אַן אַנדער אייסעק פֿונזײַנטוועגן בײַ דער הויפּט־קוואַרטיר.

מיכל האָט ניט געוואָלט ווײַטער פֿאָרן זוכן און האָט אָפּגענומען זײַנע סכירעס פֿאַר אָנדערהאַלבן כאַדאָשים. אַכוץ דעם האָט אים אָקסמאַן געשענקט הונדערט פֿרײַ־סישע טאָלער אַ מאַטאָנע פֿאַר זײַן געטרײַשאַפֿט. מיכל האָט אָקסמאַנען אין דער קור־צער צײַט אײַנגעבראַכט מער פֿון טויזנט טאָלער. איז ער דאָך ווערט אַ מאַטאָנע.

פֿינף טעג אין קיסלעוו תקע״ג[1] (דעם 18־טן נאָוועמבער 1813) איז מיכל מיט כליעבאָווס אַ קאָרעוו, וואָס איז מיט פּאָטשט געפֿאָרן, — פֿון דער הויפּט־קוואַרטיר קיין קיִעוו האָט מען אים געשיקט, — זייער גוט אויך געפֿאָרן. אָן הויצאָעס האָט כליעבאָוו אים געהייסן מיטנעמען אַהיים.

אַז מע וויל אַ קוק טאָן פּאָפּראָסטע, איז דער מיכל זייער גליקלעך. פֿון אַ בעלפֿער, פֿון אַ פֿאַקטער, אַ לויהאָיאָפּאָליער ייִדליק, איז ער אין איין יאָר געוואָרן אַ גאַנצער מענטש, אַן אויפֿגעקלערטער מענטש. באַקליידט, ווי אַ סראָרע, אַ פֿאָר טויזנט רובל געלט האָט ער, אַ זייגערל אַ ווילס מיט אַ זייגער־קייטעלע דערצו. און נאָך מער: ער ווייסט אַצינד פֿון פּאָדראַדנ־אייסאָקים. אַ ביסל האָט ער אַליין געהאַט צו טאָן בײַ אַ שפּיטאָל, און פֿון פֿערעוואָזקעס מיט אַנדערע פּאָדראַדן האָט ער געהערט און געזען. איז אים טאַקע גאַנץ גוט אַהיים צו פֿאָרן.

מיכל איז מיט פּאָטשט געפֿאָרן, זייער גיך אָנגעקומען קיין זוואָהיל (נאָוואָגראַד־וואָלינסק הייסט דאָס שטעטל אויף רוסיש), אַריבער די רוסישע גרענעץ.

דאָ איז כליעבאָווס קאָרעוו אָוועקגעפֿאָרן קיין קיִעוו, און מיכל האָט זיך גענומען זײַן וועג ווײַטער צו פֿאָרן, וווּהין ער האָט געדאַרפֿט.

## 18

מעזשבעזש, שאַבעס כאַנוקע.

אַ פּויליש פּאָרעצל ליפּינסקי, פֿון אַ קליין שטעטעלע בײַ מאָהיליעוו, איז פֿאַר עטלעכע יאָר אָנגעקומען צו פֿאָרן אין אַ רוסישער שטאָט אַרײַן. דאָ איז גראָד געווען אַ סויכער, וואָס האָט געקענט דעם ליפּינסקין פֿון דער היים. אַז דער סויכער הערט די פֿאַקטוירים און אַלע, וואָס דרייען זיך אַרום דעם ליפּינסקין, רופֿן אים אַלץ „פּאַן גראַף״, „פּאַן גראַף״, פֿרעגט דער סויכער מיט אַ קאַעס אויף פּויליש־לאָשן:

— סטײַטש, ליפּינסקין קען איך דאָך זייער גוט פֿון דער היים, אַז ער איז בעשום אויפֿן ניט קיין גראַף, אַפֿילע ניט קיין הינטער־כײַלעק פֿון אַ גראַף?

ענטפֿערט איינער פֿון די פּויליִשע כײַן־מאַכער שליאַכטיטשעס, וואָס איז ליפּינסקיס לײַב־מענטש, אויף פּויליש:

[1] טאַק־אײַן־גימל.

— פאַנ ליפּינסקי יעסט פּאָדרוזשני גראַפ...

דער סויכער האָט ארויסגעלאָזט א גרויס געלעכטער און האָט די פּויּלישע טשוווע איבערגעזאָגט אפ רוסיש און אפ ייִדיש, קעדיי אלע זאָלנ פארשטיינ:

— כאַ־כאַ־כאַ! לאַכט, ראַבויסימ! א געלעכטער, כ'לעבנ! דער שליאַכטיטש זאָגט, אז דער ליפּינסקי איז אינ דער היימ א פּראָסטער שאַלעסודעס א פּאָרעצ, נאָר אז ער פאָרט ארויס פונ דער היימ אפנ וועג, ווערט ער טאָמיד א וועג־גראַפ.

אלע האָבנ זיכ צעלאכט.

דורכ דעמ קליינעמ מייַסעלע פונ דעמ ליפּינסקינ וועט מענ פארשטיינ, וואָס מע וועט ווייַטער לייענעג פונ דער שטאָט מעזשבעזש.

מעזשבעזש איז אנ אלטע ייִדישע שטאָט (אינ קאַמענעצ־פּאָדאָלסקער גובערניע). פונ לאַנג אָנ איז מעזשבעזש געווענ א האַנדל־שטאָט. פיל גרויסע סאָכרימ, הורטאָווניקעס פונ אלערליי פּראָדוקטנ און סכוירעס, גרויסע אשירימ און געלט־קאָנטאָרנ און גרויסע כאלפאָנימ האָט מענ געפונענ אינ מעזשבעזש. א שטאָט, קימאט פול מיט לאָמדימ. עטלעכע גרויכע לאָמדימ און באלעבאַטימ, וואָס האָבנ געקענט לערנענ.

כאָטשע מעזשבעזש איז דאָכ די ערשטע הויפּט־נעסט געווענ, ווו כסידעריי האָט זיכ פארפלאָדיעט פאַר א יאָר פופציק (פאַר תקע"ג) אינ דער פּוילישער מעדינע, — אינ מעזשבעזש האָט דאָכ געוווינט דער רעב ... [ייִסראָעל באלשעמ], דער ערשטער כסידישער באל-נעס, דער כסידישער באל-מויפעס, קימאט ווי מאהאָמעט בא די אראַבער און בא די טערקנ (נאָר וואָס מאהאָמעט איז דערצו געווענ א גרויסער גיבער־מילכאָמע אויכ. אָבער זייַנ סייפער, קאָראַנ, איז די גרעסטע העלפט פול מיט כסידישער פלוידערייַ — דאָס, וואָס כסידישע רעבעס רופנ „טוירע"), — כאָטשע דער רעב ... [ייִסראָעל] קומט ארויס פונ מעזשבעזש און האָט געוווינט אינ מעזשבעזש, געפינט מענ אדאַיאָמ (תקע"ג) אינ דער שטאָט מעזשבעזש ניט א מעשר מן המעשר [1] כסידישע זאכנ, אָדער [א] רעכטע כסידאַרניע, — אקעגנ אנדערע שטעט, ווו עס קישעט מיט כסידימ.

[עס] האָט א פּאָנעמ, אז דער אייגענער טערעצ פונ ליפּינסקיס שליאכטיטש איז דאָ אויכ. אינ מעזשבעזש האָט ער געהייסנ [ייִסראָעל] ד ע ר ב אָ ב ע ס (אזוי שטייט אינעמ ... [„שבחי הבעש"ט"]. נאָר אפ דער מעדינע האָבנ אימ די פּאַקטערלעכ און די אלע, וואָס האָבנ זיכ געשאַסטעט ארומ אימ, געמאכט כיינ און האָבנ אימ גערופנ: רעב ... [ייִסראָעל] פּ אָ ד ר ו ז ש נ י ג ר א פ.

דעמ טערעצ, פארוואָס ס'איז אזוי געוואָרנ פארפלייצט איבער דער מע־

---

1 מייַסער מינ האמייַסער.

דינע, געפינט מען אינעם „סייפער כסידים". אהער, צו אונדזער מײַסע, קער נאָר, אז זינט דער ... [יִיסראָעל באַלשעם] איז געשטאָרבן, האָט אין מעזשבעזש ניט געווינט קיין גרויסער כסידישער רעבע ביז זײַן אייניקל ... [באָרעכ], אז מע האָט אים ארויסגעטריבן פון טולטשין און נאָך דעם, אז ער האָט זיך געוואַלגערט (א גאנצ יאָר, דאכט זיך) אין בראצלעוו, האָט זיך דער ... [באָרעכ] ארײַנגעכאפט קיין מעזשבעזש און איז אין מעזשבעזש בעערעכ תקע"א געשטאָרבן.

פאר דעם ... [באָרעכס] שטארבן האָט זיך געטראָפן איינער, וואָס איז פריִער געווען אין א קליינ שטעטל אין פוילן... א רעוול. דאָס רעוול האָט דאָס געטאָן, ווי פיל אנדערע רעוולעכ און מאגידים פון קליינע שטעטלעכ האָבן געטאָן. ער איז אויכ געפאלן אפ דעם סייכל: נאָך וואָס זאָל ער זיך מוטשען א דראָשע מיט א ראמבאמ פארענטפערן און א פּשאט געמאָרע צו זאָגן אינעם שטעטל... פאר צען גילדן א וואָכ סכירעס? בעסער טוט ער זיך א וואָרפ אפ דער נײַער מאָדע, כסידישע שאלעסודעסן צו פראווען, מיט פינצטערע זאָגעכצן פון קלאָמערשט קאבאָלע, סיסרע־טוירע, — דאָס גייט פונעם מויל, ווי א וואסער, — און מאכן פידיוינעס, דערפאר צאָלט מען טײַערער. אין איינ שאָ קאָן מען הונדערט רענדלעכ נעמען (בא די, וואָס גיבן), און ס'איז דאָ גענוג, און עס ווערט נאָך אלע טאָג ניסראבע געבערס און געבערס.

נאָר ווידער דאָס מײַסעלע. אין דער היימ אינעם שטעטל ... קאָן ער דאָך ניט זײַן (ווי דאָס פּאָרעצל ליפינסקי) מער פון א רעוול, — אנו די אייצע צו ווערן א פּאָדרוזשנע גראפ, א וועג־גראפ! איז דאָס רעוול ארויסגעפאָרן קיין יאס. דאָ אין מאָלדאוויע, פול מיט אמעראצים-יידן, קימאט אזוי גראָב ווי די מאָלדאוואנעס, דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן ארײַנצוניאדען כסידאר-ניע, דאָ איז עס דאָס רעוול געוואָרן דער ...ער ראָוו, א גרויסער צאדיק און באל־מויפעס, א כסידישער גרויסער גוטער־ייד (די מאָלדאווער גראָבע יונגען זײַנען מינאסטאמ גרויסע מעווינים אפ די אלע זאכן, בעעמעס אָבער ווייסן זיי פון קאבאָלע און פון פידיוינעס, ווי פון דעם, וואָס דער ראמבאמ זאָגט אינעם „קידוש החודש" [1]). כסידים, מאָלדאוואנסקע כסידים, האָבן דעם גרויסן צאדיק טאָג און נאכט זייער הויכ געלויבט, און געלט האָט ער אויכ אָנגע־הויבן געשמאק צו שארן אין קעשענע ארײַן.

פּאָרט האָט דער ראָוו, דער גוטער־ייִד, בא זיך געוווּסט, אז ער ווייכט נעבעכ גאָרנישט. געמיינט האָט ער, אז דער אנדערער, דער איז דאָך דעם ... [יִיסראָעל באַלשעמס] אנ אייניקל און ווינט ניט אין דעם אמעראצישן מאָל־דאוויע, און מע לויבט אים אזוי שטארק. ניט אנדערש, דער רעבע מוז

1 „קידוש האכוידעש".

יאָ עפּעס וויסן. אפ הויצאָעס אהין קיין מעזשבעזש דאַרף ער ניט מימנע־מען זײַן געלט. אפ דעם גאַנצן וועג ווינען דאָך יִידן, וואָס טראָגן אונ גיבן געלט פונ אַלע זײַטן. אנו, א פּאָר געטאָן מיט א גרויסן אופצוג, מיט א קאַרעטע מיט פיר פערד. אונ קאַפּצאָנים כּסידים אפ בּוידן זײַנען אויך געפאָרן, אָנ הויצאָעס, אפנ וועג לעבן צאַדיק האָט מען זיי אויך אַרײַנגערוקט עפּעס.

דער פּאָדרוזשנע גראַפּ איז מיט די אַלע ביישפּילערס אָנגעקומען צום צאַדיק קיין מעזשבעזש.

— דער גרויסער רעבע אַליינ איז געקומען צו רעב ...נ [רעב באָרעכ], — האָט געקלונגען צווישן די כּסידים אפ דער מעדינע.

ווער עס האָט געקענט דעם ... [רעב באָרעכ], ווייסט, אז דאָס האָט אים בא זיך זייער האַנאָע געטאָן. דער ... [רעב באָרעכ] איז געווען א גאַדלען, א באַלגײַווע, דערצו מיט א שאַרפ מויל (אָדער ווי ... האָט איינעם גערופן: „דו האָסט זייער א שטאַרק פּאָנעם". יענער האָט ניט פאַרשטאַנען, אז די ווערטער הייסן אפ לאָשנקוידעש: אזעס-פּאָנעם). ער האָט אמאָל געזאָגט צום שפּאָלער זיידנ (אויך א כּסידישער גוטער־ייִד אינ זײַן ווינקל): פאַרוואָס רופט מען אײַך „זיידע"? לאָז מען אײַך רופן „באָבע". דאָס זידלען איז נאָר געווען, קעדיי מע זאָל זאָגן, אז ער, ... [רעב באָרעכ], נאָר ער איז דער גרעסטער גוטער־ייִד, אַלע אַנדערע גוטע־יִידן זײַנען אקעגן אים א גאָרנישט. דער שפּאָלער זיידע האָט אינ דעם אויגנבליק קליגער געענטפערט, ווי די נאַרישע גײַווע־קאַשע איז געווען. ער האָט אים א זאָג געטאָן:

— וואָס איז דען מיט אײַך דער ייִכעס, ווען ניט דער זיידע? (דעם ... [ייִסראָעל באַלשעם] האָט ער געמיינט).

לעסאַטע איז אים זייער ווויל געראָטן צו זײַן גאַדלעס, אז דער גרויסער [רעבע] איז צו אים געקומען, פונ אזוי ווײַט, פונ יאס צו אים, מוז דאָך אוואדע געדרונגען זײַן, אז ער איז דער גרעסטער גוטער־ייִד.

מיט וואָס דער יאסער (שוינ האָט מען אים גערופן נאָר: „דער יאסער") איז פונ דעם מעזשבעזש אוועקגעפאָרן, קאָן מען זיך מעשאער זײַן: דו ווייסט ניט, איך ווייס ניט, נאָר לײַגן אונ געלט נעמען — גוט, דאָס טויגן מיר, מאַכן מיטן מויל אונ מיט די הענט קען איך ווויל, אונ דאָס קענען מיר ביידע.

אז דער ... [רעב באָרעכ] איז אינ א האַלב יאָר אַרום (דאַכט זיך, ניט לענגער) געשטאָרבן, האָט דער יאסער זייער גוט פאַרשטאַנען, אז ער מעג זיך אַרײַנכאַפּן אפ דעם [מעזשבעזשער] רעבנס אָרט קיין מעזשבעזש, ווײַל ער קען דאָך דאָס, וואָס יענער האָט געקענט.

אזוי איז עס תּקע״ג דער יאסער אינ מעזשבעזש אונ מאַכט מיט דער

דייפ* מער געלט, ווי אינ יאס. דאָרטנ רעכנט מענ אפ טערקישע טאָלער, ליעוועס (א ליעוו איז נאָר א האלב רובל אסיגנאציע), ארומ מעזשבעזש רעכנט מענ אפ קערבלעכ אָדער אפ רובל־אסיגנאציעס.

נאָכ עפּעס דארפ מענ צו וויסנ, אז אפ ראָשעשאָנע זײַנענ בא א כסידישנ רעבנ פיל אָרכימ. שאבעס־כאנוקע איז דאָכ גאָר ניט לאנג נאָכ ראָשעשאָנע, איז גאָר ווייניק אָרכימ, נאָר סײַדנ רענדארעס, וואָס פאר נאָזיגאָר האָבנ זיי צו טאָנ מיט די פּריצימ מיקויעכ זייערע ארענדעס. איינ פּאָרעצ הייסט זיכ געבנ א הויסאָפּע, אנ אנדערנ וויל עמעצער אויסרינגענ די ארענדע. פּאָרט מענ צומ באל־מויפעס, ער קאָנ דערצו העלפנ. אור־קעדוימע גענייטיקע זאכנ. א שוויגער מיט אנ איידעמ פארלאָזנ זיכ, דער גוטער־ייִד זאָל צווישנ זיי א לאָד מאכנ, אָדער אנ ארענדאר טוט א שידעכ מיט א רעבנס כאָסיד, אזעלכעס טוט זיכ נישט אָנ דעמ כסידישנ גוטנ־ייִדנ. אזעלכע אָרכימ קומענ אפ שאבעס כאנוקע. אָבער דערצו ליגט אלצ דער רעבע דער גוטער־ייִד ניט צו. ער מאכט געלט פונ אזעלכע זאכנ אוודע אויכ.

דעמ שאבעס כאנוקע איז געקומענ קיינ מעזשבעזש צומ צאדיק רעב דאָוויד סמיק מיט זײַנ ווײַב ברײַנע־דאָבריש אינ דער איידעמ פונ דער געשטאָרבענער איינציקער טאָכטער. די אלע דרײַ האָבנ ערעוו שאבעס ארײַנגעטראָגנ צוואנציק רענדלעכ, ווײַל זיי ווילנ, זײַנוועלע זאָל יאָ נעמענ א ווײַב. ער איז א יונגערמאנ, אונ רעב טעוויע בילענקיס רעדט אימ א שידעכ, ער זאָל נעמענ בא רעב גאווריעל גיטעלעס א מיידל. איז דאָ געקומענ דער רעב גאווריעל גיטעלעס מיט טעוויע בילענקיס אויכ צומ צאדיק, ער זאָל מאכנ, אז רעב גאווריעל זאָל מערוצע ווערנ, זײַנ קינד, זײַנ טעכטערל, זאָל אפ טאָמיד זײַנ אינ נימיעווקע בא ברײַנע־דאָברישנ אפ אייביקע קעסט, קעדיי ביילצעס ייִנגעלע אונ די קינדער, וואָס זײַנוועלע וועט האָבנ מיטנ אנדערנ ווײַב, רעב גאווריעלס טאָכטער, זאָלנ ארומ זיי זײַנ, וועט זיי זיכ דאכטנ, ס'איז ביילצע. רעב גאווריעל גיטעלעס זאָל דעמ צאדיק געבנ טקיעס־קאפ, אז ער וועט קיינמאָל ניט זאָגנ: „איכ וויל מײַנ טאָכטער מיט מײַנ איידעמ זאָלנ בא מיר אינ לויהאָיאָפּאָלי זײַנ".

געפּויעלט. דער צאדיק הייסט, גיט רעב גאווריעל גיטעלעס טקיעס־קאפ, נאָר רעב דאָוויד סמיק זאָל אויכ געבנ טקיעס־קאפ, — זיסט וואָלט מענ דעמ שווײַגנדיקנ דאָוויד סמיק גאָר ניט אכט גענומענ, אפ טקיעס־קאפ צו געבנ טויג ברײַנע־דאָבריש ניט, ווײַל זי איז, צאנצילאָמיש, מעכילע, אנ אישע, — אז די קינדער, וואָס וועלנ זײַנ, זאָלנ זײַנ גלײַכע יאָרשימ ווי יענצ ייִנגעלע פונ ביילצענ. דאָס אויכ געפּויעלט אונ אפילע

* וואָס ייִדנ רופנ: „מאכנ מיט דער רייפ" ווייסנ די, וואָס לייענענ דאָס מײַסע־ביכל.

כוצ דעמ טקיִעס־קאפ האָט מענ געמאכט קסאָווימ דערופ. רעב גאווריִעלֿ
גיטעלֿעס האָט דעמ רעבנ אויכ א פופציקער געגעבנ, אונ וועלֿוועלֿע בעריִע
האָט געגומענ א רויט רענדלֿ פארנ שרײַבנ.

נאָכ א פאָרפאָלק זײַנעג געקומענ פונ לֿויהאָיאָפּאָלֿי אהער: ארנ בעס־
מעדרעש־שאמעס מיט זײַנ ווײַב סאָרענ. באשער זי, סאָרע, איז אָנגעפאלֿנ
דעמ אָסטרער מאגידס אייניקלֿ, זײַנוועלֿענ, אונ ארנ האָט אויכ אונטערגע־
האָלֿפנ דעמ זײַנוועלֿענ מעוואיעש צו זײַנ, — דענצמאָל, ווענ ביילצע איז גע־
שטאָרבנ, — דערצו האָט זי, סאָרע, איבער דער גאנצער שטאָט גערעדט
אפנ צאדיק, איז לֿויהאָיאָפּאָלֿיער קאָהאָלֿ כאלֿעמויעד סוקעס געזעסנ אונ
האָבנ געמאכט א פסאק: מע זאָלֿ ארענענ אָפזאָגנ פונ שאמאָסעס. כאָטשע
ארנ מיטנ ווײַב זײַנענ ארויסגעפאָרנ קיינ נימיִעווקע אונ האָבנ איבערגע־
בעטנ דעמ זײַנוועלֿע, האָט קאָהאָלֿ פאָרט ארענענ ארויסגעוואָרפנ פונ שא־
מעס־שטיבלֿ אונ געוואָלֿט אָנעמענ שלֿוימע בעשעכעס, דעמ דארדעקע־מעלֿא־
מעד, דעמ קאפצנ, פאר א בעסמעדרעש־שאמעס. איז קיינ אנדער אייצע
ניט געווענ, נאָר ארנ מיטנ ווײַב זאָלֿנ פאָרנ קיינ מעזשבעזש אפ שאבעס
כאנוקע. ביפראט דער פארנעס־כוידעש רעב טעוויע בילֿענקיס איז אצינ־
דערס אויכ דאָרטנ. זאָלֿ מענ בעטנ דעמ צאדיק, ער זאָלֿ אָנזאָגנ דעמ רעב
טעוויענ, מע זאָלֿ ארענענ ווידער לֿאָזנ זײַנ בעסמעדרעש־שאמעס.

ארנ וואָלֿט ניט געפויעלט, ווײַלֿ טעוויע בילֿענקיס האָט נאָכ צוגעלֿייגט
עטלֿעכע שלֿעכטע ווערטער פארנ צאדיק צו די ווערטער, וואָס סאָרע האָט
געשריגנ אפ דער גאס אינ לֿויהאָיאָפּאָלֿי. זייער גלֿיק איז געווענ, אז
זײַנוועלֿע איז דאָ געווענ, האָט ער געבעטנ דעמ צאדיק, אונ רעב טעוויע
האָט אויכ געמוזט זײַנוועלֿענ צולֿיב טאָנ, ווײַלֿ ער דארפ דאָ נעמענ דאָס
גרויסע שאדכאָנעס-געלֿט בא אימ.

געפויעלֿט. דער צאדיק האָט געזאָגט: ער איז מויכלֿ. דערצו האָט זי
דאָכ קודשא בריך הוא [1] געשטראָפט, דערפאר איז איר שיינצע פארלֿאָרנ
געוואָרנ (איַי, דאָס איז פריִער געווענ? אזעלֿכע זאכנ הייסנ בא אונדזערע
כסידימ „דעמ רעבנס קוק!”). הייסט ער רעב טעוויענ, אונ רעב טעוויע
זאָגט צו. ארנ איז ווידער שאמעס, נאָר קאָהאָלֿ זאָלֿ ניט דאָרשטיק זײַנ, זאָלֿ
ער אינ דער היימ שטעלֿנ אנ עמער מעד.

ארנ מיטנ ווײַב סאָרע זײַנענ ערעוו שאבעס כאנוקע דערפרייט געוואָרנ
מיט רעב טעוויעס האפטאָכע, נאָר זיי זײַנענ געבלֿיבנ שאבעס האלֿטנ אינ
מעזשבעזש. זונטיק אימירצעשעמ פאָרנ זיי אהיימ, אונ גלֿײַכ צומ בעסמע־
דרעש, אפ זייער אָרט, כבראשונה [2].

---

1 קודשאָ בריכ הו.

2 קעוואָרישויגאָ.

עטלעכע רענדארעס — מיקויעכ פריצים, וואָס הייסנ זיכ געבנ גרויסע הויסאָפּעס — זײַנענ אויכ פּארטיק געוואָרנ ערעוו שאבעס, אנידערגעלייגט קערבלעכ אפ פּידיוינעס. רעב וועלוול דעם בעריע אויכ ארײַנגערוקט עפּעס, האָט ער אפ א קוויטל אָנגעשריבנ דעם רענדארס נאָמענ, ווי ער אונ זײַנ מאמע הייסט — בא פּידיוינעס דארפ מענ ניט וויסנ דעם פאָטערס נאָמענ, נאָר דער מוטערס נאָמענ — אונ דעם פּאָרעצס נאָמענ מיט זײַנ מוטערס נאָמענ. זײַנענ די רענדארעס שוינ גאנצ פארזיכערט, אז עס וועט רעכט זײַנ, דער פּאָרעצ וועט גאָר אנ אנדער מענטש ווערנ. נאָר איינ־איינציקער קרעטש־מער מיט א ווײַב זײַנענ זייער שפּעט, ערעוו שאבעס, אָנגעקומענ אהער קיינ מעזשבעזש. האָבנ זיי געמוזט בלײַבנ אפ שאבעסצונאכטס.

נאָכ איז דאָ אפ שאבעס אָנגעקומענ א טײַערער אורעכ, אנ ערעצ־ייִסראָעל־מעשולעכ, רעב פּישל מיט א גאבע ... דער שטייט טאקע איינ באמ צאדיק. מינאסטאמ האָט ער געבראכט פונ ערעצ-ייִסראָעל ארויס שאר־פּע בריוו פונ רעב אוורעמעלע קאליסקער (דאָס איז א כסידישער רעבע אינ ערעצ־ייִסראָעל). שרײַבט מענ, אז דער רעב פּישל איז א זייער טײַערער ייִד, א כאָשעוו בא רעב אוורעמעלע קאליסקער, איז ער דאָכ טאקע דער רעכטער ערעצ־ייִסראָעל־מעשולעכ.

דער ערעצ־ייִסראָעל־מעשולעכ, א קליינער, א שווארצער, א געשטופּל־טער, א ייִד פונ א יאָר פופציק, זייער א פּעטער, מיט א גראָבלעכער קאָלטענעוואטער לאנגער באָרד אונ צוויי דינע, קורצע פּייעס, א ווײַסע יאר־מיקע שטעקט ארויס פונ אונטער דעם טערקיש פארוויקלטנ קאָפּ מיט א ווײַסער פּאטשיילע פונ ווײַסער האלידזיע, אָנגעטאָנ א לאנגנ דזיבוג (דאָס איז מיט פיל קליינע שמוקלערשע קנעפּלעכ), אפ טערקיש גענייט, מיט א ברייטנ וואָלענעמ בלאָעננ גארטל. אפ די פיס גייט ער אינ טערקישע מעשטעס — טערקישע געלע פּאנטאָפל — אונ די זאָקנ זײַנענ אויכ פונ געלער לעדער. א קאָל האָט דער מעשולעכ, ווי מע רײַבט א זאק מיט ווערלטשענע ניס. דער ערעצ־ייִסראָעל־מעשולעכ רעדט לאָשנקוידעש, נאָר ניט ווי בא אונדז, ער זאָגט אפ א קאָמעצ אויכ א פּאסעכ, אפ א מעלופּמ זאָגט ער ווי א קאָמעצ.

דעריבער בעשאס מע האָט דעם ערעצ־ייִסראָעל־מעשולעכ אופגערופנ צו דער טוירע שאבעס — „מוירע מויריינע רעב יערוכעמ בענ מוירע מוי־ריינע רעב ייִצכאָק״, — האָט ער געזאָגט די בראָכע: „בארוכ אטא״... דער־נאָכ האָט ער אפ זײַנ ערעצ־ייִסראָעל־לאָשנקוידעש געמאכט א „מי שברך״[1]: פריִער רעב אווּרעמעלע קאליסקער, דערנאָכ דעם היגנ צאדיק, דערנאָכ אנדערע כסידישע גוטע־ייִדנ, וואָס דער אוילעמ קענ זיי אלע.

דעם ערעצ-ייִסראָעל-מעשולעכס גאבע, גאָר א יונגער יונג, א שיינער

---

1 מי שעבייראכ.

יונג פון א יאָר צוואנציק, כאָטשע ער איז א היג־לענדישער, גייט אויך האלב טערקיש.

שאבעס באַם עסן איז דער ערעצ-ייִסראָעל-מעשולעכ געזעסן הארט לעבן צאדיק. זײַן בענקל איז געשטאנענ טייקעפ נאָכ דעם אויוונאָג פון פאָרנט, ניט בא דער וואנט, איז ער אויסגעקומענ מיטן פּאָנעם צו דער וואנט, נאָר ער האָט ניט אנ אויג אראָפּגעלאָזט פונעם צאדיק. צום שאלעסודעס אויכ אזוי. דערבײַ אלצ מיט פרומע האוויײַעס געקוקט איג מויל ארײַנ: עפשער ווײַל ער האָט נישט פארשטאנענ די טוירע, וואָס דער צאדיק האָט געזאָגט אפּ אונדזוער ייִדיש לאָשנ, האָט דער מעשולעכ אָפּנ געהאלטנ זײַנ מויל, עס זאָל איג אימ ארײַנפליִענ...

צום שאלעסודעס האָט דער צאדיק געזאָגט טוירע. א גרויסער אויילעמ זײַנענ געווענ. אונ ער האָט געוויזנ, אז חנכה[1] איז בחינת חן[2] אונ פונ בחינת כה[3] — „כה אָמר השם"[4] — דאָס איז תפארת[5] אונ נצח[6]. „חנכה"[1] זײַנענ אויסיעס חנוך[7], דעריבער שטייט: „ויתהלך את אלהים"[8], — „אלהים" איז גבורה[9], דעריבער שטייט בא אווראָמענ: וירק את חניכיו[10] — אויכ לאָשנ חנכה[1]. דאָס איז בחינת חסד[11], ווײַל עס שטייט בא אווראָמענ: „חסד לאברהם"[12]. חנכה[1] איז בחינת מלכות[13], ווײַל חנ כה[1], אונ עס שטייט: „כה אָמר השם למשיחו"[14]; בחינת הוד"[15] זײַנענ ייִדנ, ווי עס שטייט: „ישראל אשר בך אתפאר"[16]...

צו דעמ עטלעכע „היי, היי, היי!" אונ עטלעכע גוטע ייִדישע קרעכצנ, איז עס זייער א הויכע קאבאלע-טוירע, סיסרע־טוירע געזאָגט. בא דעמ אוילעמ, וואָס מער מע פארשטייט נישט, איז די טוירע נאָכ העכער פונ הויכ.

— מעכײַע פּאָשעט!.. — גייט דער שמועס בא די כסידימ.

## 19

מעזשבעזש איז טאקע א גרויסע שטאָט. איג מעזשבעזש איז דאָ א מעשוגענער, א ייִד פונ דער פרעמד, נאָר ער איז שוינ דאָס דריטע יאָר איג מעזשבעזש, הייסט ער א מעזשבעזשער מעשוגענער. מע רופט אימ אוי־וואדיע דער מעשוגענער. וויִאזוי ער איז אהער געקומענ צו פאָרנ, צי גע־גאנגענ, ווייסט מענ נישט. ער אליינ רעדט מיט קיינעמ נישט אונ באהאלט זיכ א גאנצנ טאָג ערגעצ איג א פוסטער שטוב, נאָר אז עס ווערט נאכט,

1 כאנעקע. 2. בכינעס כיינ. 3 בכינעס קוי. 4 קוי אָמאר האשעמ. 5 טיפערעס. 6 נייצאכ. 7 כאנויכ. 8 וואיִסהאלייכ עס עלויהימ. 9 גוווּרע. 10 וואיאָרעק עס כאניכאָוו. 11 בכינעס כע־סעד. 12 כעסעד לעאווראָהאָמ. 13 בכינעס מאלכוס. 14 קוי אָמאר האשעמ לימשיכוי. 15 בכינעס הויד. 16 ייִסראָעל אשער בעכאָ עספאָער.

לויפט ער ארום מיט א הויכן שטעקן און מיט א צעבראָכענעם עמער און שרייט אף דער גאנצער שטאָט:

— איך, אויוואדיע, שריַי: סטראָזני אָגני! (היט אייַך פאר פייַער!) ראַ־טעוועט אייַך!..

אזוי לויפט ער פּלוצים אין א שטוב אריַין מיט דעם געשריי און פאר־לעשט אלע ליכט, אפילע דאָס פייַער אין אויוון פארגיסט ער מיט וואסער. דאָס טוט ער אזוי גיך, אזוי אין איין אויגנבליק, אז אָקאָרשט מע קוקט זיך אום, אָהאָ, ער האָט שוין אָפּגעטאָן זייַן זאך און אנטלויפט שוין שטי־לערהייט ווי א פייַל פון א בויגן. צומאָל, אז ער באגעגנט אף א טיש אָדער אפן אויוון א שטיק ברויט, האָט ער א כאפּ געטאָן. דערפון האָט ער געלעבט, מינאסטאם. ווינטער און זומער איז ער נאָר אין א פעלצל, צוגעגארטלט מיט א שטריקל און א לאפּנמיצל אפן קאָפּ, צעריסענע שקראַ־בעס אף די פיס. דאָס איז געווען זייַן אָנטאָן, דערינען איז ער ארומגע־לאָפן. פרומע ווייַבער פלעגן מאכמעס ראכמאָנעס דעם מעשוגענעם אויוואַ־דיע אריַינכאפּן מיט געוואלט, אָנטאָן א העמד א נייַס און א פּאָר נייַע שיך. ער האָט געשוויגן בעשאס מע האָט אים אָנגעטאָן, ניט א וואָרט האָט ער געענטפערט אף אלע ווערטער, וואָס מע האָט צו אים גערעדט, און איז ווייַטער געלאָפן שרייַען:

— איך, אויוואדיע, שרייַ: סטראָזני אָגני, ראטעוועט אייַך...

דאָס אייגענע פלעגט אויוואדיע פרייַטיקצונאכטס אויך טאָן, אריַינלויפן און פארלעשן די בענטש־ליכט, מיט א פּאָר קוילעטשן־כאלע פונעם טיש אוועקכאפּן, מיט דעם אייגענעם געשריי: „סטראָזני אָגני, ראטעוועט אייַך!" אנטלויפן. מע האָט שוין דעריבער אומעטום צוגעקייטלט פרייַטיקצונאכטס די טירן: „אָט לויפט אויוואדיע!"...

באם צאדיק האָט מען דאָך ניט געקאָנט צוקייטלען די טיר, ווייַל פרעמדע אָרכים זייַנען ארויס און אריַין געגאנגען, פלעגט מען אומישנע איינעם אנידערשטעלן דרויסן, ער זאָל דעם מעשוגענעם אויוואדיע ניט אריַינ־לאָזן. פּאָרט האָט מען ניט טאָמיד געקאָנט אייַנהיטן. פּלוצים האָט געקאָנט אויוואדיע אריַינלויפן צום צאדיק און א פארלעש טאָן אלע שאבעס־ליכט, איז מען געבליבן זיצן אין דער פינצטער, ביז מע האָט געבראכט די אלטע באביצע, זי זאָל ווידער די ליכט אָנצינדן. אין שטאָט איז געווען א ווערטל: אז עמעצער האָט אומגערן פארלאָשן א ליכט, האָט מען געזאָגט: „אהא, דו ביסט שוין אויוואדיע!"

פארוואָס מע האָט באַ כסידים אין מעזשבעזש און אומעטום צווישן כסידים שטארק געשמועסט פון דעם מעשוגענעם אויוואדיע, איז נאָר גע־ווען ווייַל דער צאדיק האָט געזאָגט, אז אין דעם אויוואדיען איז בבחי־

נת גלגול [1] אריַינ א נעשאָמע פונ א גרויסנ מיסנאגעד פונ פארציַיטנ, וואָס מאכמעס מיסנאגדעס האָט ער פארברענט דעמ „זויהאר האקאָדויש”. איז אויוונ זיַינ אוינעש געווענ, ער זאָל מעגולגל ווערנ אינ דעמ מעשוגענעמ אריַינ. דעריבער לויפט ער ארומ אונ פארלעשט אלע ליכט. א טייל מעקוראָווימ באמ צאדיק האָבנ זיכ געשושקעט, [אז] בעסאָד האָט זיי דער צאדיק אפילע אויסגעזאָגט, ווי ער הייסט דער אויוואדיע, ווער די נעשאָמע איז, פונ וועלכנ גרויסנ מיסנאגעד. דעמ נאָמענ האָט מענ ארויסגעזאָגט נאָר בעסאָד שטילערהייט (אלע האָבנ געוווסט פונ דעמ סאָד נאָר מיט דעמ שטילערהייט ארויסזאָגנ אונ א מאכ טאָנ, מיט א קראצ: וואָס טויג אימ הויכ צו זאָגנ? דאָס הייסט בא כסידימ בעסאָד געהאלטנ א זאכ), אז ס'איז רעב יאנקעווו עמדינס נעשאָמע טאקע. דאָס הייסט בא כסידימ א מויפעס... וויַיל בא פּתאימ[2] (פּתי יאמין לכל דבר [3] — שטייט שוינ פריִער פארטיַיטשט) איז אלצ, וואָס אזא כסידישער רעבע זאָגט, אוואדע עמעס. דער רעבע זאָל זאָגנ, ער האָט באנאכט געהערט, וואָס דער פּעדערוויש האָט גערעדט מיטנ בעזעמ, גלייבט מענ פאר עמעס, קלוג אונ אפילע זייער קלוג, כאָטשע עס איז אנ איַינריידעניש, וואָס פארדרייט דעמ סייכל. אונ אלצ געשיקט זיכ וויל, פארקערט נאָכ, דער, וואָס גלייבט ניט, איז בא זיי א מעשוגענער אָדער א ראָשע, אנ אפּיקוירעס.

אינ מעזשבעזש איז געווענ אנ אגונע אויכ, די זיצערקע פּיני, וואָס פארקויפט אפנ מארק אויסגעזאָטענעמ ארבעס, געקאָכטע דארע בארלעכ, גע־ברעגלטע מאָנדלעכ אונ לעקעכלעכ, פאר פּורימ האָניק־קישעלעכ — עפּשער רופט מענ עס אינ אנדערע שטעט מיט אנ אנדער נאָמענ, — אונ זומער אויס־געזאָטענע פּשעניטשקעס (אָדער קוקורוזעס, אָדער טערקישנ ווייצ רופט מענ עס), קיכלעכ אפ אייִער געבאקנ, — דערצו דארפ מענ זיכ ניט צו וואשנ, — קיכלעכ מיט מאָנ. אלע זאכנ, וואָס מע נאשט, האָט מענ געקויפט בא דער זיצערקע פּיני. מע האָט זי גערופנ „פּיני די אגונע”, אמאָל גאָר נאָר: „די אגונע”. די, וואָס זיַינענ מיט פּינינ שכיינימ גע־ווענ אפנ מארק, זיצערקעס, פלעגנ בא א קריג איר אויסווארפנ: „זאוואָלאָ־קע!” (א פרעמדע, אהער פארשלעפּטע), וויַיל פּיני איז געווענ א בארדי־טשעווערנ, ערשט פאר א יאָר אכצנ איז זי געקומענ קיינ מעזשבעזש אָנ א מאנ אונ האָט געזאָגט, זי איז געפאָרנ זוכנ איר מאנ, וואָס האָט זי אוועק־געוואָרפנ, דעריבער איז זי אינ מעזשבעזש געבליבנ, וויַיל דער ווינטער האָט זי פארכאפּט. בייזע מיַילער האָבנ גאָר געזאָגט, אז די פּיני איז א פארשלייערטע, דאָס הייסט, זי האָט גאָר קיינמאָל קיינ מאנ ניט געהאט, נאָר מאכמעס איינ ברייִרע האָט זי א שלייער אָנגעטאָנ.

1 ביבכינאס גילגול.

2 פסאָיִמ.

3 פּעסי יאאמינ לעכאָל דאָווער.

בעעמעס אָבער איז די פּיני געוועג אַן ערלעכע ייִדענע פון באַלד פופ־ציק יאָר אַלט. דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן אַ ביסל אין דער זײַט, אַ האָ־רעפּאַשנע ייִדענע. ווינטער און זומער האָט זי געפּילעוועט איר פּאַרנאָסע. זי האָט, כאַסוועשאָלעם, ניט געבעטלט בײַ קיינעם, פאַרקערט נאָך, זי האָט באַסענע געמאַכט יעסוימעס און האָט אָרעמע ייִנגלעך געקויפט, פאַר איר געלט, פעלצלעך אויף ווינטער. זי, פּיני, האָט געהאַט איר שטיבעלע אינעם הינטערגעסל. „אַליין איז די נעשאָמע ריין”, פלעגט זי צו זאָגן. דעריבער האָט זי ניט געהאַלטן קיין שום שאָכן אין איר שטיבל. ווי גאָט גיט, — האָט זי געהאַט עפּעס, האָט זי געגעסן, אַז נישט, אַז דאָס לייזעכץ איז געשלאָגן געוואָרן, איז אַ פּיסנע שטיקל ברויט אויך גענוג געווען. אין־דערפרי, אַז זי איז אוועקגעגאַנגען אין מאַרק אַרײַן מיט דער מולטער סכוי־רע, האָט זי פאַרשלאָסן דאָס שטיבעלע. ערשט אָפּדערנאַכט, אַז זי איז אַהיים געקומען, האָט זי אײַנגעהייצט און אופגעקאָכט אויף מאָרגן, וואָס זי האָט אָנגעגרייט אויפן מאַרק זיצנדיק. אַ באַקאַנטע ייִדענע האָט איר געקויפט אַמאָל אַ שטיקל פליייש אין יאַטקע, אַמאָל אַ שטיקל לונג־און־לעבער.

ווען מע איז אין שטאָט אַרומגעגאַנגען אויף אַ נעדאָווע, האָט מען גע־וווּסט, אַז פּיני די זיצערקע, פּיני די אַגונע, זאָגט קיינמאָל ניט אָפּ אַמאָל דרײַ גראָשן, אַמאָל מער אויך אַרײַנצוּוואַרפן אין דער פושקע אַרײַן.

פּיניס מאָנדלעך האָבן אַפילע די פּוילישע יונגע פּריצימלעך געלויבט. דעריבער האָט פּיני אַ שעם געהאַט אין מעזשבעזש. אין אַלע ווינקעלעך האָט מען געקענט פּיניען.

נאָר איין מענטשן האָט מען אינדערגעשווינד געלייענט זײַן נאָמען — וועלוועלע דעם בעריע. באַדאַרף מען צו וויסן, אַז דער וועל־וועלע איז ניט קיין קליין ייִנגעלע און ניט קיין יונג באַלעבעסל. דער וועלוועלע איז אַ ייִד פון אַ יאָר פערציק, אַ הויך־געוואַקסענער שיינער ייִד, מיט אַ רויט בערדל און רויטע פייעס. ווי מע זעט אים הײַנט, שטויסט מען זיך, אַז יונגערהייט האָט ער געמוזט זײַן זייער אַ שיינער יונגערמאַן, ניט אומזיסט רופט מען אים: וועלוועלע דער בעריע. ער קען לערנען און קען וויל שרײַבן, ציפער קען ער אויך, אַכוץ דעם דאַוונס ער שיין פּאַרנ אָמעד און בלאָזט שויפער בעסער פון אַלע באַל־טקיִעס אין מעזשבעזש. זײַן „טרוע” האָט אַ שעם. קיינער קאָן אים דעם טרוע ניט נאָכמאַכן. וועלוועלע איז אַ מייוון אויף צירונג. דעם צאַדיקס אייניקלעך, די ווײַבלעך, האַנדלען מיט פּערל און מיט שטערנטיכלעך, פרעגט מען וועלוועלען דעם בעריע טאָמיד. אויף זײַן מעווינעס שטעלט מען. פאַרדינט וועלוועלע צומאָל דערבײַ מעקלערײַ, גראָבע טאַקע. אַ שאַדכן איז וועלוועלע דער בעריע אויך. דער־צו, אַז דעם צאַדיקס שרײַבער, לייבעלע האָדעס, האָט ניט צײַט, כאַפּט זיך וועלוועלע אַרײַן און מאַכט געלט פון די אָרכים, וואָס ער שרײַבט

זייערע נאָמענ אפ קוויטלעכ, דעמ באַל־מויפעס אינ סידער אַרײַנצולייגנ צומ פּידיענ. דעריבער איז וועלוועלע א מעקווע נאמ באַל-מויפעס, קימאַט א הייּ־מישער מענטש. וועלוועלע איז א קאָנסטאַנטינער א געבוירענער, נאָר אינ מעזשבעזש וווינט ער מיטנ דריטנ ווײַב א מעזשבעזשערנ. *

## 20

עאבנטגעזאנג, שאבעס כאנוקע באמ צאדיק אינ מעזשבעזש

נאָכ דער ווילער שאַלעכודעס-טוירע, אונ נאָכ אָפּדאַווענע מײַרעוו, אונ נאָכ האַוודאָלע, אונ נאָכ אָפּבענטשנ כאנוקע-ליכטלעכ, אַז די כאנוקע-ליכט־לעכ האָבנ אויסגעברענט, שטעלט מענ דאָס זילבערנע גרויסע כאנוקע־לעמפּל, וואָס אינדערמיטנ איז אַרײַנגעזעצט א זייגערל, אפ דעמ טיש, נאָכ צוויי זילבערנע לײַכטערס הויכע, מיט ליכט ברענענ, אויכ אפנ טיש. דער אוילעמ איז אַהיימ געגאנגענ, איטלעכער מוז דאָכ בא זיכ בענטשנ כאנוקע-ליכטלעכ, איז דאָ באמ גוטנ־יידנ ווייניק מענטשנ געבליבנ.

ער, דער צאדיק, זיצט אפ זײַנ אָרט אויוונאָנ, לעבנ אימ זיצט דער ערעצ־ייסראָעל־מעשולעכ אפ זײַנ בענקל פאָרנט, הינטערנ טיש בא דער וואנט זיצט אויכ נאָכ אײנער פונעמ צאדיקס קינדער א יונגער יונג.

די אייניקלעכ, די יונגע ווײַבלעכ ** זיצנ אינ אלקער אונ שמועסנ מיט דעמ גאבע כונעמ ערעצ־ייסראָעל־מעשולעכ. עטלעכע כסידימ, היימישע, דרייענ זיכ אינ שטוב ארומ.

קומט אַרײַנ א פּראָסטער אלטער ייד, פּייסעכ דער ראָטהײַזער, א מעזשבעזשער באלעבאָס, וואָס האָט זײַנ אײַנפאָר־הויז. מיט אימ קומט נאָכ א פּרעמדער שיינער יונגערמאנ, זייער שיינ, ווײַס אָנגעטאָנ, גאָר מיט דער נײַער מאָדע, א פּיאָס־ראצעמאָרענע קאפּאָטע, צוגעגארטלט מיט א ווויל זײַדנ גארטעלע, דערצו נאָכ משאקנדיק מיט א שווארצ זײַדנ פאטשייִלכנ צוגע-בונדנ דאָס העלדזעלע — אזוי רופט מענ עס שפּעטנדיק, די שטיוועלעכ מיט שפּיצנ, געוועקסלטע, וואָס סקריפּענ, ווי אפ א פּראָסט, אז מע גייט אינעמ שניי; אינ א גוט כויבלענ היטל אפנ קאָפּ, קוימ־קוימ שיט זיכ א בערדל, אונ קליינע, געגרײַזלטע פּייעלעכ, אונ א זײַדנ פאטשיילכנ א רויטס שטעקט ארויס פונ דער זײַטנ־קעשענע.

* דעמ צאדיק האָט מענ שוינ שרײַבנ כונ צינדערט אָנ אמאָל „דער רעבע", אמאָל „דער באַל־מויפעס", אונ אמאָל „דער צאדיק", אונ אמאָל „דער גוטער־ייד".

** דעמ צאדיקס ווײַב איז געווענ כונ לאנגע יאָרנ א גרויסע כאלאניס. א טייל האָבנ געזאָגט, אז זי האָט ניט געקאָנט רירנ ניט מיט קיינ האנט, ניט מיט קיינ פוס. דעריבער וועט זי ניט דערמאָנט. זי ליגט, נעבעכ, אינ ליידנ, בעשאס דאָ האָט מענ געלעבט אינ פריידנ.

רעב פּייסעכ דער ראָטהײַזער גייט צו צום צאדיק, ווי איינער, וואָס האָט ניט צײַט:

— רעבע, דער רעב יעכיעל דער פּאָדראטשיק, — שטילערהייט, אלע זאָלן ניט הערן, זאָגט ער, — א גרויסער אוישער, — ווידער הויכ, — איז מײַנ אוירעכ. הא, ווי געפעלן אײַכ מײַנע אָרכים, הא? זיי האָבן מיכ געבעטן, איכ זאָל זיי אָפּפירן אהער. מעכעטייסע, הא, דערופ בינ איכ דאָכ א באַל־אכסאניע, הא? ווי איר ווייסט, רעבע, בינ איכ א נעמענ אינ דער טאקסע, הא, מוז איכ אוועקגיינ אינ די יאטקעס ארײַנ, הא, ווי זאָגט איר, רעבע, הא? — מיט א געלעכטערל: — איכ לאָז אײַכ דאָ מײַנ כאָשעוונ אוירעכ, הא, אינ גוטע הענט לאָז איכ אײַכ, רעב יעכיעל, הא? א גוטע נאכט!..

און איז אוועקגעגאנגענ.

בעשאס רעב פּייסעכ ראָטהײַזער האָט נאָכ געהאלטנ אינעם ריידנ, האָט שוינ דער גוטער־ייִד אויסגעשטרעקט די האנט מיט א שאָלעמ־אלייכעמ. דערנאָכ האָבנ אלע דערלאנגט הענט, אפילע דער ערעצ־ייִסראָעל־מעשולעכ אויכ, און שאָלעמ אלייכעמ געגעבנ דעמ אוישער, דעם רעב יעכיעל פּאָדראטשיק.

רעב יעכיעל פּאָדראטשיק ווארט ניט, אויב מע וועט אימ הייסנ זיכ זעצנ. ער נעמט אליינ א בענקל און זעצט זיכ נאָענט לעבנ גוטנ־ייִדנ. און שטייט טייקעף אופּ פונעם בענקל, נעמט ארויס פונ א שיינ בײַטעלע א רויט רענדל און לייגט אנידער אפנ טיש פאַרנ באַל־מויפעס מיט די ווערטער:

— אפ דער פולער וואָכ א רענדל איז א סימענ, אז עס וועט זײַנ א גילדענע וואָכ, — מיט א געלעכטערל, — און איר זאָלט מיר העלפנ צו קינ־דער, איכ וויל קינדער האָבנ...

דער גוטער־ייִד זאָגט אויכ מיט א געלעכטערל:

— איר ווייסט דאָכ מינאסטאמ פונעם אלטנ גלײַכווערטל: לא טוב היות אָדום לבדו...*

די עטלעכע כסידימ, וואָס דרייען זיכ ארום אינ שטוב, מיט נאָכ עט־לעכע, וואָס זײַנען איינציקווײַז אהער געקומענ פונ זייער היימ, האָבנ גרויס האנאָע פונעם ווילנ גלײַכנ ווערטעלע. מאכנ זיי מיט כסידישע האָווײַעס:

— הא, כידושימ!.. אָווא... מעכײַע!..

רעב יעכיעל פּאָדראטשיק ענטפערט אינ דער מינוט:

---

* דאָס איז בעעמעס זייער א קלוג ווערטעלע, וואָס די דײַטשן רופן: א וואָרט־שפּיל אָדער קאלאמבור. אינ „בראשית" שטייט, אז גאָט האָט באשאפנ אָדאָמענ, האָט ער דערנאָכ געזאָגט: „לא טוב היות אָדם לבדו" — ס'איז נישט גענוג איינ אָדאָמ זאָל זײַנ, און האָט באַשאפנ כאוועַנ אויכ. „אדם" איז די טײַטש: מענטש. ייִדן רופן א רויט רענדל: אָדום זהב, ווײַל אָדום איז די טײַטש רויט. זאָגט מען דינ בא דעם איינעם רענדל דאָס אייגענע וואָרט: לא טוב היות אָדום לבדו, קעדיי מע זאָל צולייגנ נאָכ א רענדל.

— איך טײַנע אויך גאָטס טײַנע: לא טוב היות אָדם לבדו...[1] איך בין פונדעסטוועגן אהער געקומען קיין מעזשבעזש...

— איך טרײַב קאַטאָוועס, — זאָגט דער צאַדיק, אז ער זעט, מע גיט ניט נאָך א רענדל. — זאָגט זשע, קרוין, מינאַסטאַמ איז דאָך אײַער ווײַב אויך הי?

— באַ־באַ־באַ! — ענטפערט רעב יעכיִעל דער פּאָדראַטשיק, — איך זאָל האָבן א ווײַב, וואָלט איך אָן א פּידיען געקאָנט האָבן קינדער. איך בין אָבער אַן אָדאָם לעוואַדוי...

די כסידים, וואָס שטייען ארום און הערן, לאַכן מיט ווערטער:

— כאַ־כאַ־כאַ, א כאָרעץ! א מעשונענע כריצעס... מעשונע וויל, א מעשונענער כאָרעץ...

דער צאַדיק פרעגט:

— זאָגט, קרוין, ווי טאָר א ייִד זיצן אָן א ווײַב?

— איר מיינט, איך זיץ? — ענטפערט רעב יעכיִעל דער פּאָדראַטשיק. — איך שטיי און גיי און פאָר ארום אין מײַנע מאַסע־מאַטנס. דעריבער וויל איך דאָ אין מעזשבעזש נעמען א ווײַב, און דאָ טאַקע טייקעף וויל איך.

דער צאַדיק האָט נישט פארשטאַנען, צי טרײַבט דער יונגערמאַן קאַטאָוועס, אָדער געשפּעט פון אים. בײַזוערן [זיך] קומט נישט אויס — א רויט רענדל ליגט אפן טיש. איז ער זיך מעיאַשעוו און מאַכט אַן ערנצטע האוויַע:

— לאָז מען רופן וועלוועלען. דער רעב וועלוועלע איז א באַר-סייכל־שאַדכן, א דימענטיקער ייִד. ער טויג צו אַלערליי שידוכים...

פון די עטלעכע ארומגייענדיקע כסידים איז שוין איינער געלאָפן, און מיט דרײַ מינוט שפּעטער איז דער וועלוועלע דער בעריע געקומען צו גיין. רעב יעכיִליק האָט אָבער ניט געוואַרט אַז זײַן קומען און זאָגט צום באַל־מויפעס:

— איך דאַרף אפילע קיין שום שאַדכן נישט. ווי זאָגט מען עפּעס: געבענטשט זײַנען די הענט, וואָס נעמען זיך אַליין...

דער גוטער־ייִד וואָלט געגערן, די גייענדיקע, שטייענדיקע כסידים צוליב, זיך א בייזער געטאָן. דער יעכיִעל שמועסט מיט אים גאָר אָן א שום דערעכערעץ. דאָס מאַכט עפּשער קאַליע צום רעבעשאַפט. נאָר דאָס רויטע רענדל ליגט. טוט ער א מאַך מיט א געלעכטערל:

— רעב ... זייכער צאַדיק ליוורעכע פלעגט צו זאָגן אפ אַזעלכע קאַטאָוועס־טרײַבער: איר זײַט... איר זײַט א פליִע־ייִדעלע...

די כסידים אין שטוב שטעלן אופ די אויערן און קוקן אפ דעם פּאָדראַטשיק. רעב יעכיִעל דער פּאָדראַטשיק טוט א לאַך:

— אז איר וועט עמעצער פון אײַך גיין אהער רופן פּיני די זיצער־

1 לוי טויוו העיויס אָדוים לעוואַדוי.

קע, וועל איך צאָלן פארן וועג. זאָגט איר, זי זאָל אהער קומען, טייקעפ מיט פרומען. — ער טוט זיך א דריי צום רעבן: — דאָ וועט איר זען מײַן מויפעס. טאקע הי אונ בא אײַך אינ שטוב, אָנ א שאדכן, זאָל ווערן א כאסענע, וואָס גאָט אונ לײַט זאָל ניכע זײַנ...

א יינגל, א כאָסיד, איז געלאָפן נאָך פינינ.

דערווײַל איז וועלוועלע דער בעריע געקומען צו גיינ. שושקען זיך די כסידים מיט אים. אינעם דערציילן וואָס דאָ טוט זיך מיט דעם רעבן יע־כיעלן, דעם פאָדראטשיק, — פלוצים פאלט ארײַנ דער מעשוגענער אויוואָ־דיע אינ שטוב ארײַנ מיט דעם געשריי: „סטראָזני אָגני! ראטעוועט אײַך!"

בא דעם געשריי איז געקומען דעם ערעצ־ייִסראָעל־מעשולעכס גאבע פונעם אלקער ארײַנצולויפן אינ שטוב מיט א ליכט אינ דער האנט.

דער אויוואדיע דערזעט דעם יונגנ גאבע אונ בלײַבט שטיל. ער פאר־לעשט ניט די ליכט, ער שרײַט ניט ווײַטער: „סטראָזני אָגני!", נאָר ער טוט א כאפ דעם גאבע מיט א פרייד, מיט א געוויינ, מיט א שפרונג מאכמעס סימכע:

— יאָסעלע מײַנ, יאָסעלע מײַנ, יאָסעלע דו מײַנ!

ער פאלט אנידער כאלעשנ.

דער גאבע ווײנט אונ שרײַט:

— טאטע! כאלעש ניט, איך בעט דיך. האָב ראכמאָנעס, כאלעש ניט. טאטעניו, איך בעט דיך, כאלעש ניט!

די אלע מענטשן, וואָס זײַנען געווען אינ שטוב, האָבנ געמינטערט, שטארק געמינטערט. וועלוועלע דער בעריע האָט דאָ אויך באוויזנ, אז ער איז א בעריע: מינטערנ קען ער אויך בעסער פונ אנדערע. ער האָט גע־בראכט פונ דער קיך אנ עמער מיט קאלט וואסער אונ האָט געשפריצט אונ געגאָסנ אפ אויוואדיען אונ האָט אים דערמינטערט.

ביטער אונ זויער איז דאָ געווען די אלע כסידים, וועלוועלע דעם בעריע אויך, אונ דעם גוטנ־ייִדנ אוואדע, אז דער גאבע דעם ערעצ־ייִס־ראָעל־מעשולעכס האָט אָנגעהויבנ צו דערציילנ:

— פארדרײַיאָרנ, אז אינ שארגאָראָד איז געווען די גרויסע סריי־פע, האָט זיך די סרייפע אָנגעהויבנ פונ אונדזער שטוב. דער טאטע איז געזעסנ טאָמיד אינ בעסמעדרעש, יוימאָם וואָלײַלע געלערנט. דעם טאטנ רופט מענ אינ שארגאָראָד: „רעב אויוואדיע דער פרומער" — נאָר די מאמע, אָלע־האשאָלעם, איז געווענ די איישעס־כאיל צום שענק אונ צום אײַנפאָר. זי האָט די פארנאָסע געגעבנ. טכילעס האלײַלע, אז פונעם בוידעם היי האָט זיך אָנגענומען די סרייפע, איז די מאמע, אָלע־האשאָלעם, פארברענט געוואָרנ אינעם הויז באמ טויער. מיך האָט מענ ארויסגעכאפט דורך א פענצטער אונ מע האָט מיך אוועקגעפירט העט ווײַט הינטער דער שטאָט. דאָרט זײַ־

נען נאָכ פילע שטאָטלײַט געזעסן. דער טאטע, נעבעכ, האָט שפעטער פונ אלע געוואָר געוואָרן, אז די שטאָט ברענט, ווײַל ער האָט זיכ שטארק פארטיפט אינעם לערנען. ווען ער איז געקומען צו לױפן, — אזױ האָט מען מיר דעם אנדערן טאָג דערציילט, — און האָט דערזען, די שטוב איז פאר־ברענט, די מאמע איז פארברענט, האָט ער געמיינט, איכ, זײַן בעניאָכיד, בינ אויכ פארברענט געוואָרן. מאכמעס צאָרעס איז ער מעשוגע געוואָרן און איז אוועק פונ שארגאָראָד. אדאיאָמ האָט קיינער ניט געקאָנט דער־פרעגן, ווו רעב אויוואָדיע דער פרומער איז אהינגעקומען... — ער האלדזט און קושט דעם שווײַגנדיקן, גלאָצנדיקן פאָטער. — טאטע־לעבן! פאָר אהיים. אָט וועלן מיר ביידע אהיים פאָרן. אונדזער פלאצ איז געבליבן, דער סאר האָט אלע שטאָטלײַט אומזיסט געגעבן האָלצ אפ אויסצובויען. דיר וועט מען אוואדע געבן האָלצ. און די נעגידימ וועלן דיר געבן געלט און רע־וואָכימ, אבי דו זאָלסט וווינען אינ שארגאָראָד. זיי קענען נאָכ דיכ. עפּעס געלט האָב איכ בא מיר, אפילע נישט פיל, נאָר אפ אנ אָנהייב מיר זאָלן מאכן. ווער שוינ ווערן א שטוב. איאָ, טאטעניו, דו פאָרסט מיט מיר?

אויוואָדיע קושט און וויינט, וויינט און קושט יאָסעלען עטלעכע מינוטן. דערנאָכ זאָגט ער, ווי ער באקוקט ארום זיכ:

— ס׳איז ווינטער.

רעב יעכיִעל דער פּאָדראטשיק נעמט ארויס א רויט רענדל און גיט דעם רעב אויוואָדיען.

— נאט איײַכ אפ אנ אָנהייב צושטײַער. און דו, יונגערמאנ, וועסט קומען צו מיר, איכ שטיי אײַנ בא רעב פייסעכ דעם ראָטהײַזער. איכ וועל דיר געבן א קאפּאָטע א קיטײַנע און מײַנס א פּראָסטן טולופּ, פונעם טאטנס וועגן, ער זאָל קאָנען פאָרן מיט דיר אהיים. ווער ער נעבעכ פארשפּאָרן מעגולגל צו ווערן, אינ דער פרעמד זיכ צו וואלגערן.

רעב יעכיִעל האָט מינאסטאמ געהערט, וואָס די כסידימ האָבן פונעם צאדיקס וועגן דערציילט, אז דער מעשוגענער אויוואָדיע איז א גילגל פונ א מיסנאגעד...

## 21

דער צאדיק האָט זיכ פונעם אָרט ניט גערירט בא דער גאנצער מײַ־סע פונ דעם רעב אויוואָדיען. עפּשער איז ער פארטומלט, ווײַל דער שטימפּ פונ זײַנ ליגנ, וואָס דאָ האָט זיכ ארויסגעוויזן, אז דאָס איז ניט קיינ גילגל, ווי ער האָט פירגעזאָגט די כסידימ, — דערצו נאָכ, דער וועלוועלע דער בעריע, דער האָט עס פונ זײַנ מויל אליינ געהערט. אָדער עפּשער פּאָשעט, ווײַל דער, וואָס האָט ליב צו נעמען, האָט פּײַנט צו געבן, און דאָ וואָלט מען אוואדע געדארפט א ריר טאָן מיט דער קעשענע. איז בעסער געוועןַ, ווי ער האָט בא זיכ געטראכט, ער זאָל קלאָמערשט פארטראָגן זײַנ אינ די אײלע־

מעס, אין אָנקוקן די אַלע פּידיוינעס־קוויטלעך, וואָס ליגן פאַר אים אויפן טיש.

דער וועלוועלע דער בעריע האָט זיך געשטויסן, אַז דעם גוטן־ייִדן וואָלט זייער ניכע געווען, מע זאָל דעם אויוואַדיען ערגעץ אוועקפירן פונדאנען. און אַזאַ וועלוועלע פאַרשטייט, אַז דורך דעם קאָן ער נאָך מער כאָשעוו ווערן בײַ דעם רעבן. קומט דאָך אים דאָס צוניץ צו דער פּאַרנאָסע. טוט וועלוועלע אַ זאָג צו דעם גאַבע פונעם ערעץ־ייִסראָעל־מעשולעך מיט זײַן פּאָטער, דעם רעב אויוואַדיען:

— פאַרשטייט איר מיך, עס געשיקט זיך ניט דאָ אין שטוב בײַם רעבן צו דאַקוטשען. בעסער קומט מיט מיר אין אַלקער אַרײַן צום רעבנס איינינקלעך. זיי זײַנען דאָך דימענטן, זיי וועלן זיך מיט אײַך דאָרטן פּאָרען.

אַזוי זאָגנדיק, טאַסקעט וועלוועלע דעם שלאָפן רעב אויוואַדיען שוין מיט זיך, און דער זון יאָסעלע גייט אויך אײַנינעם. גיך, געשווינד איז שוין דעם רעבנס שטוב ריין: ניטאָ קיין אויוואַדיע פאַר די אויגן, זיי זײַנען אין אַלקער. וואָס אינעם אַלקער האָט זיך געטאָן, ווייסט מען ניט.

אַז וועלוועלע איז צוריקגעקומען פונעם אַלקער, האָט ער אַ בליק געטאָן צום פּאָרטראַכטן צאַדיק. זעט ער, אַז דער... האָט האַנאָע פון דעם, וואָס ער איז געפאַלן אויפן סייכל. ביטער איז אָבער דעם וועלוועלען, אַז ער זעט דעם רעב יעכיִעל, דער רײַכער פּאָדראַטשיק, קוקט מיט שאַרפע אויגן אויף די אַלע זאַכן. גייט וועלוועלע צו צו רעב יעכיִעל דעם פּאָדראַטשיק און רעדט אויף אַ שטיל לאָשן מיט ערנצטע כסידישע האַוויִעס:

— איר זײַט דאָך אַ באַר־סייכל אָן אײַנהאָרע, פאַרשטייט איר דאָך, אַז אַזאַ צאַדיק האַדויר, כ'לעבן, ער טראָגט דאָך יאָ אויף זיך די גאַנצע וועלט, האָט ער קויעך אויסצושטיין אַלע וועלט־צאָרעס? כ'לעבן, ער טרײַבט, ער פרעגט: „וואָס וויל מען פון מיר? מע לאָזט מיך אַפילע ניט לערנען, ניט גאָט דינען. גייט אײַך צו אַנדערע גוטע־ייִדן, ס'איז דאָ אַנדערע צאַדיקים"... ווי מיר ווייסן, איז ער דאָך בײַ זיך דער קלענסטער פון אַלע. זאָגט ער צום אוילעם: „גייט אײַך! איך ווייס ניט וואָס איר ווילט פון מיר, וואָס האָט איר אײַך געלייגט אויף מיר? ס'איז דאָ גרויסע צאַדיקים, גייט צו זיי"...

רעב יעכיִעל דער פּאָדראַטשיק טוט אַ הויכן לאַך:

— כאַ־כאַ־כאַ, אַז אַ שלײַפער וויל ניט, מע זאָל אים טראָגן מעסערס צו שלײַפן, שטעלט ער ניט אַרויס זײַן שלײַפשטיין מיט דעם רעדל. אַז איינער וויל ניט דאָס דולעניש פון שיקערע פּאָווערן, דינגט ער ניט קיין קרעטשמע, אַז אַ שנײַדער וויל אוועקלייגן דאָס שנײַדערײַ, פאַרקויפט ער שער־און־אײַזן און נעמט קיין מאָס ניט. איך מיין, בעיִמ אײַער גוטער־ייִד וויל זײַן פרום און זיצן און לערנען, לאָז ער קיין מאָעס* ניט

* אויך אַ וואָרט־שפּיל: מאָס — הייסט אַ לאַנג פּאַפּירל, וואָס פאַרצייכנט, ווי לאַנג ער זאָל מאַכן דאָס מאַלבוש, און מאָעס איז די טײַטש: געלט.

נעמען. גייט, איר האָט אַ פּאָנעם פון אַ קלוגן ייִדן, און מיך האַלט איר פאַר אַ נאַר. מיך פאַר אַ נאַר צו האַלטן? פע! מיר צו מײַנע אױעלכע ליגן פירצוזאָגן? פע! איך בין אַ מיליון אַף דעם גאַנצן שווינדל.

אויב דער גוטער־ייִד האָט געהערט, וואָס רעב יעכיִעל האָט געזאָגט, ווייסט מען ניט.

דער ערעצ-ייִסראָעל-מעשולעך איז דאָך, ווי עס האָט אַ פּאָנעם, ווי אַ שטומע בעהיימע. וואָס דאָ טוט זיך און וואָס דאָ ווערט געשמועסט און גערעדט, איז דאָך אַלץ אַף פּראָסט ייִדיש, — דאָס פאַרשטייט ער דאָך נישט. האָט ער נאָר אַ צוויי מאָל אומגעקערט דאָס פּאָנעם, בעשאַס זײַן גאַבע האָט זיך געפּאָרעט מיטן פּאָטער. אפילע כאַלעשן, מיינט ער, איז אויך אַף פּראָסט ייִדיש, דעריבער האָט ער ניט געמינטערט אויוואַדיען.

דערצו, אַז ער זעט, דער רעבע רירט זיך ניט, איז פאַר אים מינאַס־טאַמ אויך קיין קאַוועד ניט, ער זאָל זיך רירן. ער זיצט און קוקט און קוקט נאָר אַפן צאַדיק. „דאָס שטייט אָן אַן עמעסן ירושאַלמי“, מיינט ער.

וועלוועלען איז דעם רעב יעכיִעל פּאַדראַטשיקס ווערטער גאָר ניט געפעלן. מעוולוול איז ער געוואָרן פון אַזאַ מענטשן, וואָס איז געקומען צום צאַדיק מיט אַ רענדל אַף אַ פּידיען און שיט מיט רענדלעך. אָט האָט ער דעם מעשוגענעם אויוואַדיען אויך געגעבן אַ רענדל, מוז ער דאָך זײַן אַ גרויסער אוישער. עפּעס מאַכט ער דאָ כויזעק פון רעבן און זאָגט אַ האַרב וואָרט: „שווינדל“. וואָלט כאָטש די פּיני די ציצערקע געקומען! זי זאָמט זיך אַף לעהאַכעס. אַכוץ דעם ווייסט וועלוועלע, אַז די פּיני איז אַן אַגונע, ער אַליין האָט פונירטוועגן ברייוולעך געשריבן אין שטעט אַרײַן, ווו אַ קאָל איז געגאַנגען, אַז איר מאַן געפינט זיך דאָרטן. ווי קומט צו פּינין אַ פּרומע? דאָס איז אוואַדע נישט צו פאַרשטיין. דער־ווײַל זיצט דער רעב יעכיִעל דער פּאַדראַטשיק אַף אַ בענקל און קוקט אַף איטלעכן פּיצעלע... „טאַ, — טראַכט וועלוועלע דער בעריע בײַ זיך, — די פּיני וועט פּאָרט באַלד קומען, וועט מען זען וואָס דאָס פאַר אַ מישלאַ־כעס איז“... לעסאַטע איז דעם וועלוועלען ניט גוט, וואָס דער רעב יע־כיִעל דער אוישער דער פּאַדראַטשיק, וואָס מע האָט געדאַרפט בײַ אים נעמען און מע האָט געקאָנט בײַ אים נעמען אַ גוטע נעדיזנע, דער איז גראַד דאָ בײַ אויוואַדיעס מײַסע. עפּשער האָט דער פּאַדראַטשיק געהערט מיקויעך דעם גילגל, וואָס דער רעבע האָט אַף אים געזאָגט, דעריבער קוקט ער און שמייכלט? דאָס איז וועלוועלען גאָר ניט גוט.

נאָך ערגער ווערט וועלוועלען דעם בעריע, דעם גרויסן כאָשעוו, דעם שאַרפן מעקורעוו באַם רעבן, אַז מע דערהערט דאָ אין שטוב אַ געשריי.

פון יענער זײַט טיר גייט דאָס הויכע קאָל — מינאַסטאַם פון יענע קרעטשמאַרעס, וואָס זײַנען ערעוו שאַבעס כאַנוקע שפּעט אָנגעקומען קיין

מעזשבעזש — פונ א יִדענע מיט א קאָל פונ א מאנצבל אויב. זיי קריגנ זיכ מיט דעמ צאדיקס לַיב-מענטשנ, וואָס לאָזט קיינעמ ניט ארײַנ, ביז מע גיט אימ ניט עפעס דערפאר, ער זאָל ארײַנלאָזנ.

דעמ מאנצבלס קאָל איז פראָסט:

— אונ אז איכ האָב אימ ניט גענומענ אינ קעסענע ארײַנ, אײַכ מ'שטגעבנ איט, ווילט איר איט ניט אונדז ארײַנלאָזנ?

דאָס ווײַבערשע קאָל איז א געשריי מיט א קאעס:

— וואָש, א פּאָריטש איזש דער רעבע, וואָש, לעהאוודל, צו א פּאָריטש לאָזשט דער לאקיי ניסט ארײַנ, אָבער טשו א טשאדיק, וואָס מאכט מוי־פעשנ, זאָל א יִיד ניט ארײַנלאָזשנ? סעמט אײַכ אינ אײַער ווײַטנ האלדז ארײַנ! מיר זשײַנענ טשוואנטשיק מײַל ווײַט געפאָרנ, ער זשאָל אונדזש מויפעשנ...

דער לײַב־מענטש לאָזט פּאָרט ניט.

— סיקעריסקע! איכ וועל דיר די פאסקודנע באָרד אוישרײַשנ, וואָש? א סאָצקי זשענט איר, אכבעראָש! אונדזש וואַרפט מענ ארויש פונ דער פארנאָשע, אונ ער...

דאָס ווײַבערשע געשריי מיט אירע אלע ווערטער זײַנענ אינ איינ מי־נוט, געשווינד, אינ איינ אָטעמ געזאָגט געוואָרנ, ווי די „עשרת בני המן"[1], בעשאס מע לייענט די מעגילע. איטלעכעס וואָרט האָט מענ געהערט אינ שטוב.

דער צאדיק האָט זיכ א ריר געטאָנ פונעמ פארטראכט זײַנ אונ [געגעבנ] א ווונק צו וועלוועלענ, ער זאָל עפענענ די טיר, די שרײַענדיקע ארײַנצולאָזנ.

וועלוועלע דער בעריע קאָנ זיכ אָבער פונעמ אָרט ניט רירנ, אזוי ביטער איז אימ געוואָרנ פונ דער קרעטשמערקעס שרײַענ. ניט מאכמעס בושע פאר דעמ יעכיִעל דעמ פּאָדראטשיק, ניינ, — נאָר איבער אנ אנדערנ טאמ. ווײַטער וועט מענ געוואָר ווערנ דעמ טאמ.

אז וועלוועלע דער בעריע רירט זיכ ניט, גייט אנ אנדער כאָסיד אונ עפנט די טיר. קומט ארײַנ א ברייטער יִיד, אינ א געשטעפּטנ, לאנגנ ברישלײַק, פונ בלאָענ קיטײַ, צוגעגארטלט מיט א פּאָווערשנ, פאסקעוואטנ גארטל, אינ גראָבע יאלעוויטשנע שיכ, מיט וואָילאָקענע גראָבע זאָקנ, אינ א לאפּנמיצל פונ אמאָל געוועזענעמ פוקס. קיינ באָרד האָט ער קיינמאָל ניט געהאט, נאָר צוויי לאנגע פלאָכטנ הענגענ ביז איבער די הענט־אקס־לענ, — דאָס זײַנענ פּייעס. כאָטשע ער איז אלט א יאָר פופציק, איז ער זייער געזונט, ווי דאָס פּאָנעמ ווײַזט אויס, טאקע א רעכטער קרעטשמער.

דאָס ווײַב איז אמאָל שיינ געוועזנ. א הויכ-געוואקסענע יִדענע פונ א יאָר עטלעכע אונ דרײַסיק, נאָר שטארק אָפּגעהאָרעוועט. אָנגעטאָנ אינ א פּיצעלע שטערנטיכעלע, וואָס איז ווערט עפּשער צוויי הונדערט גילדנ, מיט א שלייער, אָנ א סיטקע, א יופּע אפּ ביידע ארבל פונ אזא קיטײַ ווי דעמ

[1] „אסערעס בניי האָמאָנ".

מאנס ברישלײַק, מיט ווײַס האָזן-פוטער אונטערגעשלאָגן. א רויט גרעדיטירן אלט ברוסט־טוך זעט מען ארויס און א קאנטענארן פארטעך.

אָט די קרעטשמערקע קאָן אזוי הויך שרײַען און שיטן רייד. דאָ אין שטוב זײַנען ביידע שטיל געוואָרן, אז זיי האָבן דערזען דעם טיש מיט דעם זילבערנעם גרויסן לעמפל און די גרויסע זילבערנע לײַכטער, דערצו דעם צאדיק זיצן אויוונאָן, א גרײַז־גרויען שיינעם ייִדן מיט א לאנגער באָרד, דערבײַ א ירושאלמי, [מיט] א פארוויקלטן קאָפּ אפ טערקיש. דאָס האָבן אזעלכע קרעטשמערס ניט אָפט געזען, בלײַבן זיי די ערשטע מינוטן ווי פארטויבט שטיין. דער קרעטשמער גייט א פּאָר טריט צו נעענטער צום טיש. גיט אים דער רעבע שאָלעם-אליכעם, דער ירושאלמי אויך.

דאָס ווײַב שטייט פונוויַטנס הערן, ווי דער מאן וועט זיך הייסן „מויפּעשן“ פונעם צאדיק. אז אים וועט פעלן א וואָרט, וועט זי דערשטוקעווען.

איידער דער קרעטשמער טאָדרעס לייכעווקער — מינאסטאם הייסט דאָס דאָרף, וואָס ער האלט די קרעטשמע: לײַכעווע, — האָט רעכט אָנגעהויבן צו דערציילן דעם גוטן-ייִדן: ער זיצט אין דער קרעטשמע שוין צוואנציק יאָר... אצינד וויל מען אים אויסדינגען די קרעטשמע... — שטייט וועלוועלע דער בעריע מיטן פּאָנעם אוועקגעקערט, די קרעטשמערקע זאָל אים ניט זען. און ווי ער וואָלט געגערן גאָר אוועקצוגיין, נאָר איבער דער פּיני דער זיצערקע — זי מוז דאָך פּאָרט באלד אהער קומען, — מוז ער דאָ ווארטן.

רעב יעכיעל דער פּאָדראטשיק זעט, אז דער וועלוועלע דער בעריע שטייט ווי אפ שפּילקעס, גייט ער צו צו אים און פרעגט וועלוועלען:

— נו, ווער איז גערעכט? איאָ, איך? אָט דער ייִד וויל די שיקורים, די פּאָווערן, דעריבער האלט ער צוואנציק יאָר א קרעטשמע.

די מעניע־ראסיע, די לייכעווקער קרעטשמערקע, האָט געבויערטע אויערן. זי האָט דערהערט דעם רעב יעכיעלס ווערטער, וואָס ער האָט מיט א געלעכטערל געזאָגט: „צוואנציק יאָר א קרעטשמע“, טוט זי א שפּרונג, ווי א ווילדע כײַע, צום טיש מיט איר הויכן געשריי:

— וואָש, און איר, רעבע, סווײַגט, וואָש דער מאכסעמויניק זשאָגט אליין, אזש ער וויל אונדזער קרעצמע אוישדינגען? דער פּאָריטש זשאָגט טאקע: „א צאקנדיקער הולטײַישקע, וויל בא מיר דינגען“... וואָש? איר וועט אים דאָש סווײַגן?

דער טאָדרעס האָט געהערט דעם ווײַבס שיטן מיט רייד, מיינט ער בעטעמעס, אז דער רעב יעכיעל פּאָדראטשיק איז עס דער, וואָס דינגט אים אויס זײַן קרעטשמע. שרײַט ער אויך.

— רעבע, איר מוזשט אים אין דער סמוע ארײַנלייגן! סטײַץ, א ייִדן מעפּאקייאכ פארנאָשע זשײַן? דראב, אכבעראָס, פּאָסע ייִשראָעל! נאָר אין דער סמוע, נאָר אין דער סמוע, נאָר, רעבע, אין דער

סמוע ארײַנלײגג דעם פּיקוירעש; דער מאכסעמוויניק, ער זאָל קײן טקומע ניט האָבן, ניט אַפּ ד ע ר װעלט, ניט אַפּ י ע נ ע ר װעלט. נאָר אין דער סמוע!

רעב יעכיִעל דער פּאָדראַטשיק האָט געזוען, דאָס איז א שלעכטע שפּיל. יאָ שמוע, ניט שמוע, די צװײ װילדע כײַעס קאָנען פאַלן איבער אים פּראָסט שלאָגן. גיט ער זיך טײקעפּ אָן אײַצע און טוט טאָדרעסן מיט מעניע־ראסיען א װײַז אַפּ װעלװעלע דעם בעריע:

— אדעראבעע, איך האָב מיך פאר אײַך אָנגענומען, מײַנע ליבע ייִדן.

סוט טאָדרעס א דריי מיט װעלװעלען, װי מיט א שטעקעלע, מיטן פּאָנעם צו זיך און צום װײַב דערבײַ מיט א געשריי:

— א סײנעם דאנק! זשײַט מיר מוכל, רעב קאָרעװ. איך האָב געמײנט, איר זשײַט עס. דו, קאַלבויניק, דו בישט עס? א רועך אין דײַן טאַטן ארײַן! דו װילשט מיר די פּארנאָשע אװעקדינגען? רעבע, נאָר אין דער סמוע טאקע, די הארבע סמוע!

דאָס װײַב, די מעניע־ראסיע, דערקענט דאָ אינעם אױגנבליק װעלװעלע דעם בעריע. הײבט זי גאָר אָן מיט א נײַ געשריי. זי האלט װעלװעלען בא דער פּאָלע פונעם קאפּטן פון א י י נ זײַט, דער מאן טאָדרעס שטעקט ארײַן זײַן האנט אין װעלװעלעס גארטל, פון דער א נ ד ע ר ע ר זײַט. װעלװעלע קאָן זיך דאָ נישט אױסרײַסן פון זײערע הענט.

— סמאדילניק, — שרײַט מעניע־ראסיע — דו, סמאדילניק! פּארװאָש, מײנט איר, רעבע, האָב איך מיך מיט אים געגעט? איך האָב אים אלטש אװעקגעגעבן, און בין געבליבן מובערעשערהײט, װײַל ער האָט זשיך געװאָלט סמאדן. גאנטש קאָשנעטין װײשט די מײַשע. דו, סמאדילניק, האָשט מיך בעדאלעש געסטעלט, אײן גאָט װײשט דעם עמעש. איך האָב געהאט, רעבע, א גרויש האָב, — זי הײבט אָן צו װײנען, — דער טאטע מײַנער איזש געסטאָרבן, אָלעװ־האסאָלעם. איך האָב געמושט מײַן קינד, א סײַנענדיק קינד, אװעקגעבן. איך האָב, נעבעך, כאשענע געהאט מיט טאָדרעשן, אבי א סטיקל ברוי׳ט צו האָבן. װיל דער סמאדילניק נאָך די קרעצמע מיר אויך אװעקדינגען? ריבוינעסעלוילעם, אז ד ו קאָנשט אזא סמאדילניק לאָזן לעבן?..

בעשאס מעניע־ראסיע שרײַט אין אײן אָטעם, שרײַט טאָדרעס אויך:

— רעבע, ער איז סוינ אין דער סמוע. דער סמאדילניק, האָט מיר מײַן װײַב דערצײלט, איז סוינ געזעשן באם גאלעכ. איז ער דאָך סוינ העט טיפּ אין דער סמוע. ער האָט דאָך באמ גאלעכ פיר װאָכן געגעשן קעשט, כא־כא־כא...

דער צאדיק האָט ניט געקאָנט אויסהערן די ביטערע ביזיונעס, װאָס זײַנען כאָשעװ װעלװעלע דער בעריע האָט דאָ אױסצושטײן. טוט ער א רופּ אײנעם פון די איבעריקע כסידים.

— רעב איסער, זײַט זשע מוכל, נעמט דעם ייִדן מיט זײַן װײַב אין

אלקער אריַין און גיט זיי צו פארשטיין, אז וועלוועלע האָט גאָר ניט אין זין זייער קרעטשמע. לאָזן זיי אים געמאכ לאָזן, און שריַיבט דאָרטן אין אלקער אויס, וואָס זיי ווילן.

דער רעב איסער האָט לאנג ארויסגעקוקט א כאָשעוו צו ווערן באַם גוטן־יִדן. איז ער זייער גערן, אז דער רעבע אליין שאפט מיט אים. [טוט ער] א כאפּ דעם טאָדרעסן מיט מעניע־ראסיען אין אלקער אריַין:

— עס איז א טאָעס! וועלוועלע איז גאָר א היגער באלעבאָס. און קומט נאָר מיט מיר, דער צאדיק וויל איַיך א טויווע טאָן. זיַיט באָטועכ: אז דער צאדיק זאָגט, וועט קיינער בא איַיך איַיער קרעטשמע ניט אויס־דינגען, בעשום אויפן ניט.

טאָדרעס און מעניע־ראסיע מיינען, אז דאָס איז אקוראט, ווי דער רעב איסער זאָגט. לאָזן זיי אָפּ דעם פארפינצטערטן וועלוועלען און גייען אין אלקער אריַין מיט רעב איסערן.

וויאזוי רעב איסער האָט געטויגט צו דער זאכ, דעם טאָדרעסן מיט דער מעניע־ראסיען ארופצוכאפּן אפּ פאפיר, זיי צו געבן צו פארשטיין, אז פון דעם, וואָס דער צאדיק וועט קוקן אפּ זייערע אופגעשריבענע נעמען, וועט זייער פארנאָסע בליַיבן בא זיי, קיינער זאָל בעשום אויפן ניט קאָנען אויסדינגען זייער קרעטשמע, — ווייסט מען נישט. די קאשע, אז מע וויל פרעגן: ווי מע קאָן פראָסטע, גראָבע מענטשן איַינריידן אזעלכעס? ווייסט מען יאָ, וויַיל א מענטש, אז ער איז אין א צאָרע, אין א דייַגע אָדער אין א פאכעד, וויל ער זיכ, נעבעכ, ראטעווען. נו, אז איינער קומט און זאָגט אים: „איכ קאָן דיר אוואדע העלפן”, פארגעסט ער גאָר איבערצו־טראכטן: „טאָמער זאָגסטו א ליגן”. ער ווייסט נאָר בא זיכ, ס׳ איז אים שלעכט. אוביפראט דאָ זאָגט צו אים איינער, וואָס שמועסט מיט גאָט, איינער, וואָס טויזנטער מענטשן רופן אים „צאדיק”, „גוטער-ייִד”, „באל־מוי־פעס”. דאכט זיכ אים, דאָ איז דער עמעס.

וועלוועלע דעם בעריעס מיַימעד, ווי ער איז געבליבן שטיין, כאָטשע טאָדרעס מיט מעניע־ראסיען האָבן אים אָפּגעלאָזט, קאָן זיכ איטלעכער מע־שאער זיַין. ער קאָן שוין ניט אוועקגיין פונדאנען, ניין. ער בליַיבט פאר־טומלט און קאָן זיכ ניט רירן.

22

כאָטשע ווי ביטער וועלוועלען דעם בעריע איז געווען אפּן הארצן, האָט ער פאָרט האנאָע געהאט, אז מע דערהערט אין שטוב פיני דער זיצער־קעס קאָל פון יענער זיַיט טיר.

אינעם הויז האָט געברענט א ליכט לעבן דעם צאדיקס לײַב־מענטש, דאָרטן, ווו ער זיצט, ניט אריַינצולאָזן אָן אריַינלאָז-געלט. א גאנצן וועג,

פון פיניס שטיבל ביז צום רעבנס שטוב, איז פיני די זיצערקע מיט פרומענע געגאנגענע אינ דער פינצטער. ווײַל ס'איז זייער וואָלקנדיק געווען, האָט איינ מענטש דעם אנדערנ ניט געקאָנט זענ. פּלוצים, אז דאָ אינ הויז איז ליכטיק, דערזעט פיני די פּרומע, וואָס איז מיט איר פונ איר שטיבל ארויס־געגאנגענ א מיידל, מיט א רויטער סטענגע אײַנגעפלאָכטנ אינעם צאָפּ, איז אי־בערנ וועג פּלוצים געוואָרנ א ווײַבל, געשלייערט אינ זייער אַ גרויס שטערנטיכל.

— א פארווארפעניש, א מאכאשייפע, א זנאבארקע! — שרײַט די פּי־ני, — איך האָב מוירע פאר דיר זיך אָנצורירנ, מ'שטיינסגעזאָגט. פּלוצים גאָר האָסטו דיך פארוואָרפנ פאר א ווײַבל... פּי, פּי, פּי! איך מוז דרײַ מאָל אויסשפּײַענ און, מ'שטיינסגעזאָגט, מיך האלטנ אינ דער מעזוזע. וואָס מיר האָט זיך געכאָלעמט א גאנצ גייענדיק יאָר...

רעב יעכיעל דער פּאָדראטשיק האָט אינ שטוב געוווסט, וואָס פּיניס רייד באטײַטנ. טוט ער א לאך און עפנט אליינ די טיר און זאָגט צו דער זיצערקע, צו פּינינ:

— שרײַ ניט, באטלט ניט קיינ כאלוימעס. דאָ אינ שטוב וועט איר באלד געוואָר ווערנ, אז ס'איז ניט קיינ קישעפ און ניט קיינ פארווארפעניש.

פּיני קומט אינ שטוב ארײַנ מיט זייער א שיינ יונג ווײַבעלע, אָנגע־טאָנ אינעם גרויסנ שטערנטיכל. ווײַבער זאָגנ בא א כסידישנ רעבנ ניט קיינ „גוטנ־אָוונט".

די אייניקלעך דעם צאדיקס זײַנענ פונעם אלקער צו דער שטוב-שוועל צוגעקומענ, אָנצוקוקנ דאָס שיינינקע ווײַבעלע, אכוץ דעם דאָס גרויסע שטערנטיכל. זיי בלײַבנ שטיינ ווי די העלצער, קוקנדיק, גלאָצנדיק.

טאקע אינ דעם אויגנבליק קומט ארײַנ פונעם אלקער יאָסעלע, רעב אויוואדיעס זונדל. דער איז מיט זײַנ פאָטער ביז אהער געזעסנ אינ אלקער, ווײַל דער אָפּגעשלאפטער רעב אויוואדיע — מעשוגע איז אזא כאלאס ווי אנ אַנדער קרענק — האָט נאָך קיינ קויעך ניט געהאט צו גיינ, און אכוץ דעם האָבנ זיי ביידע ניט געוווסט ווהינ זאָלנ זיי גיינ. דאָ האָט מענ פונ נעכטנ אָנ דעם יונגנ יאָסעלענ געפונענ אנ אָרט, נאָר פונ דעם אלטנ שלאפנ אָרע־מענ רעב אויוואדיעס וועגנ וויל מענ בעשום אויפנ ניט האָבנ קיינ אָרט. פריער, אז דער אויוואדיע איז מעשוגע געווענ, האָט ער אלע פּוסטע שטובנ געהאט פאר א דירע. אצינדערט, אז ער הייסט „רעב אויוואדיע", א שלא־פער, פרומער ייִד, א פּרעמדער, קאָנ ער אינ קיינ פּוסטער שטוב ניט ווױ־נענ. קיינער וויל זיך אפ אימ, דאָ באם צאדיק אינ שטוב, ניט דערבארע־מענ. פארקערט נאָך, די אייניקלעך די ווײַבלעך גיבנ יאָסעלענ צו פאר־שטיינ, ער זאָל ערגעץ אוועקפירנ דעם שלאפנ טאטנ.

— דאָ איז קיינ העקדעש ניט אפ צו לייגנ א קראנקנ ייִדנ, — האָט מענ אימ געזאָגט.

איז יאָסעלֿע אײַנגעפאלֿנ אַנ אײַצע: „דער גוטער פּאָדראַטשיק, דער, וואָס האָט ראַכמאָנעס געהאַט אונ דעמ טאַטנ געגעבנ אַ רויט רענדלֿ אונ האָט מיר געהייסנ קומענ צו אימ, באַ רעב פייסעכ דעמ ראָטהײַזער שטייט ער אײַנ, ער ווילֿ דעמ טאַטנ שענקענ אַ קאַפּאָטע אונ אַ טולופּ. אַזאַ גוטנ מענטשנ וועלֿ איכ אַ בעט טאָנ, ער זאָלֿ מײַנ אַלֿטנ שלֿאָפנ טאַטנ הייסנ [נעמענ] אַפּ זײַנ סטאַנציע אַפּ אַ פּאָר טעג, ביז ער וועט דינגענ אַ פור אַהיימ צו פאָרנ, דערווײַלֿ דאָרטנ זײַנ". יאָסעלֿע גייט צו מיט אַ ראַכמאָנעס־פּאָנעמ, שושקעט ער זיכ מיט רעב יעכיִעלֿנ דעמ פּאָדראַטשיק, אונ רעב יעכיִעלֿ דער פּאָדראַטשיק זאָגט:

— יאָ, טייקעפּ פיר אַהינ דעמ טאַטנ אונ זאָג, איכ האָב געהייסנ.

יאָסעלֿע ווערט אינ אײַנ סימכע אונ ווילֿ אַ קוש טאָנ דעמ רעב יעכיִעלֿנ אינ דער האַנט. דער רעב יעכיִעלֿ דער פּאָדראַטשיק לֿאָזט ניט אונ שטופּט אַוועק יאָסעלֿענ:

— גיי, נאַר איינער, פיר דעמ טאַטנ אונ דולֿ מיכ ניט. איכ האָב עפּעס אַנדערש דאָ צו טאָנ.

יאָסעלֿע גייט צו צו זײַנ יערושאלֿמי. זעט ער, אַז דער לֿיגט אַפּ ביידע קולֿאַקעס מיטנ פּאָנעמ אַראָפּ. הייבט יאָסעלֿע אָנ צו ריידנ צומ ערעצ־ייִסראָעלֿ־מעשולֿעכ אַפּ אונדזער לֿאָשנקוידעש הויכ. כאָטשע ניט גוט, נאָר דאָכ האָט ער מיט אימ אַפּנ וועג טאָמיד גערעדט:

— רבי, אני הולך עם אבי, לא אבוא אלֿ רבי הלֿילה הזאת[1].

דער יערושאלֿמי וואָלֿט עפּשער ניט אומגעקערט דאָס פּאָנעמ אינ שטוב אַרײַנ, — מאַכמעס אַ טאַמ, וואָס מע וועט באַלד געוואָר ווערנ, — נאָר יאָסעלֿע האָט דעמ יערושאלֿמי אַ שטאַרקנ טאָרע געטאָנ באַמ זאָגנ די לֿאָשנקוידעש־ווערטער.

האָט דער ערעצ-ייִסראָעלֿ-מעשולֿעכ, דער יערושאלֿמי, מיט אַ בייזער זיכ אַ דריי געטאָנ מיטנ פּאָנעמ צו זײַנ גאַבע יאָסלֿ.

אונ די פיני די זיצערקע איז גראָד געשטאַנענ אַקעגנ דעמ יערושאלֿמיס פּאָנעמ. טוט די זיצערקע אַ גאַנצ הויכנ געשריי, אַז אַלֿע מענטשנ אינ שטוב זײַנענ דערשראָקנ געוואָרנ:

— פישלֿ, דו ביסט עס? פאָשע ייִסראָעלֿ! שוינ אַזויפילֿ יאָרנ האָסטו, הולטײַ, מיכ אַוועקגעוואָרפנ. — צומ גוטנ־ייִדנ טוט פיני מיט אַ געוויינ אונ מיט אַ כלֿיפּערײַ אַ געשריי: — אָט האָט ער זיכ פאַרוואָרפנ פאַר אַ טערק פלֿוצימ. וויפלֿ מאָלֿ האָב איכ, רעבע, דאַקוטשעט אײַער קאָוועד, אונ רעב וועלֿוועלֿע האָט געשריבנ בריוולֿעכ אַפּ מײַנע יונגע יאָרנ. איכ בינ פאַרזעסנ, אונ ער, דער הולטײַ, מוז אַוואַדע ערגעצ נאָכ אַ ווײַב האָבנ גע-

1 ראַבי, אני הוילייכ אימ אָווי, לֿוי אָוווי עלֿ ראַבי האַלֿײַלֿאָ האַזויס.

נומענ. רעבע, אז איר וועט דאָס שווײַגן, איז אַן עק פונ דער וועלט! — זי קערט זיך צום ירושלמי: — אכבעראָש, וואָס שווײַגסטו? רויציייעך, גאַזלענ! האָסט מיט מיר ניט געוואָלט ווינ׳נען, זײַנען מיר דערופ ייִדן, געט מען מיך. די גאַנצע שטאָט ווייסט וויל, אַז איך רײַס קריִע און ליג אַפּ דער קעלט און האָרעווע, אַבי קיין מענטשנס ניט צו באַדאַרפֿן כאַפּילע. אין באַרדיטשעוו, רעבע, האָט מיך דער פישל, — ער איז, פּראַוודע, ייִנגער געווען, נאָר טאַקע מיט דעם פּאַסקודנעם פּאַרצופּעראָ, ווי הײַנט, — בא אַן ערלעכן טאַטן, פונ דער קאַטשעניוקע, דעם אונטער־כאַזן — ער איז געווען אַן ערלעכער ייִד, — אַרויסגענומען. „אַ געמאָרע־בעלפער פישל, — האָט דער טאַטע געזאָגט, — אַן ערלעכער יונג, נעם אים“. נאָך אַ יאָר האָט ער די פינפ הונדערט גילדן נאַדן־געלט דערטאַפּט, נאָך, נעבעך, דעם טאַטן, אָלעוו־האַשאָלעם, בעדאַלעס געשטעלט, דער מאַמעס, פּראַוודע, ניט קיין גרויס שטערנטיכל, האָט ער, דער גאַנעוו, אויך אַוועקגעגאַנוועט און איז אַנטלאָפֿן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַרײַן. נעבעך, מײַן מאַמע, אָלע־האַשאָלעם, איז טאַקע דאָס אייגענע יאָר, מאַכמעס אַגמעס־נעפעש און מײַן טאָג־און־נאַכט אַפּן פּאָנעם-ליגן און וויינען, געשטאָרבן. רויציייעך! האָסטו מיר כאָטשע געוועזן געשיקט אַ גט פאַר מײַן געלט, וואָלט איך געקאָנט אַ מאַן נעמען. אַזוי, — זי וויינט, — בין איך הײַנט אַן אַלטע ייִדענע. ווער וועט מעשוגע זײַן מיך צו נעמען? אָט וועל איך ווי אַ הונט אַפּ דער קעלט, דרויסן שטייענדיק, שטאַרבן, — זי קערט זיך צו רעב יעכיִעל דעם פּאָדראַטשיק: — לאַנג לעבן זאָלט איר, וואָס איר האָט געשיקט נאָך מיר. לאָמ איך מיך כאָטשע נויקעמ זײַן אין דעם טערק, צי אין טאָטער. טאַקע אַ האַרץ פון אַ טאָטער האָסטו, רויציייעך!

דאָס שרײַען און וויינען אין איינ אָטעם קאָן אַ מאַרק־ייִדענע אויסנ־וויינען, נאָר דעם רעבן איז דאָ גאָר ניט גוט. שוין דעם דריטן מיִעסן שטימפּ האָט ער דעם הײַנטיקן שאַבעסצונאַכטס: אויוואַדיע איז ניט קיין גילגל פון אַ מיסנאַגעד; וועלוועלע דער בעריע, דער מעקורעוו, דער כאָשעוו איז אַ שמאַדילניק, און דער ירושלמי, וואָס זיצט האַרט לעבן אים, אַ טײַערער ערעצ־ייִסראָעל־מעשולעך, אַ רעכטער ירושלמי, — דער איז גאָר אַ באַרדיטשעווער בעלפער, אַ גאַנעוו, וואָס האָט אוודאי ערגעץ נאָך אַ ווײַב, און די שאַרפע ערעצ־ייִסראָעל־בריוו זײַנען מינאַסטאַמ שטימפּיקע, פֿאַלשע פּאַפּירן. גאָר כאַלאָשעס, מיִעסע שטימפּן!

רעב אויוואַדיענ איז מען באַלד פּאָטער געוואָרן. וועלוועלעס ערשטע ווײַב איז מען אויך פּאָטער געוואָרן. די מאַקע: „ווי ווערט מען באַנאַכט פּאָטער דעם גאַנעוו, דעם בעלפער?“ — טראַכט דער באַל־מויפעס.

יאָסעלע, רעב אויוואדיע דעם פרומענס זונדל, פרעגט דעם גאנצנ אוי־לעם א קאשע, ווי א שארגאראָדער יינגל:

— פארוואָס האָט ער מיכ א גאנצנ וועג געמוטשעט לאָשנקוידעש צו ריידנ? א באַרדיטשעווער מוז דאָכ קאָנענ פּראָסט יידיש ריידנ!

אלע לאכנ אפ דער קאשע, כאָטשע מע וואָלט זייער ניט געגערנ געלאכט.

אונ דער פישל, דער באַרדיטשעווער בעלפער, דער גאנעוו, וואָס טוט ער, בעשאס די פיני די זיצערקע שרייַט אונ וויינט? ער שווייַגט, ווי א שטיק האָלצ.

פיני די זיצערקע איז די איינע, וואָס ענטפערט אפ יאָסעלעס קאשע:

— דו ווייסט, יונגערמאַנ, דער פישל, אז ער איז יונג געווענ אינ באַר־דיטשעוו, האָט ער זיכ אפ כאסענעס געקאָנט גוט פארשטעלנ פאר א בעט־לער אונ פאר א גאלעכ. אכאשווייַרעש־שפּיל האָט ער אויכ געקאָנט מאכנ, אלע שפּילניקעס פלעגנ זיכ בא אים לערנענ. יאָ, יאָ, רעבע, — זאָגט זי צום רעבנ: — גאנצ באַרדיטשעוו ווייסט דאָס. ער איז טאָמיד געווענ א פאר־שלעפּטע קרענק.

אלע לאכנ ווידער.

דער צאדיק רופט צו וועלוועלענ דעם בעריע אונ זאָגט צו אים, פיני די זיצערקע זאָל אויכ הערנ:

— נעמ דו, וועלוועלע קרוינ, אונ רעב איסער קרוינ דעם פישלענ, פירט אים צו אייַכ אהיימ, לאָז ער בא אייַכ נעכטיקנ. מאָרגנ, אימירצעשעם, וועט איר אים אָפּפירנ צו די דאיאָנימ, זיי זאָלנ עקנ צווישנ זיי על פי דת תורתנו הקדושה [1]. — דערבייַ טוט ער א כסידיש־ראַבייִשנ ראכמאָנעס־פרומענ קרעכצ: — גייט ביידע מיט אים.

וועלוועלענ איז ווייַ אוועקצוגייַנ, ניט צו וויסנ ווי וועט זיכ עקנ מיט דעם פּאָדראַטשיק רעב יעכיעלנ, נאָר אז דער רעבע רופט אים — כאָטשע דאָס ערשטע ווייַב האָט אפ אים אויסגעזאָגט, דאָס ער איז א שמאדיל־ניק, — „רעב וועלוועלע קרוינ", — איז ער דאָכ ווייַטער כאָשעוו, טוט ער מיט כיישעק א נעמ פישלענ, דעם פארשטעלטנ יערושאלמי א כאַפּ, אונ „רעב איסער קרוינ" כאַפּט דעם גראָבנ, פעטנ באָכער ארויספירנ פונדא־נענ. אונ פיני די זיצערקע האָט האנאָע, אז דער רעבע האָט צוויי ערלעכע יידנ, כסידימ, געהייסנ אים היטנ, דעם אכבעראָש. מאָרגנ וועט זייַנ אנ עק. איר רויצייעכ מוז אוודע האָבנ געלט, מיינט זי, — וועט זי אָפּנעמענ איר געלט אונ פאר דער מוטערס שטערנטיכל אפילע אכאס וועאכאס. בלייַבט נאָר איבער דאָ צו עקנ מיט דער זאכ, וואָס מע האָט זי גערופנ מיקויעכ רעב יעכיעלנ אונ מיקויעכ פרומענ.

---

1 אל פי דאס טוראָסיינו האקדוישאָ.

דער צאַדיק אַליין וויל אויך וויסן, וואָס דאָ טוט זיך מיט דעם רעב יעכּיִעל דעם פּאָדראַטשיק. ער האָט אַזוי גוט געהערט ווי אַלע, אַז די זיצערקע פּיני האָט פון יענער זײַט טיר געשריגן: „מאַכאַשייפע, זנאַכאַרקע, פּלוצים האָסטו דיך פאַרוואָרפן פאַר א ווײַבל״. דאָס פאַרוואָרפענע פאַר א ווײַבל איז גאָר ניט ווי א קישעף-ווײַבעלע, אַדעראַבע, זייער א ליכטיק, פריילעך ווײַבעלע, אָנגעטאָן אין זייער א גרויס שטערנטיכל. מוז דאָך דאָ עפּעס זײַן. און כאָטשע א גוטער־ייִד זאָגט ניט אַרויס, איז ער א מענטש, וואָס וויל זייער וויסן, ווי קומט אַזא רײַך ווײַבל צו אַן אָרעמער זיצערקע.

כאָטשע מע הערט נאָך פונעם אַלקער, אַז די קרעטשמערקע מעניע־ראַסיע איז נאָך מיטן מאַן טאָדרעס ניט אַוועקגעגאַנגען, נו, וועלן זיי מינאַסטאַם באַלד גיין. לעסאַטע איז שטיל אין שטוב. די כסידים, וואָס דרייען זיך אַרום, בלײַבן אַלע שטיין אויסגעשטשירעט די אויגן, צו צוזען וואָס דאָ וועט ווערן. דעם צאַדיקס אייניקלעך שטייען אַפּ דער שוועל פונעם אַלקער אין שטוב אַרײַן, גלאָצנדיק אַפּ דעם ליכטנדיקן ווײַבעלע מיט דעם זייער גרויסן שטערנטיכל, און דאַנקען גאָט, אַז מע האָט דעם פּעטן יערושאַלמי אַרויסגעפּאַטערט. וועט מען דאָ הערן און זען ווווילע זאַכן.

רעב יעכּיִעל דער פּאָדראַטשיק וואַרט ניט ביז דער גוטער-ייִד וועט אָנהייבן. גייט ער צו צום טיש מיט כיישעק:

— מײַן אָנהייב אַפּ דער פּולער וואָך איז אַפּ לעהאַכעס עפּעס ניט זייער געראָטן. רעבע, ס'איז גאָר ניט גאָלד געווען, וואָס אײַך האָט זיך געוויזן פאַר ריין גאָלד. נאָר לאָמיר דאָס אַוועקלייגן, און לאָמיר שמועסן פון מײַן מויפּעס. אָט דאָס ווײַבל האָב איך געמיינט. מיט ד ע ר וויל איך כאַסענע האָבן. דאָ באַ אײַך זאָל זײַן די כופּע, היינט אַפּדערנאַכט.

— ניין! — טוט א הויכן געשריי פּיני די זיצערקע מיט א זעץ זיך אין קאָפּ אַרײַן מיט ביידע הענט. — ניין, רעבע, איך וויל מײַן נעשאָמע ניט פאַרקויפן. ווייי און אָך איז די יאָרן, רעבע! סטײַטש, א ברודער זאָל וועלן נעמען זײַן שוועסטער! מ'שטיינסגעזאָגט, די וועלט וועט דאָך אײַנפאַלן. ווי טאָר מען? גוואַלד וועל איך שרײַען: א ברודער — זײַן שוועסטער?! ניין, מע טאָר ניט, מע טאָר ניט, און איר, רעבע, וועט דאָס דערלאָזן, כאָלילע?

אַלע אויגן קוקן אַפּ רעב יעכּיִעל דעם פּאָדראַטשיק און אַפּ דעם שיינעם ווײַבל. עפּעס געשיקט זיך ניט, דער ברודער זאָל וועלן נעמען זײַן שוועסטער.

רעב יעכּיִעל דער פּאָדראַטשיק טוט א לאַך:

— כאַ־כאַ־כאַ, שלאָגט אײַך ניט אין קאָפּ אַרײַן און שרײַט ניט. פּריִער

האָט איר אויך געשריגן און גערופן זי מאַכאַשייפע אומזיסט. איך האָב אײַך צוגעזאָגט, אַז באַלד וועט אײַך ניט קאָשע זײַן אפ דעם פאַרוואָרפעניש. אַצינ־דערט זאָג איך אײַך, אַז אײַך וועט באַלד, — נאָר אַ פּאָר מינוטן זאָלט איר שווײַגן, — וועט אַלץ ניט קאָשע זײַן. — ער קערט זיך מיטן פּאָנעם צום גוטן־ייִדן: — איר ווייסט, אַז אונדזער אוראָהאָם אָווינו האָט אפ זײַן ווײַב סאָרען, פון אַ נויט וועגן, געמוזט זאָגן, זי, סאָרע, איז זײַן שוועסטער, איאָ? האָב איך אפ מײַן קאַלע פאַר אַ כוידעש דרײַ געמוזט דער ערלעכער ייִדענע פינין זאָגן, אַז דאָס איז מײַן שוועסטער. איך האָב די קאַלע מײַנע געמוזט שטילערהייט אהער ברענגען איבער אַ טאָם, וואָס איר וועט שפּע־טער מיט עטלעכע מינוט פון מיר הערן. אין מעזשבעזש האָב איך אומיש־נע מיר אָפּגעקליבן די ייִדענע פיני די אגונע, ווי מע האָט זי גערופן, ווײַל זי וווינט גאָר אַלײן אין איר שטיבעלע, קיינער קומט אהין ניט. איך האָב מײַן קאַלע בײַ איר אָפּגעדונגען אפ אַ האַלב יאָר קעסט. איך האָב טייקעף מעזומען געצאָלט אַ פופציקער אַסיגנאַציעס. איאָ, געווג? אַזאַ אָרע־מע ייִדענע האָט אזויפיל געלט מיטאַמאָל געדאַרפט צו איר מאַסע־מאַטן. נאָר איין טנײַ האָב איך מיט דער ערלעכער ייִדענע געהאַט, אַז זי זאָל קיינמאָל מײַן קאַלע ניט שיקן ערגעץ. ווײַל איך האָב געדאַרפט, אַז קיינער זאָל זי ניט זען, און מע זאָל בעשום אויפן ניט קאָנען געוואָר ווערן, אַז זי איז אין מעזשבעזש... אַ שיינעם דאַנק אײַך, גוטע, ערלעכע פיני! איך וועל אײַך אַ מאַטאָנע אַכוץ שענקען דערפאַר, וואָס איר האָט אזוי געפּילע־וועט מײַן קאַלע און האָט געהאַלטן דעם סאָד בעסער פון אַלע כסידים. איר זעט, אַז גאָט באָרוך הו האָט אײַך אויך אַ סכאַר געגעבן. איר האָט דורך אונדז אײַער מאַן אָפּגעזוכט. (דעם פרומען כאַפּ האָט רעב יעכיעל גע־מוזט טאָן, ווײַל ער האָט אַ שטאַרקן ליאַפּ געטאָן די כסידים...) דאָס, וואָס מײַן קאַלע איז בײַ אײַך, פיני, געווען אָנגעטאָן ווי אַ מיידל, איז אויך געווען אַקוראַט ווי דער טאָם, פאַרוואָס איך האָב געמוזט זאָגן, זי איז מײַן שוועסטער. קעדײַ עס זאָל ניט מעגלעך זײַן, עמעצער זאָל זיך שטויסן, אַז זי געפינט זיך אין מעזשבעזש. דעם צאָפּ, וואָס זי איז געגאַנגען, דאָס איז פרעמדע האָר, פון אַן אָפּגעשאָרענער קאַלע. זי איז אַ ווײַבל. איאָ, רעבע, אַ ווײַבל מעג אין פרעמדע האָר גיין? ס'איז בעפיירעש אַ מישנע אין „שבת". [1] מײַן קאַלע איז אַ ווײַבל... — אַלע פאַרגאַפן זיך און פאַרוווּנדערן זיך זייער. דער צאַדיק ענטפערט:

— יאָ. עס שטייט אזוי אינעם פּיירעק: „במה אשה יוצאת" [2], אין „מסכת שבת" [3], אין דער מישנע. נאָר ייִדן זײַנען [זיך] ניט נויהעג.

---

1 „שאַבעס".

2 „באַמע אישאָ יויציעס".

3 „מעסיכטע שאַבעס".

בעדיִעווּעד אָבער איז עס ניט קיין גרויסע אוויירע. נו, רעבע יעכיִעל...

רעב יעכיִעל דער פּאָדראַטשיק זאָגט ווייַטער צו פּיניִן:

— איר, פּיני, ויעט דאָ געוואָר ווערן נאָך עפּעס: מייַן קאַלע הייסט גאָר ניט פרומע. איר וועט שפּעטער וויסן, ווי זי הייסט באַ איר נאָמען. נאָר ווייַל זי איז פרום און ערלעך, האָב איך איר דערווייַל דעם נאָמען געגעבן...

אַלע הערן און גייען גאָר אויס פאַר פאַרוואונדערונג. אפילע די קרעטש־מערקע מעניע־ראַסיע מיטן מאַן טאָדרעס האָבן זיך אַרייַנגעשטופּט צו דער שוועל צוצוהערן די ציקאַווע זאַך.

רעב יעכיִעל דער פּאָדראַטשיק גייט פון דער שטוב צו דעם גוטן־ייִדנס לייַב־מענטש, וואָס זיצט פון יענער זייַט טיר. יענער איז זיצנדיק אַנשלאָפן געוואָרן. הערט מען אין שטוב, ווי דער פּאָדראַטשיק וועקט אים אויף מיט געלט־געבן:

— נאַט אייַך, איר האָט די מייַסע ליב... נאָר איר מוזט מיר אַף דער מינוט אַ גיכן גיי טאָן מיטן לאַמטערן, — שטילערהייט רעכנט ער אים אויס עטלעכע מענטשן באַ די נעמען און אָן נעמען: — איר זאָלט זיי אויפ־וועקן, אויב איר וועט זיי געפינען שלאָפן. און אַלע אהער צום רעבן צו ברענגען צו טאַסקען, מיט דעם גאַנצן קלאַפּערגעצייַג. רירט אייַך, און אַז איר וועט מיר די אַלע מענטשן מיט די קיִילים ברענגען, — אין אַ פערטל שאָ זאָלן אַלע און אַלץ דאָ זייַן אין שטוב — גיב איך אייַך נאָך פיר ווייַ־סע גילדן. אַנו, רירעוודיק, גיך און געשווינד געגאַנגען, געטאָן און אהער געבראַכט.

אין שטוב הערט מען, אַז דער מעשולעם־צעך איז שוין אוועקגעגאַנגען פון דער טיר און רעב יעכיִעל איז צוריק אַרייַנגעקומען אין שטוב.

בעשאַס רעב יעכיִעל האָט אין הויז געהאַט צו טאָן מיט מעשולעם־צעך, זאָגט פּיני די זיצערקע — זי האָט האַנאָע געהאַט, וואָס דער רייַכער פּאָ־דראַטשיק רעב יעכיִעל האָט זי געליִבט פאַר אַן ערלעכער ייִדענע: —

— שקאָדע צו זאָגן, רעבע! דאָס ווייַבל מעג טאַקע הייסן פרומע: ציכטיק און שטיל ווי אַ טויב. איר קאָל האָט מען ניט געהערט, איר פוס איז ניט אַרויסגעקומען אַף דער גאַס, זינט זי איז באַ מיר געוועזן ביז דעם ערעוו שאַבעס שפּעטלעך, אַז רעב יעכיִעל איז געקומען צו מיר אין שטוב אַרייַן מיט די נייַע מאַלבושים, וואָס ער האָט איר געבראַכט, זייַנען ביידע אַרויסגעגאַ:געז דרויסן און האָבן צווישן זיך געשמועסט. אַלע מאַל־בושים האָב איך געזען, נאָר פונעם שטערנטיכל האָב איך ניט געוווּסט. מינאַסטאַמע האָט זי דאָס צירונג אַרום זיך באַהאַלטן. (דאָס שיינע ווייַבל שמייכלט.) ערשט אַפן וועג, גייענדיק אהער, האָט זי אין דער פינצטער אויס־

געטאָן דעם צאָפּ און אָנגעטאָן דעם שלייער מיטן שטערנטיכל. כ׳לעבן, א מעלאָכע! (דאָס שיינע ווייבל שמייכלט ווידער.) אצינדערט שטויס איך מיך. איבער דעם האָט דיין אָנטאָן אזוי לאַנג געדויערט, עפּשער א שאָ...

דאָס ווייבעלע לאכט ציכטיק.

רעב יעכיעל דער פּאָדראטשיק, אז ער קומט צוריק אין שטוב אריין, גייט ער צו צום גוטן־ייִדן:

— דאָ האָט די ערלעכע פּיני געזאָגט, אז איך מיט דעם ווייבל זיינען שוועסטער און ברודער. איך האָב געזאָגט: ניין, און האָב געטייַנעט, אז ס׳איז נאָר אומישנע געוועז, וואָס איך האָב געטאָן, ווי אונדזער טאטע אווראָהאָם, איר צו זאָגן פּאר עטלעכע כאדאָשים, עס איז מיין שוועסטער. איר, רעבע, קענט מיך ניט, דאָס ערשטע מאָל, אז איך בין בא אייך אין שטוב... דעריבער האָב איך געשיקט אייער מענטש, אהער ברענגען איידעס. אזוינע איידעס, וואָס איר, רעבע, און די אלע מענטשן, וואָס זיינען דאָ, קענען זיי. די איידעס וועלן אייך זאָגן, ווער דאָס ווייבל איז פון בער היים. וועט איר זי אויך קענען, אז זי איז ניט מיין שוועסטער. — ער קערט זיך צו פּיניִן דער זיצערקע: — אז איר וועט דאָ ווארטן א ביסל, וועט איר ווּיסן דעם עמעס און וועט מעגן זיין אפּ אונדזער כופּע.

אלע הערן און פּארוווּנדערן זיך זייער. אפילע טאָדרעס אינעם ברישלייַק און זיין ווייב מעניע־ראסיע שטייען ווי אָנגעקאָוועט צו זען דעם סאָפּ.

רעב יעכיעל דער פּאָדראטשיק רעדט ווייטער:

— איין זאך וויל איך אייך, רעבע, בעטן. בעשאס די איידעס וועלן אָנקומען, זאָל איך אפּ עטלעכע מינוטן אוועקגיין אין אלקער אריין. איך וועל ערשט דערנאָך ארייַנקומען, איר וועט אליין זאָגן, ס׳איז רעכט אזוי. דערווייל בעט איך צו הייסן דער ערלעכער ייִדענע פּיני און מיין קאלע זיך צוזעצן. עפּשער וועלן די איידעס ניט אזוי גיך קומען.

ער ווארט ניט ביז דער צאדיק וועט הייסן, ער שטעלט בענקלעך, און פּיני מיטן שיינעם ווייבעלע זעצן זיך.

מעזשבעזש, כאָטשע א גרויסע שטאָט, איז פּאָרט ניט אזוי גרויס ווי פּעטערבורג. דער מעשולעמ־צעכ איז שוין געקומען פּארדעכעס, פּארסאפּעט צוריק, און איז צוגעלאָפּן זאָגן דעם רעב יעכיעלן שטיל אין אויער אריין — אזוי ווי מע האָט געקאָנט הערן:

— צוויי נאָר זיינען אוועקגעפּאָרן טייקעפּ נאָך האוודאָלע, די איבעריקע און דאָס קלאפּערגעצייג וועט אין א פּאָר מינוטן דאָ זיין אינגאנצן.

וויבאלד מע האָט געהערט אָנקומענ דעמ אוילעמ, האָט רעב יעכיעל דער פּאָדראטשיק זיך א כאפּ געטאָנ אינ אלקער ארײַנ, אונ דאָס שיינע ווײַבעלע, האָט מענ געזענ, איז אופּגעשטאַנענ פונ איר בענקל. דאָס הארצ האָט זיך אינ איר געוואָרפנ, זי איז זייער אומרויק געשטאַנענ.

ארײַנגעקומענ איז ארנ שאמעס, דער לויהאָיאָפּאָליער שאמעס, מיט זײַנ ווײַב סאָרענ. צומ אלעמ ערשטנ, ווי זיי האָבנ דערזענ דאָס ווײַבעלע, זײַנענ זיי ביידע ארופגעפאלנ אפ איר, אונ דאָס ווײַבל האָט ביידע ארומגענומענ מיט ביידע הענט. ס'איז געוואָרנ א פריילעכ געשריי אונ א געוויינ מאכמעס סימכע.

— שיינצע! דו ביסט עס, — האָבנ זיי געשריגנ.

— טאטעניו, מאמעניו! — האָט זי געשריגנ.

— אונדזער שיינצע! — האָבנ זיי מיט א פריילעכ־וויינענדיק קאָל געשריגנ.

זי האָט געכליפּעט:

— יאָ, טאטעניו, מאמעניו!

— ביסטו טאקע באמ צאדיק אינ שטוב? מיר האָבנ דיכ טאקע דאָ, ווי דער רעבע דער צאדיק האָט מיר געזאָגט, איכ זאָל מיכ ניט זאָרגנ, — שרײַט סאָרע די שאמעסטע.

א קושערײַ, א האלדזערײַ, א פרייד, א סימכע. עטלעכע מינוטנ האָט עס געדויערט.

אלע קוקנ, ווי דער רעבע האָט האנאָע, אז דאָס ווערט אָנגענומענ פאר א מויפּעס. איז כאָטשע דאָס, פאר דער הײַנטיקער נאכט פונ סאמע שטימפנ.

מיטאמאָל פאלט ארײַנ די קרעטשמערקע מעניע-ראַסיע מיט איר קאָל.

— וואָש? דו בישט עש, שאָרע? דיר האָב איכ געגעבנ מײַנ סײַנעני דיק מיידעלע, טאקע סיינטשע האָט עש געהייסנ. איכ זשוכ דיכ אונ זשוכ דיכ אפנ גאנטשנ סליסל, אכבעראָסטע, גיב מיר אָפּ מײַנ סײַנענדיק קינד. טאָדרעש, וואָש סווײַגשטו? דאָש איזש די יידענע שאָרע, וואָש איכ זשוכ...

אלע בלײַבנ, ווי פארגליווערט, שטילשווײַגנ. ארנ שאמעס אונ סאָרע זײַנענ געבליבנ שטומ, ווי די העלצער, שטיינ. דער גוטער-ייד אויכ.

טאָדרעס, דער געזונטער קרעטשמער, הייבט אופ די געזונטע האנט, דער שאמעסטע סאָרע א זעצ צו טאָנ. וואָלט ער זי געקאָנט דערהארגענענ. די מאראָכע איז, אז רעב יעכיעל דער פּאָדראטשיק איז ארײַנגעשפרונגענ פונעמ אלקער. ער איז אויכ נישט קיינ שלאפער, ער צעשפּרייט זיי אונ רעדט שארפ:

— שרײַט ניט, שלאָגט אײַכ נישט, פע, איר זײַט דאָ ניט אינ קיינ

קרעטשמע. דאָ זיצט עמעצער, — ער ווײַזט אפּנ צאדיק, — ער וועט אויסהערנ וואָס איר זאָגט. מיר אלע זײַנענ ייִדנ, מיר וועלנ הערנ וואָס אונ ווענ. פּע! שלאָגנ אונ שרײַענ? פּע! זאָגט וואָס איר האָט צו זאָגנ.

דער קרעטשמער טאָדרעס האָט אראָפּגעלאָזט די האנט. נאָר די קרעטש־מערקע האָט געוויינט אונ געשריגנ פארנ גוטנ-ייִדנ מיט א ביטער קאָל. עס האָט געריסנ באמ הארצנ זי צוצוהערנ:

— רעבע, אזש איכ האָב מיכ געגעט מיט דעמ וועלוועלע ייִמאכ־סעמוי־ניק, האָב איכ אײַכ דערטשיילט, אזש איכ בינ געווענ מובערעש. מײַנ טאטע, נעבעכ, אָלעוו-האסאָלעמ, איז געסטאָרבנ, ווענ איכ בינ צו קינד געגאנגענ, זשאָל ער זיכ מיִענ. מײַנ טאטע, אָלעוו־האסאָלעמ, האָט געהיישנ רעב סנייער דער מאָכשנ אינ קאָשנעטינ. וואָש סווײַגשטו, טאָדרעש? איכ האָב קיינ קויעכ ניט...

טאָדרעס קרעטשמער דערציילט דאָס איבעריקע:

— פארכטייט איר, רעבע, דעריבער האָט מענ דאָש מיידל א נאָמענ געגעבנ אינ סוף: סיינטשע, נאָכנ סווער, אָלעוו־האסאָלעמ, טאקע. זי, מײַנ ווײַב, מעניע־ראשע, האָט ניסט געזייגט דאָש מיידעלע...

מעניע־ראסיע האָט זיכ אָפּגערוט א ביסל, קאָנ זי ווײַטער שרײַענ אונ רעדט מיט הענט־ברעכעניש אונ גיסט מיט טרערנ:

— פונעמ הויפ האָט מענ אלטש אוועקגענומענ, ווײַל דער טאטע איז געווענ א באלכויוו. די מאמע האָט נאָכ געלעבט, אָרעמ, אָנ א סטיקל ברויט. האָט די מאמע געפרעגט א סײַלע, האָט מענ געזשאָגט... טאָדרעש, זשאָג דו, דו בישט א מאנטשבל...

טאָדרעס דערציילט ווײַטער:

— האָבנ די דינטוירעש געזשאָגט, זשי מעג מיכ נעמענ, ווײַל מײַנ יענטש ווײַב האָט א מישע־מעסונע אײַנגענומענ...

— דאָש קינד, רעבע, — שרײַט אונ וויינט מעניע־ראסיע, — האָט בא מיר די ייִדענע פאר א מיטשווע גענומענ. זשי, שאָרע, איזש אויכ א קאָש־נעטינערנ. זשי האָט מיר צוגעזשאָגט, מיר נאָכ טשוויי יאָר מײַנ קינד אָפּכשוברענ־גענ. איכ האָב גענומענ טאָדרעשנ, ער האָט מײַנ מאמע אויכ טשו זשיכ גענו־מענ קיינ לייכעוו. די מאמע איז צומ יאָר געסטאָרבנ, ווײַל זי האָט גע־בענקט נאָכנ סײַנענדיקנ קינד...

זי וויינט אונ כליפּעט, דעריבער קאָנ זי ווײַטער ניט ריידנ. הייבט ווי־דער טאָדרעס אָנ:

— מײַנ ווײַב האָט א יאָר טשוויי, דרײַ, פיר, פינפ קיינ קינדער ניט געהאט. האָט זשי אויכ אָנגעהויבנ טשו בענקענ. זשוכ די שאָרע, זשוכ די שאָרע — ניסטאָ. איכ האָב אײַנגעספּאנט א פערד, איכ בינ געפאָרנ פרעגנ, ווו די

ייִדענע שאָרע איז. ניסטאָ שאָרע, ניסטאָ דאָש קינד — „פּראָפּאלע", זאָגט דער פּויער.

מעניע־ראסיע רעדט ווידער און ברעכט די הענט מיט א געוויינערײַ:

— ווי דער פּאָוער זשאָגט א ספּריכוואָרט, לעהאוודל א טוירע: פּראָ־פּאלא יאק סאָבאקא נא יארמאראָק...

אלע הייבנ אָנ צו לאכנ פונ דעמ קרעטשמארישנ מאָשל. מעניע־ראסיע איז זיכ מעיאשעוו:

— איכ וויל סוינ ווײַטער ניט ריידנ טשומ טשאדיק...

זי פאלט צו צו שיינצענ, צומ שיינעמ ווײַבעלע, קושנ און האלדזנ:

— מײַנ קינד, דו בישט בא מיר געלעגנ אונטערנ הארטשנ, איכ בינ דײַנ מאמע. מײַנ הארטש, מײַנ נעסאָמע, מײַנ לעבנ, קוס מיכ, מײַנ סיינטשע... — זי בלײַבט כאלעשנ און פאלט אנידער אזוי גרויס ווי זי איז אפ דער ערד אינמיטנ שטוב.

דערווײַל איז דאָכ רעב טעוויע בילענקיס, און רעב גאווריעל גיטעלעס, און זײַנוועלע, און א דאיענ, און א כאזנ און צוויי שאמאָסימ, און נאָכ יידנ אָנגעקומענ אהער. די, וואָס זײַנענ ערשט געקומענ,[1]... פונ אלעמ, וואָס דאָ האָט זיכ די נאכט איבערגעטאָנ און וואָס עס טוט זיכ.

ווי פריִער וועלוועלע דער בעריע, אזוי האָט רעב יעכיעל דער פּאָד־ראטשיק מיט קאלט וואסער געמינטערט און דערמינטערט די מעניע־ראסיע.

ארנ שאמעס מיטנ ווײַב סאָרענ זײַנענ אליינ צוגעגאנגענ צומ צאדיק מיט די ווערטער:

— יאָ, רעבע, ס'איז מעשונע עמעס. עס איז איר טאָכטער, — זאָגט ארנ שאמעס.

— עמעס, רעבע, איכ האָב, מעכילע, בא איר, בא מעניע־ראסיענ, גע־נומענ דאָס קינד, אָט דאָס שײַנענדיקע ווײַבעלע שיינצענ, — זאָגט סאָרע די שאמעסטע. — מיר זײַנענ ארויס פונ קאָשנעטינ פינ יאמפּעליע דערנאָכ. מײַנ מאנ ארנ איז געוואָרנ אינ לויהאָיאָפּאָלי בעסמעדרעש־שאמעס. מיר האָבנ דאָס קינד ליב געהאט, מיר האָבנ עס אויסגעהאָדעוועט, מיר האָבנ עס, מעכילע, געהאלטנ פאר אונדזער קינד. איר, רעבע, ווייסט דאָכ, ווי איכ האָב אײַכ, מעכילע, דאקוטשעט, ווענ זי איז פארלאָרנ געוואָרנ. און איר, רעבע, האָט באוויזנ א מויפעס, מעכילע, אז זי האָט זיכ טאקע אינ בא אײַכ שטוב אָפּגעזוכט. מײַנ מאנ און איכ, מעכילע, האָבנ גאָר פארגעסנ, אויב ס'איז א פרעמד קינד. אונדזער שיינצע איז געוואָרנ, מעכילע, טאקע אונדזער שיינצע...

ביז אהער האָט רעב יעכיעל דער פּאָדראטשיק, בעשאס דער מישע־בינע און דעמ געשריי און דעמ געוויינערײַ און דעמ כאלאָשערײַ, אלצ גע־

---

1 דער טעקסט איז דאָ דעפעקטיוו: אינעמ זאצ פעלט א פרעדיקאט. — ר ע ד.

האלטן זײַן פּאָנעם, אז די, וואָס זײַנען שפּעטער — נאָך ארנ שאמעס מיטנ ווײַב — אָנגעקומענ אהער, זאָלנ אימ ניט זענ. אפילע ארנ שאמעס מיט סאָ-רען האָבנ ניט צײַט געהאט אימ צו זענ. אצינדערט, נאָך דעמ ראש פּור-נעמ דערמינטערנ, ווי טאָדרעס האָט אימ געהאָלפנ מעניע-ראסיען צו שטעלנ אפ די פיס, אז ער זעט, אז דער רעבע, דער צאדיק, קאָנ זיך קיינ אייצע ניט געבנ צווישנ דער מאמע מעניע-ראסיע אונ סאָרע דער שאמעסטע אנ עק צו מאכנ, מוט ער זיך א דריי מיטנ פּאָנעמ צומ אוילעמ:

— שאָלעמ אלייכעמ, פּארנעס-כוידעש, רעב טעוויע! שאָלעמ אלייכעמ, רעב זײַנוועלע! שאָלעמ אלייכעמ, רעב גאווריִעל! שאָלעמ אלייכעמ, רעב ארנ שאמעס מיטנ ווײַב סאָרע! איך בינ מיכל... — ער דרייט זיך [אויס] צומ צאדיק: — רעבע, מיכל איז אפ לאָשנקוידעש דער אייגענער נאָמענ, וואָס יעכיִעל, איאָ? איך האָב קיינ ליגנ ניט געזאָגט?

אלע ווערנ ניוול-ווענישטוימעמ, די אלע לויהאָיאָפּאָליער לײַט טוענ א געשריי:

— מיכל! כ'לעבנ, מיכל, כ'לעבנ! וואָס טוסטו דאָ?

מיכל (אָדער רעב יעכיִעל דער פּאָדראטשיק, ס'איז דאָך אצינד אל־ציינס) קערט זיך צומ רעבנ אונ רעדט מיט כיישעק:

— רעבע, קאָלזמאנ דאָס ווײַבל אָדער דאָס מיידל — פּרעגט רעב ארנס ווײַב, וועט זי אײַך זאָגנ, אז זי מעג הייסנ מיידל אונ ווײַבל אויך — שיינצע האָט ניט געהאט צו וועמענ צו קערנ, וואָלטנ זיך ביידע ווײַבער געדארפט צו קריגנ איבער איר. עפּשער וואָלט רעב ארנס ווײַב געדערעכט געבליבנ, ווײַל א מאמע, וואָס גיט אוועק א קליינ זייגנדיק קינד אונ האָט כאסענע, מעג עפּשער אופהערנ צו הייסנ דעמ נאָמענ „מאמע“. זי, רעב ארנס ווײַב, האָט שיינצענ, ווי זי רופט עס, אויסגעכאָוועט, אונ געפּאָקט אונ געמאָזלט האָט דאָס מיידעלע בא זיי. מעגנ זיי אָנרופנ אונדזער שיינצע „קינד“. דעמ נאָמענ „קינד“ האָב איך פונ זיי קיינמאָל ניט געהערט. זיי האָבנ שיינ-צען געלאָזט בא מיר לערנענ, לייענענ אונ שרײַבנ, זיי האָבנ מיט איר א שידעך געטאָנ מיט מיר. איך בינ געוועזנ איר רעכטער כאָסנ. דערנאָך, איבער א נארישקײַט אונ רעב ... דעמ ... ראָווס שווינדלערײַ, האָט מענ מיך געמאכט פאר אויס כאָסנ. דערווידער גאָט אונ דערווידער זײַנ געבאָט האָט מענ, נעבעך, די שיינצענ מיט געוואלט פארשלייערט. — ער קערט זיך צו זײַנוועלענ: — דאָ האָט איר, רעב זײַנוועלע, געארבעט אפ אלע זײַטנ, רעב ארנ מיטנ ווײַב זאָלנ זי פארשלייערנ מיט... איך וויל ניט זאָגנ מיט וועמענ. אָבער אלצ האָבנ רעב ארנ מיטנ ווײַב געטראכט די שיינצענ גוט צו פארזאָרגנ: איר כאסענע צו מאכנ. שיינצע האָט זיי געלט געקאָסט, אונ גרויס מי האָבנ זיי מיט איר געהאט טאקע ווי געטרײַע פּאָטער אונ מוטער. זי זאָל געוועזנ זײַנ בא דער עמעסער מאמע אינ לייכעווער קרעטשמע, בא

איר, בא מעניע־ראסיען, מיט טאָדרעסן, וואָלט זי אוואדע ניט געוואָרן די־ שיינצע, וואָס זי איז היינט. פון דער אנדערער זייט איז עס א גרויסע אוולע פון רעב ארן שאמעס מיט סאָרען. ווי זאָגט מען ניט א קינד: „דו ביסט נישט אונדזער אייגן קינד, דו האָסט א מאמע, מעניע־ראסיע, דעם רעב שנייער מאָכסנס א טאָכטער פון קאָשנעטינ״. כאסוועשאָלעם, די שיינ־ צע וואָלט געקאָנט ניט וויסן און כאסענע האָבן מיט א ברודער, ווי פיני האָט אפ מיר געמיינט. (א קוק צו פינין.) איאָ, פיני? עפשער האָט דער שיינצעס טאטע (א קוק צו שיינצען), רעב וועלוועלע דער בעריע, א זונדל? שיינצע וואָלט זייער גרינג געקאָנט נעמען אזעלכן פאר א מאן. פארשטייט איר, רעב ארן, פארשטייט איר, סאָרע, צו וואָס דאָס וואָלט געקאָנט ברענגען, כאָלילע? אלץ נאָר, ווייל איר האָט ניט אויס־ געזאָגט שיינצען, ווער זי איז! איאָ, רעבע?

דער צאדיק פארגלייזט מיט די אויגן. אלע קוקן אפ אים.

— קודשא בריך הוא [1] היט אָפּ ייִדן פון שגגות [2], דעריבער האָט וועל־ וועלע קיין קינדער ניט, און די מעניע־ראסיע האָט קיין קינדער ניט, ווייל „אוריתא וקודשא בריך הוא חד הוא״[3]—זאָגט דער „זויהאר האקאָדוי־ש״. גאָט באָרוך הו האָט אָנגעשריבן אין דער טוירע האקדוישע, אז א ברודער טאָר ניט נעמען קיין שוועסטער. נו, דאָ וואָלט דאָך טאקע געקאָנט ארויסקומען דער מיכשל, ווי איר, רעב יעכיעל־מיכל, זאָגט. דעריבער האָט קודשאָ בריך הוא געהאלטן די טוירע, אז רעב וועלוועלע זאָל ניט האָבן קיין קינדער און מעניע־ראסיע אויך ניט.

אלע הערן און מיינען, דאָס איז וויל געזאָגט.

טוט מיכל א שפּעטישן לאך:

— כא־כא־כא... אָט דער רעב זיינוועלע קען לערנען, רעבע, ער וועט איך זאָגן, — ווייל איך האָב שוין לאנג קיין געמאָרע ניט געלערנט, — ווי עס שטייט, אז עס האָט זיך יאָ געטראָפן בעשויגעג, אז א ברודער האָט גענומען א שוועסטער. אכוץ דעם איז בעשום אויפן גאָר ניט גלייך, אז רעב וועלוועלע און רעב טאָדרעס זאָלן ניט האָבן קיין קינדער, ווייל רעב ארן שאמעס מיטן ווייב האָבן געטאָן אן אוולע און שיינצען ניט אויסגעזאָגט, אז זי האָט פאָטער און מוטער. גאָט באָרוך הו איז ניט אזא אוולע־טוער. ניין, ניין!.. נאָר לאָמיר דאָס אוועקלייגן. פון ביידע צדאָדים בין איך דער דריטער צאד. איך נעם די שיינצע פאר א ווייב. איז זי אצינדערט קיינעמס ניט. האָב איך דעם בעסטן פּסאק ארויסגעגעבן, איאָ, מעניע־ראסיע, איאָ, סאָרע?

1 קודשאָ בריכ הו.

2 שגאָגעס.

3 אוירייסאָ וועקודשאָ בריכ הו כאד הו.

דעם רעבן איז זויער געוואָרן אין מויל. און אַלע כסידים, וואָס דאָ אין שטוב שטייען, וואָלטן עפשער זיך שטארק געקריגט מיט רעב יעכיִעל דעם פּאַדראטשיק, וואָס הייסט היינט יעכיִעל־מיכל פון לויהאָיאָפּאָלי. נאָר דער רעב יעכיִעל־מיכל קוקט אפ זיי, ווי אפ קעץ, און לאכט גאָר. קיין אמעראצישקייט האָט ער דאָ אויך ניט געזאָגט. דערצו דאָס זייער גרויסע שטערנטיכל, וואָס די שיינצע גייט אָנגעטאָן... ווייזט אויס, אז דער באָ־כער מוז זיין זייער א גרויסער אוישער. דעריבער שווייגט מען.

— איך געדענקט, — זאָגט מיכל צו רעב גאווריִעל גיטעלעס, — אז מארקל שענקער האָט געהאט א לעץ אין קעלער, נאָך טישעבאָוו פאראיאָרן, בא אונדז אין לויהאָיאָפּאָלי? דאָס בין איך געווען. אהין, צו רעב מארקלען, פלעגט די שיינצע מיט מיר זיך צונויפקומען... — ער לאכט. — כא־כא־כא, מיר האָבן קיין אנדער אָרט ניט געהאט, ווו זיך צו זען, צו שמועסן צווישן זיך... כא־כא־כא, איך האָב מיט א פענטע פון א פערד געקלונגען, האָט מען מוירע געהאט אין קעלער אראָפּצוגיין, מע זאָל אונדז ניט זען. — ער קערט זיך צו שיינצען: — ווו האָסטו אהינגעטאָן דעם אלטן „זויהאר”? איך האָב דיך געבעטן, דו זאָלסט מיט דיר ברענגען דאָס סייפער, וואָס האָט געהאנגען אפ דער טיר פונעם קעלער. ארום כאָצע עלעף האָב איך מיט איר אופגעהערט זיך צונויפצוקומען, האָב איך דעם „זויהאר” באהאלטן...

פון די ווערטער איז געוואָרן צווישן די, וואָס האָבן געוווּסט פון דער מייסע מיט מארקל שענקערס לעץ אין קעלער, א שטילע טרעוואָגע, א שושקעריי, א ציִען מיט די אקסלען.

דער רעבע האָט בא זיך געוווּסט, אז ער האָט עס געגעבן דעם אלטן „זויהאר”. די לויהאָיאָפּאָליער האָבן געדענקט, אז דאָס איז אין דער גאנצער שטאָט געווען א גרויסער מויפעס. נאָר דאָס קלוגקייט פון מיכלען, אז ער דערמאָנט דערביי ניט דעם נאָמען, האָט די טרעוואָגע אראָפּגע־פלאטשט.

שיינצע ענטפערט אפ מיכלס פרעגן:

— איך האלט דאָס סייפער דאָ בא מיר. נא, נעם און גיב אָפּ. וואָס טויג דיר אָדער מיר א פרעמד סייפער?

דאָס ערשטע מאָל, אז שיינצע עפנט דאָס מויל, און אזוי שטעכנדיק, אז עס וואָלט נאָך א גרעסערע טרעוואָגע געקאָנט מאכן, ווען ניט דאָס זייער גרויסע שטערנטיכל, וואָס דאָס זייער שיינע ווייבעלע גייט אָנגעטאָן.

רעב גאווריִעל גיטעלעס האָט געוואָלט אומישנע פון עפּעס אנדערש אָנהייבן צו שמועסן, קעדיי מע זאָל אין יענעם פארגעסן. פרעגט ער:

— זאָגט זשע, רעב מיכל, איר זייט דאָך געווען בא די מילכאָמעס אין דייטשלאנד צווישן די פראנצויזן, נו, האָט איר, באָרעכאשעם, געלט פארדינט... פרעגט איינך אלע אונדזערע לויהאָיאָפּאָליער, וואָס איך האָב

געזאָגט. — ער קערט זיך צום צאַדיק: — רעבע, אַז איך זאָג אײַך, אַ בע־ריע שליימע! מיר פּלעגן זיי צו רופן: „רעב מיכל דער מאָסקוויטישער", ווײַל זיי האָבן געטויגט צו די גרעסטע יענעראַלן. הײַנט מוז ער טויגן צו די פראַנצויזן אפילע... זאָגט זשע, רעב מיכל, ווער איר ווידער קומען צו מיר בײַטן אַסיגנאַציעס? הײַנט איז גאָר אַנדערע מעקאָכים. זאָגט זשע, דעם נאַפּאָליאָנען האָט איר געזען? מע זאָגט דאָך עפּעס אַ ווילדע בריִע. האַ, רעב טעוויע, איר האָט דאָך מיט נאַפּאָליאָנען?..

רעב טעוויע בילענקיס טוט אַ כסידיש געלעכטערל:

— כע־כע־כע, איך וועל שוין אופהערן צו האַלטן מיט אים, איט, אַז ער האָט מיכלען גאָר דאָס געלט אָוועקגענומען, איט, און מיר, איט, ניט געשיקט כאָטשע אַ פּראַנצויזיש זייגערל, איט...

אַלע לאַכן פון דעם כרוצישן ווערטעלע רעב טעוויעס.

## 25

זײַנוועלע זעט אויך דאָס גרויסע שטערנטיכל און הערט, אַז זײַן באַלד־ווערנדער שווער, רעב גאַווריִעל גיטעלעס, כאַנפּעט דעם מיכלען מיט אַ ליבעניש פאַרן צאַדיק. אפילע פון רעב טעוויע בילענקיס ווערטעלע ווײַזט אויס, אַז דער מיכל האָט דערטאַפּט בא דעם פראַנצויז אַ גרודע גאָלד און איז אַ גרויסער אוישער. מוז ער אים כאָטשע אַ ביסל כאַנפּענען. זאָגט ער צו מיכלען:

— האָט ניט פאַריבל, רעב מיכל, וואָס דער שווער מײַנער רעב דאָוויד מיט דער שוויגער זײַנען ניט אָפּ אײַער כאַסענע. זיי האָבן געמוזט טייקעף נאָך האַוודאָלע אָוועקפאָרן קיין נימיִעווקע. ס'איז קיינער ניט געבליבן אין דער היים. צו אַזאַ זאַך מוז מען זיך אײַלן.

מיכל ענטפערט הויך, אַלע זאָלן הערן:

— אַדעראַבע, איך מוז אײַך, רעב זײַנוועלע, בעטן, איר זאָלט מיר מויכל זײַן. איר האָט, נעבעך, איבער מיר געהאַט אַגמעס־נעפעש פון דער סאָרען. אַ באַרישער, ווײַבערשער אײַנפאַל פון איר. זי איז אפילע ניט קיין נאַר, נאָר דאָ האָט זי זיך דאָך באַנאַרישט...

אַלע שטעלן זיך אַרום מיכלען, אַ ראָד פון כסידים. און אפילע דער קרעטשמער טאָדרעס מיט זײַן ווײַב מעניע־ראַסיען הערן צו. דער רעבע פון אויוונאָן, כאָטשע ער קוקט קלאָמערשט אין „זויהאַר" אַרײַן, הערט ער איטלעכס וואָרט, וואָס מיכל זאָגט:

— זי, סאָרע, האָט נישט געוווּסט, אַז כאָטשע איך בין דרײַ טאָג פאַר ראָשעשאָנע אָוועקגעפאָרן פון לויהאָיאָפּאָלי, האָב איך מײַן אָפיצער־קאָמי־סיִאָנער כליעבאָוו געבעטן, עטלעכע מײַל פון לויהאָיאָפּאָלי, ער זאָל אָפּ

מיר ווארטן פינף טעג, ווײַל איך בין באנאכט צוריקגעפאָרן. מײַן קאַלע שיינצע האָט געוווּסט, ווו איך וועל ווארטן אין דער שטאָט אפּ איר. איז זי צו מיר ארויסגעקומען. דאָ האָב איך זי אָנגעטאָן פּאר א מיידל, און א טאסקע געגעבן מיט פּאַטשט אפּ א גאנצער נאכט. אהער קיין מעזשבעזש און האָב זי אָפּגעגעבן צו דער ערלעכער ייִדענע. — ער ווייַזט אפּ פּינין. — איך האָב איר געזאָגט, ס'איז מײַן שוועסטער. זי האָט די שוועסטער בא זיך געהאַלטן, ביז איך בין, באָרעכאשעם, צוריק געקומען בעשאָלעם, אזוי ווי מיר האָבן אונדז געוווּנטשן פון גאָט באָרוך הו. דערווײַל האָבן די לויהאָיאָפּאָליער ניט־קלוגע געלאָזט פידיענען און א וועקסן ליכט צווייַ מעסלעס ברענען... כא־כא־כא, אײַך איז מען, נעבעך, אומזיסט נאריש אָנגעפאַלן. לאָזט זיך אויס, אז שיינצע איז טאקע אין מעזשבעזש געווען, בעשאָס מע האָט זי געזוכט אפּן הימל. געליבט צו גאָט, אז דורך מײַן מויפּעס האָט שיינצע געפונען א טאטן מיט א מאמען.

ער קערט זיך צום רעבן:

— רעבע, מיר דאכט זיך, ס'איז א יושער צו שיקן נאָך רעב וועלוועלען. ער איז דאָך שיינצעס פאָטער.

דער גוטער־ייִד טראכט א מינוט און טוט א מאך צו א כאָסיד פון די יונגיטשקע:

— לעמעלע, האָלדס, גיי, קרוין, רופן רעב וועלוועלען אהער. נאָר ער זאָל דאָרטן עמעצן אנדערש איבערגעבן די שמירע פון דעם פּישלען.

דער יונגער כאָסיד לײַכט, אז דער צאדיק שאפט מיט אים, זאָגט ער:

— אז עס וועט קיינער ניט זײַן, וועל איך בלײַבן א שוימער. אבי רעב וועלוועלע זאָל אהער קומען.

לעמעלע איז אוועקגעאנגען.

רעב גאוורילעל גיטעלעס פרעגט:

— וואָס מאכט מען שײַס? לאָז מען שטעלן די כופּע. מיכל, הא? בא כסידים איז דער ניט־סיידער א סיידער. איינער זאָגט, דער אנדערער הייסט, און איינער כאפּט און פאָלגט, ווערט א זאך, דאָס ווייסט מיכל.

מיכל טוט א לאך:

— כא־כא־כא! ווייסט איר, רעב גאוורילעל, ווער מײַנע אונטערפירערס זײַנען? טאקע, — ער ווינקט צום קרעטשמער מיטן ווײַב און צו ארענע מיטן ווײַב: — די ביידע פּאָרפאָלק. די רעכטע מאמע שיינצעס און סאָרע, די, וואָס איז פופצן יאָר געווען אזוי ווי א געטרײַע, גוטע מוטער. איאָ, רעב ארן? איאָ, רעב טאָדרעס? אזוי ווי איר שטייט און גייט, זײַט שיינצעס מיט מײַנע אונטערפירערס.

צום דאיען מיטן כאזן קערט ער זיך און נעמט ארויס דאָס שיינע בײַטעלע:

— נו, וויפל זאָל איך געבן ראַכאש? נאָט אײַך צוויי רויטע רענדלעך, שטעלט די כופּע. אײַך, שאַמאָסים, אַז איר וועט גיך מאַכן די כופּע, ווי מע דאַרף, — אַ טבעת קידושן[1] האָב איך, — וועל איך אײַך גוט באַצאָלן.

די שאַמאָסים האָבן אַנידערגעשטעלט די פיר דראָנגען. דער כאַזן האָט געשווינד אָנגעשריבן די קסובע אין אַלקער. דער דאַיען מיינט, ער וועט מעסאַדער-קידושן זײַן, און מאַכט זיך צורעכט דעם ספּאָדעק.

טוט מיכל אַ טאָרע רעב גאַוורי͏ִעלן מיט זײַנוועלען. גייען זיי אַלע דרײַ צו צום צאַדיק:

— איר, אַז איר וועט רעב מיכלען, אונדזער לויהאָי͏ִאָפּאָליער רעב מיכלען, מעסאַדער־קידושן זײַן, — זאָגט רעב גאַוורי͏ִעל, — וועלן מיר וויסן, אַז אונדזער שטאָט איז בײַ אײַך כאָשעוו.

— כ'לעבן, — זאָגט זײַנוועלע, — אַז דער אייבערשטער האָט אַזוי געפירט, אַז ס'איז דאָ בײַ אײַך, רעבע, אין שטוב, איז עס אײַער מיצווע, אַפּ דער פולער וואָך. ווער דען איז אַ מייגן אַפּן דאָר?

דערווײַל איז וועלוועלע דער בעריע אָנגעקומען. זאָגט דער גוטער־ייִד:

— מקום שבעלי תשובה עומדים, אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד שם,[2] — זאָגט די געמאָרע אונדזערע. מיילע, ווער קאָן בײַ אײַך, רעב וועלוועלע, אײַנשטיין? * דעריבער האָט אײַך קודשא בריך הוא באַשערט אַ גרויסן אוישער אַן איידעם, וועט איר עפּשער ניט דאַרפן, מע זאָל בײַ אײַך אײַנשטיין. דער אוילעם וויל, איך זאָל מעסאַדער-קידושן [זײַן]. ס'איז דײַן טאָכטער, וועלוועלע. דו האָסט מינאַסטאַם געהערט, וואָס דאָ איז אַרויסגעקומען קלאָר, אַז דאָס ווײַבל, וואָס האָט כאַסענע מיט דעם אוישער רעב יעכי͏ִעל־מיכלען, איז גאָר ניט͏ִ אַרנס טאָכטער. דער אייבערשטער איז סיבת הסיבות[3], מיר זעען אַלע טאָג, אַלע מינוט זײַנע כסאָדים. דו האָסט, נעבעך, אוודאי ניט געוווּסט הײַנט צום שאַלעסודעס, אַז דו ווערסט אַ שווער און אַ טאַטע.

וועלוועלען זײַנען אַלע וווּנדן פאַרהיילט געוואָרן, אַז אַלע הערן ווי כאָשעוו ער איז באַם רעבן. נאָר דאָס פאַרשטייט ער בײַ זיך אין האַרצן,

1 טאַבאַאַס קידושן.

2 מאָקוים שעבאַאַליי טשוווע אוימדים, איין צאַדיקים גמורים יעכוילים לאַאַמויד שאָם.

* דאָס איז אויך אַ ווויל ווערטעלע. די געמאָרע זאָגט: „דאָרטן, ווו אַ באַלטשוווע וועט שטיין (דאָס הייסט אין גאַניידן אַפּ יענער וועלט), וועט אַפילע קיין רעכטער צאַדיק אַהין ניט דערגרייכן דאָרטן צו שטיין". ווײַל דער וועלוועלע איז געווען אַ שמאַדילניק, האָט ער דאָך טשוווע געטאָן, אַז ער איז הײַנט אַ כאָסיד. דער וועלוועלע האָט אין מעזשבעזש זײַן אײַנפאָר־הויז, ש ט י י ט מען דאָך אײַ ן בײַ אים. דרינען, אינעם וואָרט „שטיין" שטעקט דאָס ווערטעלע.

3 סיבאַס האַסיבויס.

אז דער רעבע לאסקעט אים נאָר מאכמעס עפּעס אנדערש, ווײַל דער רעבע מיינט, אז דער איידעם, דער פּאָדראטשיק, איז א גרויסער, גרויסער אוישער. דאָס איז אים ניט זייער גוט געווען, ווי מע וועט באלד פון וועלוועלען אליין הערן.

נאָר דערווײַל איז עס א כאיע־שאָ א גוטע. און די כסידים הערן, אז ער איז נאָך כאָשעווער פון פריִער, וועט קיינער אים ניט טאָרן פאַרוואַרפן זײַנע אלטע כאטאָיִם. צו אזעלכע זאכן טויג דאָס כסידישע קלאָמערשט־געלעכטערל:

— כע־כע־כע... דער אוילעם זאָגט: מע ווייסט ניט וועמעס מאָרגן ס'איז. איך מעג זאָגן, מע ווייסט אפילע ניט, וועמעס הײַנט ס'איז.

די כופּע האָט מען געשטעלט, די אונזערפּירערס האָבן ווייל געפּירט, דער גוטער־ייִד האָט מעסאדער־קידושן געווען מיט גרויסע קאוואָנעס, דער באזן האָט געלייענט די קסובע, מיכל האָט דעם טאבאאס־קידושן אָנגעטאָן שיינצען. אלע זאכן האָט מען אלץ געטאָן ווי דער סיידער איז.

— מאזלטאָוו, מאזלטאָוו, מאזלטאָוו! מיכל האָט גענומען שיינצען.

אז מיכל גייט אוועק איִן זאָגט: „א גוטע נאכט, רעבע!”, מיינט דער רעבע, מאָרגן פרי וועט מ'נאסטאמע מיכל ארײַנברענגען א צוואנציק רויטע רענדלעך. כאָטשע דער באָבער האָט אים זייער גוט געשטאָכן ביז צו דער זיבעטער ריפּ מיט זײַנע שפּיציקע ווערטער, — געלט פאר הייִלט.

רעב וועלוועלע דער בעריע, מיכלס שווער, גייט מיטן פּאָרפּאָלק. און פיני די זיצערקע גייט אויך נאָך. טאָדרעס מיט מעניע־ראָסיען האָבן זיך געפּרייט, זיי פּאָרן אויך קיין לויהאָיאָפּאָלי, געקושט שיינצען, און שיינצע די מוטער, הונדערט מאָל, גייענדיק און שטייענדיק, ביז זיי זײַנען אוועק־געגאנגען. ארן שאמעס מיט סאָרען גייען פונווײַטנס אויך נאָך.

רעב גאוריִעל און זײַנוועלע זײַנען אהיים געגאנגען אף גאנץ פרי אוועקצופאָרן.

— מיר וועלן זיך באלד זען, אימירצעשעם, אין לויהאָיאָפּאָלי, מינאסטאם, — זאָגן ביידע און געזעגענען זיך מיטן נײַעם פּאָרפּאָלק.

אז וועלוועלע האָט אלע אנדערע געפּאטערט, לאָזט ער, פיני זאָל פירן שיינצען:

— צום ראָטהײַזער גייט מיט מײַן טאָכטער. איך קום באלד מיט מיכלען. מיר דארפן עפּעס צו שמועסן. גיי, מײַן נײַע טאָכטער.

די פיני גייט מיט שיינצען. וועלוועלע מיט מיכלען גייען גאנץ פונווײַטן, זיי זאָלן ניט קאָנען הערן. טוט וועלוועלע מיכלען א קוש און זאָגט צו אים:

— מיך רופט מען „דער בעריע”. איך בין קיין בעריע ניט אקעגן

דיר, מיכל. די אַלטע מוזן זיך בא די יונגע לערנען. דער אוילעם דער־ציילט, אַז איין כּסידישן רעבנס כּאָסיד האָט געשמועסט מיטן אַנדערן רעבנס כּאָסיד. זאָגט איינער: „מײַן רעבע האָט געוווּנען אין דער לאָטערייע צען טויזנט גילדן; כּאָטשע ער האָט גאָר קיין לאָטערייע־בילעט ניט געהאַט". דער אַנדערער כּאָסיד דערציילט, אַז זײַן רעבע האָט צום ערשטן סיידער בּייסעך צען טויזנט קיסעס אונגערישן ווײַן אויסגעטרונקען און איז ניט אַ קאַפּ שיקער געווען. דער טוט אַ געשריי: „סטײַטש, צען טויזנט קוי־סעס, ווי קאָן עס געמאָלט זײַן?" ענטפערט דער אַנדערער: „אַלעמײַ צען טויזנט גילדן צו געווינען, — ווי קאָן עס געמאָלט זײַן, אַז מע נעמט ניט קיין לאָטערייע־בילעט? שענק דו מיר די צען טויזנט גילדן, וועל איך דיר שענקען די צען טויזנט קיסעס". דאָס הייסט, ביידע זאָגן מיר אַ ליגן... עס איז אַ פּראָסטע, אַפילע זייער אַ פּראָסטע האַלאַצע, נאָר דאָ קומט זי צוניץ, מיכל. איך בין אַ מייווּן, איך האָב אינעם ערשטן בליק דערקענט, אַז דאָס שטערנטיכל איז פון פאַלשע פערל... איאָ, מיכל? מיר קאָנען זײַן קוויט. דו ביסט מײַן איידעמל, מיכל דער בעריע...

מיכל טוט צוריק אַ קוש דעם שווער, וועלוועלען, מיט אַ לאַך און זאָגט:

— איך האָב האַנאָע, אַז איר שמועסט מיט מיר אָפן. דעריבער וויל איך אײַך, ווי פאַר אַ פאָטער, די גאַנצע זאַך קלאָר דערציילן און אײַך באַווײַזן, אַז איך בין, כאַסוועשאָלעם, ניט קיין שווינדלער. מײַנע מײַסעס מיקויעך דעם שידעך מיט שיינצען, און אַז דער ..., כיין צו מאַכן פאַר לויהאָיאָ־פּאָליער גראָבע יונגען, האָט געפּאַסקנט די טנאָים מײַנע צו צערײַסן, ווייסט איר מינאַסטאַם. פון שיינצעס פאַרשלייערן מיט דעם פּויקער ווייסט איר אויך. שיינצע האָט מיך ליב געהאַט און האָט בעשום אויפן ניט געוואָלט פאַרבײַטן מיך אַפּ אַ דאָרפ־שײַגעץ — כאָטשע ער זאָל ניט זײַן קיין פּויקער. נאָר אַ גרויס שטערנטיכל איז אַזאַ גרויסע זאַך בא אַ יונג יידיש מיידל, אַז אַפילע אַ דאָרפס־הונט זאָל האָבן פון גרויסע פּערל געהעפטע זעקס רע־דער, מיט שפּיצן ווי אַ כאָמעט, אָנצוטאָן אויפן קאָפּ, מעג מען אים נעמען פאַר אַ מאַן. מיט דעם גרויסן שטערנטיכל האָט מען שיינצען פאַרדרייט דאָס קעפּל, איז זי מערוצע געוואָרן צום שידעך. דערנאָך, ווי ס'איז צו נישט געוואָרן, האָט דאָך שיינצע געזען, אַז אַ שטערנטיכל העלפט ניט און מע מוז עס אַוועקגעבן, אַבי פּאָטער צו ווערן. פּאָרט, איז בא דעם מיידל־ווײַבל שיינצען געבליבן דער בימערער כיישעק: אײַ אַ גרויס שטערנ־טיכל, נאָר אַ ליבער מאַן מיט אַ גרויס שטערנטיכל דערצו, דאָס קאָן הייסן אַ גליק, ניט אַנדערש. איך האָב די שיינצען אָבער אַזוי ליב, אַז [ווען] איך האָב אָנגעהויבן בא רוסישע אָפּיצערן געלט צו פאַרדינען, האָב איך איר אײַנ מאַרקלס קעלער, דענצמאָל, ווען אײַער רעבע האָט געהייסן

אופהענגענ דעם „זויהאר”, דער לעצ זאָל קיינ שליטע ניט האָבנ, כא־כא־כא... דענצמאָל האָב איכ שיינצענ צוגעזאָגט, אז איכ וועל פאָרנ צו דער הויפּט־קוואַרטיר, פיל געלט פארדינענ, קעדיי איכ זאָל איר ברענגענ א גרויס שטערנטיכל, נאָכ א גרעסערס פונ יענעמ שטערנטיכל, וואָס זי האָט דעמ נאפטאָלקע פויקער אָפּגעגעבנ. דעמ עמעס צו זאָגנ, איכ זאָל שיינצענ ניט אזוי הייס ליב האָבנ אונ זאָל ניט געווענ אזוי גארנ אהיימ צו איר, וואָלט איכ געווענ מיט דער צייַט בא דער הויפּט־קוואַרטיר פיל געלט געקאָנט פארדינענ. נאָר עס האָט מיכ געצויגנ אהיימ, צו שיינצענ אהיימ. איכ האָב אָבער אינ דער קורצער צייַט גאָר ניט פיל פארדינט. ווי נעמט מענ שיינצענ דאָס גרויסע שטערנטיכל צו קויפנ פאר טויזנט רענדלעכ, אז איכ האָב ניט קיינ געלט? די ביטערע דייַגע האָט קיינער ניט געוווּסט, נאָר מייַנ הארצ. אזא זאכ קאָנ מענ דעמ אנדערנ מענטשנ ניט דערציילנ. יענער לאכט אונ שפּעט, ווי פונ א נארישנ כויזעק. איכ האָב אָבער דורכ דער דייַגע גאנצע נעכט ניט געשלאָפנ. איכ וואָלט געקאָנט די ערד קילנ, ווי דער אוילעמ רופט עס. האָט זיכ גראָד געטראָפנ אינ ברעסלע א פּאָדראטשיק פונ שפּיטאָלנ, בא דעמ, וואָס איכ האָב געלט פארדינט. דער האָט פאר אנדערע פּאָדראטשיקעס דערציילט א מייַסע פונ א הולטייַ, איינעמ ליפּע לעוויט, מיט זייַנ אָנשטעל אויסצונארנ בא א באלעבאָס אינ טשערניגאָוו פופצנ הונדערט רובל, בא א באלעגאָלע דרייַצנ הונדערט רובל אפּ א מאשקנ. דאָס מאשקנ איז געווענ א פאלש שטערנטיכל. די מייַסע האָט מיכ דערקוויקט מער פונ אלע. איכ, א לויהאָיאָפּאָליער ייִד, האָב גאָר ניט געוווּסט, אויב ס'איז דאָ פאלשע פּערל אפּ דער וועלט. דאָ האָב איכ מיר געטראכט: דאָ האָב איכ מייַנ רעפוּע געפונענ צו אלע מייַנע ווּנדנ, וואָס איכ האָב אינעמ הארצנ, איכ קאָנ מייַנ שיינצענ מאכנ א גרויס, זייער א גרויס שטערנטיכל גאָר פאר קליינ געלט. אונ האָב עס געמאכט. האָב איכ ניט געזוכט ווייַטער קיינ שומ אייסעק. גענוג איז פאר מיר דאָס ביסעלע געלט, וואָס איכ האָב מייַנ אייגנס. א פּאָר געטאָנ מיט פּאָטשט אהיימ אונ האָב מייַנ — הייַנט איז זי אייַערע אויכ — שיינצענ גליקלעכ געמאכט. זי וועט ניט וויסנ, אונ אלע ייִדלעכ ווייסנ ניט דעמ כילעק פונ גוטע פּערל אונ פאלשע...

— יאָ, מייַנ קלוגער בעריע מיכל, — זאָגט וועלוועלע, — דו האָסט געטאָנ, ווי א באר־סייכל, אונ האָסט דורכ דער האמצאָע אויסגעפירט דייַנ זאכ מיט דעמ פאלשנ שטערנטיכל. פארוואָס זשע בילסטו, אז כסידישע רעבעס נארנ אָפּ די וועלט? די וועלט וויל גענארט זייַנ, זייַנענ זיי אויכ בעריעס, זייַנענ זיי אויכ מיכלס, הא?

— האָט מיר ניט פאריבל, מייַנ קלוגער שווער רעב וועלוועלע. וואָס פארגלייַכט איר מייַנ האמצאָע צו דעמ ליגנ, צו דעמ נארערייַ, צו דעמ

פאלשקײַט פונ די כסידישע גוטע־ייִדנ, — ענטפערט מיכל. — בא וועלט־איי־
סאָקימ, אז די מענטשנ ווילנ נאָר געלט, אָדער נארישע צירונגענ, אָדער
אנדערע פארברענגערײַ, זײַנענ זיי טאקע ווערט א שטראָפ, מע זאָל זיי
נארנ. אָט איז דאָ גאנצע וועלטנ ווילדע מעדינעס, וואָס אלע ווײַבער האָבנ
ניט קיינ פערל־כאָמעט אפנ קאָפ, די רײַכסטע ווײַבער פונ מיליאָנענ געלט
האָבנ פאר פיר גילדנ א הײַבל פונ ווײַסנ פערקאל אפנ קאָפ. נאָר מעשו־
גאָימ, פוילישע ווײַבער, אָרעמע ייִדנס ווײַבער, האָבנ זיכ אײַנגערעדט: א
ייִדענע אָנ א כאָמעט פונ פערל הייסט קיינ מענטש ניט... א כארפע איז
עס, א בושע צו זענ א ייִדענע פארפינצטערט זיצנ בא א קראנק קינד
אָדער בא איר שלאָפנ מאנ, אָנגעטאָנ אינעמ פערלדיקנ כאָמעט אונ ווײנענ,
גיינ צו א לעווײַע אונ טרויערנ אפ דעמ, וואָס איז געשטאָרבנ, טאקע גייענ־
דיק אינעמ צירונג, ברעכנ די הענט אונ כליפענ. פע, כאלאָשעס גייט זיכ
אָנ. פוילישע פריצימ מעגנ שפעטנ, זיי מעגנ לאכנ פונ ייִדנ, אז זײַנ ווײַב,
די סראָרעטע, גייט פאר צוויי גילדנ א הײַבל, אונ זײַנ אָרעמענ קרעטש־
מערס, ווי אײַער אימער־ווײַב, קויטיקע קאפצנטע־ווײַב, גייט אינ א שטערנ־
טיכל... אוכעדוימע, אוכעדוימע אנדערע דולע, מעשוגענע זאכנ. איז עס
גאָר קיינ אוולע ניט זיי צו נארנ. ווי דער קלוגער פרידריכ, דער פרײַ־
סישער מיילעכ, האָט געזאָגט, דערציילט מענ אינ ברעסלע: — פונ קאָרנ־
ברויט נעמ איכ ניט א גראָשנ קיינ מעכעס, ווײַל דאָס מוז א מענטש עסנ,
ער זאָל קאָנענ לעבנ. ווילסטו, מענטש, אָבער עסנ לעקעכ אונ טרינ־
קענ קאווע אונ ווײַנ, צאָל מיר מעכעס פונ איטלעכנ... זאָגט זשע, שווער,
רעב וועלוועלע, ווי קאָנט איר די זאכנ פארגלײַכנ צו א רעבנ, צו דעמ
וואָרט „גוטער-ייִד"? בא אימ זוכנ, נעבעכ, די מענטשנ עמעס אונ פרומ־
קײַט, מוסער אונ גאָטס ווערטער. וויי אונ אָכ האָט יעשײַע האנאָווי דערופ
געשריגנ: „מאשריך מתעים"[1] — דאָס הייסט, די, וואָס זאָלנ אײַכ, ייִדנ, פירנ
אפנ רעכטנ וועג, פארבלאָנדזשענ אײַכ אומישנע. דער יעשײַע האנאָווי זאָל
אָבער געווענ זענ אָט די, וואָס פאָרנ אינ קארעטעס, נעמענ געלט, עסנ
אונ טרינקענ, ווילטיקערס, וואָס פארשטעלנ זיכ פאר „מאשריך"[2], זײַנענ פאל־
שע ייִדנ, ליגנערס, שווינדלערס, זיי זאָגנ פיר אלע נארישע זאכנ די ייִדנ
אונ פארפירנ ייִדנ אינ דער בלאָטע ארײַנ, אז ייִדנ ווערנ דורכ זיי קאלי־
קעס, אמעראצימ, גראָבע יונגענ. נישט, גאָרנישט צו קענענ, אבי א כאָ-
סיד, א פליעסקער צו זײַנ איז גענוג. אפ אזעלכע זאָג איכ, אז די גאנצע
טויכעכע מיט קלאָלעס קלעקט ניט אפ זיי, אפ די שווינדלערס אויסצושטיינ.
איאָ? איר שווײַגט... צווישנ די טויוועס, וואָס דאָס פאלשע שטערנטיכל

---

1 מעאשרעכאָ מאסימ.

2 מעאשרעכאָ.

האָט מיר, מיכלען, געטאָן, מוז איך רעכענען פאַר דער גרעסטער טויווע, אַז דורך דעם פאַלשן שטערנטיכל האָב איך אײַער גוטן־יִידן געזאָגט אַזעל־כע ווערטער, וואָס איך האָב אים געשטאָכן דורך און דורך. ער האָט דאָס אַוואַדע נאָך קיינמאָל פֿון קיינעם ניט געהערט. ער וואָלט מיך אַוואַדע גע־הייסן אַרויסשטופּן. יונגאַטשעס־כסידים זײַנען גרייט געשטאַנען. נאָר איבערן גרויסן שטערנטיכל האָט ער געמיינט, איך מוז אַוואַדע זײַן זייער אַ רײַ־כער, — האָט ער געשטומט, און זיי האָבן געשטומט. כאַ־כאַ־כאַ, איך לאַך, לאַכט איר אויך. ער מיינט, איך וועל אים מאַרגן אַרײַנטראָגן גוזמאָעס רענדלעך. ניט אַ גראָשן. איין רענדל האָב איך אים אומישנע געגעבן, קעדיי אים צו פאַרבלענדן די אויגן. מײַן כופּע איז באַ אים אין שטוב געווען. איאָ?

וועלוועלע דער בעריע פּאַטשט אָרום קושן מיכלען:

— פאַר דעם אויספירן, אַז ער אַליין, דער צאַדיק, זאָל מעסאַדער־קידושן זײַן, ביסטו ווערט טויזנט קושן. ווײַל, קלוג. ווייסטו וואָס נאָך איך וועל דיר זאָגן? אַז דורך דעם פאַלשן שטערנטיכל וועסטו, מײַן קינד, האָבן אין לויהאָיאָפאָלי דאָס גרעסטע טרויען און גלויבן. איך בין אַ מיוון און קען ־די וועלט. אַלע וועלן דיר כאַנפענען, אַלע וועלן דיך האַלטן פאַר אַ גרויסן אוישער. געלט וועט מען דיר אין שטוב אַרײַנברענגען. איך האָב מיט דיר ניט צו זאָרגן, באַרעכאַשעם. דו וועסט דורך דעם גרויסן קרע־דיט ערשט ווערן אַ רעכטער אוישער. איך האָב קיין קינדער נישט. גלייב מיר, מיכל, אַז מיר גייט די גאַנץ איבער. איך בין אַפּ דעם „גוטן־יִידן" אַ מיוון, נאָר מאַכמעס פאַרנאָסע מוז איך טאַנצן אין קאָן. אַז גאָט באַרוכ הו וועט דיר העלפן, אַז דו וועסט בעעמעס רײַכ זײַן, וועל איך אַפּ דער עלטער מיך לעבן דיר צוטוליען. איך בין קיין שלימאַזלניק ניט, איך וועל דיר צוניץ קומען.

מיכל קושט צוריק דעם שווער און גיט אים זײַן האַנט טקיִעס־קאַפּ.

— אָט האָט איר מײַן האַנט, אַז איך וועל נאָר אַ שטייגער פּאַרנאָסע האָבן, וועל איך אײַך אַליין קומען אַרויסנעמען פֿון דעם שעקער־וועקיזעוו צו מיר, באַ אונדז און מיט אונדז איניינעם זאָלט איר לעבן אין פריידן. מיר מוזן געשווינד גיין, אונדזערע ליבע לײַט וואַרטן אַפּ אונדז. מײַן שיינ־צע איז שוין דערפרוירן געוואָרן. — דערגרייכט האָבן ביידע שיינצען מיט דעם איבעריקן אוילעם. — איאָ, ס'איז ניט רעכט, וואָס מיר האָבן אײַך אַפּ דער קעלט געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן? מיר האָבן אָבער זייער געניי־טיקס געדאַרפט איבערשמועסן, ווײַל מיטן טאָג גלײַך מוזן מיר, שיינצע מײַן ווײַבעלע מיט מיר, אַוועקפאָרן. איאָ, שיינצע?

אין דער מינוט, ווי מע ווייל שוין אין שטוב אַרײַנגיין, דערהערט מען אַ געשריי פֿון דעם יונגיטשקן כאָסידל לעמעלע און דעם אַלטן רעב איסער שרײַען:

— כאַפּט אים, אָט אַנטלויפט ער, דער ערעץ־ייִסראָעל־הונט...

די צוויי שומרים, וואָס דער צאַדיק האָט געהייסן היטן פישלען, פיני דער אגונעס מאַן, דעם פאַלשן יערושאַלמי, — איז מינאַסטאַם דער אַלטער מיטן יונגן כאָסיד אַנשלאָפן געוואָרן, און דער געזונטער פישל איז אַנטלאָפן געוואָרן. די טיר איז געווען פון אינווייניק — מאַמעס גרויס געניטשאַפּט — פאַרקייטלט, האָט פישל גאַנץ שטיל אופגעקייטלט און וואָלט געקאָנט זייער גוט אַנטלויפן. נאָר אַף זײַן שלימאַזל האָבן זיך די ברייטע, טערקישע שאַראָוואַרעס פאַרטשעפּעט אין הויז אינעם דראָנג, וואָס מע האָט די הויז־טיר אונטערגעשפּאַרט (בא דעם רעב איסערן אין זײַן שטוב). ווי פישל האָט מיט קויעך א ריס געטאָן, איז דער דראָנג מיט דער טיר אומגעפאַלן, ווײַל די טיר האָט ניט קיין זאַוויסעס און די בעהאָנעס זײַנען אויך פון א יאָר אָן קאַליע.

דער פּאַך פון דער טיר מיט דעם דראָנג האָבן א ראַש געמאַכט, און [ווען] דער קלאַפּ האָט עס די צוויי שומרים אופגעוועקט, איז דער פויגל שוין געווען אַרויסגעפלויגן. אַנו, נאָכלויפן, — פישל לויפט בעסער, כאָטשע אין טערקישע פּאַפּיצעס. דעריבער האָבן זיי אַזוי געשריגן: כאַפּט אים! גיכער כאַפּט אים, אָט אַנטלויפט ער, דער ערעץ־ייִסראָעל־הונט...

מיכל האָט פאַרשטאַנען, אַז די אַלע שלימאַזלניקעס כסידים גייען אין פּאַנטאָפל, וועלן זיי פישלען ניט קאָנען כאַפּן, האָט מיכל נאָר טאָדרעסן מיט זיך גענומען, און ביידע זײַנען פישלען נאָכגעלאָפן, גוט נאָכגעלאָפן.

פיני האָט נעבעך געשריגן:

— ווי מײַנע יאָרן! איך בין אַן אייביקע אגונע, א פאַרפינצטערטע אגונע! דער אכבעראָש וועט ווידער אַנטלויפן...

דאָס האָט זי הונדערט מאָל, אַלע מאָל העכער געשריגן.

איז אָבער מיכל פאַרסאַפּעט געקומען, שלעפנדיק דעם פישלען. טאָדרעס האָט אויך געהאָלפן דעם פעטן פישלען צו טאַסקען.

מע האָט אים אַרײַנגעבראַכט צו פייסעך ראָטהײַזער. דער גאַנצער אויլעם לאַכט, מע קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער. וואָס איז?

דער פישל, איידער ער איז אַרויס פון רעב איסערס שטוב, האָט ער זײַן טערקיש פאַרוויקלטן קאָפּ איבערגעקערט, און מיט דער ווײַסער פאַטשיילע האָט ער זיך צוגעבונדן דעם האַלדז, אַרופ אַף דעם טערקישן דזיבון מיט קנעפּלעך האָט ער זיך אָנגעטאָן רעב איסערס א קאַפּטן אַן אַלטן, צוגעגאַרטלט מיטן האַנטעך. אַזוי האָט מען אים אַרײַנגעשלעפּט צו פייסעך ראָטהײַזער.

יאָסעלע רעב אויוואַדיעס איז פונעם ווינקעלע, ווו ער מיטן פאָטער איז געזעסן און געוואַרט אַף מיכלען, צוגעקומען און האָט מודיע געווען, אַז דער גאַנעוו האָט געלט אַרום זיך אין א בײַגאַרטל, וואָס [ער] האָט צונויפגענומען פון אַלע ייִדישע שטעט ערעץ־ייִסראָעל־געלט און באַל־האַנעס־געלט.

גוט, גוט, מע האָט דעם בײַגאַרטל אָפּגעפּראָנטשקעט און אַפּן טיש דאָס געלט איבערגעציילט: פיר הונדערט מיט זעקס און פערציק רויטע רענדלעך און זעקס הונדערט רובל־אַסיגנאַציעס, אַכוץ ווײַס געלט אַ הונדערט גילדן.

רעב אויוואַדיע, דער שלאָפער, פרומער רעב אויוואַדיע איז צוגעקומען צום טיש. אַלע זײַנען שטיל געבליבן, האָט ער געזאָגט:

— ראַבויסים, ערעץ־ייִסראָעל־געלט מוז מען אַוועקשיקן קיין ערעץ־ייִס־ראָעל, נאָר וואָס מער מע וועט געפינען געלט, זאָל מען דעם ווײַב אַוועק־געבן. אַזוי, דאַכט מיר, איז דער יוישער.

אַלע האָבן געזאָגט:

— רעכט, רעכט, נאָר אַזוי.

מיכל האָט דעם פישלען אַ פרעג געטאָן:

— זאָג נאָר דו, באָכער, האָסטו ערגעץ אַ ביכל, אַ רעיסטער אָדער אַ פּאַפּיר פאַרשריבן, וויפל דו האָסט געלט צונויפגענומען ערעץ־ייִס־ראָעל־געלט? זאָג, וואָרעם אָט פּאַטש איך.

— יאָ,— עפנט דאָס אייזל דאָס ערשטע מאָל אויף זײַן מויל צו ריידן.— יאָ, איך האָב דאָ בא מיר אַ רעיסטער, ווו די גאַבאָיִם פון איט־לעכער שטאָט האָבן מיט זייער האַנט אַרײַנגעשריבן. דרײַ הונדערט מיט צוואַנציק רענדלעך איז אינעם רעיסטער אָנגעשריבן, דאָס איבעריקע איז מײַנס.

רעב וועלוועלע דער בעריע האָט אויך געהאָלפן, מע האָט געלייענט און געכעזשבנט. ס'איז עמעס: נאָר דרײַ הונדערט מיט צוואַנציק רענדלעך איז געווען אַרײַנגעשריבן. דאָס האָט מיכל געהייסן רעב איסערן מיט זײַן שווער רעב וועלוועלען זאָלן דאָס געלט נעמען צו זיך און זען אָפּשיקן, וויִאַזוי זיי ווייסן, עס זאָל אָנקומען קיין ערעץ־ייִסראָעל. דאָס איבעריקע האָט ער אַליין געגעבן פיניען אין די הענט אַרײַן, די רענדלעך מיט די אַסיגנאַציעס און דאָס ווײַסע געלט:

— נאַט, פיני, פאַר אײַער נאַדן־געלט מיט אײַער מאַמעס שטערנטיכל און פאַר מעזוינעס. נאָר עפּעס וויל איך אײַך, פיני, זאָגן, וואָס אַ יוי־שער איז. דעם שלאָפן רעב אויוואַדיען, אַז איר ווילט, זאָלט איר דערפון אָפּטיילן. איאָ, ראַבויסים?

פיני האָט אופגעהויבןביידע הענט צו גאָט:

— דו ביסט אַ גוטער, ריבוינעשעלוילעם! דו האָרסט לאַנג, אָבער דו באַצאָלסט גוט. נאַט, רעב אויוואַדיע, צען רענדלעך.— זי גיט אויוואַדיען אין די הענט אַרײַן די צען רענדלעך.— און אײַך, רעב יעכיִעל... רעב מיכל האָב איך געוואָלט זאָגן, דאַנק איך, גאָט זאָל אײַך מיט אײַער גוט, פרום ווײַב געבן מאַזל און בראָכע, איר זאָלט אײַך עלטערן אין אוישער און אין קאָוועד. אָמיין!

ג ע ע ק ט

# נאָך צוויי האָזן

נאָוועלע

איבערגעזעצט אפ ייִדיש — ל. ר ע ז נ י ק

געווען געדרוקט אפ רוסיש אין «Вестник русских евреев», ס.-פעטערבורג
פון יאָר 1872, אין די נומערן: 17, 18, 19, 20.

## 1

סאָלאָמאָן איסײַיטש סאָרקין איז הויך געוואקסן מיט א געלער שטעכעדיקער באָרד און מיט קליינע רויטע אייגעלעך. צומאָל איז די באָרד אים צוניץ געקומען פאר א בערשטל. לעמאָשל, ער זיצט און מיט איין האנט שרײַבט ער, און מיט דער צווייטער האנט האלט ער דעם בוך, וואָס מע פארשרײַבט די כעזשבוינעס. פּלוצים דערזעט ער א שטויבעלע אף דעם סאַמעטענעם קאָלנער פון זײַן ציכטיקן סורדעט, טוט ער באלד א מאַך איינס און צוויי מיט דער באָרד, און דאָס שטויבעלע ווערט ניט. סאָלאָמאָן איסײַיטש פלעגט ביכלאל שטארק אכטונג צו געבן אף זײַן האלבאָשע. ער איז טאָמיד געווען אָנגעטאָן מיט דער לעצטער מאָדע.

ער איז אן אופגעקלערטער מענטש אויך, ער רעדט גערן אף רוסיש אפילע מיט ייִדן, כאָטשע מיט דער רוסישער גראמאטיק איז ער ניט שאָלעם, און ס'איז שווער אויסצורײדן דעם אָס „זש”, און ער מאכט ניט קיין כילעק צווישן „ס” און „ש”. נאָר ווײַל ער האלט פונעם גלײַכווערטל: „אז מײַן סוינעס פרײַנט איז מיר אויך א סוינע”, דעריבער רעדט ער ניט אף רוסיש מיט די יונגעלײַט, וואָס זיי קענען גוט ריידן רוסיש. מיט אזעלכע גערעט אים צומאָל זיך פארשטעלן פאר א געלערנטן דײַטש, כאָטשע ער רעדט דאפקע אף ייִדיש. נאָר איטלעכער פילט, אז פון קענען זייער גוט דײַטשיש ריידן איז אים שווער צו רעדן אף ייִדיש. און דערפאר ווארפט ער ארײַן א סאך דײַטשישע ווערטער אף: „אציאָן” „איציאָן”, „איזם”. אזעלכע ווערטער קען ער א גוזמע־גוזמאָעס. ער טראָגט שטענדיק מיט זיך עטלעכע נײַע ווערטער אף א פאפּירעלע אויסגעשריבן און כאזערט. עטלעכע אָפּגעניצעוועטע פראזעס האָבן אויך בא אים שטארק אויסגענומען. זיי זײַנען געווען בא אים אויסגעשריבן פון ביכער און אײַנגעקריצט אין זיקאָרן. לעמאָשל: שילער — דער אדוואָקאט פון דער מענטשהײַט, שעקספיר — דער ריז און דער קיניג פון די פּאָעטן, היינע איז א זשעני, אוכעדוימע.

סאָלאָמאָן איסײַיטש דינט איצט פאר א בוכהאלטער און פאר א קאסיר אין א קליינעם ווייץ־געשעפט בא צוויי שותפים, די הערן ביינוש און כא־

פערלאָפ. סכירעס נעמט ער ניט קיין סאַך, אַקעגן דריי הונדערט רובל אַ יאָר. ער פירט די ביכער פון בוכהאַלטעריע אף יידיש. ס'איז פאַראַן אַ טאַמ, פאַרוואָס סאָרקין האָט ניט מער פון דריי הונדערט רובל. הער ביי־נוש האָט געפּרוּווט איינמאָל אַ זאָג טאָן, מע וואָלט געדאַרפט סאָרקינען מויסעפ זיין סכירעס. נאָר הער כאַפּערלאַפּ איז געווען אַ מענטש זייער אַ מאָדנער. אַפּאָנעם, נאָך לאַנגע און טיפע מאַכשאָווע—וואָס דורך דעם איז אף זיין פּאָנעם טאָמיד געלעגן אַ מאָרעשכוירע,—איז בא אים אין קאָפּ אופגעקומען זיין אייגענער געדאַנק אף דער וועלט. ער איז געווען באַטועך, אַז יעדער מענטש איז אַ גאַנעוו. אויב עמעצער גאַנוועט ניט, האָט ער פריער געגאַנוועט, און אויב עמעצער גאַנוועט ניט און ער האָט פריער ניט געגאַנוועט, וואָס דאָס איז, אגעוו גערעדט, אַ גרויסער סאָפעק, איז שוין פאַרגעוויס קיין סאָפעק ניט, אַז ער וועט גאָר אינגיכן אָנהייבן צו גאַנוועווען. דערפאַר האָט אונדזער טיפער פילאָזאָף מיט אזוי אַ גרויסן כשאַד געקוקט אף סאָרקינען, מאַכמעס ער האָט אָנגעווענדט צו אים זיין שיטע מיט דער גאַנצער האַרבקייט, און האָט זיך געשטעלט שטאַרק אַנטקעגן, מע זאָל אים געבן אַ הויסאָפע. פון דעם דאַרפן מיר שוין קיין דייגע ניט האָבן. הער ביינוש האָט אָבער געלעבט אין גוט פריינטשאַפט מיט סאָרקי־נען. זייער אָפט, אַז כאַפּערלאַפּ איז ניט געווען, פלעגן זיי זיך באַראַטן צווישן זיך. צומאָל, נאָך אַ לאַנגן שמועס, פלעגט סאָרקין פאַרשרייבן עפּעס אין בוך, דערנאָך האָט ער באַוויזן הער ביינושן, און בא דעם האָבן אָנ־געהויבן צו גלאַנצן די אויגן און אַ שמייכעלע האָט געשפּילט אף די ליפּן...

נאָר ניט טאָמיד איז סאָרקין געווען אַזאַ געבילדעטער מענטש. עטלע־כע יאָר צוריק, אַז ער איז געקומען פון ליטע מיט פייעס און מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, האָט ער ניט געקאָנט געפינען קיין באַשעפטיקונג, און ער האָט געמוזט צו ווערן בעקפער בא דעם מעלאַמעד רעב שלוימע. דער איז געווען אַ ייד אַ לאַמדן און אַ גרויסער באַל־האַמצאָע.

רעב שלוימע האָט, לעמאָשל, געמאַכט פּרוּוון איבער זיינע טאַלמידים און דערפאַר האָט ער געדאַרפט האָבן אַ געהילפ. ער איז געווען אַ מענטש מיט היינטוועלטיקע אידייעס, און דער קאַנטשיק איז געווען בא אים בע־שאַס לערנען די קינדער ניט צום שמייסן, נאָר, אַזוי צו זאָגן, פאַרן אויג, מע זאָל אים זען. ער איז בא אים געווען באַהאַלטן אין אַ גלעזערן קעס־טעלע, וואָס איז געהאַנגען אף דער וואַנט, און ער האָט געדינט אף אָנ־צושרעקן די יונגע ווידערשפּעניקע הערצער. עס פלעגט זיך מאַכן, עמעס, זעלטן, זייער זעלטן, נאָר פאָרט פלעגט זיך מאַכן, אַז רעב שלוימע פלעגט אים ארויסנעמען און מיט אַ שטרענג פּאָנעם פלעגט רעב שלוימע פּאָ־כען מיט אים פאַר די אויגן פון דעם יונגן פאַרברעכער, ער פלעגט אַ

שמיץ טאָן עטלעכע מאָל איבער דעם לעדערנעם שטול, דורך דעם האָט ער בא דעם פארמישפּעטן ארויסגערופן ראיוינעס וועגן יענעם כיילעק, וואָס וואָלט געדארפט צו ליגן אָט אפ דעם שטול און צו פילן אפ זיך דעם גאנצן קויעך פון אָט די שמיץ. און דאָס דארף מען זאָגן, אז רעב שלוימע האָט ניט נאָר געשטראָפט זיינע טאלמידים, נאָר ער האָט זיי באלוינט אויך. לעמאָשל, זומער האָט ער אָפּגעדונגען א שטאל אין דעם הויז, ווו דער כיידער איז געווען, און די ווענט פון דער שטאל האָט ער באהאנגען מיט גרינס און די פּאָדלאָגע באשאָטן מיט גלאנצנדיקן זאמד. דאָס אָרט האָט זיך גערופן גאניידן, און ארײַנצוקומען אהינצו האָבן זוכע געווען נאָר די, וואָס זיי זיינען געווען מאסמידים און זיי האָבן זיך אופגעפירט לייטיש.

סאָרקין האָט זיך געפילט זייער גוט בא רעב שלוימען. ער האָט געפירט די קינדער אין כיידער און צוריק אהיים. ער האָט זיי געטראָגן וואַרעמעס און דעריבער האָט ער שוין פארשפּאָרט גיין אין א גאָרקיך, ווייל ער האָט צו ביסלעך פארזוכט פון אלע געריכטן. דורך דעם איז זיין וואַרעמעס באשטאנען פון אלערליי פארשיידענע געריכטן. כוץ דעם האָט ער איינגעקויפט פאר די טאלמידים עפּעס־וואָס פאר מעזומענע געלט, און אין אזוינע פאלן האָט ער זיך אליין אָפּגעדאנקט מיט פופציק פּראָצענט מעקלעריי-געלט, און דורך דעם האָט ער אָנגעהויבן קלייבן געלט. און אין דער צייט, בעשאס רעב שלוימע האָט אויסגעטראכט נייע פרווון איבער די קינדער, נאָך קיינמאָל ניט געהערטע, און ער האָט געשריבן לאנגע שירים אפ לאָשנקוידעש כון דעם, וויאזוי די זון מיט דער לעוואָנע שמועסן מישעבאָוו צווישן זיך, און דערמאָנען זיך, וואָס פאר א ווילטיק זיי האָבן געהאט אין דעם לאנד, וואָס עס רינט דאָרט מילך און האָניק, האָט סאָרקין דערווייל זיך אָנגענומען מיט די ערשטע אָנהייבן כון זיין אופקלערונג. די צייט פון זיין אופקלערונג טיילט זיך אפ צוויי צייטן. אין דער ערשטער האָט ער אויסגעארבעט בא זיך א גוטן קסאוו מיט יידישע, לאטיינישע און מיט דייטשישע אויסיעס און ער האָט שוין אָנגעהויבן צו האלטן פון זיך, אז ער איז א מענטש א הויך אופגעקלערטער און א מושלעם, ווייל פון דער היים האָט ער געבראכט מיט זיך א דייע, אז דער גאנצער כילעק צווישן אים און צווישן אן אופגעקלערטן מענטשן באשטייט אין דעם, וואָס אזעלכע ווי ער לערנט מען אין די קינדער-יאָרן געמאָרע און יענע לערנט מען שרייבן, דענצמאָל האָט ער זייער שטארק זיך איבערגענומען, ווי ער אליין פלעגט צו זאָגן: „אי אהער, אי אהינ״, אז ס'קומט אויס צו זיין צווישן יידן, איז ער א ייד, און אז ס'פארגייט א רייד וועגן געמאָרע, קען ער אויך ארײַנוואַרפן א וואָרט, און אז ס'קומט אויס צו זיין צווישן ניט־יידן, איז ער אויך א גוי.

איינמאָל, ווען ער און רעב שלוימע האָבן געשמועסט כון די אמע-

ריקאַנער און זייער פּרעזידענט, און אַז איטלעכער קאָן דאָרט ווערן א פּרעזידענט, האָט סאָרקין ארויסגעזאָגט זײַן גרויס בטיכעס, אַז ער וואָלט אויך געקאָנט זײַן א פּרעזידענט.

— וואָס איז, — האָט ער געזאָגט, — איך בין א מענטש אַן אָרנטלעכער, און א קסאַוו איז בא מיר א שיינער. פאַרוואָס זשע... פּס... וואָלט איך ניט געקאָנט זײַן קיין פּרעזידענט?

גאָר מיט די באַשערטע קויכעס פון דער נאַטור, זאָגט שילער, וועסטו קיין איבּיקן בונד ניט פאַרקניפּן. און דאָס אומגליק שפּאַנט גיך. דאָס אומגליק האָט דאָס מאָל זיך באַוויזן פאַר אים אין דער געשטאַלט פון איינעם זײַנעם א שטאָטמאַן, וואָס האָט געהאַט גאָר אַנדערע געדאַנקען וועגן אַן אויפגעקלערטן מענטשן, און ער האָט אָן ראַכמאָנעס כויזעק געמאַכט פון דעם מושלעם.

און דאָ הייבּט זיך אָן די צווייטע צײַט פון סאָלאָמאָן איסײַיטשס אויפקלערונג. ער האָט אָנגעהויבּן לערנען רוסישע גראַמאַטיק, דער סאַמע שווערסטער לימער פאַר אים, דעריקער פון זינט ווען ער האָט פאַרשטאַנען מיט זײַן ניט נאַרישן קאָפּ, אַז דאָ קאָן מען ניט בלענדן די אויגן. אַלע אַנדערע כאָכמעס האָט ער אויסגעלערנט פון דער פּראַקטיק. אַלע זײַנע געאָגראַפּישע קענטענישן זײַנען באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געוווּסט, אַז ס'איז פאַראַן קאַרטעס און אַז מיט דער ברייט און לענג און מיטן מאַסשטאַב קאָן מען האָבּן א האַסאָגע, ווו אַן אָרט געפינט זיך און ווי ווײַט עס איז פון אַן אַנדער אָרט. דאָס איבעריקע האָט ער געלאָזן פאַר פּאַכלײַט. ער האָט איינמאָל איבערגעלייענט שולגינס געשיכטע און האָט מיט גרויס ערנסט אָנגעהויבּן צו ריידן וועגן היכע זאַכן און גרינג צו האַלטן זײַן באַשעפּטיקונג. ער האָט איבערגעלאָזן רעבּ שלוימען אַפּ גאָס באַראָט, און נאָך לאַנגע זוכענישן איז ער אָנגעקומען אַפּ דער שטעלע, וואָס מיר האָבּן אים געטראָפן אין אָנהייב פון דער דערציילונג.

אָט אַזוי האָבּ איך א ביסל באַקאַנט געמאַכט מײַנע לעזער מיט סאָרקינען, נאָר קעדיי טיפער אַרײַנצודרינגען אין יענעמס כאַראַקטער, דאַרף מען אויך קענען דעם גאַנצן מײַמער, בא וועלכן ער איז אויפגעקומען.

2

סאָרקינס פאָטער איז געווען אַן אָרעמער שנײַדער און אַלע זײַנע יאָרן האָט ער געבּידעוועט אין גרויס נויט. ער איז געווען א פרומער ייִד — און האָט געאַרבעט זעקס טעג אין וואָך (פון זונטיק ביז זונטיק), און צום צווייטן זונטיק אינדערפרי איז אין שטוב ניט געווען קיין גראָשן. פאַרשטייט זיך, אַז בא אַזא מאַצעוו האָט ער זיך ניט געקאָנט שטאַרק אָפּגעבּן

צו זײַן זון. און כוץ דעם איז רעב שײַע געווען אינגאנצן אונטערן פאנ־טאָפל בא זײַן ווײַב כײַע. דאָס איז געווען א ווײַבל אינגאנצן אן עמאנ־ציפירטע, כאָטש זי האָט קיינמאָל אין לעבן ק'ין ביכל אין האנט ניט גע־האלטן.

כײַע איז געווען א ווײַבל א פאָליטיטשנע. מיט די שכיינים אָדער מיט עמעצן אנדערש איז זי געווען זייער איידל, נאָר אין דער היים האָט זי געפײַניקט א־יד בידנע מאנ. דעריקער איז זי געווען אינדערפרי ניט אופגע־לייגט. אז זי פלעגט אָנהייבן צו ראמען אין שטוב, פלעגט זיך אופהייבן אזא ליארעם, ווי א דונער וואָלט געדונערט. די טירלעך פון דער שאפע האָבן זיך פארהאקט מיט אזא מין קנאק, אז ס'איז געווען כידושים, ווי־אזוי האלטן זיי דאָס אויס. האָט זי גענומען א שטול אין די הענט, האָט דער שטול געקרעכצט, צום טיש זיך צוגערירט, האָט ער אָנגעהויבן טראַס־קען אין פאָדלאָגע. שײַע, נעבעך, וואָלט אין דער צײַט גערן פארבראכט ערגעץ אנדערש, ניט אין דער היים. נאָר אז ער האָט געמוזט מאכמעס נויט אָדער קעלט אָדער מאכמעס ארבעט צו בלײַבן אין שטוב, איז ער געווען זייער צערודערט און דערשראָקן און ער האָט זיך ארומגעטראָגן מיט דער ארבעט פון איין ווינקל אין צווייטן און געזוכט ערגעץ אן אָרט, וואָס ער האָט זיך מעשאער געווען, אז זײַן געטרײַע פלוגנעסטע האָט דאָרט ניט וואָס צו טאָן. נאָר טאָמיד האָט זיך אזוי אויסגעמאכט, אז ער האָט גרײַלעך א טאָעס געהאט. ווײַל דאפקע אפ דעם אָרט, וואָס ער איז געווען, האָבן איר אקוראט אָנגעשפארט אלע ארבעטן, און זי האָט זיך געוואָרפן און געליארעמט און געשלײַדערט וואָס אונטער די הענט, און צומאָל, קלאָמערשט אומגערן, אים געטראָפן עפעס אין קאָפּ ארײַן. כוץ דעם, אז זי איז לעבן אים דורכגעגאנגען, האָט זי טאָמיד זיך פארטשעפעט אין אים, און ער האָט שטילערהייט נאָכגעקוקט נאָך איר, נאָך יעדער ריר, ער זאָל ווײַסן, ווהין אהינצוטאָן זײַנע פיס און דעם גאנצן אויסגעבויגענעם גוף, און ערשט האָט זי נאָך געשריִען אפ אים, אז ער פלאָנטערט זיך פאר די פיס. קורץ פון דער זאך, זי האָט געקערט צום Genus Drachus domesticus, וואָס בא ליניען. נאָך אזא ראָמען די שטוב איז בא איר איבערגעגאנגען דאָס שווערע געמיט, און זי האָט שוין געקענט צו זײַן פאָליטיטשנע, נאָר בא שײַען, נעבעך, האָט נאָך אזא פאָגראָם א גאנצע שאָ דורכאנאנד געקלאפט און געזשומעט אין קאָפּ. טכילעס, באלד נאָך דער כאסענע, האָט ער זיך גע־וואָלט שטעלן ווי א באלעבאָס בא זיך אין שטוב, נאָר ס'איז א נעכטיקער טאָג.

כײַע האָט ווי א גיבער אויסגעשפילט אלע מילכאָמעס מיט אים, און זי האָט אים גוירוער געווען. איצט האָט ער שוין אפילע ניט די האָזע א פיפס צו טאָן. אין שטוב פירט זיך שוין אלץ אזוי, ווי כײַע וויל, און

אפילע א שטעל האָט זי אַזוי ווי בא א זשאנדארם, און אין יעדער ריר אירע וויַיזט זי ארויס גרויס גוורע. כוץ דעם איז זי געווען באריידעוודיק ווערליק די שכיינים, וואָס זיַינען געווען צופריגעלייגט מיט איר, אַזוי ווי אריסטאָטעלעס, — און אנדערע, וואָס זיַינען ניט געווען צופריגעלייגט מיט איר, האָבן זי גערופן באריידעוודיקע כיַיע־ראָע. שעלטן זיך האָט זי געקענט אָפּ כידושים, און צו איטלעכס וואָרט האָט זי געהאַט א קלאָלע. לעמאָשל, אַז שיַיע האָט געזאָגט, ס'איז שוין צײַט צו טרינקען טיי אָדער קאַווע, הייבט זי אָן צו שריַיען: טרינקען! און קיין סאַם קאָנסטו ניט טרינקען? אָדער אַז ער זאָגט: איך וואָלט עפּעס געגעסן, — זאָלן דיך עסן ווערעם, — ענט־פּערט זי בענימעס, שטיל. — קוקט אים נאָר אָן, א סאַך האָסטו שוין אָנגעפאַר־דינט אָפּצן עסן? פון אַלע דיַינע פאַרדינסטן קאָן אַקוראַט קלעקן אויף וואַסער מיט קאַשע און עסן פרעסט ער פאַר דריַיען. אָדער: ער ווייסט נאָר כּרעסן און זויפן. און פונוואַנען נעמט מען דאָס, איז ניט זיַין דיַיגע. און שיַיע האָט באַפוילן דעם מאָגן זיַינעם צו שוויַיגן און אַליין האָט ער אויך גע־שוויגן און ער. האָט מיט אַן עמעס געגלייבט, אַז אויף כיַיען האַלט זיך די גאַנצע שטוב. ער האָט דאָך אַזוי אָפּט געהערט, אַז ווען ניט זי, וואָלט פון אַלצדינג געוואָרן א מעל, אָדער אַזוי ווי זי אַליין האָט געפלעגט צו זאָגן: די גאַנצע שטוב וואָלט זיך איבערגעקערט האָרען־קאָרען.

כיַיע האָט אָפּט געקרענקט, און דענצמאָל האָט שיַיע זי געפּילעוועט, ווי א קליין קינד. און אַזויווי דענצמאָל איז איר געווען שלעכט אויפן האַרצן, דעריבער האָט זי ניט אויפגעהערט צו שלאָפן אָדער צו זידלען זיך. אָבער ער האָט געמעגט צו זיַין וויאַזוי קראַנק, האָט ער זיך ניט דערוועגט צו לייגן זיך אין בעט. ער האָט געדאַרפט צו אַרבעטן. נאָר איינמאָל האָט ער זיך אַנידערגעלייגט, און וויפל כיַיע האָט אים ניט איַינ־גערעדט, האָט ער זיך ניט אויפגעהויבן. ער איז טאַקע, האָט א פּאָנעם, גע־ווען ערנצט קראַנק. לעכאַטכילע האָט כיַיע אים געפּילעוועט, ווי עס גע־שיקט זיך פאַר א יידישער טאָכטער, און דעריקער, אַז די באַרעמהערציקע שכיינים זיַינען געווען דערביַי. נאָר אינגיכן איז איר די גאַנצע מיַיסע נימעס געוואָרן, און זי האָט גענומען אים שעלטן.

— קוק אים נאָר אָן, — האָט זי געזאָגט, ניט צו די שכיינים, כּאַר־שטייט זיך, נאָר צו די מאַלאָכים אין הימל, האָט א פּאָנעם, וואָס זעען צו איר צאַר, — קוק אים נאָר אָנעט, — האָט זי געזאָגט, — ליגט זיך א געזונ־טער ייִד און ניט ער שטייט אויף און ניט ער שטאַרבט. קראַנק איז ער? ער איז ניט קראַנק, ער וויל ניט אַרבעטן. דערלאַנגט אים אָקאָרשט א געזונטע שיסל מיט וואַרעניקעס, וועט ער אויפעסן, האָט קיין מוירע ניט, ער וועט ניט איינעם אפילע ניט איבערלאָזן, און וואָס דאָס וויַיב מיט די קינדער האָבן ניט וואָס צו עסן, איז ניט זיַין דיַיגע.

שפעטער, אז ס'איז אים געוואָרן נאָך ערגער, האָט זי אָנגעהויבן צו זינגען מיט עטלעכע טענער העכער.

— זאָג מיר דו, גאזלען, דערופּ האָסטו געקומען א ווייב, זאָלסט איר מאכן קינדער און זי זאָל דארפן דיך מיט זיי האָדעווען, הא? וואָס ענט־פערסטו ניט? איך קאָן דײַן טרייפענע פּארצע ניט אָנקוקן. אָדער נעם אײַן א מיסע־מעשונע, אָדער שטיי אוף און זעץ זיך ארבעטן, ניט, גיי איך אוועק מיט די קינדער, און דו וועסט דאָ פּייגערן ווי א הונט.

שײַע האָט שטיל געליטן און האָט געבעטן אפ זיך דעם טויט, און לעסאָף איז דער טויט געקומען. דענצמאָל האָט כײַע אָנגעהויבן צו זינ־גען מיט גרויס געפיל:

— ווי איז מיר, ווי איז מיר! צוגענומען בא מיר מײַן פרײַנט, מײַן גוטן און מײַן בעסטן פרײַנט! שײַע, שײַעלע מײַנער! אפ וועמען זשע לאָזטו מיך איבער מיט די אָרעמע יעסוימעלעך מײַנע? אוועקגעפלויגן די קאָשערע נעשאָמע דײַנע! אוי, שטיל שעפעלע מײַנס! ער האָט דאָך זײַן גאנצן לעבן קיין פליג אפן וואנט ניט געטשעפּעט. ווי איז מיר, ווינד איז מיר!

שײַען האָט מען אוועקגעטראָגן אפן הייליקן אָרט, און כײַע האָט אָנ־געהויבן צו קלאָגן: „צו וועמען זשע וועל איך איצט אויסלאָזן מײַן ביטער הארץ?“ און טאקע, ס'זײַנען אָנגעשטאנען פאר איר שווערע צײַטן. זי האָט אָנגעהויבן צו לײַדן הונגער און נויט מיט די קינדער. כוץ סאָלאָמאָנען איז בא איר נאָך געווען א מיידעלע יינגער פאר אים. אזוי האָט זי זיך געמוטשעט, ביז סאָלאָמאָן איז אוועק אין דער פרעמד און דאָס מיידעלע איז אוועק דינען.

אז זי האָט געוואָר געוואָרן, אז סאָלאָמאָן איסײַיִטש איז א בוכהאל־טער און א קאסיר און פארדינט א סאך געלט, האָט זי זיך מעיאשעוו גע־ווען צו מאכן א נעסיע צו אים, ביכדיי צו קריגן בא אים א ביסל געלט, ווײַל די טאָכטער האָט מען שוין געדארפט אויסגעבן.

סאָלאָמאָן איסײַיִטש איז געזעסן אין זײַן אופגעראָמטן אלקער, האָט זיך געררייכערט זײַן האוואנער ציגאַרער און האָט אויסגעשריבן ווערטער אפ „אציע“. ערשט פלוצים איז צו אים ארײַנגעפלויגן זײַן געטרײַע מאמע און איז ארופגעפאלן אפ אים מיט א פריילעכן געשריי:

— זון מײַנער, מײַן טײַער זונעלע!

סאָלאָמאָן איסײַיִטש האָט געמאכט א שטארק זויער פּאָנעם, אז ער האָט דערזען דעם גאסט.

— אָט האָסטו דיר, דער רועכ האָט זי געבראכט צו טראָגן, — האָט ער בייז געזאָגט.

כײַע האָט זיך באגאָסן מיט טרערן.

— דערופ בעטנ מיר קינדער בא גאָט, אז דערנאָכ, אויב מיר דארפנ אָנקומענ צו זיי, זאָלנ זיי אונדז ארויסטרײַבנ האלדז־און־נאקנ פונ שטוב ארויס?!

— זע נאָר, ווי זי האָט זיכ צעיאכמערט, — האָט ער אָנגעהויבנ צו שרײַענ, — וואָס ביסטו געקומענ צו מיר וויינענ? — ער איז אפ אנ עמעס געווענ אינ קאַעס. זי האָט דאָכ אימ איבערגעשלאָגנ צו פארדרײַענ דאָס עסנ. די מוטער האָט אימ דערציילט, צוליב וואָס זי איז געקומענ; אז דער טאָכטער דוואָסיענ איז שוינ לעמאזל געוואָרנ זעכצנ יאָר און מע דארפ...

— אזוי גאָר, און איכ זאָל איר געבנ געלט אפ דעמ, און צוליב וואָס דארפ זי כאסענע האָבנ? קעדיי אָנצוקינדלענ א נעסט מיט אָרעמע־לײַט און צו שטארבנ מיט זיי אינאיינעמ פונ הונגער? — ער האָט איר געגעבנ א צענערל און האָט זי טאקע דעמ אייגענעמ טאָג אָפגעשיקט אינ דער ליטע.

אזוי איז סאָלאָמאָנ איסײַיִטש אָפגעווענ בא אונדזערע שוטפימ אקעגנ א צוויי יאָר. ער האָט באקומענ דרײַ הונדערט רובל א יאָר און ער איז טאָמיד געווענ זייער שיינ אָנגעטאָנ, געגעסנ אינ די בעסטע האָטעלנ און איז געווענ, מיט איינעמ וואָרט, גאָר טשאקנדיק פונ קאָפ ביז די פיס. אויב ער איז טאקע געווענ אזעלכער, אז ס'איז געווענ גערעכט כאפערלאפס שיטע, האָט ער עס אָבער געמאכט אזוי בעריעש, אז קיינ לעבעדיקער נעפעש זאָל דערפונ ניט וויסנ. נאָר ס'איז שוינ געווענ אזוי באשערט, אז כאפערלאפ זאָל בלײַבנ דער גערעכטער. און מע קאָנ צו אימ קיינ טײַנעס ניט האָבנ, וואָס ער איז געווענ אזוי צופרידנ, ווײַל וואָסער פילאָזאָפ וועט זיכ ניט פרייענ, אויב ער זעט, אז זײַנ שיטע גילט אזא צײַט אָנ איינ אויסנאמ אפילע. כאָטשע סאָלאָמאָנ איסײַיִטש האָט גוט באהאלטנ אלע פאָדעמ, פונדעסטוועגנ האָט אונדזער שארפער פילאָזאָפ געפונענ איינ פעדעמל שלעכט באהאלטנ. ס'האָט געפעלט אקעגנ דרײַ הונדערט רובל אינ קאסע, און סאָרקינ האָט ניט געקאָנט אָנווײַזנ, וווהינ זײַנענ זיי אהינגעקומענ. הער כאפערלאפ האָט מיט היספײַלעס דערציילט הער ביינושנ פונ זײַנ געפינס, און יענער איז מערוצע געוואָרנ, אז כאפערלאפ זאָל אָפשאצנ סאָרקינענ פונ דער שטעלע. דערבײַ האָט ער געהאלטנ א קורצע רעדע, וויאזוי טיפ ס'איז געפאלנ די מאָראלישקײַט בא דעמ הײַנטיקנ דאָר.

פאר סאָלאָמאָנ איסײַיִטשנ זײַנענ אָנגעשטאנענ שלעכטע צײַטנ. מ'האָט געמוזט פארזעצנ זאכנ איינע נאָכ דער אנדערער, ווײַל ער האָט דאָכ ניט געקאָנט גיינ עסנ אינ אנ אנדערנ האָטעל, איידער פריִער. ניט, וועלנ זײַנע באקאנטע, וואָס וועלנ אימ דאָרט באגעגענענ, מיינענ, אז ער האָט טאקע אפדערעמעסנ קיינ געלט ניט. ער האָט דאָכ זיכ ניט געקאָנט ארויסקלײַבנ פונ דער טײַערער דירע; טאקע איבער דעמ אייגענעמ טאמ. דאָס הייסט,

אז הויצאָעס האָט ער געהאט גרויסע און ניט קיין גראָשנ האכנאָסע. צו־מאָל פלעגט ער פארדינענ עטלעכע רובל בא הער ביינושנ, וואָס מיט אים איז ער פארבליבנ א גוטער פריינט, אזוי ווי פריִער. ס'א שלעכטער איי־סעק, און קיינ שטעלע איז ניטאָ און ניטאָ. סאָלאָמאָנ איסייִטש האָט זיכ פארקלערט, ער האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ צו ליטעראטור, דאָס הייסט איבערזעצנ פונ דייטש אפ יידיש, נאָר ס'איז אים ניט געראָטנ, ער האָט ניט געפונענ קיינ דרוקער. פלוצימ איז אופגעקומענ א גליקלעכער געדאנק: מ'דארפ כאסענע האָבנ, נאָר ניט דאָ, אינ אָדעס, דאָ איז עפּעס ניט גוט, — אינ אנ אנדער שטאָט. און ס'האָבנ אָנגעהויבנ גיינ בריוו צווישנ אים און בארימטע שאדכאָנימ און שאדכנטעס. אינ איינעמ א שיינעמ פרימאָרגנ האָט סאָלאָמאָנ איסייִטש דערהאלטנ פונ כערסאָנ אזא בריוו:

„צו דעמ גוויר, דעמ בארימטנ און כאָשעווונ לאמדנ ס. סאָרקינ!

איכ ענטפּער אייַכ אפ אייַער בריוו מיקויעכ א קאלע. איכ האָב פאר אייַכ צוויי קאלעס,ביידע זייער שיינע. איינע איז די טאָכטער פונ דעמ זייער בעקאָווּעדנ שטאָטמאנ, אונדזערער א גוויר, הער שמאטקינ, און די צווייטע די טאָכטער פונ דעמ ניט וויניקער באקאנטנ בעקאָווּעדנ און רייַכנ שטאָטמאנ הער קוימענ. מאמזעל שמאטקינ איז א טיפּ אופגעקלערטע פרייַלנ, און זי וויל כאסענע האָבנ נאָר מיט א געלערנטנ און מיט אנ אופגעקלערטנ יידנ. זי שפּילט פּיאנע און זי רעדט אפ אלע לעשוינעס. און הער שמאטקינ אליינ איז אויכ אנ אופגעקלערטער מענטש. בא אים אינ שטוב איז אפנ דייַטשישנ שניט. מע זאָגט אפילע, אז ער רייכערט אומ שאבעס. מאמזעל קוימענ איז א פרומע יידישע טאָכטער, זי ווייסט ניט פונ קיינ כאָכמעס, זי לייענט זיכ איר צענע־רענע און דעמ טייַטש-כומעש. קיינ אייגענע דייע האָט זי ניט באמ קלייַבנ א כאָסנ, און זי וועט נעמענ דעמ, וואָס דער טאטע וועט איר געבנ. רעב יויסעפ קוימענ איז א מענטש פונ אלטנ שניט סייַ אינ דער האלבאָשע און סייַ אינ אלעמ איבעריקנ. א פרומער ייִד, און גייט אלע טאָג אינ שול. אָט פונ די צוויי קלייַבט אייַכ אויס איינע. אויב איר וועט טאָנ די זאכ מיט סייכל, וועט איר אייַכ איי־נע פונ די ביידע געוויס כאפּנ. פונ מיר, וואָס טוט טפילע פאר אייַער גליק און וואָס בעט דעמ אייבערשטנ, ער זאָל אייַכ שענקענ לעבנ און שאָלעמ. פלויני אלמויני“.

סאָלאָמאָנ איסייִטש האָט אָנגעהויבנ צו שפּאנענ איבערנ שטוב און צו צופּ: זייַנ בערשטלדיק געל בערדל. נאָכדעמ האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט און גענומענ קוקנ מיט זייַנע רויטע אייגעלעכ אינ איינ פּינטל, און לעסאָפ האָט ער א געשריי געטאָנ: מצאתי — געפונענ! ער איז גלייַכ אוועק צו ביי־נושנ און האָט אימ דערציילט, וואָס פאר א גליק עס שטייט אימ פאָר. באשער, אינ כערסאָנ איז פאראנ א רייַכע קאלע, און ער דארפ מיט איר

כאסענע האָבן. נאָר הערביינוש ווייסט דאָך זײַן מײַמעד, ער האָט גע־מוזט פארזעצן די בעסטע זאכן, און איר דארפט צו פארשטיין, אז אזוי קאָן מען ניט פאָרן זיך אָנקוקן מיט א קאלטע. בעט ער אים, זאָל ער אים אנטלײַען זײַן שאָפּן־פעלץ (ס'איז געווען ווינטער-צײַט) און ניט אף לאנג, ווײַל ער איז באָטועך, אז ער וועט קומען, דערזען און געווינען. הער ביינוש האָט זיך א טראכט געטאָן, פארוואָס דען. טאקע ניט אויסהעלפן א מענטש אין נויט, און האָט אים אנטליִען זײַן שאָפּן-פעלץ. דערנאָך איז סאָלאָמאָן איסײַיִטש אוועק צו א מויכער־ספאָרים און האָט זיך געקויפט די כיבורים פון הער סאָרקין. דער איז א פאבריקאנט פון בראָשורן און א פעליעטאָניסט פון בערלין. און סאָלאָמאָן איסײַיִטש איז געזעסן א גאנצע נאכט און האָט געלייענט. דערנאָך האָט ער א פּאָר טפילן געקריגן, האָט אָנגעגורט זײַנע לענדן און האָט זיך געלאָזן אין וועג ארײַן. פריִער האָט ער צו וויסן געטאָן וועגן דעם דעם שאדכן. אין כערסאָן איז סאָלאָמאָן איסײַיִטש פארפאָרן אין איינ האָטעל מיטן נאָמען דאָקטער סאָרקין און אין א צווייטן האָטעל מיטן נאָמען רעב שלוימעלע סאָרקין.

## 3

אין איין שיינעם ווינטערדיקן אפדערנאכט איז בא שמאטקינען אין דער היים געווען זייער ליכטיק און זאַף. מאמזעל שמאטקין איז געזעסן לעבן דער פּיאנע און האָט מיט ברענ עפּעס געשפּילט און גערעדט אף אלע לעשוינעס. ניט גאָר קיין שיינע, נאָר אזוי זיך. די נאָז איז געווען א ביסל צו לאנג, נאָר בא אלע קאָפּ־מענטשן זײַנען די נעזער לאנגע. הייסט עס...

די יינגערע מאמזעל שמאטקין האָט מיט פארגעניגן געקוקט אף דער עלטערער. זי האָט איר איטלעכס מאָל פאריכט עפּעס אין טואלעט און געהאלטן אין איינ אויספרעגן בא איר, ווי זי פילט זיך. איר איז געווען זייער ציקאווע צו וויסן, וויאזוי פילט זיך א קאלטע. די עלטערע מאמזעל שמאטקין האָט דערווײַל געקוקט איטלעכס מאָל אפן זייגער און שטילערהייט פאר זיך עפּעס געשעפּטשעט. זי האָט געכאזערט דעם קלוגן שמועס, וואָס זי האָט געהאט בעדייע צו שמועסן הײַנט מיט איר באשערטן. לעמאָשל:

זי. ס'איז ניט רעכט, אז די פרוי זאָל גאָרנישט וויסן, נאָר די קיך. אָט, לעמאָשל, האָב איך געלערנט כימיע און איך קאָך מיט דער כימישער מעטאָדע, נאָר איר מוזט מוידע צו זײַן, אז אזוי אן ארבעט קאָן ניט צופרידנשטעלן קיין אופגעקלערטן מענטשן.

ער. נו און קינדער דערציִען?

זי. טאקע דעריבער דארף מען, אז א פרוי זאָל מען אריינפירן אין אַלערליי זאכן. וויאזוי קען גאָר א קעכן זיין א דערציִערין? דערציט פריִער די דערציִערנס. אוכעדוימע...

זי האָט אויך געכאזוערט אפ אויסנווייניק שעקספירס מאָנאָלאָג

«To be or not to be, that is the question»,

וואָס זי האָט געהאט בעדייע צו דעקלאמירן. זי האָט אויך צוגעגרייט א רעדע אפ פראנצויזיש, נאָר וויסנדיק, אז אין דער פראנצויזישער גראמאטיק איז זי שטומפיק, איז זי איטלעכס מאָל אריין אין דער צווייטער שטוב, וואָס א לערער האָט דאָרט אין דער צייט געלערנט מיט איר ברודער, א גימנאזיסט, א באָכערל פון א יאָר זעכצן. אין דער מינוט, וואָס מאמזעל שמאטקין איז אריינגעגאנגען, האָט דער לערער געפרעגט בא זיין טאלמיד, ווו איז דער אינדישער אָקעאן, און דאָס יינגל האָט מיט א פארשעמט שמייכעלע צעשטעלט די פינגער אפ דער קארטע און געזוכט צווישן הודזאָנער איינגוס און בערינגגאָווער דורכגוס, אזוי ווי א בלינדער זוכט אפ דער ערד א פארלוירענע מאטבייע. דערוויַל ביז ער האָט געזוכט, האָט זי דערציילט דעם לערער קלאָמערשט פון איר וויקועכ מיט דער קלענערער שוועסטער: זי זאָגט, אז מע דארף אזוי, און איך זאָג, אז מע דארף אזוי, און ווי האלט איר? דער לערער האָט געפאסקנט. הער שמאטקין, וואָס איז דאָ געוועזן אפן לימעד מיט א באהאלטענעם מיין, אָנצוכאפן זיך מיט א כאָכמע, זעט די אומזיסטע טירכע פון זיין זון, און אליין קאָן ער אים ניט העלפן מיט זיין גאָרער אופגעקלערטקייט. האָט ער געבעטן דעם לערער, ער זאָל אים ווייזן דעם אינדישן אָקעאן. דער לערער האָט באוויזן, דערנאָך האָט דער טאלמיד שעמעוודיק שוין אליין באוויזן, ווו איז דער אינדישער אָקעאן. הער שמאטקין האָט ליב געהאט זיך צו בארימען מיט זיין זון, אז ער איז זייער א געראָטענער.

— מע דארף מוידע צו זיין, — האָט ער געזאָגט, — אז אין געאָגראפיע איז ער ניט אזא בעריע. דערפאר האָט ער זייער א שארפן קאָפ אין מאטעמאטיק.

— זייט מויכל, — האָט דער לערער געענטפערט, — אקוראט אין מאטעמאטיק איז ער גאָר א קליינער בעריע. און אויב איר ווילט, וועל איך אייַך באווייַזן.

הער שמאטקין האָט געוואָלט.

— נו, — האָט דער לערער געזאָגט, — איינער א מענטש איז דעם 12 אווגוסט 1848 יאָר געקומען צו פאָרן קיין לייַפציג און האָט געקויפט 742 ארשין געוואנט צו 3 רובל 45 קאָפיקעס אן ארשין. פרעגט זיך, וויפל איז ער אלט געוועזן?

דער טאלמיד האָט פריִער איבערגעכאזוערט די זאדאטשע, און דערנאָך

האָט ער אָנגעהויבן מיט א ניגון: מיר וועלן נעמען 1848 און מיר וועלן קייפלען אַף 742, וועלן מיר האָבן אזויפיל, דערנאָך וועלן מיר צעטיילן אַף צוועלף — איז אויסגעקומען, אז דער סויכער איז אַלט געווען העכער הונדערט טויזנט יאָר.

— נו, און די 3 רובל 45 וואָהין האָסטו אהינגעטאָן? — האָט דער לערער געפרעגט.

— אוי, איך האָב גאָר פארגעסן, — האָט דער טאַלמיד געענטפערט, — לאָ־מיר צוגעבן 3 רובל 45, — האָט ער געזאָגט מיט דעם אייגענעם ניגון, — וועלן מיר האָבן אזויפיל און אזויפיל.

— וויאזוי זשע קאָן דאָס גאָר זיין, — האָט דער לערער אים געגעבן צו פארשטיין, — אז א מענטש זאָל אַלט זיין הונדערט טויזנט יאָר?

— און אזא אַלטער מאַן זאָל נאָך קענען פאָרן אַפן יאריד? — האָט געטייַנעט הער שמאטקין.

— לאָמיר נעמען 1848 און צעטיילן אַף 742, — האָט אָנגעהויבן זינגען דער טאַלמיד, און ער האָט אזוי לאַנג געזונגען, ביז דער לערער האָט אים באַפוילן צו שווייַגן.

פונדעסטוועגן האָט הער שמאטקין געמיינט, אז אַלע זיינע קינדער און זיין זון אויך, פארשטייט זיך, האָבן אַלע שארפע קעפּ צו מאטעמאטיק. מאַלע וואָס ער האָט ניט געקאָנט מאכן די זאדאטשע...

אין דער אייגענער צייַט האָט סאָלאָמאָן איסייַיטש, וואָס אין האָטעל איז ער געווען פארשריבן דאָקטער סאָרקין, געהאָרעוועט איבער זיין באָרד, צו מאכן זי א ביסל ווייכער, און זיך געסטארעט, זיינע אייגעלעך זאָלן האָבן א מילדערן גלאנץ. ער איז געווען פארטאָן ניט ווייניקער ווי מאַמזעל שמאטקין. פון דעם בערלינער סאָרקינס אַלע בראָשורן איז אים מערער געפעלן איינע מיטן נאָמען „פלעביסציט". ער האָט געהאַט בעדייע געבן צו פארשטיין זיין קאַלע, וואָס איז דאָס אזעלכעס פלעביסציט, און ער האָט געכאַזערט די ווערטער און די פּאָזעס, וואָס האָבן בא אים אמערסטן אויסגענומען. „סובאָרדינאציע פון זיטלעכקייַט", „ווירקונג פון אונטערדריקנדיקער סוויווע", האָט ער געכאַזערט, בעשאַס ער האָט פארשפּיליעט דאָס קעלגערל פון העמד מיט א גאָלדענער שפּילקע. „אינדיפערענטיזם צו די פראָגרעסן פון דער ציוויליזאציע", „אפאטיע", „סימפאטיע", „אינערציע פון דער אינטעליגענצ", „אינטעליגענטישקייַט פון די מאסן", האָט ער געמורמלט, בעשאַס ער האָט אריינגעשטעלט די גאָלדענע קנעפּ אין די ציכטיקע ווייַסע מאנזשעטן. אָנגעטאָן דעם שאָפּן־פעלצ, און דאָקטער סאָרקין האָט זיך געלאָזן אין וועג ארייַן.

שמאטקינס היים איז געווען ניט ווייַט פון דעם האָטעל. סאָלאָמאָן איסייַיטש איז ארופגעגאנגען אַף די שיינע טרעפּ. דאָ האָט ער באגעגנט

עפּעס א קויטיקע אַלטע ייִדענע און ער האָט בא איר געפּרעגט, וויאַזוי אַרײַנצוגײן. די ייִדענע האָט אים באַוויזן. אז הער שמאַטקין האָט דערהערט די טריט פון דעם גאַסט, וואָס דער שאַדכן האָט אים נאָך הײַנט באַקענט מיט אים, איז ער אַנטקעגן אַרויסגעגאַנגען און אים זײַער פײַן אויפגענומען. א פּאַרסאָפּעטער, איז ער אַרײַן אין זאַל און האָט גלײַך אַראָפּגענומען דעם פּעלץ פון זײַן גאַסט, דערנאָך האָט ער אים באַקענט מיט זײַנע טעכטער. די ייִנגערע מאַמזעל שמאַטקין איז געוואָרן בלייך פון צערודערטקײַט. נאָר די עלטערע, וואָס אַלע כאַוועריטעס האָבן זי גערופן דיפּלאָמאַט, האָט זי געמאַכט פאַר אים אירע כיינדלעך מיט אַלע פּישטשעוועקעס. אין ווינקל פון זאַל האָט סאָרקין דערזען יענע ייִדענע, וואָס האָט אים באַוויזן דעם וועג. דאָס איז געווען מאַדאַם שמאַטקין. זי האָט דערווײַל שוין איבערגעטאָן אן אַנדער קלייד, א ביסל ריינער. פריִער איז זי געווען מעכילע היימיש אָנגעטאָן. הער שמאַטקין האָט געהאַלטן, אז ס'איז ניטאָ וואָס צו רעקאָמענדירן, צו באַקענען דעם גאַסט מיט זײַן ווײַב. ווי קאָן אַזאַ ניט אויפגעקלערטע ייִדענע ריידן מיט א געלערנטן דאָקטער.

— דאָס, מײַנע טײַערינקע, — האָט ער געזאָגט צו זײַנע טעכטער, — איז דער פּראָפעסער פון יענע ווערק, וואָס זײַנען אײַך אַזוי געפעלן.

— זייער אײַנגענומען, — האָט זיך אָנגערופן דער דיפּלאָמאַט, און זי האָט כיינעוודיק א פּיר געטאָן האַלב-קײַלעכדיק מיט איר לאַנגער נאָז.

— אַך, ווי אײַנגענומען, — האָט געזאָגט די ייִנגערע מאַמזעל שמאַטקין.

— מיט מײַנע טעכטער וועט איר קענען זייער פײַן זיך אונטערהאַלטן, — האָט געזאָגט הער שמאַטקין. — איך קאָן זאָגן אָן באַרימערײַ, אז גאָט האָט מיך געבענטשט מיט קינדער באַר־מײַלעס. די עלטערע מײַנע פּילט א גרעסערע נעטיִע צו ערנצטע כקירע-זאַכן. מײַן ייִנגערע האָט מער פאַרגעניגן פון ליטעראַטור, זי איז א פּאָעט. זי שרײַבט גרויסאַרטיקע שירים, נאָר בא דער עלטערער איז אויך גאָר א גרויסער פּאָעטישער טאַלאַנט. זייערע טאַלאַנטן זײַנען א ביסעלע פאַרשיידן, אויב מע קאָן אַזוי זאָגן, איז די עלטערע מײַנע — געטע...

— געטע, אָט דער פילזײַטיקער זשעני, — האָט א געשריי געטאָן דאָקטער סאָרקין.

— און די ייִנגערע איז שילער.

— שילער, אָט דער אַדוואָקאַט פון דער מענטשהײַט, — האָט ווידער א געשריי געטאָן סאָרקין.

— כוץ דעם, — האָט שמאַטקין געזאָגט, — האָב איך נאָך א זון; דער האָט זייער א שאַרפן קאָפּ צו מאַטעמאַטיק.

— יאָ, — האָט א זאָג געטאָן די קאַלע, — אין הײַנטיקער צײַט, ווען אוכעדוימע... איז די אויפקלערונג פאַר א פרוי געוואָרן אַקוראַט אַזאַ גענייטיקע

באדערפעניש אזוי ווי ברויט און פלייש. אין פריִערדיקער צײַט האָט די פרוי גאָר ניט געדאַרפט צו וויסן, נאָך די קיך. איך, לעמאָשל, האָב אויס־געלערנט כימיע און איך קאָן מיט דער כימישער טעאָריע. נאָר איר דאַרפט דאָך מוידע צו זײַן, אַז פאַר אַן אופגעקלערטער פרוי איז די קיך צו ענג...

— טײַערע מײַנע, — האָט זיך אַרײַנגעמישט הער שמאַטקין, — בײַ אופגע־קלערטע פרויען, ווי, לעמאָשל, בײַ מאַדאַם ק. און בײַ דער דאָקטערשע מ., איז זייער אַ גראָמע קיך און דערצו נאָך...

— איך האַלט אויך אַזוי, — האָט אָנגעהויבן ריידן סאָלאָמאָן איסײַיִטש און האָט גערעדט געצײַלטע ווערטער און באַטראַכט, בעשאַס ריידן, זיך געסטאַרעט, אַז זײַנע רויטע אײַגעלעך זאָלן האָבן אַ מילדן גלאַנץ, — אָט נעמט, לעמאָשל, פראַנקרײַך. דאָרט איז אין הײַנטיקער צײַט דער פלעבּיס־ציט געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, אַ פראַקטישע זאַך...

— נאָר איר ווערט פאַראַוואַדע זאָגן, — האָט אים איבערגעשלאָגן דער דיפּלאָמאַט, — נו און קינדער דערציִען?

— יאָ, — האָט סאָרקין פריילעך זיך אָנגעכאַפּט, — נו און קינדער דער־ציִען? — און ער האָט אַ קוק געטאָן אױף איר מיט ניצאָכן.

— אָט דאָס איז דאָך טאַקע, — האָט זי מיט היץ אָפּגעענטפערט. — דער־פאַר טאַקע דאַרף מען לאָזן די פרוי זאָל פירן אַלערליי איניאָנים. דערציִט פריִער די דערציִערנס. ווי קאָן זײַן אַ קעכן אַ דערציִערן?

הער שמאַטקין האָט נאָכאַמאָל דערמאָנט די פרויען, וואָס ער שטעלט זיי אַרויס פאַר אַ מאָשל.

— טײַערע מײַנע, — האָט ער געזאָגט, — בײַ דער מאַדאַם ק. און בײַ דער דאָקטערשע מ. קוקט די קעכן נאָך אױף דער קיך, און אױף דערציִען די קינדער איז אױף דעם דאָ אַ גוווערנאַנטקע.

— אָט נעמט, לעמאָשל, פראַנקרײַך, — האָט ווידער סאָלאָמאָן איסײַיִטש געפּרוווט אַרײַנצונעמען דעם שמועס אין זײַנע הענט אַרײַן. — דאָרט איז אין הײַנטיקער צײַט אַ פּלעבּ״סציט, קאָן מען זאָגן, געוואָרן אַ פראַקטישע זאַך. די סובאָרדינאַציע פון זיטלעכקײַט און זיטלעכקײַט פון יעדער טאָג, ווײַל אַ גאַנצע פאָלק איז זיטלעך... — אַזוי האָט סאָרקין גע־דאַרשנט אַ גאַנצע שאָ.

די קאַלע האָט מיט אַזאַ ברען אָפּגעדעקלאַמירט «To be or not to be», אַז סאָלאָמאָן איסײַיִטשן האָט געוואָרפן אין היץ און אין פײַער און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן אַזוי ווי ער וואָלט געזעסן אױף אַ גיפּטיקער שלאַנג, און אָנגעהויבן מיט אַ ברען צו אַפּלאָדירן. און זייער צערודערט האָט ער עטלעכע מאָל געזאָגט דאָס וואָרט yes.

מע האָט דערלאַנגט טיי. ס'איז אַרײַן דער מאַטעמאַטיקער און ס'איז פאַרגאַנגען אַ רייד, אַז אַלע זשעניִאַלע מאַטעמאַטיקער זײַנען ניט פײַיִק צו

מאטעמאטיק. סאָלאָמאָן איסײַיִטש האָט געבראכט א בארג מעשאָלים פאר א דײַע, אז ס'איז עמעס אזוי. דער מאטעמאטיקער האָט זיך געקלאָגט, אז ער האָט באמ לערער פונ געאָגראפיע באקומענ אנ איינס, ווײַל ער האָט ניט געוווסט, ווו איז טשוסאָוואיא אונ בעלאיא.

— פונוואנענ זאָל איך וויסנ, אז דער לערער זאָגט ניט, אויב ס'איז א דאָרפ, אָדער א פעסטונג, אָדער א טײַכל? גלאט אינ דער וועלט ארײַנ טשוסאָוואיא אונ בעלאיא, אונ גיי זוכ.

— טשוסאָוואיא אונ בעלאיא, — האָט סאָלאָמאָן איסײַיִטש זיך אָנגעכאפט, — ס'איז דאָכ צוויי דערפער אינ קאמענעצ־פּאָדאָלסקער גובערניע, איכ בינ דאָרט געווענ.

מע איז אוועק שפּילנ אינ פאנטעס. קיינ קושנ אוכעדוימע האָט מענ ניט געגעבנ, מע האָט נאָר אויסגעטראכט שירימ.

סאָלאָמאָן איסײַיִטש האָט פארפאסט נישטיקע שירימ:

נעכטנ בינ איכ געזעסנ,
אונ איכ האָב פארגעסנ,
ער שטייט באמ וואנט,
אונ מאכט מיט דער האנט.

די עלטערע מאמזעל שמאטקינ האָט פארפאסט ניט קיינ שלעכטע שירימ אונ האָט פארזיכערט, אז אפּ איטלעכער טעמע, וואָס מע וועט זאָגנ, קענ זי אָנשרײַבנ א שיר. סאָלאָמאָן איסײַיִטש האָט ניט געוואָלט גלײַבנ הינטער־שטעליק אונ האָט אויכ פארזיכערט, אז אפּ איטלעכער טעמע קענ ער אָנ־שרײַבנ א שיר. מאמזעל שמאטקינ האָט פארגעבנ אזא טעמע: אנ ארבעטער בעט בא גאָט, ער זאָל אימ ניט געבנ קיינ קלוגע קינדער, ווײַל מע וועט זיי פארשיקנ אהינ, ווו שווארצער פעפער וואקסט, אונ אויב ער וויל אימ שוינ דאפקע יאָ געבנ קינדער, טאָ זאָל ער אימ לעכאָלאפּאָכעס געבנ אי־דיאָטנ, ווײַל ס'איז פאראנ א הויז פאר אידיאָטנ, אָדער טויבשטומע, ס'איז אויכ פאראנ הײַזער פאר שטומע. אונ אויב ער וויל אימ געבנ א געזונט קינד, טאָ זאָל עס כאָטשע געבוירנ ווערנ מיט א געצײַג אונ מיט מאטע־ריאלנ. סאָלאָמאָן איסײַיִטש האָט מיטגענומענ מיט זיכ דאָס פארשריבנס אונ האָט זיכ אָפּגעזעגנט.

— וואָס פאר א געלערנטער מענטש, — האָט הער שמאטקינ געזאָגט, אז דער גאסט איז אוועקגעגאנגענ. — פס!.. וויִאזוי קלוג ער רעדט, העכער העלפט האָב איכ ניט פארשטאנענ.

אז ביידע מיידלעכ האָבנ זיכ ארײַנגעלייגט אינ די בעטנ, האָט די יינגערע געפרעגט בא דער עלטערער, ווי פילט זי זיכ.

— איך פיל זיך, — האָט זי געענטפערט, — אַזוי ווי אין יאַם פאַר אַ שטורעם.

סאָלאָמאָן איסײַיִטש האָט אַפּן וועג פאַר זיך געטראַכט: „אַ געלערנטער נאַר, גאָט מײַנער, וואָס פאַר אַ נאָז! מיר געפעלט בעסער די יִינגערע. המ! אַ שאָד, אַ שאָד“. וואָס אַ שאָד, האָט סאָלאָמאָן איסײַיִטש ניט געזאָגט. אַהיים געגאַנגען איז ער אין דעם האָטעל, ווו ער איז געווען פאַרשריבן מיטן נאָמען רעב שלוימעלע.

4

דעם צווייטן טאָג איז בײַ הער קוימענער אין שטוב געווען אַ גענעם. אַלץ, וואָס פריִער איז געשטאַנען אויף די פיס אָדער אויף פיסלעך, איז אַצינדערט געשטאַנען אויפן קאָפּ. מאַדאַם קוימענער האָט מוירע געהאַט, אַז ביז פאַרנאַכט וועט מען, כאָלילע, ניט אויפראַמען, דעריבער איז זי געווען אַזוי שטאַרק צעטראָגן, אַז זי האָט ניט געפילט, ווי דאָס טיכל אויפן קאָפּ האָט זיך צעדרייט און אַ גאַנצע פּאַסמע האָר, וואָס זי האָט געהאַט געווען ערשט ניט לאַנג זיי אָפּגעשוירן, איז אַרויסגעקראָכן אויף דער ליכטיקער שײַן. זי איז געלאָפן פון קיך אין זאַל און פון זאַל אין קיך, ווי עמעצער וואָלט איר נאָכגעלאָפן. זי האָט געשטערט דער דינסט אויפצוראָמען, און האָט אַלץ עפעס געזוכט. און ס'איז ניט קיין כידעש. הײַנט האָט געדאַרפט צו קומען דער כאָסן צו איר טאָכטער, צו איר באַסיעכידקעלע. און נאָך וואָס פאַר אַ כאָסן! רעב שלוימעלע סאָרקין, אַן אייניקל פון דעם באַל־מויפעס רעב אַוראָמצי, זיכרוינע ליווראָכע. און וואָס פאַר אַ פרומער ייִד! אַזאַ ערלעכער, מיט באָרד און פייעס, ניט ווי די הײַנטיקע מעשומאָדים, ייִמאַכשמאָם. און וואָס פאַר אַ לאַמדן דער רעב שלוימע איז! ער קען די גאַנצע געמאָרע מיט אַלע מעפאָרשים פון אָנהייב ביזן כאָפּ אויף אויסנווייניק. נו, און ווער ס'קען געמאָרע, קען שוין אַלץ. אַלע כאָכמעס זײַנען אין דער געמאָרע. און ס'מאַכט גאָר ניט אויס, אויב ער איז ניט אַזאַ רײַכער. קען ער דען ניט ווערן גלײַך קיין סוחער און זאָל בעסער מאַכן פון די אַלע, וואָס האָבן זיך געלערנט אין צען שקאָלעס? טוירע איז די בעסטע סכוירע, — אַזוי האָט געטײַנעט מאַדאַם קוימענער. און אין די איקער־זאַכן האָט דער מאַן מיט איר מאַסקים געווען.

דערווײַל איז רעב שלוימעלע בײַ זיך דאָרט אין דעם האָטעל אויפגעשטאַנען זייער פרי. ער האָט זיך אײַנגעוואַשן, אָנגעטאָן די טפילן און גענומען דעם סידער אין האַנט. אַלע האָבן געזען, וויִאַזוי ער האָט פרום געדאַוונט. נאָר אינדערעמעסן האָט ער ניט געדאַוונט. אויף דעם אָפענעם סידער איז געלעגן אַ בלעטעלע פּאַפּיר, וואָס אויף דעם האָט מאַמזעל שמאַטקין אים אָנגעשריבן, וועגן וואָס ער זאָל שרײַבן אַ שיר. רעב שלוימעלע האָט

צוגעלייגט דעם קאָפּ מיטנ מויעכ וויאַזוי אָנצוהייבנ. מע קאָנ אָנהייבנ: „אָ, גאָט מײַנער, גיב מיר ניט קיינ קינד", נאָר עפּעס פּאַסטנ ניט אַלע גראַמענ: הינט, רינד, אַלצ עפּעס נאַרישע כײַעס. „גיב מיר ניט, אָ, גאָט מײַנער, קיינ ק-י-י-י-נר", האָט ער געזונגענ, אַזוי ווי ייִדנ זינגענ באַם דאַווענענ. „גיב מיר ניט, אָ, גאָט מײַנער, קיינ קי-י-י-ינד. גיב מיר ניט, אָ, גאָט מײַנער, קיינ קי-י-י-ינד", — האָט ער אויסגעלאָזנ אַפּ אַ קאָל און האָט זיכ געשטעלט שמוינע־עסרע. דער רועכ זאָל דאָס נעמענ, האָט ער באַ זיכ געטראַכט, ס'איז, אַפּאַנים, ניט גרינג שרײַבנ שירים. נו, זאָל זײַנ נאָכרעם, אַז איכ וועל אָפּטרינקענ קאַווע, כ'וועל דענצמאָל זײַנ מערער אײַפּגעלייגט, וועל איכ אָנשרײַבנ, האָט ער געפּויעלט באַ זיכ. און ער איז פרייליכער געוואָרנ, וואָס ער האָט אַראָפּגעוואָרפּנ אַנ אָל פונ קאָפּ. ער האָט געעקט דאָס דאַווענענ, אָפּגעטרונקענ קאַווע, פאַררייכערט אַ ציגאַר אינ גענומענ די פּענ אינ האַנט און האָט אָנגעשריבנ: „גיב מיר ניט, אָ, גאָט מײַנער, קיינ קינד" און אָנגעהייבנ טראַכטנ: רינד, הינט... כאַפּט דאָס דער רועכ, מע קאָנ דאָכ אַפילע אַזוי קיינ ציגאַר ניט אויסרייכערנ. כ'וועל פריִער רייכערנ, דערנאָכ וועל איכ טראַכטנ. סאָלאָמאָנ איסײַיִטש האָט אויסגערייכערט דעם ציגאַר און ווידער גענומענ טראַכטנ. נאָר ווײַטער פונ הינט, רינד איז ער ניט אוועק. נו, האָט ער געפּויעלט, זאָל זײַנ נאָכ ווארעטעס, דענצמאָל איז אַ מענטש עפּעס דאָזיקער. סאָלאָמאָנ איסײַיִטש האָט גוט אָפּגעגעסנ, גענומענ דאָס פּאַפּירל אינ האַנט, אַ קוק געטאָנ אַפּ דעם מיט סינע און איז אַנשלאָפנ געוואָרנ.

דער ווינטערדיקער טאָג איז אַ קורצער. אַז ער האָט זיכ אויפגעכאַפּט, איז שוינ געוועזנ פאַרנאַכט. מע האָט שוינ געדאַרפט גיינ זיכ אָנקוקנ. ער האָט גענומענ צוויי פּאַסמעס פונ זײַנע פײַנע האָר און געמאַכט פונ זיי אַ פּאָר פּייעלעכ, און זײַנע קליינע כיטרע אייגעלעכ האָט ער זיכ געסטאַרעט, זאָלנ קוקנ פרום. ער האָט אָנגעטאָנ דעם שאָפּנ־פּעלצ און איז אוועקגעגאַנגענ. אינ קוימענס הויז האָט דער דוואָרניק טראָפּים געקערט דעם הויפ.

— ווהינ טראָגט דיכ דער רועכ, זשיד! — האָט ער געזאָגט סאָרקינענ גאָר אָנ אַ שום סינע, און זיכ ווײַטער פאַרנומענ מיטנ קערנ. און זיכ אַפילע ניט אומגעקוקט אַפּ סאָלאָמאָנ איסײַיִטשנ, וואָס איז זייער אינ קאַעס געוועזנ.

— און דו, ראַבטשיק, — האָט ער זיכ געקערט צום הונט, וואָס איז דאָ געלעגנ, — דו ביסט אַנ עמעסער זשידאָווסקער הונט, אַז אַ זשיד מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע גייט אַרײַנ, שווײַגסטו, און אַז ס'גייט אַרײַנ אַ פּראַוואָסלאַוונער, בילסטו.

ראַבטשיק איז אויסגעוואַקסנ באַ רעב קוימענענ אינ שטוב און ער איז

געוועז צוגעווינט צו לאַנגע קאַפּאָטעס. דאָס האָט שטאַרק פאַרדראָסן טראָ־פימען, וואָס ער האָט פינף און צוואַנציק יאָר געדינט דעם קייסער און דעם פאָטערלאַנד, ניט אַזוי ווי די הײַנטיקע צוציקעס.

— נו, קס, קס! כאַפּ אים! — האָט ער געריצט דאָס הינטל, נאָר אַז ער האָט געזען, ס'העלפט אים ניט, האָט ער געזאָגט:

— אַ זשידאָווסקער הונט בלײַבט אַ זשידאָווסקער הונט.

סאָלאָמאָן איסײַיטש האָט זיך דערקליבן צום הער קוימענס דירע און איז אַרײַנגעגאַנגען. אין דער רעכטער זײַט האָט ער דערזען די באַלעבאָס־טע אין דער אָפענער קיך. זי, די באַלעבאָסטע, הייסט עס, איז אַצינדערט געווען פאַרטאָן אין די לעצטע מײַסים פון איר גרויסער האָרעוואַניע: זי האָט געקאָכט וואַרעניקעס און געזידלט די קעכן אַף וואָס די וועלט שטייט. דער גאַסט איז אַרײַן לינקס. אים האָט באַגעגנט הער קוימען, אַ באַיאָרנ־טער ייִד, נאָר אַ געזונטער מיט רויטע באַקן און מיט אַ בעקאָוועדיק בײַכל אין אַ יאַרמיקע און אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע.

— שאָלעם אַלייכעם, — האָט ער געזאָגט צו סאָרקינען און אים דער־לאַנגט די האַנט, — פונוואַנען קומט אַ ייִד?

— אַלייכעם שאָלעם, פון אָדעס, — האָט סאָרקין געענטפערט און אים אַ קוועטש געטאָן די האַנט. — איך האָב אין כערסאָן אַ סאַך מאַסע־מאַטנס. — ער האָט ניט געוואַרט, מע זאָל אים בעטן זיך זעצן, און אָנגעהויבן צו זוכן מיט די אויגן אַ שטול. ער האָט געוווּסט, אַז פירן זיך גראָב אָן דערעכע־רעץ איז בײַ אַזוינע ייִדן, ווי רעב קוימען, פאַרעכנט פאַר ווילדע מאַנירן. באַם טיש האָט ער דערזען אַ דינינק יונג מיידעלע, וואָס איז רויט געוואָרן פון זײַן קוק און האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן. דערווײַל האָט זי דערזען, אַז די האַנט אירע זעט זיך אַרויס אַ נאַקעטע פונעם אַרבל, קימאַט ביזן עלנבויגן. איז זי נאָך מער רויט געוואָרן און האָט געשווינד צוגעדעקט די האַנט. אַף אַ צווייטן שטול איז געזעסן אַ יונגערמאַן, מוישע, וואָס האָט געדינט בײַ קוימענען אין קלייט. סאָלאָמאָן איסײַיטש האָט זיך אַנידערגע־זעצט אַנטקעגן דער קאַלע.

— איך האַנדל, פאַרשטייט איר מיך, מיט ווייץ, — האָט ער געזאָגט. — איך קויף, אויב עס טויג דער פּרײַז.

— אַהאַ, אַזוי, אַזוי, איך האָב געהערט. איר האַנדלט אין אָדעס, קערט איר, מינאַסטאַם, קענען דעם הער כאַפּערלאַפּ?

— דעם הער כאַפּערלאַפּ? יאָ, איך קען אים. ס'קומט אויס קימאַט אַלע טאָג זיך צו זען מיט אים. הם, הם, — האָט ער צוגעגעבן און געשאָקלט מיטן קאָפּ, און דערווײַל האָבן די פּייעלעך זיך געשאָקלט אַזוי ווי פּער־פּענדיקלעך. — ער איז ניט קיין לײַטישער מענטש. ער איז אַ גאַנעוו. ער האָט צוגעגאַנוועט צוויי בוקאַנע פערד, איך האָב זיי אַליין געזען. אים האָט

מען דערפאר פארזעצט אין טפיסע. געווען גוטע פערד, פעטע, שיינע, יאָ, איך וואָלט אײַך געראָטן, איר זאָלט מיט אים קיין אייסאָקים ניט האָבן.

— המ, גאָר אזוי, — האָט געזאָגט רעב קומען, — און איך האָב אים געהאלטן טאקע פאר א מאָדנעם מענטשן, נאָר פאר אן אָרנטלעכן.

— יאָ, מע קאָן זיך אָפנארן, — האָט ער ווײַטער געזאָגט, — און איך קען אלע סאָכרים אין אָדעס. איך האָב מיט זיי אלעמען געהאט אייסאָקים, מיט דעם באנקיר יע. און מיט די באנקירן ק. און ר. מיט דעם באנקיר ג. בין איך שטארק צונויפגעלייגט, מיר זײַנען אפ דו. „וואָס, זאָג איך אים און גיב אים א פאטש אין פלייצע (דערבײַ גיט ער א פאטש רעב קומענען), וואָס, זאָג איך, האָסט אײַנגעקויפט היינט אפ א רובל הונדערט טויזנט סכוירע? הא?“ — „שווײַג, — ענטפערט ער מיר, אָט אזוי (ער באווײַזט וויאזוי און גיט א שטופ קומענען אין ברוסט), — זאָגסט הונדערט טויזנט? איך האָב שוין אײַנגעקויפט פאר צוויי הונדערט טויזנט, און ביז נאכט איז נאָך, א דאנק גאָט, ווײַט“. און איך שווײַג, וואָרעם ער איז טאקע א גוי און א טרעפניאק. נאָר וואָס קאָנט איר טאָן מיט אים?

— און אײַערע אָדעסער, האָט מען מיר געזאָגט, האנדלען דאָכראָוו מיט אויסלאנד.

— יאָ, ס'איז אן עמעס. מיר האנדלען דאָכראָוו אין אנדערע מעדינעס אריין, ווײַט, ווײַט. — ער האָט אופגעהויבן די האנט און א מאך געטאָן מיטן פינגער, אזוי ווי ער וואָלט געטריבן פאר זיך גרויסע ווײַטקייטן. — דאָרט, אין יענע מעדינעס, ווו ס'איז לאָנדאָן, מארסעל, איך אליין בין דאָרט געווען. ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך א פּראָסטער ייִד. איך לעב אזוי, ווי מײַנע זיידע און מײַנע טאטע האָבן געלעבט. נאָר אין מיסכער פארשטיי איך ניט ערגער פון די דאָזיקע דײַטשן (דײַטשיש אָנגעטאָנענע ייִדן). וואָס מיינט איר? פרומקייט איז א מעניע צו פארנאָסע? עס הייבט זיך גאָר ניט אָן. וואָס ארט מיך, אז איך האנדל ניט אום שאבעס און אום יאָנטעוו? גאָט וועט מיר דערפאר מעשאלעם זײַן קייפל קיפלײַים אין אנדערע טעג. און צוליב וואָס טאקע האָט גאָט באשאפן אנדערע פעלקער און האָט זיי געגעבן זייער שאבעס, דאָס הייסט זונטיק, באלד נאָך אונדזער שאבעס? טאקע צוליב דעם, אז א ייִד זאָל נאָך שאבעס קאָנען פארדינען סײַ פאר שאבעס, סײַ פאר זונטיק. צוליב וואָס איז זיי געגעבן פאסכע? גאָט האָט זיי דאָך ניט ארויסגעפירט פון מיצראַיִם. אויך צוליב דעם, אז א ייִד זאָל קענען פארדינען אפ פּייסעך. דאָס אייגענע איז מיט טראָיִצע און מיט אנדערע כאָגעס. פארשטייט איר מיך, אז די ייִדן זײַנען געווען אין ערעצ־ייִסראָעל, האָט גאָט געוווסט, אז זיי וועלן האלטן שאבעס, ווײַל פון דער ערד איז גערונען מילכ און האָניק, און ווען ער האָט אונדז פאר אלע אונדזערע זינד (רעב שלוימעלע האָט א זיפצ געטאָן) צעשפּרייט

איבער דער גאנצער וועלט, האָט ער אָנגעהויבן צו זוכן אייצעס, די ייִדן זאָלן אין דער פרעמד אויך קאָנען האלטן שאבאָסים און יאָנטויווים. איז אָט האָט ער צוגעטראכט כאָגעס פאר אלע פעלקער, וואָס די ייִדן לעבן צווישן זיי, און ער האָט געמאכט, אז זייערע יאָנטויווים זאָלן זייַן אָדער פריִער אָדער נאָך אונדזערע. צוליב וואָס? א ייִד זאָל קאָנען פארדינען. אָט נעמט דעם טערק, וואָס אין קאָנסטאנטינאָפּאָל, און דאָרט ווייַט העט, העט (ער האָט א מאך געטאָן מיט די פינגער) אפ יענער זייַט האָרע כוישעך, ווו ס'ווינען די אראבער און די אנדערע זיבעציק לעשוינעס. דאָרט זייַנען אויך דאָ ייִדן, און זיי דארפן דאָך האָבן פּארנאָסע, און זיי דארפן האלטן שאבעס. וואָס זשע טוט אונדזער גוטער גאָט? האָט ער זיי געגעבן איין יאָנטעווודיקן טאָג אין וואָך. און ווען? פרייַטיק (ער האָט א קלאפּ געטאָן אין טיש). און פארוואָס? אלץ דערפאר (ער האָט ווידער א קלאפּ געטאָן אין טיש), אלץ קעדיי א ייִד זאָל קענען פארדינען און זאָל האָבן אוינעג שאבעס. מאשמאָעס, אז גאָט אליין וויל, אז ייִדן זאָלן האלטן שאבעס און יאָנטעוו. און וואָס טוען אָט די פארשאָלטענע דייַטשן? זיי האנדלען און פאָרן אום שאבעס. ס'וועט זייַן אָך און וויי צו זיי אפ יענער וועלט.

בעשאס זייַן ריידן איז ארייַנגעגאנגען מאדאם קוימען. זי האָט זיך אייַנגעפּאָרעט מיט די ווארעניקעס און זיך געשטעלט הערן, וואָס ער רעדט. מיט א גליקלעכן שמייכל און מיט האנאָע האָט זי געהערט זייַנע רייד. אין איר פּאָנעם האָט מען געזען, אז זייַנע ווערטער גייען איר גלייַך אין הארצן אריַין. ווען ער האָט גערעדט פון די דייַטשן, האָט זי געמאכט א שטרענג פּאָנעם, און אז ער האָט גערעדט פון גאָטס גוטסקייַט צו ייִדן, האָט זיך איר פּאָנעם צעשייַנט מיט א גליקלעכן שמייכל.

— און איך וועל אייַך זאָגן, — האָט זיך מאדאם קוימען ארייַנגעמישט, — אז אָט די ייִדן זייַנען גאָר קיין ייִדן ניט. זיי גייען ארום אין אוילעם האטויהו און זיי מיינען, אז זיי לעבן. נאָר אינדערעמעסן זייַנען זיי גאָר מייסים. זיי זייַנען נעשאָמעס פון עמעסע ייִדן, נאָר פון זינדיקע. אָט אמאָליקע צייַטן, — האָט זי צוגעגעבן מיט א זיפץ, — איז געווען רעב נאכמענצי, זיכרוינע ליווראָכע. אלע יאָרן פלעגט ער פאָרן אין קיִעוו אפ די קאָנטראקטן און פלעגט זיך דינגען א קלייט, נאָר די קלייט איז געווען א לייַדיקע, און אלע מענטשן האָבן זיך געכידעשט, צוליב וואָס דינגט רעב נאכמענצי א קלייט? און ס'איז געווען גאָר פּאָשעט. אפן יאריד פלעגן קומען א סאך אזוינע זינדיקע נעשאָמעס פארשטעלט פאר סאָכרים, מעקלערס, אוכעדוימע. ווי נאָר רעב נאכמענצי פלעגט דערזען אזעלכע, וואָס ער האָט געהאלטן, אז ער איז שוין גענוג באשטראָפט פאר זייַנע זינד, פלעגט ער צוגיין צו אים, צענעמען די פּאָלעס פון זייַן קאפּאָטע, און אלע פלעגן דער-

זען, אז אונטער דער קאַפּאָטע איז בא אים וויַיסע טאַכריכים, און דענצ־מאָל האָט ער אים געזאָגט: „דו האָסט שוין א טיקן, גיי דיר אין דיַין רו אריַין". דער מעס פלעגט פאַלן אַפ דער ערד און מע האָט אים מע־קאַבער געווען. זאָגט, איך בעט איַיך, רעב שלוימעלע, פאַרוואָס זיַינען איצט ניטאָ אזוינע הייליקע צאַדיקים?

אין דער אייגענער ציַיט האָט דער יונגערמאַן, וואָס האָט געדינט בא קימענען, עפּעס שטילערהייט געזאָגט דער פריַילן קוימען, און זי האָט זיך צעלאַכט. כאָטשע סאָלאָמאָן איסיַיִטש האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון זיך און איז געווען באַטועך, אז פון אים איז ניטאָ וואָס צו לאַכן, פונדעסט־וועגן האָט ער געמיינט, אז דאָס לאַכט מען פון אים, און ער האָט אָנגע־שטעלט די אויגן צו דערהערן עפּעס פון זייער שמועס. מאַדאַם קוימענס שיַילע האָט אים ניט געלאָזט הערן, און ער איז געוואָרן זייער אין קאַעס. שטילערהייט האָט ער איר געווונטשן, זי זאָל איַינגעזונקען ווערן אָדער זי זאָל איַינעמען א מיסע־מעשונע דאָ אַפן אָרט. נאָר ער האָט א שמייכל געטאָן און האָט געענטפערט:

— פאַרוואָס איז ניטאָ? ס'איז אצינדערט אויך דאָ הייליקע צאַדיקים, נאָר ניט צווישן אונדז זינדיקע מענטשן. איך, ווי איר קוקט מיך אָן, קום איך ארויס פון א מישפּאָכע צאַדיקים. מיַין זיידע, זיכרוינע ליווראָכע, פונעם טאַטנס צאַד, איז געווען, ווי איַיך איז מיִנאַססאַמ באַוווסט, רעב אווראָמצי.

— פּס! וואָס הייסט? רעב אווראָמצי! ווער האָט ניט געהערט פון רעב אווראָמצין. ער האָט א שעם אַפ דער גאַנצער וועלט.

— און פון דער מוטערס צאַד איז מיַין עלטער־זיידע געווען רעב איסראָלצי אליין, דער באַלשעמטאָוו, זיַין זכוס זאָל אונדז ביַישטיין. איינ־מאָל גיי איך אזוי מיט מיַין זיידן רעב אווראָמצין פון מיקווע, איך בין באָך געווען א קינד פון א יאָר זעקס. ווי מיר גייען אזוי, ערשט אנטקעגנ אונדז קומט אָן אַן אַלטער בעקאָוועדער ייִד מיט א לאַנגער גרויער באָרד, און ער האַלט אין האַנט א גראָבן שטעקן מיט א זילבערנער גאָלקע. פריִער האָב איך אים קיינמאָל ניט געזען. דער זיידע האָט אים אַפ א קוק געטאָן שטרענג און מיט ביטל און ער האָט אים ניט געענטפערט אַפ זיַין גוט־מאָרגן. איך האָב נאָכדעם געפרעגט באַם זיידן, פאַרוואָס האָט ער ניט גע־ענטפערט דעם אַלטן אַפ זיַין גוט־מאָרגן. האָט ער מיר געזאָגט, און ס'האָבן זיך בא מיר אופגעשטעלט די האָר קאַפּויר, אז דאָס איז געווען ניט קיין לעבעדיקער מענטש, נאָר א מענטש פון אוילעם־האַטויהו, וואָס אין אים איז די נעשאָמע פון קוירעכן, ייִמאַך שמוי וועזיכרוי! און אויב דער זיידע זאָל אים געווען ענטפערן א גוט־מאָרגן, וואָלט ער דערמיט געווען זיַין נעשאָמע מעסאַקן זיַין, און דאָס האָט דער זיידע ניט געוואָלט, וויַיל אַפן הימל וואָלט זיך אופגעהויבן א גרויסער טומל.

מאדאם קוימענ האָט זיך אָנגעכידעשט וויפל דאָס הארצ גלוסט, אונ זי איז אוועק אינ קיך ברענגענ די ווארעניקעס. אונ מוישע איז אוועקגע-גאנגענ מיקויעך געשעפט־זאכנ. מע האָט דערלאנגט די ווארעניקעס. רעב שלוימעלע האָט געמוזט אופעסנ דריַי טעלער — אונ מאמזעל קוימענ האָט אופ־געגעסנ מער ווארעניקעס, איידער מע האָט זיך געקאָנט מעשאער זיַינ, קוקנ-דיק אפ איר ווי איידל זי איז. סאָרקינ האָט מיט איר דעמ גאנצנ אפדער־נאכט קיינ וואָרט ניט אויסגערעדט, וויַיל דאָס געשיקט זיך ניט. ער האָט דערציילט ווילע וויצנ אונ פריילעך געמאכט מאדאמ קוימענ, וואָס ער איז, האָט א פּאָנעמ, איר געפעלנ געוואָרנ, אונ זי האָט עס באוויזנ דורכ דעמ, וואָס זי האָט אימ אלע מאָל אונטערגערוקט די גרעסטע ווארעניקעס אונ האָט זיי באגאָסנ מיט א סאך שמאלצ.

סאָלאָמאָנ איסײַיטש האָט זיך געזעגנט, ער האָט געמאכט א שטארקנ רוישעמ אפ מאדאמ קוימענ, אונ זי האָט געזאָגט דעמ מאנ, אז קיינ בע-סערנ כאָסנ פאר דער טאָכטער קאָנ מענ ניט געפינענ, אז דאָס איז א ברי-ליאנט, אז זי האָט אימ שוינ ליב ווי אנ אייגענעמ זונ. אינ דרויסנ האָט סאָלאָמאָנ איסײַיטש פארלייגט די פּייעלעך אונטערנ אויער אונ האָט זיך געלאָזט גיינ אינ דעמ האָטעל, ווו ער איז געווענ פארשריבנ מיטנ נאָמענ דאָקטער סאָרקינ. ער האָט זיך געריבנ די הענט אונ האָט צופרידנ גע־טראכט: „נו, איינע פונ זיי וועל איך שוינ געוויס קריגנ, אויב ניט יענע, איז די".

5

ס'איז באשערט געווענ, אז דעמ אייגענעמ טאָג, פארנאכט, זאָל קיינ כערסאָנ קומענ צו פאָרנ הער כאפערלאפ. ער האָט געהאט געקויפט וויַיצ בא א פּאָרעצ. אפ זיַינ מאָרעשכוירעדיקנ פּאָנעמ איז געלעגנ א טיפע מאכ־שאָווע. ער האָט אינ זיך געטראכט: „אָט זעט, דאכט זיך, א פּאָרעצ — אונ אינ טאָכ גערעדט, איז ער דאָכ א גאנעוו. אפ גאָר דער וועלט פארקויפט מענ אצינדערט וויַיצ פאר 9 רובל 40 קאָפּיקעס א מעסטל, אונ אימ גיב 10 רובל. וואָס זשע הייסט עס? דאָס הייסט, ניט אנדערש, אז אפנ איידעלנ שטייגער וויל ער בא מיר פונ קעשענע ארויסגאנווענענ צו 60 קאָפּיקעס פונ א מעסטל. ס'איז נאָכ א גליק, וואָס בא מיר איז א מאָס מיט א צווייענדיקנ דנאָ, ניט, וואָלט ער מיכ באראבעוועט. אצינדערט איז א מיצווע אפ אימ". — פּלוצימ האָט ער דערזענ סאָרקינענ. „אהא, — האָט ער א געשריי געטאָנ, — ער איז אויכ דאָ. האָט א פּאָנעמ, געקומענ עמעצנ אָפּנארנ. זאָל ער אָפּנארנ, וואָס ארט עס מיכ? הער ביינוש טיַינעט, אז ער איז אנ ערלעכער מענטש, אָט האָסטו דיר. היַינטיקע ערלעכע מענטשנ, אלע זיַינענ אזעלכע"...

טראכטנדיק אזוי פון זײַן שותּף, איז הער כאַפּערלאַפּ צוגעגאַנגען צו א טראַקטיר, ווו עס קומען זיך צונויף סאָכרים. ער האָט געטרונקען טיי, גערעדט מיט דעם און מיט יענעם און פאַרפירט א שמועס מיט הער שמאַט־קינען, דער האָט אַקוראַט געשמועסט מיט מוישען, וואָס האָט געדינט בא הער קוימענען. דערווײַל, ווי מע האָט געשמועסט, האָט מוישע עפּעס געטראַכט פאַר זיך. ער איז געווען ניט גאָר גלײַכגילטיק צו פרײַלן קוימען און יענע צו אים אויך. דעריבער האָט ער געהאַפּט צו ווערן מיט דער צײַט איר גליקלעכער מאַן, און פּלוצים איז געקומען עפּעס א רעב שלוי־מע סאָרקין פון אָדעס און וויל בא אים ארויסכאַפּן פון אונטער דער נאָז די דינינקע ליבינקע מאַמזעל קוימען. ער האָט זיך דערמאָנט, אז רעב שלוי־מעלע האָט גערעדט שלעכטס וועגן כאַפּערלאַפּן. דעריבער האָט ער אַצינ־דערט געוואָלט הערן, וואָס וועט כאַפּערלאַפּ זאָגן וועגן סאָרקינען.

— הער כאַפּערלאַפּ, — האָט ער געזאָגט, — איר קענט ניט רעב שלוימעלע סאָרקין פון אָדעס?

— אהא, — האָט זיך אָנגערופן שמאַטקין, — איר קענט אויך סאָרקינען? ס'איז מיר אָבער א כידעש, וואָס איר רופט אים רעב שלוימעלע, געשיקט זיך דען, אז ס'איז דאָ צוויי סאָרקינס?

אונדזער שאַרפער פילאָזאָף האָט ניט ליב געהאַט סאָרקינען נאָך פריער פאַר דער גנייווע, מאַכמעס ער האָט געהאַלטן, אז זײַן ערלעכקײַט איז ניט מיט דער טעווע, נעכײַ בי וואָלט ער זיך געפּאַקט כאָטשע אַפּ א קליינינ־קער גנייווע. איז ער דיר אָבער אַן עמעסער צאַדיק, און וואָס ווײַטער אַלץ מערער. און דאָס איז גרינג צו פאַרשטיין, ס'האָט געהאַלטן דערבײַ, אז סאָרקין זאָל מאַכן צונישט זײַן גאַנצע שיטע, און ס'איז דאָך באַוווּסט, וואָס פאַר א באַשעפעניש איז א פילאָזאָף אָן א שיטע. דעריבער האָט ער אים שטאַרק, טאַקע שטאַרק פײַנט געהאַט.

— סאָרקינען, — האָט ער געזאָגט, — ווי געשיקט זיך עס גאָר, איך זאָל אים ניט קענען? איך קען אים אפילע צו גוט. וואָס פאַר א צוויי? איינער, ס'איז מער ניטאָ, ווי איינער, איך האָב אים ארויסגעטריבן פון מײַן קאָנטאָר דערפאַר, וואָס ער האָט מיך באַגאַזלט. איין גאָט ווייסט, וויפל טויזנטער ער האָט אַוועקגעגאַנוועט.

— ס'קען ניט זײַן, ס'איז ניט ער. מײַנער איז א הויכער יונגערמאַן מיט...

— און מײַנער איז אויך א הויכער יונגערמאַן.

— מיט א שטעכעדיק בערדל און...

— און מיט רויטע אייגעלעך.

— בא מײַנעם אויך רויט, אזוי ווי פײַער רויטע אייגעלעך, ער איז א שווינדלער.

— יאָ, — האָט הער שמאטקינ געזאָגט, — די סימאָנים זײַנען אזוי ווי בא מײַנ סאָרקינענ, נאָר מײַנער איז דאָכ א דאָקטער.

— נו, אז א דאָקטער, קאָנ ער ניט זײַנ קײנ שווינדלער? די דאָקטוי־רים זײַנען אלע שווינדלער, וואָסי, זײ ווײסנ עפעס? זײ קענענ נאָר געלט נעמענ, זײ זײַנען אלע גאנאָווים. ביסט קראנק געוואָרנ, הײסט עס, אז דו האָסט שלעכט אנידערגעלײגט. אונ אז דו ברענגסט א דאָקטער, הײסט עס, אז דו ברענגסט א גאנעוו צו א זינד. אָנשטאָט דעם פריִערדיקנ שפריכ־וואָרט דארפ מענ אצינדערט מאכנ א נײַ: זאָלסט ניט ווערנ קראנק, ווּעסטו ניט ברענגענ קײנ דאָקטער צו א זינד. אָט וועל איכ אײַכ דער־צײלנ אנ עמעסע מײַסע. ניט לאנג האָט זיכ מײַנ זונ פארקילט אונ דער־פילט עפעס שטעכעניש אינ ברוסט. ער האָט זיכ ארײַנגעלײגט אינ בעט. דאָס הײסט, ווי אינ שפּריכוואָרט: שלעכט אנידערגעלײגט, אונ אָנ א דאָקטער וועט מענ זיכ שוינ דאָ ניט באגײנ. איכ האָב גערופנ א דאָקטער. האָט איר שוינ געמעגט זענ, ווי ער האָט אים אופגעהויבנ אונ האָט אים אנידערגעזעצט אינ בעט אזוי ווי ער איז א קײלע מיט וואסער אונ ער האָט מוירע, כאָלילע, צו פארגיסנ א טראָפּנ. נו, האָט ער גענומענ אײנ פינגער אונ אוועקגעלײגט אפ מײַנ זונס ברוסט אונ מיטנ צווײטנ פינגער... פונ דער אנדערער האנט האָט ער גענומענ צו קלאפּנ אפּנ ערשטנ פינגער. געקלאפּט, געקלאפּט, נאָכדעמ זאָגט ער: ס'איז גאָרנישט, ס'וועט איבער־גײנ. מײנט איר דאָכ, אוואדע, אז אויב ס'איז גאָרנישט, דארפ מענ אים גאָרנישט געבנ? האָט איר א טאָעס. ער איז טאקע געזעסנ אונ האָט גע־וואַרט, ביז איכ האָב אים געגעבנ א רובל. נו זאָגט, איכ בעט אײַכ, איז דאָס ניט קײנ רעציכע? פארוואָס קומט דאָ א רובל? וואָס איז? איכ קענ ניט אוועקלײגנ אײנ פינגער אפּנ אנדערנ אונ קלאפּנ? אונ איכ קענ ניט זאָגנ דערבײַ: ס'איז גאָרנישט, ס'וועט איבערגײנ, אונ ווער וועט מיר אפילע געבנ א גראָשנ דערפאר? קײנער ניט. אונ פארוואָס? דערפאר וואָס איכ בינ ניט קײנ דאָקטער.

— מײַנער איז דאָכ אָבער א מעכאבער, — האָט געזאָגט שמאטקינ.

— נו, אונ מעכאברים זײַנען קײנ שווינדלער ניט? וואָס איז אזוינס א מעכאבער? ער וועט אײַכ אָנשרײַבנ א בוכ, אז וואנקע האָט זיכ פאר־ליבט אינ טאנקענ, אזעלכער איז ער געוועג דער וואנקע אונ אזעלכע איז זי געוועג די טאנקע, אונ וויִאזוי ער האָט זי ליב געהאט, — אונ גיב אים געלט דערפאר.

— נו, א גוטע פארפאסונג פרייט דאָס הארצ.

— וויִאזוי קאָנ עס פרײענ דאָס הארצ, — האָט הער כאפערלאפּ שטרענג געזאָגט, — דאָס הארצ פרײט זיכ, אז דו פארדינסט געלט, ניט אז דו ברענגסט אויס. אויב איר ווילט, אז דאָס הארצ זאָל זיכ בא אײַכ פרײענ, טאָ

טרינקט אויס א גלאָז ווײַן, טרינקט אויס א גאנצע קוואָרט, וואָס ארט עס מיך?

— נו, איך בעט אײַך, — האָט געזאָגט דער פארכידעשטער מוישע, — מײַנער הייסט זיך דאָך רופן רעב שלוימעלע, ער טראָגט פייעלעך און א לאנגע קאפּאָטע און ער קומט ארויס, זאָגט ער, פון רעב אוואָמצינ.

— פון רעב אוואָמצינ קומט ער ארויס? כאַ־כאַ־כאַ! סאָרקינ קומט ארויס פון רעב אוואָמצינ... און איך וועל אײַך דערציילן א סאָד אפּנ אויער, אז ער עסט אום יאָנקיפּער, און מאכמעס בא א יידן קאָן מען ניט געפינען קיינ עסנ אינ דעם טאָג, גייט ער אינ א גוייִשער רעסטאָ־ראציע און ער עסט טרייפס. ווי איך בינ א ייִד, זאָג איך אײַך. ס׳איז אנ עמעס, טרייפס אום יאָנקיפּער! אָט דער סאָרקינ, — האָט ער צוגעגעבנ קאלטבלוטיק, — וועט אײַך אָפּנארנ. זאָל ער בא אײַך אפילע דאָס העמד צו־נעמענ, וואָס ארט עס מיך? — ער האָט זיך אויסגעדרייט צו אנדערע בא־קאנטע און צו אונדזערע לײַט האָט ער זיך שוינ מער ניט אומגע־קערט.

הער שמאטקינ האָט זיך געהאלטנ פאר זייער א קלוגנ מענטשנ, און ער האָט ניט געוואָלט אפילע צולאָזנ דעם געדאנק, אז עמעצער זאָל אים קאָנענ אָפּנארנ. ער האָט געוואָלט זענ באשײַמפּערלעך, דאָס הייסט, גייִנ צו סאָרקינענ און שמועסנ מיט אים וועגנ כאפּערלאפּנ. האָט זיך אזוי־ געטראָפנ, אז הער שמאטקינ איז געקומענ אינ דעם האָטעל, וואָס דאָרט וווינט דאָקטער סאָרקינ, אקוראט דענצמאָל, ווענ יענער האָט זיך געריבנ די הענט פונ פארגעניגנ און האָט נאָך ניט אראָפּגענומענ פונ זיך די לאנ־גע קאפּאָטע, און די האָר נאָך אויך ניט צורעכט געמאכט ווי ס׳פּאסט פאר א דאָקטער.

הער שמאטקינ, וואָס איז ניט באקאנט מיט די אויסלענדישע מינהאָגים, אז מע דארף אָנצוקלאפּנ אינ טיר פארנ ארײַנגאנג, האָט ער גלײַך געעפנט די טיר און איז געבליבנ פארגליווערט פונ פארוווּנדערונג. סאָלאָמאָנ איסײַיטש האָט גאָר פארגעסנ די מאלבושים זײַנע און האָט טכילעס זיך געוואָלט א וואָרפ טאָנ אנטקעגנ זײַנ גאסט, נאָר דערבײַ האָבנ די פּאָלעס פונ זײַנ קאפּאָטע זיך צעפלויגנ. סאָלאָמאָנ איסײַיטש האָט עס גלײַך דערזענ און איז גע־ בליבנ שטיינ, ווי עמעצער וואָלט אים דערלאנגט מיט א דובינע איבערנ קאָפּ. הער שמאטקינ האָט ניט ווילנדיק אזש א פײַפ געטאָנ. ער האָט זיך אָנגענומענ מיט הארצ און האָט געזאָגט צו סאָרקינענ:

— מײַנ טײַערער ייִד, איך בעט אײַך, איר זאָלט מער ניט איבער־ טרעטנ די שוועל פונ מײַנ שטוב. איך ווייס אלצ, סײַ די מײַסע מיט הער כאפּערלאפּנ, סײַ אלע אנדערע זאכנ, זעט זשע! — און ער האָט פארהאקט די טיר.

— אָבער, ליבער הער שטאטקינ, — האָט סאָרקינ א געשריי געטאָנ, — דאָס איז דאָכ נאָר...

שמאטקינ האָט שוינ אָבער מער ניט געהערט.

אונ אינ דער אייגענער צײַט איז מוישע אזוי ווי מיט פליגל געפלויגנ צו קוימענענ אונ ער האָט אָנגעטראָפנ אימ אונ זײַנ כאָשעוו ווײַב נאָכ זיצנ באמ טיש. ער האָט זיי דערציילט, וואָס ער האָט געהערט, נאָר מאדאמ קוימענ האָט זיכ אפ אימ ארופגעוואָרפנ מיט אזא רעציכע אונ פונ איר מויל האָט זיכ א גאָס געטאָנ אזא מאבל מיט ווערטער אונ מיט זידלע-דײַענ, אז ער האָט נעבעכ ניט געוווּסט ווּהינ זיכ אהינצוטאָנ. נאָר הער קוימענ האָט אימ אָנגעהויבנ אויספרעגנ אלע פּראָטימ אונ ס'האָט זיכ אימ געדאכט, אז עפּעס איז דאָ ניט גלאט. ער האָט געוווּסט, אז כאפּערלאפּ איז יענעמס א סוינע, דעריבער האָט ער זיכ ניט פארלאָזט אפ זײַנע רייד, אונ ער האָט זיכ מעיאשעוו געווענ אונ איז געגאנגענ צו סאָרקינענ אינ דעמ האָטעל, וואָס ער איז געווענ פארשריבנ מיטנ נאָמענ רעב שלוימעלע. דאָרט האָט ער אימ ניט געטראָפנ. נאָר דער באלעבאָס פונ האָטעל האָט זיכ גאָר ניט געקאָנט אָנלויבנ.

— ס'איז אזא פרומער ייִד, — האָט ער געזאָגט, — דרײַ שאָ דאווּנט ער, אזעלכע ייִדנ זײַנענ דאָ ווינציק הײַנטיקע צײַטנ.

הער קוימענ איז גרינגער געוואָרנ אפנ הארצנ. „נו, יאָ, ס'איז א בילבל, — האָט ער זיכ געטראכט אוועקגייענדיק. — איכ האָב באלד פארשטאנענ". פונדעסטוועגנ האָט ער נאָכ געוואָלט גיינ א שמועס טאָנ מיט שמאטקינענ. דעמ הער שמאטקינ האָט ער געטראָפנ אינ דער היימ אינאיינעמ מיט זײַנע ביידע בסולעס. די פרײַלנ דיפּלאָמאט איז געזעסנ אָנגעבלאָזנ מיט אנ אראָפּגעלאָזענער נאָז. אונ די ייִנגערע האָט זי אלצ אויסגעפרעגט, וויִאזוי זי פילט זיכ. הער שמאטקינ האָט דערציילט קוימענענ אלצ מיט אלע פּראָטימ אונ האָט אימ אנ אייצע געגעבנ, ער זאָל צוגיינ צומ צווייטנ האָטעל, וועט ער אימ געוויס טרעפנ אצינדערט אָנגעטאָנ דײַטשעריש אונ אָנ א היטל. נאָר הער קוימענ איז שוינ ניט געגאנגענ אהינצו, נאָר צו זײַנ געטרײַער פלוינעסטע, וואָס איז די גאנצע נאכט ניט געשלאָפנ פונ גרויס קאעס.

סאָלאָמאָנ איסײַיִטש, אז ער איז געקומענ צו זיכ, האָט ער א טראכט געטאָנ: ס'איז א גליק, וואָס איכ האָב פונ לעכאטכילע אָנ זיכ געשאדכנט צו צוויי. ס'איז ניט קיינ גרויסער אומגליק, כאפּט זי דער רועכ, אָט די מאמזעל שמאטקינ. דעמ עמעס זאָגנדיק, בינ איכ אפילע צופרידנ, וואָס איכ בינ אירער פּאָטער געוואָרנ. זי איז דאָכ אזא מיִעסעניצע. מיר געפעלט הונדערט מאָל בעסער די קוימענ. ס'איז נאָכ ניט אלצ פארפאלנ. מע דארפ ניט אראָפּפאלנ בא זיכ, אונ מע דארפ נאָר וואָס גיכער, אז צו קוימענענ זאָל, כאָלילע, ניט אָנקומענ דאָס, וואָס ס'האָט זיכ געטראָפנ.

דעם צווייטנ אפדערנאכט האָט סאָלאָמאָנ איסײַיטש אָנגעטאָנ די לאנגע קאפּאָטע, זיכ אָנגעקעמט פּייעלעכ, ארופגעוואָרפנ אפ זיכ דעם שאָפּנ-פּעלצ, געמאכט זייער פרומע אייגעלעכ אונ איז אוועק. גלײַכ ווי ער האָט געעפנט די טיר צו הער קוימענ, אזִ מאדאם קוימענ האָט זיכ אנידערגעשטעלט אנטקעגנ אימ אויסגעטראָצלט, אונ האָט אימ אָפּגעגעבנ אזא מינ גוט־מאָרגנ:

— הער נאָר דו, שארלאטאנ, א רועכ אינ דײַנ טאטנ ארײַנ! דו שמאדילניק, גוי, טרעפניאק! — אָט אזוי האָט זי געשריגנ אלצ העכער אונ העכער. — קומסט אינ שטוב צו ערלעכע ייִדנ אונ דערציילסט זיי באָבע-מײַסעס אונ דו מאכסט פונ זיי דעם געלעכטער! דו אויסוווּרפ! דו אכבעראָש! קעדיי אָפּצושפּעטנ פונ זיי אונ אָפּצונארנ אנ אומשולדיק מיידל! א רועכ אינ דײַנ טאטנ טאטנס טאטנ ארײַנ!.. ארויס פונ מײַנ שטוב! — האָט זי געשריגנ מיט א רעציכע אונ ניט מיט איר קאָל. — טראָפּימ! — האָט זי א געשריי געטאָנ צומ דוואָרניק, — וואַרפ אימ ארויס האלדז־אונ־נאקנ, דעמ שווינדלער. — טראָפּימ האָט אימ זייער פײַנ געבעטנ, אונ סאָרקינ, א פארטשמעליעטער האָט זיכ געלאָזנ.

אינ הויפ האָט טראָפּימ ניט אויסגעהאלטנ אונ האָט נאָכאמאָל גע־פּרווּט מיט ראבטשיקנ. אונ ס׳האָט זיכ געטראָפנ א נעס. ראבטשיק, אפּאָ־נעמ, האָט זיכ אָנגעשטויסנ, אז סאָרקינ, כאָטשע ער האָט לאנגע פּייעס, איז ער ניט פונ דעמ שניט מענטשנ, וואָס אלע איבעריקע באקאנטע, אונ, צו טראָפּימס גרויס האנאָע, האָט ער אָנגעהויבנ בילנ אפ סאָרקינענ, אונ קעדיי נאָכ גרעסער צו מאכנ טראָפּימס געדולע, האָט ער אימ נאָכ א כאפּ געטאָנ פאר דעמ שאָפּנ־פּעלצ אונ מיט אזא קויעכ, אז א שטיק פּעלצ איז געבליבנ בא דעמ הונט אינ די ציינ.

סאָלאָמאָנ איסײַיטש האָט דערפילט, אז כערסאָנער לופט פארשאדט אימ, אונ ער האָט זיכ געגומענ זײַנ וועג גיכ צופאָרנ צוריק אינ אָדעס. פאר זײַנע באקאנטע, וואָס האָבנ געוווּסט, צוליב וואָס ער איז געפאָרנ, האָט ער דערציילט, אז די קאלע האָט די פאלנדיקע קרענק. ער האָט שטילערהייט זיכ דערוווּסט דערפונ, אונ ער איז זייער צופרידנ, וואָס ער האָט ניט כאסענע געהאט, כאָטשע מע האָט אימ אָנגעבאָטנ טויזנטער רובל נאדנ.

# קאָמענטאַר

# קאָמענטאר צו „דאָס שטערנטיכל“[1]

צו ז. 49

ש ט ע ר נ ט י כ ל (שטערנבינדל, קאָפּ־בינדע, בינדאליק) — א פּערל־צירונג, וואָס פרויענ פלעגנ טראָגנ אפנ קאָפּ.

ש ט ר ײַ מ ל — דאָס דאָזיקע יִדישע היטל באשרײַבט אײַזיק־מייער דיק אינ זײַנ „רעב שמאיע דער גוט־יאָנטעוו־ביטער“ (ווילנע, 1887, ז. 18) אזוי: „דער ווערכ... פונ סאמעט אונ אונ:נ... באליגט מיט סויבלענע אָגאָנקעס“. „דאָס היטעלע וואר קוידעש קאָדאָשים, מע האָט עס געטראָגנ נאָר שאבעס אונ יאָנטעוו, א כאָסנ אונטער דער כופּע אונ פּורימ צו דער סודע“.

ס פּ אָ ד ע ק — געוויינלעכ: א קײַלעכדיק היטעלע פונ שווארצנ סאמעט אָדער גונ סויבל, באליגט מיט סויבלנע שמויסלעכ.

ש א ב ע ס כ א נ ו ק ע — דער שאבעס אינ דער כאנעקע־וואָכ. כאנעקע הייבט זיכ אָנ דעמ 24־טנ קיסלעוו (אומגעפּער ארומ מיטנ דעקאבער).

ב א ל־מ ו י פ ע ס — באל־נעס, ווונדער־טוער; א כסידישער צאדיק.

ד ר אָ נ — דערינ.

צו ז. 50

מ ע ל ע ר — מאָלער.

צו ז. 51

מ א ס ע־מ א ט נ ס — געשעפטנ.

כ א ל פ אָ נ י מ (חלפנים) — געלט־אויסבײַטער, וועקסלער, באנקירנ.

א פּ כ אָ צ י ר ע ו ו ע כ (חצי רוח) — אפּ העלפט פּראָפּיט, אפּ העלפט פארדינסט.

ד ע ר ס א ר (שר) — דער פּאָרעצ; דער פּעאָדאלישער גוטבאזיצער.

א ש ל י ס ל — א גרופּע דערפער אונ שטעטלעכ, וואָס געהערנ צו איינ פּריצישנ שלאָס.

כ אָ ש ע ו ו (חשוב) — דאָ געמיינט: אָנגעזענ, האָט אנ אײַנפלוס.

ה א ל ט נ ד י ש ט אָ ט־א ר ע נ ד ע — דער אויסדרוק ווערט פארשטענדלעכ, ווענ מע

---

1 די דערקלערונגענ פונ היסטאָרישע געשעענישנ אונ פּערזאָנענ געהערנ דעמ כ׳ א. י ו ד י צ ק י. זיי זײַנענ באצייכנט מיט א שטערנדל. די איבעריקע זײַנענ צונויפגעשטעלט פונ כ׳ מ. ה ע ר.

נעמט אינ אכט, אז די געשעענישנ, וואָס ווערנ באשריבנ אינ „דאָס שטערנטיכל“, קומענ פאָר אינ די געוועזענע פוילישע פראָווינצנ. אינ פוילנ זײַנענ גאנצע שטעט געשטאנענ אפ א פאָרעצס ערד, אונ דעמ פּאָרעצ האָט געהערט דער באָדנ, אפ וועלכנ עס זײַנענ געשטאנענ די הײַזער פונ די אײַנוווינער.

טאקיפ (תקיף) — א רײַכער שטעטלדיקער קולאק.

קאָל וועכאָל (כל וכל, אָדער קאָל־וואָלאָכ) — דער „גאנצער מאכער“.

קאפיטאנ־ספראווניק — געמיינט: דער איספראווניק, דער פארוואלטער מיטנ אויעזד באמ צאריזמ.

א באל־מאכלויקעס — א מענטש, וואָס האלט אינ איינ לאָדנ זיכ, א יאבעדניק.

קאָהאָל (קהל) — די יידישע געמיינדע־פארוואלטונג. זי איז געוועזנ די אָנערקענטע פארטרעטונג פונ דער יידישער באפעלקערונג ביזנ יאָר 1844. אויספירלעכער וועגנ דעמ „קאָהאָל“ — אינעמ ארטיקל פונ כ׳ מארגוליס.

סאָנדעס — געריכטנ. יאָגנ זיכ באַ די סאָנדעס — שטענדיק מישפּעטנ זיכ, לאָדנ זיכ.

א גוטער־ייד — א כסידישער רעבע.

אנ אגונע (עגונה) — א ניט־געגעטע פרוי, וואָס איר מאנ האָט זי פארלאָזט אונ מע ווייסט ניט ווו ער איז. לויטנ יידישנ רעליגיעזנ געזעצ טאָר אזא פרוי ניט כאסענע האָבנ א צווייט מאָל.

קאָהאָל־שאמאָסימ — קאָהאָל־דינער.

א סארווער — איינער, וואָס דערלאנגט צומ טיש אונ באדינט באַ א מאָלצײַט (געוויינלעכ: באַ א כאסענע).

כעוורע כאיאָטימ (חיטים) — א כעוורע שנײַדער. די דאָזיקע „כעוורע“, ווי א ריי אנדערע באלמעלאָכישע כעווּרעס, וואָס זײַנענ געוועזנ אינ די יידישע שטעטלעכ, איז געוועזנ א רעשטל פונ די אמאָליקע מיטלאלטערלעכע צעכ־פאריייניקונגענ. געוויינלעכ פלעגנ אזעלכע כעוורעס פאריייניקנ די מײַסטערס אונ שטרעבנ צו באהערשנ דעמ אָרטיקנ מארק פונ די אנטשפרעכיקע האנטווערק־פּראָדוקטנ: אײַנשטעלנ באשטימטע ארבעט־באדינגונגענ, אויסשליסנ אָדער באגרענעצנ די קעגנזײַטיקע קאָנקורענצ צווישנ די האנטווערקער אאוו. די האנטווערקער־„כעוורעס“ פלעגנ אויכ געבנ קעגנזײַטיקע הילפ זייערע מיטגלידער. די אנטוויקלונג פונ אינדוסטריעלנ קאפיטאליזמ, וואָס האָט געבראכט צו דער צעפאלונג פונ דער האנטווערקערײַ, האָט ענדגילטיק אראָפּגעשווענקט די „כעוורעס“. אינ צארישנ רוסלאנד האָבנ זיי אינ אייניקע שטעט עקזיסטירט נאָכ אינ אָנהייב פונ אונדזער יאָרהונדערט. די פּראָטאָקאָל־ביכער פונ די „כעוורעס“ — די „פּינקאָסימ“ — זײַנענ וויכטיקע דאָקומענטנ פאר דער געשיכטע פונעמ עקאָנאָמישנ לעבנ פונ דער יידישער באפעלקערונג.

כעוורע קאדישע (חברה קדישא) — דער רעליגיעזער פאריינ, וואָס פארנעמט זיכ מיט: באגראָבנ טויטע לויטנ יידישנ ריטואל.

כעוורע מישנאיעס (חברה משניות) — א כעוורע (אייגנטלעכ, סטאמ א גרופּע יידנ), וואָס לערנט אלע טאָג אינ בעסמעדרעש „מישנאיעס“ (מישנע, דעמ עלטסטנ טייל פונעמ טאלמוד).

צו ז. 52

א בעסמעדרעש — איז קלענער פאר א שול; דאָרטנ פלעגט מענ אויכ דאוונענ אינדערוואָכנ (אינ שול פלעגט מענ דאוונענ מערסטנטיילס נאָר שאבעס אונ יאָנטעוו) אונ אכוצ דעמ פלעגט מענ דאָרטנ אויכ לערנענ.

א קלײַזל — קלענער פונ בעסמעדרעש, אָפט מיינט מענ דערמיט א כסידימ־שטיבל — א בעסמעדרעש פונ די כסידימ.

כאסוועשאָלעמ (חס ושלום) — באהיט זאָל מענ ווערנ. א באוואָרעניש באמ ־דער־

מאָנען עפּעס בייז. די שפּראַך פון א גלויביקן ייִדן איז בכלל געווען איבערגעלאָדן מיט אָבערגלויבישע באוואָרענישן. זיי שטאַמען פון דעם פּרימיטיוון גלויבן אין דער מאַגי־שער קראַפט פונעם וואָרט. רעדט דער גלויביקער וועגן עפּעס גוטס, באוואָרנט ער זיך, דאָס גוטס זאָל ניט אַנטלויפן, און גיט צו: „אָן איין הרע", „באָרעכאַשעם", „גאָט צו דאַנקען"; רעדט ער וועגן א מעגלעכן אומגליק, באוואָרנט ער זיך, אז די מעגלעכקייט זאָל ניט ווערן קיין פאַקט, און גיט צו: „כאָלילע", „כאַסוועשאָלעם", „אַל טיפטאַך פּע לעסאָטן", „גאָט זאָל אויסהיטן" אאַוו.

**אַכאָסערדייעניק** — א שוואַכזיניקער, אַן אידיאָט.

**אויב** — ווערט בא אַקסענפעלדן (ווי אויך בא מענדעלען) געברויכט אין א באַדינג־זאַץ אָנשטאָט „צי", צו באַצייכענען א באַדינגונג (דאָרטן, וווּ מיר זאָגן היינט „אויב", באַ־נוצט ער דאָס וואָרט „בעזים" (באַם).

**גוזמאָעס** (גוזמאות) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: א סאַך.

**לויהאָיאָפּאָני** — פון די העברעיִשע ווערטער „לא היה" (ניט געווען) און פון דעם וואָרט „פּאָליס" (א שטאָט). ס'איז, אַלזאָ, א סינאָנים פון „ניביוואַלע".

**דיקאַלטעשול** — א שול מיט א דאַך, אָבער אָן א סטעליע. מע פלעגט אין איר דאַוונען אין די יאָנטויווים און יאָמים־נוראָים.

**אַסאָראָבאַטלאָנים** (עשרה בטלנים) — צען ליידיקגייער, וואָס פאַרנעמען זיך ניט מיט קיין שום באַשטימטער אַרבעט. גרייט שטענדיק צו זיין א צענטער צו א מיניען (א ייִדיש עפנטלעך גאָטעסדינסט פאָדערט צען מענטשן), צו זיין אַן איידעס בא א געט אאַוו.

**כוצלאָזע** (חוץ לזה) — אויסער דעם.

**פּאָווערן** — פּויערים.

**באַלאַקען** — שמועסן, פּלוידערן.

**פּאָטשטשן** — נייסן, קלאַנגען.

## צו ז. 53

**דישיסלערעוויאָנקיפּער** (די „קיידע") פלעגט געשטעלט ווערן, די דאַווי־נערס זאָלן אַריינוואַרפן אהין געלט אַפּ באַדערפעניש פון קאָהאָל, פון דער שול אאַוו.

**נעסינע** (נתינה) — בוכשטעבלעך: גאָב, געמיינט: א נעדאָווע.

**מעוווזע** (מבוזה) — פאַראַכט.

**מינכע** — דאָס פאַרנאַכטיקע דאַוונען.

**אָנהויבנס** — געמיינט דעם אָנהייב פונעם אינדערפריִקן דאַוונען.

**שנתתקע"ב** (שנאַס טאַק־אין־בייס) — דאָס יאָר 5572 לויטן טראַדיציאָנעלן ייִדישן קאַלענ־דאַר. ס'איז דאָס יאָר 1812-13 לויט דער אייראָפּייִשער ערע.

**נאָד** — ווערט בא אַקסענפעלדן אָפט געברויכט דאָרטן, וווּ מיר שרייבן היינט „אויסער" אָדער „אַכוץ". **ניטמערנאָר** — גאָרנישט, אויסער.

## צו ז. 54.

**פּירגריז** („שורע־גריס", „אופיר", „אפאָר") — קאַליגראַפישע פאָרגעשריפטס: עט־לעכע ווערטער אָדער א שורע צי צוויי, וואָס דער לערער פלעגט פאָרשרייבן די שילער און שילערנס, זיי זאָלן נאָכשרייבן.

**ראַק** — נאָר, ניט מער.

**בעלפער** (ריכטיקער: **באַהעלפער**) — געהילף פון א מעלאַמעד, פלעגט ברענ־גען צו פירן די ייִנגלעך אין כיידער און אָפּפירן זיי אהיים.

**דאַרדעקע־מעלאַמעד** — דער מעלאַמעד, וואָס האָט געלערנט מיט קליינע קינדער אַלעפבייז.

קיטע — גרופּע.
כומעש — די ערשטע פינף ביכער פון דער ביבל.
כאָשעוו (חשוב) געוועזן — געווען געשעצט.
מידיי זמאן ביזמאן (מדי זמן בזמן) — יעדן זמאן.
זמאן — דער לערן־סעזאָן אין כיידער, א סעמעסטער. אין יאָר זײַנען געווען צוויי זמאנים: 1—פון נאָך פּייסעך ביז דאָשעשאָנע און 2—פון נאָך סוקעס ביז פּייסעך.

צו ז. 55
מאָסקוויטעריש — רוסיש.
לערנען — דאָ געמיינט: מערסטנטיילס.
אויוועך — דאָ געמיינט: אריבער, ארויס אין טיראזש.
ציפער — דאָ געמיינט: רעכענונג, אריטמעטיק.
באהאלט — דאָ געמיינט: האָב אין זינען.
קיטאיאָווענעמ — פון קיטײַקע (א פּאָשעט באוול־צײַג, אמאָל א טונקל־געל, געבראכט פון כינע).
סטראָקעס — פּאסן, שטרייפלעך, בענדלעך.
יארמיקע — יארמלקע.

צו ז. 56
בעים (באם) — אויב.
א קדימע (קדימה) — פּאָר־האנט, פּריווילעגיע.
מערוצע (מרוצה) געוואָרן — איינגעשטימט, אײַנגעגאנגען.
טקיעס־קאפּ (תקיעת כף) — האנט־שלאָג, מע גיט זיך די הענט צו באשטעטיקן, אז דער אָפּמאך איז געשלאָסן.
לאכלוטן — אבסאָליוט. דאָ געמיינט: אינגאנצן.
מעלובעש (מלובש) — אָנגעטאָן, געקליידט.
מײַסע מאלכעס — ווי א מיילעך.
קסאָווים (כתבים) — געמיינט: געשריפטסן, פּאפּירן.
שטעמפּעלאָווע פּאפּיר — הערב־פּאפּיר.
קוויטעס — דאָ געמיינט: קוויטלעך, קאבאָלעס, קוויטאנציעס.
דער זמאן — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: דער טערמין, די צײַט (ווען מע דארף צאָלן אָדער ווען מע האָט געצאָלט).
א סעדרע (סדרה) — אן אָפּשניט פון כומעש, וואָס ווערט געלייענט שאבעס. דער גאנצער כומעש (די ערשטע פינף ביכער פון דער ביבל) איז צעטיילט אפּ סעדרעס, אזוי אז דורכן יאָר פלעגט מען אים דורכלייענען אינגאנצן.
א פּארשע (פּרשה) — אייגנטלעך: אן אבזאץ (דער ביבלישער טעקסט צווישן צוויי אָפּשטעלן). אין דער עלטערער יידישער ליטעראטור פלעגט מען מיט דעם דאָזיקן וואָרט אויך באצייכענען א „סעדרע“, וואָס האָט א סאך „פּארשעס“.

צו ז. 57
א באל־טפילע — א כאזן.
זארעז: (פּויליש: zaraz) — באלד, גלײַך, טייקעף.
פּן יקדמני אחר (פּען יעקאדמייני אכייר) — טאָמער וועט דאָס פריִער פאר מיר טאָן אן אנדערער (טאָמער וועט אן אנדערער אויסכאפּן).
ריבקעלע — הרובקעלע.
רייש זהוּווים (ר׳ זהובים) — 200 גילדן.

**מעכילע** — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: ביטע. אינ אנ אנדער אָרט אינ דעמ זעלבנ מאָנאָלאָג באַטײַט דאָס וואָרט: „מיט רעספּעקט צו מעלדנ", „נעמט ניט פאַר אומגוט", «с позволения сказать».

**שיקסע** — א ניט־ייִדיש מיידל. א שאָוויניסטישער אויסדרוק.

**ווערט בלאט** — ווערט איינ צאר.

צו ז. 58

**האָבנ א פּאָנעמ ווי מוישע גראָנעמ** (גרוינעמ) — באַטײַט: ניט האָבנ קיינ פּאָנעמ.

**אווראָהאָמ אָווינו** (אברהם אבינו) — איינער פונ די לעגענדארע אורפאָטערס פונ די ייִדנ.

**גר ותושב אנכי עמכם** (גייר וועסוישאָוו אָנויכי אימאָכעמ) — א ביבלישע פראזע. באַטײַט: א נײַ־געקומענער — אנ אלטגעזעסענער בינ איכ בא אײַכ.

**סכאר־לימעד** (שכר למוד) — געלט פארנ לערנענ אינ כיידער.

**א באר־האוואָנע** (בר הבנה) — א פארשטענדיקער, פייִקער.

**קרוע־בלוע** — אָפּגעריסנ, אָפּגעשליסנ.

**ני דײַ, ני לײַ** — ניט גיב, ניש ביל.

**מאָנעפּשעכ** — איינס פונ די ביידע.

**א זיווע איז דאָכ מינ האשאָמאַימ** (מן השמים) — א שידעכ איז דאָכ פונ גאָט.

**ראָשכוידעש אָדער** (ראש חדש אדר) — דער ערשטער טאָג פונ אָדער (פעברואַל — מארט).

צו ז. 59

**געציפערט** — גערעכנט. דאָ געמיינט: געלערנט אריטמעטיק.

**אסאָראָ בעטייוועס** (עשרה בטבת) — דער צענטער טאָג אינ טייוועס (דעקאבער — יאנוואר).

צו ז. 60

**רחמנא יצילנו** (ראכמאָנאָ יאצילײנו) — דער אייבערשטער זאָל אונדז ראטעווענ.

**מעשאמער אומאצל זײַנ** — אויסהיטנ אונ ראטעווענ.

**דער אכבעראָש** — דער אויסוווּרפ.

**פּארציפעראָ** — פּארצעפ, פיזיאָנאָמיע.

**פּאָשע יִסראָעל** (פושע ישראל) — א פארברעכער, פארעטער.

**א טאָנעס** — א טאָג פונ פאסטנ.

**בעפארהעסיע** (בפרהסיא) — עפנטלעכ, פאר אלעמענ אינ די אויגנ.

צו ז. 61

**ראָשע־קעהילע** — פּרעזידיומ־מיטגלידער פונ דער קעהילע. אפ רוסיש האָט מענ זיי גערופנ кагальные (קאהאלנעס).

**ברישלײַק** — א פויערישער רעקל אָנ ארבל, ווי א וועסטל, מיט א שטייענדיקנ קאָלנער.

**א נישער** (נשאר) — א רעשט.

צו ז. 62

**ערנצטער** — ערנסטער.

**פאקע** — טאקע.

**„שלחן ערך"** („שולכנ־אָרוכ") — א קאנאָנישער קאָדעקס פונ ייִדישנ (רעליגיעזנ) רעכט, ריטואל אונ רעליגיעזנ שטייגער, פארפאסט פונ יויסעפ קאראָ אינ XVI יאָרהונדערט.

**אוינעש** (ענש) — שטראָפ.

**שויפעכ דאמ** (שופך דם) **צו זײַנ** — פארגיסנ בלוט.

**טארבעס** — אכטונג, דערעכערעצ.

*„מיר שיקן דעם באָכער מיט צוויי שאמאָסים טאקע אוועק צו רעב ... דעם ...“ — אקסענפעלד מיינט דאָ דעם באוווסטן כסידישן רעבן באָרעכ פינ טולטשינ אָדער באָרעכ פונ מעזשבעזש (געבוירנ ארום 1750, געשטאָרבנ ארום 1811). איינער פונ די צוויי זינ פונ יִיסראָעל באלשעמטאָווס (דער באגרינדער פינ כאסידיזמ) טאָכטער, האָדל. באָרעכס פאָטער האָט געהייסנ יעכִיעל אונ האָט געלעבט ערגעצ אינ א שטעטל ניט ווײַט פונ מעזשבעזש.

אקסענפעלדס כאראקטעריסטיק פונ באָרעכ פונ מעזשבעזש אלס אמאָרעצ אונ געלט־גיריקער באוײַסער באשטעטיקנ אויכ אנדערע קוואלנ. לעמאָשל, באמ מאסקילישנ שרײַבער א. ב. גאָטלאָבער (1811 — 1899), אינ זײַנע אויטאָביִאָגראפישע מעמוארנ „זכרונות ימי נעורי“ (זיכרוינעס יעמיי נעוריי), געדרוקט אינ „הבקר אור“ (האבויקער אויר), תרל״ח (1878) — לייענע מיר וועגנ דעמ דאָזיקנ כסידישנ צאדיק, אז ער „איז געווענ א צעפיעסטעטער זונ בא זײַנ מאמענ, האָט ניט באקומענ קיינ שומ דערציִונג, ניט געלערנט אונ ניט געלייענט, ניט גע־דענקט אונ ניט געטראכט, ניט געוווסט ניט קיינ טוירע, ניט קיינ וועלטלעכע זאכנ... זײַנ ערשטע אוודע איז געווענ צו פאָרנ פונ שטאָט צו שטאָט אונ „מאכנ“ געלט. אונ דער, וואָס האָט געגעבנ מערער געלט, דעמ האָט ער געגעבנ א שענערנ פלאצ לעבנ זיכ, איידער אלע איבעריקע גווירימ. ער פלעגט אומפאָרנ אינ אנ אייגענעמ קאָטש, ווי א גרויסער סראָרע, פלעגט שטענדיק אָפּריכטנ סודעס מיט וויַינ אונ פלייש. זײַנע כסידימ פלעגנ זײַנ שיקער אונ ארומגיינ ליידיק“.

זײַ מעסאלעק (מסלק) — צאָל אויס.

מושווע ווערנ — אויסגלײַכנ זיכ, דורכקומענ.

**צו ז. 63**

דאָביוועט — באקומט ארויס, נעמט ארויס.

„גיינ דורכ א הינטערגעסל צו רעב“... — געמיינט: צומ דערמאָנטנ באָרעכ פונ מעזשבעזש.

גאָספידע (gospoda) — אכסאניע, איַינפאָר־הויז.

יאָ האנאָע, ניט האנאָע — יאָ צופרידנ, ניט צופרידנ.

אפ דער מעדינע — געמיינט: אינ דער געגנט.

ניגלע (נגלה) — „אָפענע“ טוירע. געמיינט: טאלמוד אונ די טאלמודישע ליטעראטור.

ניסטער (נסתר) — „פארבאָרגענע“ טוירע. געמיינט: די ליטעראטור פונעמ יידישנ מיסטיציזמ — די „קאַבאָלע“ (קבלה).

פשיטע (פשיטא) — אוואדע, שוינ אָפגערעדט, זעלבסטפארשטענדלעכ.

שאלעסודעס — געמיינט: די דריטע שאבעסדיקע סודע, שאבעס פארנאכט. די כסי־דישע ראביײִמ פלעגנ דעמלט זאָגנ זייער „טוירע“ באמ טיש.

מעפורסעמ (מפורסם) — בארימטער.

**צו ז. 64**

א מעשאָרעס (משרת) — דאָ געמיינט: אנ אָנגעשטעלטער.

א שאפער אינ דאָרפ — אנ אופקויפער, א הענדלער.

געמאָרע — געמיינט: דער טאלמיד, א זאמלונג פונ האנאָכעס פונעמ אלטנ יידישנ רעכט, ריטואל אונ רעליגיעזנ שטייגער מיט דעבאטנ ארומ די דאָזיקע האנאָכעס. דער גרונט־טעקסט איז פארענדיקט געוואָרנ ארומ V—VI יאָרהונדערט פונ אונדזער ערע. אנטהאלט אויכ פיל לעגענדארישנ אונ פאָלקלאָרישנ מאטעריאל.

פשוט נבלה בשוק ואל תצטרך לבריות (פשויט נעוויילאָ באשוק וועאל טיצ־שארייכ לאבריִויס) — שינד א נעווײלע אינ גאס אונ קומ ניט אָנ צו מענטשנ.

צדאָקע — ווילטעטיקײַט, פילאַנטראָפּיע.

מויפּסים (מופתים) — ניסים, ווונדער.

* מײַסעס פון רעב ..., זײַנ זיידנ — געמיינט: מײַסעס וועגנ יִסראָעל באַלשעמטאָוו, דעמ באַגרינדער פון כאַסידיזמ.

* אינעמ סייפּער — געמיינט: אינ דער באַוווּסטער זאַמלונג „שבחי הבעש״ט״ (שיוואַכיי הבעש״ט), וועלכע באַשטייט פּינ וווּנדער־מײַסעס אונ לעגענדעס וועגנ יִסראָעל באַלשעמטאָווס געבורט, לעבנ אונ טעטיקײַט. צומ ערשטנ מאָל איז דער „שבחי הבעש״ט״ געוועזנ געדרוקט אינ יאָר 1815 אפּ העברעייִש אינ קאָפּיסט, אונ דערנאָכ אינ בערדיטשעוו; אפּ יִדיש — אינעמ זעלביקנ יאָר אינ לאַשציוו אונ אינ אָסטרע. „שבחי הבעש״ט״ איז שפּעטער דערשינענ אינ א סאַכ אויפלאַגעס אונ איז געוועזנ שטאַרק פאַרשפּרייט צווישנ כסידימ. דער אוטאָר פונ „שבחי הבעש״ט״ איז געוועזנ א ליניצער שויכעט דוויװ־בער בענ שמועל, וועלכער גיט אָנ, אז ער האָט אַלע ווונדער־מײַסעס אונ מויפּסימ וועגנ דעמ באַלשעמטאָוו געהערט פונ זײַנ שווער אלעקסאַנדער שויכעט, וואָס איז געוועזנ דעמ בעש״טס שרײַבער („סויפער״).

ווּעמענ האָט אַקסענפעלד געהאַט אינ זינענ מיט די ווערטער דער „רעב ..., וועלכער האָט אָנגעהויבנ צו מײַסענענ״, איז שווער פעסטצושטעלנ. ס׳איז שווער אָנצונעמענ, אז אַקסענפעלד מיינט דאָ דעמ באַלשעמטאָווס אור־אייניקל נאַכמענ פונ בראַצלעוו, וואָס איז געוועזנ באַוווּסט אַלס מײַסע־דערציילער; נאַכמענ פונ בראַצלעוו איז געשטאָרבנ נאָכ אינ יאָר 1810, דאָס הייסט, מיט פינפ יאָר פריִער, ווי ס׳איז דערשינענ דאָס בוכ „שבחי הבעש״ט״. גיכער פונ אַלצ מיינט מענ דאָ עפּעס א שפּעטערדיקנ כסידישנ „צאַדיק״. מעגלעכ, אז אַקסענפעלד האָט דאָ אינ זינענ דעמ באַוווּסטנ מאַטעלע טשערנאָבילער (געשטאָרבנ אינ 1837 יאָר), וועלכער פלעגט אויכ דערציילנ מײַסעס וועגנ דעמ באַלשעמטאָוו (זע אַקסענפעלדס „קאַפּצנ־אוישער־שפּיל״).

מײַסענענ — איראָנישע באַצייכענונג פאַר דעמ כסידישנ שטייגער צו דערציילנ ווונדער־מײַסעס פונ די כסידישע ראַביימ.

דענצמאָל — דעמלט.

## צו ז. 65

רעב קאָרעוו — א העפלעכע ווענדונג צו אנ אומבאַקאַנטנ (אַשטייגער, ווי דאָס איצטיקע וואָרט „פעטער״).

אפּ א פּסאַק (פּסק) — אפּ אנ אורטייל.

פונ וועסט וועגנ — פונ ווע‌מעס וועגנ, צוליב ווע‌מענ.

## צו ז. 66

אַרבע טאַנייסימ (ארבע תעניתים) — די פיר טאַנייסימ (אַסאָרע בעטייוועס, שיוואָסער בעטאַמוז, טישעבאָוו אונ צומ־געדאַליע).

האַרבע — דער אמאָרעצ האָט פאַרביטנ דאָס העברעייִשע וואָרט „ארבע״ (פיר) אפּ דעמ יִדישנ „האַרבע״.

פּיאָס (ריכטיקער: פּיוס, puce) — רויט־ברוינער.

גרעדיטיר (gros de Tour) — גראָ־דע־טור) — א שווער זײַדנ־שטאָפ (פונ דער פראַנצויזישער שטאָט טור).

א זשופּיצע — א לאַנגער יִדישער ראָק.

„זויהאַר״ („זוהר״) — דאָס גרונט־ווערק פונ דער טראַדיציאָנעלער יִדישער טעאָסאָפיע, אָנגעשריבנ, ווי מע רעכנט, אינ XIII יאָרהונדערט.

די לערע פונ „זויהאַר״ איז א טיפּישע מיטלאַלטערלעכע טעאָלאָגיש־נעאָ־פּלאַטאָנישע לערע. דער אוטאָר פונ „זויהאַר״ האָט עפּעס־וואָס אופגענומענ פונ דער קריסטלעכער מיסטיק פונ זײַנ צײַט אונ האָט עס אפּילע דורכגעשמוגלט אינ זײַנ ווערק; ער איז אויכ ניט געבליבנ אינ־

גאנצנ פרײַ פונ דער ווירקונג פונ דער מוסולמאַנישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע (פונ דעמ „קאַלאַמ״).

די פארבאָרגענע, אומבאגרײַפלעכע גאָטהײַט („דאָס אָנענדלעכע״, דער „אינ־סופ״); די צענ ספערנ (לויט דעמ שפעטערדיקנ ארט לייענענ „ספירעס״) אלס אטריבוטנ, אלס אויסשטראַלונגענ אירע; דעמ מענטשנס נעשאָמע אלס א דרײַ־איינהײַט פונ דער פיזישער לעבנס־קראפט („נפש״ — נעפעש), דעמ מאָראַלישנ גײַסט (רוח — רועכ) אונ דער פארנונפט, וואָס שטאמט פונ דער וועלט־נעשאָמע — דער געטלעכער „כאָכמע״, דאָס איז די פילאָסאָפיע פונעמ „זויהאר״. קיינ איינ עלעמענט פונ דער דאָזיקער מיסטישער לערע איז ניט אָריגינעל.

די לערע פונ דעמ „זויהאר״ וועגנ די „גילגולימ״ (פארוואַנדלונגענ) פונ דער מענטשלעכער נעשאָמע איז ניט מער ווי א ייִדישלעכער פאראפראז פונ דער פיטאגאָרעישער לערע וועגנ מעטעמפסיכאָזי. פונ דער פיטאגאָרעישער לערע איז אויכ גענומענ דער גלויבנ אינ דער דאָליע אונ דער קראפט פונ די צאָלנ (צענ ספערנ, דרײַ עלעמענטנ פונ דער נעשאָמע אאוו.). דער גלויבנ אינ דער קראפט פונעמ וואָרט, אינ די קאָמבינאַציעס („צירופימ״) פונ גאָטס נאָמענ — דאָס קומט פונ די גנאָסטיקער. אָנגעשריבנ איז דער „זויהאר״ אפ א שלעכטנ אראמיש.

א רעאקציאָנערע נעאָ־פּלאטאָנישע סיסטעמ, וואָס שאפט א ווידערשפרוכ צווישנ וועלט אונ מענטש, גײַסט אונ קערפּער אונ גייט ארויס פונעמ ווידערשפרוכ דורכ גאנצ פרימיטיווע אײַנפאלנ,—דאָס איז די סיסטעמ פונעמ „זויהאר״. די כסידישע באוועגונג האָט זיכ, נאטירלעכ, אָנגעכאפּט אָנ אזא סיסטעמ אונ האָט פראָקלאמירט דעמ „זויהאר״ אלס א הייליקנ בוכ.

ווי דער קאפּאָרע־האָנ... אינ דעמ „בניי־אָדאָמ״ (בני אדם) — דער אויסדרוק שטאמט פונ דעמ מינהעג פונ קאפּאָרעס־שלאָגנ.

דער קאפּאָרע־האָנ — דער האָנ, וואָס מע פלעגט מיט אימ שלאָגנ קאפּאָרעס (מע פלעגט אימ דרייענ ארומ דעמ קאָפּ אונ זאָגנ אפ העברעיִש: „דאָס איז מײַנ אומבײַט, דאָס איז אָנשטאָט מיר, דאָס איז מײַנ אויסלייז״). איידער מע פלעגט אָנהייבנ דרייענ דעמ האָנ ארומ קאָפּ, פלעגט מענ זאָגנ פונעמ סידער אייניקע פסוקימ, וועלכע הייבנ זיכ אָנ מיט די ווערטער „בני אדם״ (בניי־אָדאָמ). דעמ האָנ פלעגט מענ דעמלט האלטנ אינ האנט אזוי, אז ער האָט געקוקט באגלײַכ מיטנ דאווענער ארײַנ קוקנ אינ סידער.

ווי דער פלעדערוויש ווייסט... די בראָכע — דער אויסדרוק נעמט זיכ פונעמ ריטואל פונ מעוואַער־כאָמעצ זײַנ (פונעמ אויסראמענ אלדאָס כאָמעצדיקע) ערעוו פייסעכ. מיטנ פלעדערוויש פלעגט מענ שארנ, צי ס׳איז ניטאָ קיינ כאָמעצ (געזײַערט ברויט — אינ קעגנזאצ צו „מאצע״: ניט־געזײַערט ברויט), אונ בייס־מײַסע פלעגט מענ זאָגנ א באשטימטע בראָכע.

אפ כאלדייִש לאָשנ — אפ אראמיש („טארגומ־לאָשנ״).

„חכמה״, „בינה״, „אבא״, „אמא״ („כאָכמאָ״, „בינאָ״, „אבאָ״, „אימאָ״) — טערמינעס פונ דער קאבאליסטישער טעאָסאָפיע. דער „זויהאר״ רופט אָנ אלס איי.עמ פונ די אטריבוטנ פונ דער גאָטהײַט „חכמה״. באטראכטנדיק זי אלס אנ אקטיוונ פרינציפ פונ דעמ גאנצנ קאָסמאָס, רופט ער זי אויכ אָנ בילדעריש „אבא״ (פאָטער) אָדער „זכר״ (דער „ער״), א נאָענטער אָבער פאסיווער עלעמענט איז „בינה״; בילדעריש רופט זי דער „זויהאר״ אויכ „אמא״ (אימאָ — מוטער) אָדער „נקבה״ (די „זי״).

האוואָנע (הבנה) — פארשטאנד, באזינונג.

מאמצי (ממציא) זײַנ — דערפינדנ, אויס־עפינענ.

## צו ז. 67

פשאט (פשט) — זינ, באדײַטונג.

טויספעס (תוספות) — א קאָמענטאר צומ טאלמוד, א צוגאָב צו ראשיס קאָמענטאר.

באַרעכאשעמ (ברוך השם) — גאָט צו דאנקען. א באוואָרעניש באַם דערמאָנען עפּעס גוטס.

צו ז. 68

קודשא בריך הוא (קודשאָ בריכ הו) — גאָט.

פּאָשע (פּושע) — זינדיקער, פאַרברעכער.

פּידיען (פּדיון) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: דאָס געלט, וואָס מע גיט א כסידישן רעבן.

צו ז. 69

ת״ק (טאַק) — 500.

כופר־נפש (קויפער־נעפעש) — אויסלייז פאַר דער נעשאָמע.

באַבערמען — באַפּוצן די ראַנדן פון א קלייד מיט פוטער. דאָ געמיינט: צופּוצן, כאַופּוצן.

ניט אופּרופן — ניט רופן צום לייענען די טוירע אין בעסמעדרעש.

קידעש־לעוואָנע (קידוש לבנה) — די טפילע אף דער באַנייונג פון דער לעוואָנע (אין יונג־כוידעש). דער מינהעג שטאַמט פון ווײַטע געצנדינערישע צײַטן, און די מאַסקי־לים האָבן אים אויסגענוצט פאַר אַן אָביעקט פון זייער סאַטירע.

צו ז. 70

* דעם אָסטרער מאַגידס אַן אײניקל — געמיינט: בער מעזריטשערס טאַל־מיד יאַנקעוו־יאָסעף, וועלכער איז געווען א מאַגיד אין אָסטרע און איז באַוווסט געוואָרן אונ־טערן נאָמען פון זײַן כסידיש־מיסטישן קאָמענטאַר צו דער ביבל „רב ייבי״ (וואו יעיוועץ) (גע־דרוקט אין סלאַוווטע אין 1792 יאָר). געשטאָרבן אין אָסטרע סאָף XVIII יאָרהונדערט.

שקאָצים — ניט־ייִדישע יינגלעך. א שאָוויניסטישער אויסדרוק.

צו ז. 71

שייִרעסן (שירות) — דינסט, דינסט־אַרבעט.

טאָרעד (טרוד) — פאַרנומען, באַשעפטיקט.

ווי עס האָט א פּאָנעם געהאַט — ווי עס האָט אויסגעזען.

טירדעס (טרדות) — באַשעפטיקונג, פאַרנומענקײַט.

מעוברעס (מעוברת) — שוואַנגער.

צו ז. 72

הײַנט און אימידאָר (heute und immerdar) — הײַנט און שטענדיק.

צאַנציל אָמיש (בא מענדעלע מויכער־ספאָרים: סאַנצעלאָמעס) — וואַרשײַנלעך, פאַר־גרײַזט פון „שונאי ציון למות״ (סאָנע ציִען לאָמוס). אין ברײַנע־דאָברישעס מויל איז עס סטאַם א פאַראַזיטאַריש וואָרט אָן א שום קאָנקרעטן באַטײַט.

פון די שייפערס — פון די סייפערס, פון די ספאָרים, פון די „הייליקע״ ביכער.

קאָשע — דאָ געמיינט: אומפאַרשטענדלעך, ניט קלאָר.

כעפּציעס — שטיק, קאַפּריזן, פאָרטלען.

אנומלט (онамедни, онагдысь, онегдай) — מיט עטלעכע טעג צוריק.

א יעפאס־טויאר (יפת תואר) — א שיינע.

לאקאָמע זאַכ — געשמאַקע זאַך, דעליקאַטעס.

צו ז. 73

האָדײַעש (האָדײַעס) — די, וואָס האָדעווען די בעהיימעס.

מאָסקוויטער — רוסן.

מ ײַ ר י כ ־ י אָ מ י ם (מאריך ימים) ז ײַ ן — לאנג לעבן.
ס ט אָ ר י ז — װעכטער.
ר א צ ע מ אָ ר ע — א געשטרײַפט זײַדנ־צײַג.

צו ז. 74
ס י ק ע ר י ס ק ע — שיקורניק („שיקער״ מיטן זידל־כופיקס „יסקע״.
װ ר י אַ ש — דו לײַגסט.

צו ז. 75
ר א ד ז י װ ו ל ק ע (ראדזיװאָלקע, ראדזיװילװוקע, ראדזיװילקע) — 1) א קורץ פוילישן יאגד־רעקל; 2) א מין כסידישער לײַכטער אויבער־מאנטל. מע פלעגט אים טראָגן אפ איין ארבל, דער צװײטער ארבל פלעגט בלײַבן פרײַ.
קאָזלאָװע שיך — סאפיאנענע.

צו ז. 76
ז י ך ג ע ש א ס ט ע ט — זיך געדוײט, געריבן זיך.
א ן א ש י ר ע ס — דאָ געמײנט: א גװירנטע. א רײַכע.
מ י נ כ ע א ו מ ײַ ר ע װ (מנחה ומעריב) — די פארנאכטיקע און די אָװנטיקע געבעטן.

צו ז. 77
ב ע י א ד ש אָ ל י ש (ביד שליש) — אײַנלײגן אין די הענט פון א דריטן (דה. פון א זײַטיקן, ניט פון די בײדע צדאָדים); דעפאָזיט.
מ ע ר ו צ ע (מרוצה) — אײַנשטימיק, צופרידן.
* ה ע ר ש ע ל ע א ס ט ר אָ פ אָ ל י ע ר, ד ע ר װ ע ר ט ל ז אָ ג ע ר — א פאָלקסטימלעכער שפאסמאכער און װיצלינג, געװען זײער באליבט און פאָפולער צװישן די ברײטסטע יידישע מאסן אפ אוקראַינע און איז מיט דער צײַט פארװאנדלט געװאָרן אין דער פאנטאזיע פון מפאָלק אין א מין סימבאָלישער פארקערפערונג פון פאָלקס־הומאָר און פאָלקס־װיץ, אין אזא געשטאלט, לעמאָשל, װי טיל אולענשפיגעל.
הערשל אָסטראָפּאָליער האָט געלעבט סאָף XVIII און אָנהייב XIX יאָרהונדערט, א שטיק צײַט איז ער געװען א מין „הויפ־נאר״ אָדער „לעצ״ אינעם „הויפ״ פון באָרעכן פון מעזשבעזש. זײַן אופגאבע איז באשטאנען אין פרײלעכן מאכן דעם „צאדיק״ און זײַנע געסט.
הערשל אָסטראָפאָליערס גלײַכװערטלעך און שארפזיניקע װיצן זײַנען נאָך ביז אין דער לעצטער צײַט געװען שטארק פארשפרײט צװישן די מאסן, באזונדערס אין פּאָדאָליע און אין װאָלין, װי אויך אין קיִעװער ראיאָן. הערשל אָסטראָפאָליערס װיצן זײַנען שפּעטער געװאָרן צונויפגעזאמלט און אָפגעדרוקט אין פארשײדענע פאָלקסטימלעכע ביכלעך.
הערשל אָסטראָפאָליער פלעגט אָפט ליב האָבן אין א פארשטעלטער פאָרם דורך א װיצ צי דורך א מאָשל געבן דעם „צאדיק״ א קאפּוליער אָנצוהערעניש װעגן זײַן העסלעכער אויפירונג. װי א. ב. גאָטלאָבער דערצײלט אין זײַנע מעמוארן, האָט הערשל אָסטראָפאָליער איינמאָל אפילע זיך דערלויבט דורך א לײצאָנעסדיקן מאָשל אָנצוװײַזן באָרעכן פון מעזשבעזש אפ זײַנע שװינדלערײַען. דער „צאדיק״ האָט פארשטאנען, װוהין הערשל צילעװעט, און עס האָט אים שטארק פארדראָסן, האָט ער געהײסן זײַנע כסידים, אויך קלוימערשט אין א װיצ, אראָפּװארפן הערשלען פון די טרעפּ. די כסידים האָבן געפּאָלגט זײער רעבן און בא הערשלען האָבן זיך צעבראָכן די בײנער. ער האָט אָפּגעקרענקט א צײַט און איז דערפון געשטאָרבן.
װ ע ר ב ע נ י ק — װערביר־פּינקט.

צו ז. 78

**דראָשע־געשאנק** — מאטאָנעס, וואָס מע שענקט אַפ דער כאסענע דעמ נײַעמ פּאָרפאָלק.

**אָנשלאָגנ** — פאָרלייגנ.

צו ז. 79

**אדיר** — געמיינט: גוויר אדיר, א שטארק רײַכער מענטש.

**קראָמ־זעקלעכ** — זאָקנ געקויפטע, אויסגעארבעטע אינ א ווארשטאט, ניט קיינ היימיש געמאכטע.

**סיטקע** — א נעצ פאר די האָר, א שטיק שטאָפ פונ שנירלעכ, געפלאָכטנ אינ אויגנ.

**יאמפערקע** — אנ אלטפרענקיש פרויענ־פוצ. נ. פרילוצקי (אינ זײַנ בוכ „דאָס געווענט") ווייסט וועגנ דעמ צו זאָגנ נאָר: „אנ עלטערע פרוי האָט מיר אָפּגעמאָשלט, אָבער זייער ניט גענוי, — זי האָט נאָכ אלס קינד געזענ דאָס דאָזיקע שטיק אלטמאָדיש פרויענ־פוצ בא א באָבע אירער. ס'איז געווענ א מינ באנד, א שלייפל, א פּאָווער פונ העלנ שטאָפ, געטראָגנ פונ פאָרנט אפנ קאָפ פונקט איבער דער מיט פונ שטערנ".

צו ז. 80

**אנידיזנע** (отъездное) — געזעגנ־געלט.

**כאָסנ־מאָל** — דער געזעגענונג־מאָלצײַט, וואָס די קאלע מאכט פאר אירע כאוורטעס.

**פירנ באלייגנ** — פירנ כאָסנ־קאלע אינ א באזונדערנ צימער. דעמ צימער גופא פלעגט מענ רופנ „דאָס יִיכער־שטיבל".

**האוודאָלע** (הבדלה) — די טפילע (איבער א בעכער ווײַנ) שאבעסצונאכטס באמ אָנצינדנ פײַער, אפ אָפּצוטיילנ שאבעס פונ וואָכנ־טעג.

**דיעסיאטניקעס** (אָדער **דיעסיאטסקיס**) — נִידעריקע באפולמעכטיקטע פונ דער דאָרפס־פארוואלטונג (אפ אויסצופילנ א שליכעס).

צו ז. 81

**גאָראָד** — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: די אויעזדנע שטאָט.

צו ז. 82

**פּראָשעניעס** — באקאָשעס, מעלדונגענ צו מעלוכישע אנשטאלטנ.

**פעקלעכ כאפנ** — כאפנ קאָנטראבאנדע.

**קיינ מעלאָכעס** — דאָ געמיינט: קיינ קונצנ.

צו ז. 83

**בני־ראכמאָנימ** (בני רחמנים) — דערבארעמדיקע, בארעמהארציקע.

צו ז. 84

**דאיענ** — א מיטגליד פונעמ רעליגיעזנ געריכט, א מינ געהילפ־ראָוו.

**קאלימ** — אויסקויפ־געלט, וואָס דער כאָסנ טראָגט ארײַנ (בא אייניקע מיזרעכ־פעלקער) דער קאלעס עלטערנ. דאָ געמיינט: אויסקויפ־געלט, וואָס די געוועזענע קאלע האָט געמוזט געבנ איר אמאָליקנ כאָסנ.

**הויצאָעס האגעט** (הוצאות הגט) — הויצאָעס אפנ געט.

**מעוווזע** (מבוזה) — פאראכט.

**מעוואזע** (מבזה) — פארשעמט (עמעצנ).

צו ז. 85

**אווידעס** — ארבעטנ.

**פּאָזוואָליעט** — דערלויבט.

אוואָדימ (עבדים) — קנעכט.

מיקאָל־שקיינ (מכל שכן) — אוואדע אונ אוואדע.

הונצוואָט (היגטישער פוס) — מענוואָל, נידערטרעכטיקער מענטש.

פיעס, פאָביעגני נאָ, זאראז! — הונט, לויפ נאָר באלד צו!

נא, מאש — נא דיר, אָט האָסטו.

סראָרעס — מאגנאטנ, פריצימ, אדל־לײַט.

בראט, בראטיעצ — ברודער, ברודערל.

צו ז. 86

קאָל יאָמאָוו (כל ימיו) — זײַנ גאנצ לעבנ.

א פראָוואָרנעד — א פלינקער, ספריטנער.

נא, בראט, יא דאָוואָליענ טאָבאָיו — נא, ברודער, איכ בינ מיט דיר צופרידנ.

קניאז — פירשט.

צו ז. 87

כאלפענענ — אויסבײַטנ.

א כילעפ — א בײַט, אנ אויסבײַט.

בראטיעצ, וואָט טעבע זא טרוד — ברודער, נא דיר פאר דײַנ מי.

סמאָטריטעל — אופזעער.

טרעוואָגע — אליארעמ.

אָליעמביקאָוועָ — פילטרירטע, דעסטילירטע.

מארצאָווע ביר — מארט־ביר, מערצ־ביר.

צו ז. 88

א לעצ (לץ) — דאָ געמיינט: א רועכ, א שעד.

זיכ זאטשעפענ — ארײַנלאָזנ זיכ אינ א קריג, אָנרירנ.

גיזעק געוואָרנ — געשעדיקט געוואָרנ.

נערעג געוואָרנ — געהארגעט געוואָרנ.

די מעלניטשקע — די מילנערקע.

טײַוולס־קויט — ווארשײַנלעכ, דער געוויקס אסאפעטידע, די שטינקעדיקע אסע.

אצוועס (עצבות) — טרויער, מעלאנכאָליע.

קיינ שליטע (שליטה) — קיינ מאכט.

צו ז. 89

עמונאס כאכאָמימ (אמונת חכמים) — גלויבנ אינ קלוגע לײַט. געמיינט: דער כסידישער גלויבנ אינעמ צאדיק.

סיטרע אכרע (סיטרא אחרא) — „די קעגנזײַט”. געמיינט: די אומריינע קויכעס, דער טײַוול.

מיסנאגעד (מתנגד) — קעגנער פונ כסידעס, ניט קיינ כאָסיד.

זייכער צאדיק ליוורעכע (זכר צדיק לברכה) — דער אָנדענק פונעמ גערעכטיקנ זאָל זײַנ געבענטשט; א רעליגיעזער ייִד זאָגט עס באמ דערמאָנענ א פארשטאָרבענעמ, א פרומענ.

מוישע ראבייני (משה רבנו) — „מוישע אונדזער לערער”. א ביבלישע פיגור. וועגנ אימ ווערט אינ דער ביבל דערציילט, אז ער האָט פונעמ בארג סינײַ אראָפּגעבראכט פאר די בניי ייִסראָעל די צענ געבאָטנ.

* רעב ... האָט, פארנ טויט, דעמ צאדיק איבערגעגעבנ די מעמ־

שאָלע — דאָ מיינט מענ באָרעכ פונ מעזשבעזש, וואָס האָט איבערגעגעבנ די אָנפירונג מיט די כסידימ איג מעזשבעזש דעמ כסידישנ „צאדיק“ אוראָמ יעהושוע העשל (1745—1825), באוווסט אינ דער כסידישער וועלט אונטערנ נאָמענ „אפטער ראָוו“. דער „אפטער ראָוו“ האָט זיכ אויסגעצייכנט מיט זײַנ בארימערײַ אונ מיט די ווילדע גוזמאָעס, וואָס ער פלעגט ליב האָבנ צו דערציילנ וועגנ זיכ.

די מעמשאָלע (ממשלה) — די מאכט.

יאס — א שטאָט אינ מאָלדאוויע.

באל־מויפעס — באל־נעס, וווּנדער־טוער.

זויכע זײַנ — ווערט זײַנ, האָבנ דאָס גליק.

די זכיע — דער פארדינסט פאר גאָט דורכ פרומע טאטנ.

**צו ז. 90**

זיכרוינע ליוורעכע (זכרונו לברכה) — געבענטשט זאָל זײַנ זײַנ אָנדענק. א טראפא־רעטער אויסדרוק באמ דערמאָנענ א פארשטאָרבענעמ, א פרומענ.

צאדיק באטרעפט גײַנציק — געמיינט: דאָס אָס „צ“, וואָס איז אויכ א באַ־צייכענונג פאר דער ציפער 90.

גוזמע־גוזמאָעס — געמיינט: אָנ א שיר, אויסערגעוויינלעכ פיל.

אוזיאזד — צוזאמענקונפט.

כמה וכמה שנים (קאמאָ ווּעקאמאָ שאָנימ) — א סאכ יאָרנ.

**צו ז. 91**

כוימעמ — היצ.

עלעל (אלול) — אווגוסט — סענטיאבער.

האסקאָמע (הסכמה) — צושטימונג, רעקאָמענדאציע.

זייער מעוווּקעש — זייער פארלאנג.

געקומענ פונ דער פארנאָסע — געמיינט: אראָפּ פונ דער פארנאָסע.

דער הינטערשטער „בעפּיירעש“ — דער לעצטער „בעפּירעש“, די דראָונג.

זאטשמעליעט — פריטשמעליעט, פארטויבט, געפּלעפּט.

אורות עליונים (אוירויס עליוינימ) — אייבערשטע (הויכע, הימלשע) ליכט (פײַערנ, שטראלנ).

רוחות הטומאה (רוכויס האטומאָ) — די אומריינע (בייזע) רוכעס.

**צו ז. 92**

כאָצע עלעל — האלב עלעל.

מעסאקנ (מתקן) געווענ — פאריכט. געמיינט: דערהויבנ (אויסגעלייזט פונ דער שטראָף אינ גענעמ).

סליכעס (סליחות) — רעליגיעזע הימנענ פאר די טעג פונ דער לעצטער וואָכ פאר ראָשעשאָנע אונ פאר די טעג צווישנ ראָשעשאָנע אונ יאָנקיפּער; אפּ סליכעס — געמיינט: אפּ דער וואָכ פאר ראָשעשאָנע.

ווי עס האָט א פּאָנעמ — ווי עס ווײַזט אויס.

**צו ז. 93**

כאפּנ א צונג — געוואָר ווערנ עפּעס.

**צו ז. 94**

בישטיקע (בשתיקה) — שטילערהייט.

לעמאנאשעמ (למען השם) — אומ גאָטעס ווילנ.

די גרעסטע אשירעס — די גרעסטע נעגידעסטע.

פון קייווער־אָוועס (קבר אבות) — פון באזוכן די עלטערנס קוואָרים אינעם טאָג פון זייער יאָרצייט.

קילים — א דעקטוך פון א פערד; א טעפּיך.

צו ז. 95

טרעסנ — טרייסלען, ציטערנ, שאָקלען.

אוילעמהאבע (עולם הבא) — די פאנטאַסטישע „יענע־וועלט" (אין קעגנזאץ צו דער רעאלער „אוילעם האזע" (עולם הזה) — היגע וועלט, דער וועלט).

יארע וואקס — וויַסע, געשמאָלצענע.

צו ז. 97

מעסוקנ (מסוכן) — געפערלעכ.

שלים — שלעכט.

צו ז. 99

באָרעט זיכ — קעמפט, ראנגלט זיכ.

צו ז. 100

די הינטערשטע — די לעצטע.

שיווע (שבעה) — די ערשטע זיבנ טעג פון טרויער נאָכ א פארשטאָרבענעמ נ ענטנ מענטשן. יאָנטעוו... נעמט איבער שיווע — דה. אויב די שיווע־טעג פאלן אויס אומ יאָנטעוו, דארפ מענ ניט צָפּריכטנ קיינ שטרענגנ טרויער, ווי געווייןלעכ בייס שיווע.

מאָצע־(מוצאי־)יאָנטעוו — געמיינט: דער אויסגאנג, די נאכט נאָכ יאָנטעוו.

צו ז. 102

נעמענ (נאמן) — דאָ געמיינט: זיכערער, פארלאָזלעכער, באגלויבטער.

צדקה תציל ממות (צדאָקאָ טאציל מימאָוועס) — „צדאָקע ראטעוועט פונ טויט"; דעמ דאָזיקנ פּאָסעק פלעגט אויסשרײַענ דער שאמעס, נאָכגייענדיק נאָכ א לעווײַע און קלאפּנדיק מיט דער פּושקע.

רעשיטקע — קופּקע, האָר־נעצ.

צו ז. 103

ספארדישע — נאָכנ נוסעכ פונ די שפּאנישע און פּאָרטוגעזישע ייִדנ. דאָ אייגנטלעכ געמיינט: כסידישע.

„מה טובו" (מאַ טויווו) — דער אָנהייב פונעמ אינדערפריִיקנ דאווענ.

שטאָט — א (געדונגענ אָדער געקויפט) שטענדיק אָרט אינ בעסמעדרעש.

טאשלעכ (תשליך) — א רעליגיִעזער מינהעג: ראָשעשאָנע פארנאכט פלעגט מענ גייִנ צומ טײַכ, זאָגנ דאָרט געוויסע פּסוקים (צווישנ זיי אויכ דעמ פּאָסעק „ותשליך במצולות ים כל חטא־טינו" — וועסאשליכ בימצולויס יאָמ קאָל כאטויסיינו — און זאָלסט ארײַנוואַרפנ אינ די יאמ־טיפענישנ אלע אונדזערע זינד) און אויסטרייסלען די קעשענעס. סימבאָליש האָט דאָס געהייסנ: ארײַנגעוואָרפנ די זינד אינ טײַכ.

צו ז. 104

פילוזשאנקעס — שאָלנ, שעלכעלעכ, פאָרצעלײַענע טעפּלעכ.

שפּענצער — דאָ געמיינט: א רעקעלע.

צו ז. 105

היר! — דאָ!

א פייעמ — 3 גראָשן.
נאָטעס — נאָטן.
צוויי זייגער־שאָ — צוויי שאָ צײַט.

צו ז. 107
מאָנדרעניקעס — וווּנדערלעכע זאכן.
א טרעס — א טרייסל, א שאָקל.

צו ז. 108
די גמאָרע — דער טאלמוד.
בישנים (בײַשאָנים) — שעמעוודיקע.
רחמנים (ראכמאָנים) — דערבארעמדיקע, בארעמהארציקע.
גומלי חסדים (גוימליי כאסאָדימ) — די, וואָס העלפן אויס אין א נויט אָן א באַלוינונג (אָפט אויך מיט א קליינער האלוואָע אָן פראָצענט).

* אלעמײַ דער רעבע, רעב ... דעמ ...ס אן אייניקל, קען זיך אפילע ניט כאסמענען — מעגלעך, אז דאָ ווערט געמיינט שאָלעמ־שאכנע פונ פּאָגרעבישטשע, בער מעזריטשערס אייניקל אונ אווראָמ מאלעכס זונ. א. ב. גאָטלאָבער שרײַבט וועגן אימ אין זײַנע דערמאָנטע מעמוארן, אז „ער האָט זיך מיסקאנע געווען אין באָרעך פונ מעזשבעזש אונ האָט זיך אויך פארשאפט א קאָטש מיט פערד אונ איז געוואָרן רעבע”.

צו ז. 109
זײַ באָטועך (בטוח) — זײַ זיכער.
טויפעס (תופס) געווען — באנומען, פארשטאנען.
א סגולע — דאָ געמיינט: אן אייגנשאפט.
וואָלט איך געגערן געוווּסט — וואָלט איך גערן וויסן.
צו ברענגען פונ... — דאָ געמיינט: אָפּנעמען.

צו ז. 110
מעוויעש (מבויש) — פארשעמט.
באל־דארשער — א מאגיד, פריידיקער, געוויינלעך א וואנדערנדיקער.
תכסיסי מלחמה (טאכסיסיי מילכאָמאָ) — סטראטעגיע, קריגס־קונסט.

צו ז. 112
כסידערײַ — כסידעס (חסידות), כאסידיזמ, א מיסטישע סעקטאנטישע ריכטונג אין דער יידישער רעליגיע. אנטשטאנען אין XVIII יאָרהונדערט אין פּאָדאָליע, פונ דאָרטן פארשפּרייט זיך אין גאנצ אוקראינע אונ פוילן אונ פארכאפּט אויך איינצלנע ערטער אין ווײַסרוסלאנד אונ אין ליטע. אזויווי אין דער ערשטער סטאדיע פונ איר אנטוויקלונג איז זי געשטאנען אין א באשטימטער סעקטאנטישער אָפּאָזיציע צומ אָפיציעלן ראביניזמ, האָט די כסידישע באַוועגונג געהאט צוגעצויגן צו זיך ברייטע קרײַזן פונ דער פאראָרעמטער יידישער באפעלקערונג. אָבער גאָר גיך האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער כאסידיזמ האָט איבערגענומען אונ קאָנצענטרירט די כאמע פינצטערע אָבערגלויבנס פונעמ מיטלאלטער אונ דאָרטן, ווו ער האָט פארכאפּט דעמ „קאָהאָל”, האָט ער אײַנגעפירט א סיסטעמ פונ אונטערדריקונג אונ עקספּלואטאציע, וואָס איז אפילע א האָר ניט געווען בעסער פונ דער אונטערדריקונג אונ עקספּלואטאציע מיצאד דעמ ראביניזמ. דער כאסידיזמ איז געוואָרן דער הויפּט־טרעגער פונ אָבסקוראנטיזמ אין דער יידישער סוויווע אונ די גרעסטע שטערונג פאר דער אלגעמיינער גײַסטיקער אנטוויקלונג פונ דער יידישער באפעלקערונג. אקסענפעלד, ווי אלע מאסקילימ, באַקעמפט דעמ כאסידיזמ אלס דעמ טויט־פײַנט פונ דער אופקלערונג.

## צו ז. 113

זיכ מעיאשׂ געווענ — אופגעהערט צו האָפנ, אײַנגעזענ, אז ס'איז פארפאלנ.

* דער כסידישער רעבע, דער בא די כסידימ הויכ־געלויבטער גוטער־ייִד, רעב ..., האָט מעוואיעשׂ געווענ... ז'עמ רעב לייזערצענ, דעמ גרעסטנ נאָגיד אינ טולטשינ — דאָ מיינט מענ דעמ שוינ דערמאָנטנ באלשעמ־טאָווס אייניקל באָרעכ, וואָס זײַנ כסידישער „הויפ" האָט זיכ פריִער געפונענ אינ טולטשינ, אונ ערשט נאָכ דעמ, ווי ער איז פונ דאָרטנ ארויסגעטריבנ געוואָרנ, ווי עס ווערט דערציילט בא אקסענפעלדנ, האָט ער זיכ באזעצט אינ מעזשבעזש — אינ דער שטאָט פונ זײַנ זיידנ דעמ באלשעמטאָוו.

רייקימ — רעקנ. אנ אלט־ייִדישער טערמינ, באטײַט: באוואָפנטע דינער פונ דער מאכט. עקזעקוטאָרס, אויספילער פונ שטראָפנ.

(רביתים) ראבויסימ — דאָ געמיינט: מײַנע הערנ.

שטימפ — אומדערפאָלג.

בישלעמע (בשלמא) — א טאלמודישער אויסדרוק. באטײַט: מיילע, לאָמיר זאָגנ; לאָמיר אָנעמענ, אז...

* דאָוויד פרידלענדער (1750 — 1834) — איינער פונ די ערשטע ייִדישע מאס־קילימ אינ דײַטשלאנד, א נאָענטער פרײַנט אונ טאלמיד פונ מוישע מענדעלסאָנ, איינער פונ די גרינדער אונ אקטיווע מיטארבעטער פונעמ ערשטנ אופקלערונג־זשורנאל „המאסף" (האמע־אסעפ). פרידלענדערס ענטפער. וועגנ דעמ, „מיט וואָס מע קאָנ אינ רוסלאנד העלפנ די ייִדנ, אז זיי זאָלנ אזוי גוט אופגעקלערט ווערנ, ווי די דײַטשישע ייִדנ", וועגנ וואָס עס ווערט דער־ציילט בא אקסענפעלדנ — דאָס איז א מעמאָראנדומ, וואָס ער האָט פארפאסט אינ יאָר 1816 אונ האָט צוגעשטעלט דעמ פוילישנ ביסקופ מאלטשעווסקי. שפעטער, אינ 1819 יאָר, איז דער דאָזיקער מעמאָראנדומ אָפגעדרוקט געוואָרנ אינ א באזונדער בראָשור אונטערנ נאָמענ „איבער די פערבעסערונג דער איזראעליטנ אינ קעניגרײַכ פאָלענ".

## צו ז. 114

מעפאָרשימ (מפרשים) — קאָמענטאטאָרנ.

מושלאָמימ (מושלמים) — מענטשנ מיט אלזײַטיקע טאלאנטנ אונ בילדונג.

## צו ז. 115

כומעצ — כאָלמעטש. א שטעטל ניט ווײַט פונ האָמעל.

קודשאבריכהוא (קודשאָ בריכ הו) — אנ ארא מישע פאראלעל צומ העברעיִשנ אויסדרוק „הקדוש ברוך הוא" (האקאָדויש באָרוכ הו — גאָט). געזאָגט בעקיוונ אפ אראמיש, עס זאָל אויסזענ, אז דער, וואָס רעדט, קענ גוט דעמ „זויהאר", וואָס איז געשריבנ אראמיש.

## צו ז. 116

עשרספירות (עסער ספירויס) — צענ ספערנ. לויט די אָנשויונגענ פונ דער קאבאָלע זײַנענ עס אינערלעכע פרינציפנ פונ דער וועלט־שאפונג אונ אנטפלעקונגענ פונ דער גאָטהײַט.

בחינות (בכינויס) — אייגנשאפטנ, אטריבוטנ.

א כידעש! ניפלאָעס! האפלע! (חדוש! נפלאות! הפלא!) — אנ אופטו! וווּנדער! צו שטוינענ!

א פאכעד פונ א רעבנ — א רעבע — א שרעק! דה. א גוואלדיק גרויסער רעבע.

ש ל ו י מ ע  ה א מ ע ל ע כ  (שלמה המלך) — לויט דער ביבל, דער קיניג פון יעהודאָ און יִסראֵיל.

„מ י ש ל י י" („משלי") — איינער פון די ביבלישע ביכער. אנטהאלט דידאקטישע שפּרוכן און אפאָריזמען.

פ ת י  י א מ י ן  ל כ ל  ד ב ר  (פּעסי יאאמינ לעכאָל דאָוואָר) — א נאר (אקסענפּעלד טײַטשט: א לײַכט־גלויביקער) גלייבט אלצדינג.

צו ז. 117

ו ע ר ב ע ו ו ע ט  מ ע נ — מע ווערבירט.

ח ב"ד (כאבאד) — די איניציאַלן פון די ווערטער: חכמה (כאָכמאָ — קלוגשאפט), בינה (בי־נאָ — פארשטאנד), דעת (דאאס — ויסן). מיט דעם דאָזיקן טערמין ווערט באצייכנט די ריכ־טונג אין כאסידיזם, וואָס אין איר שפּיצ איז געשטאנען דער פירער פון די כסידים אין ווײַס־רוסלאנד, שנייער זאלמען פון ליאדי (1748—1813). צום אונטערשייד פונעם אוקראַיִניש־וואָלי־נישן כאסידיזם, וואָס האָט באטאָנט דעריקער די עמאָציאָנעלע זײַט פון דער רעליגיע, האָט ארויסגעוויזן א געוויסע גרינגשעצונג צו דער ראבאָנישער, לאָמדישער טוירע און אופּגע־שטעלט דערמיט קעגן זיך די אָפּיציעלע פאָרשטייער פונעם ראביניזם, — האָט דער כאבאד געזוכט א קאָמפּראָמיס צווישן דעם באשטישן כאסידיזם און דעם ראביניזם.

פ ר י ס נ ע — пресный, אָן זאלצ.

כ ר ו צ י ש ע — געראָטענע׳ פלינקע, גענייטע.

כ ר ו צ י ש ע  כ י ב ו ר י ם  (חבודים) — געראָטענע, ווילע ווערק.

ד אָ ס — אז.

נ י ט  ג ע ש ע נ ק ט — ניט אָנגעגאָסן זיך, ניט געטרונקען.

א  ב י י ז ע  ל י י ד — א שלאק.

צו ז. 119

ד ע ר  ק ל ו ג ע ר  ה ע נ ז ל — Der kluge Hans. אפאָנעם, אן אָנווײַז אז א פאָלקס־מײַסע.

צו ז. 120

ל א ר ט ש י ק — א שקאטולקע, א קעסטעלע.

פ אָ ג ר ע ב ע צ — א רײַזע־קעסטעלע (מיט א סערוויז פאר טיי אָדער אנדערע געטראנ־קען).

מ ע ו ק ע ו ו (מעוכב) ג ע ו ו אָ ר נ — פארהאלטנ געוואָרנ.

צו ז. 122

א  ש ט א ר־כ ו י ו ו (שטר חוב) — א וועקסל.

ע ר  א י ז  א ײַ כ  נ ו י ה ע ג־ק אָ ו ו ע ד (נוהג כבוד) — ער באציט זיך צו איַך מיט אכ־טונג.

צו ז. 124

ד ר א ב — הולטײַ, זשוליק, שווינדלער.

מ י י ע  א ל אָ פ י ם (מאה אלפים) — הונדערט טויזנט.

ק ס ע ו ו ל, ק ס ע ו ו ע ל ע — געשריפטס, צעטעלע.

ל א ו ו ע צ נ י ק ע ס — קרעמערס.

א  פ ל ע ז י ר — א פארגעניגנ. דאָ געמיינט: א געלעכטער.

א ל  מ ע נ א ס (על מנת) — מיט דעם באדינג.

## צו ז. 125

פארברענגערס — אויסברענגערס.

* לייזער דילאָנ... מיט נאָכ איינעמ פונ גראָדנע, רעב זונדל זאָנענבערג, זײַנענ געוואָרנ דעפּוטאטנ פונ גאָר אלע ייִדישע קעהילעס באמ קייסער אלעקסאנדערס הויפּט־קווארטיר... — דילאָנ אונ זאָנענבערג זײַנענ ווירקלעכע היסטאָרישע פיגורנ, וועלכע האָבנ אינ מעשעכ פונ עטלעכע יאָר בייס דעמ רוסיש־פראנצויזישנ קריג אונ א ביסל שפּעטער געשפּילט די ראָליע פונ „דעפּוטאטנ פונ גאָר אלע ייִדישע קעהילעס”.

די געשיכטע פונ דער דאָזיקער שטאדלאָנימ־אינסטיטוציע איז פארבונדנ מיט דער ארבעט פונעמ אזויגערופענעמ „ייִדישנ קאָמיטעט”, וואָס אלעקסאנדער דעמ ערשטנס רעגירונג האָט באשטימט נאָכ אינ 1802 יאָר אפּ אויסצוארבעטנ דעמ בארימטנ „סטאטוט וועגנ ייִדנ” (שפּעטער פארעפנטלעכט געוואָרנ אונ איז באוווּסט אונטערנ נאָמענ „סטאטוט וועגנ ייִדנ” פונ 1804 יאָר).

אייניקע פעטערבורגער ייִדישע גווירימ אונ קלאל־טוער (פערעצ, נאָטקינ אא.) זײַנענ נאָכ אינ 1803 צוגעצויגנ געוואָרנ צו באטייליקנ זיכ אינ דער ארבעט פונעמ „ייִדישנ קאָמיטעט”. נאָכ דער פארעפנטלעכונג פונעמ „סטאטוט וועגנ ייִדנ” פונ 1804 יאָר האָט די אדמיניסטראציע אפּ די ערטער אופגעפאָדערט די ייִדישע קעהילעס, זיי זאָלנ פונ זיכ אויסטיילנ דעפּוטאטנ, וועלכע זאָלנ צושטעלנ די גובערנאטאָרנ זייערע מיינונגענ וועגנ דעמ, וויאזוי דורכצופירנ אינ לעבנ דעמ בארימטנ פונקט 34 פונעמ „סטאטוט פונ 1804” וועגנ ארויסטרײַבנ די ייִדנ פונ די דערפער. אזעלכע דעפּוטאטנ האָבנ די ייִדישע קעהילעס אויכגעקליבנ אינ 1807.

בייס דעמ רוסיש־פראנצויזישנ קריג (1812 — 1813) האָבנ די דערמאָנטע לייזער דילאָנ אונ זונדל זאָנענבערג זיכ געפונענ בא אלעקסאנדער דעמ ערשטנס הויפּט־קווארטיר אלס פּאָדראטשיקעס, וועלכע האָבנ געהאט פארשיידענע פּאָדראד־געשעפטנ מיטנ הויפּט־שטאב פונ דער ארמיי. די דאָזיקע צוויי פּאָדראטשיקעס האָט ס אלעקסאנדער דעמ ערשטנס רעגירונג באשטימט אפּ דער צײַט פונ דער מילכאָמע „פאר דעפּוטאטנ פונעמ ייִדישנ פאָלק בא דער הויפּט־קווארטיר”. זיי האָבנ עס קלוימערשט געדארפט זײַנ די פארמיטלער צווישנ דער רעגירונג אונ די ייִדישע קעהילעס. אינ יונ 1814 האָט אלעקסאנדער דער ערשטער פארלאנגט, אז אינ פעטערבורג זאָל זיכ שטענדיק געפינענ א דעפּוטאציע, וואָס זאָל קאָנענ ארויסטרעטנ אינ די רעגירונגס־ספערנ אלס א פאָרשטייערשאפט פונ די ייִדנ. דילאָנ אונ זאָנענבערג זײַנענ אפּ דעמ סמאכ געקומענ צו פאָרנ קיינ פעטערבורג אונ האָבנ זיכ דערקלערט פאר „דעפּוטאטנ פונ ייִדישנ פאָלק”.

די צאריש־ביוראָקראטישע אידיי פונ א „ייִדישער פאָרשטייערשאפט” בא דער רעגירונג איז געווענ א כויזעק. די אזויגערופענע „דעפּוטאטנ פונ ייִדישנ פאָלק” האָבנ מיט זייער שטאדלאָנעס קיינעמ ניט געבראכט קיינ נוצנ, אכוצ זיכ אליינ. זיי האָבנ, פארשטייט זיכ, מיט גאָרנישט ניט געקאָנט אָפּווענדנ די גרוילִיקסטע פארפאָלגונגענ פונ דער צארישער רעגירונג קעגנ דער ייִדישער באפעלקערונג. גראָד אינ די דאָזיקע יאָרנ זײַנענ אינ די ביוראָקראטישע קאנצעליאריעס צוגעגרייט געוואָרנ די פּראקטישע מאָסמיטלענ, וויאזוי ארויסצוטרײַבנ הונדערטער טויזנטער ייִדנ פונ זייערע אלטגעזעסענע וווינ־ערטער אונ זיי עקאָנאָמיש צו רויִנירנ.

די אינסטיטוציע פונ „ייִדישע דעפּוטאטנ בא דער רעגירונג” איז אָפּיציעל אָפּגעשאפט געוואָרנ סאָפּ יאָר 1825.

## צו ז. 127

סכאר־אגאָלע (שכר עגלה) — פור־געלט.

אולעיעסער ביטאָכנ (וליתר בטחון) — אונ צוליב גרעסערער זיכערקײַט.

כ ו י ס ע ם (חותם) — א שטעמפּל.

ה ע נ... ו ו ע ה ע נ — ס ײַ... און סײַ.

ק ש ע נ ס ט ו ו אָ  ו ו א ר ש א ו ו ס ק ע — װאַרשעװער הערצאָגטום.

צו ז. 128

* צ ו ם  י ע נ ע ר א ל־א י נ ט ע נ ד א נ ט ס  ה ו י פּ ט־ק אָ מ י ס י אָ נ ע ר  נ ע ו ו א כ א ־ ו ו י ט ש — װאַרשײַנלעך, דער באַװוסטער מאַסקל יודע לייב נעװאַכאָװיטש (1776—1831), דער פאַרפאַסער פונעם ביכל „קול שועת בת יהודה" (1804 יאָר). אין 1803 איז דאָס זעלבע ביכל דערשינען אַף רוסיש אונטערן נאָמען «Вопль дщери иудейской».

אין דעם דאָזיקן ביכל האָט ער פאָרמולירט די אָריענטאַציע פון דער אופגעקומענער ייִדישער בורזשואַזיע צו פאַרפעסטיקן אירע פּאָזיציעס מיט דער הילף פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטנס רעגירונג.

נעװאַכאָװיטש האָט אָנגעשריבן אין דער רוסישער שפּראַך א ריי דראַמעס. װי מיר װייסן פון זײַן ביאָגראַפיע, האָט ער אין די שפּעטערדיקע יאָרן א שטיקל צײַט געדינט אין װאַרשעװער פינאַנץ־מיניסטעריום און דערצו אויך געפירט אייגענע געשעפטן. ס'איז דעריבער מעגלעך, אַז בייס דעם רוסיש־פראַנצויזישן קריג זאָל נעװאַכאָװיטש געװען עפּעס האָבן א שײַכעס צו דער אינטענדאַנטסטװע.

צו ז. 129

א ו י ק ע ר  מ י נ  ה א ש ו י ר ע ש (עוקר מן השורש) ז ײַ נ — אויסראָטן, אויסװאָרצלען.

צו ז. 130

נ י צ ל  ו ו ע ר נ — געראַטעװעט װערן.

א י נ  א  מ ײַ מ ע ד (מעמד) — אין א צושטאַנד.

צו ז. 131

א ד  ל ע אָ פ אָ ר (עד לעפר) — ביז שטויב, ביז דער ערד. געמיינט: אַף אַש.

צו ז. 132

פ י י ר ע ק (פרק) — קאַפּיטל.

צו ז. 133

ש ל י א כ ט י ט ש (שליאַכטשיץ) — פּױלישער פּאָרעץ, אַדעליקער.

צו ז. 134

פ אָ ד ר ו ז ש נ י  ג ר א פ — א װעג־גראַף, א גראַף אין װעג (ניט אין דער היים).

ל אָ מ ד י ם (לומדים) — לאַמדאָנים, לערנער, קענער פון דער טאַלמודישער ליטעראַטור.

פ א ר פ ל אָ ד י ע ט — פאַרפּלאָנטערט, אויסגעװאַקסן.

* י י ס ר אָ ע ל  ב א ל ש ע מ (ישראל בעל שם טוב אָדער פאַרקירצט בעש"ט) — דער גרינדער פון כאַסידיזם. אין עטלעכע צענדליקער יאָר נאָך זײַן טויט איז דעם בעש"טס נאָמען אַרומגערינגלט געװאָרן מיט פאַנטאַסטישע מײַסעס און לעגענדעס, װי די נעמען פון די גרינדער פון פאַרשיידענע רעליגיעס און סעקטעס. װי עס איז שוין דערמאָנט געװאָרן, זײַנען די דאָזיקע פאַנטאַסטישע מײַסעס צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געװאָרן אין 1815 אינעם ביכל „שבחי הבעש"ט". ייִסראָעל בעש"ט איז געבוירן געװאָרן אַן ערעך אין יאָר 1698 — 1700, אין אַן אָרעמער מישפּאָכע אינעם קליינעם שטעטל אָקאָפּ, װאָס איז געלעגן אַף דער גרענעץ צװישן פּאָדאָליע און מאָלדאַװיע. זײַנע עלטערן זײַנען געשטאָרבן, װען ער איז נאָך געװען א קינד, און דער יאָסעם איז אופגעצױגן געװאָרן, װי עס װײַזט אויס, אין א טאַלמעטוירע און איז אויסגעהאַלטן געװאָרן אַפּן כעזשבן פון קאָהאָל. אין זײַן פריִער יוגנט איז דער בעש"ט גע־

ווענ א באהעלפער, נאָכדעמ א שאמעס. שפּעטער האָט ער זיכ גענומענ צו באַלשעמערײַ: „היילנ״
קראנקע, באזונדערס גײַסטיק־קראנקע, מיט פארשיידענע קרײַטעכצער און גראָזנ. אזוינע באַל־
שעמענ זנאכערעס זײַנען דעמאָלט געווענ א געוויינלעכע דערשײַנונג בא די פּוילישע ייִדנ.
דער נײַער באַלשעמ איז גיכ געוואָרנ פּאָפּולער אינ די ארומיקע געגנטנ אלס א באַל־
מויפעס, וואָס קענ „ארויסטרײַבנ א דיבעק״ (דה. דעמ גײַסט פונ א טויטנ, וואָס האָט זיכ צו־
געטשעפּעט צו א לעבעדיקנ, איז ארײַנ אינ זײַנ קערפּער און רעדט פונ אימ ארויס...) און
אויכ ראטעווענ פונ אַלערליי אנדערע אומגליקנ. צומ נײַעמ באַלשעמ האָט מענ אָנגעהויבנ
פּאָרנ פונ פארשיידענע שטעט און געגנטנ. אָבער צומ אונטערשייד פונ אנדערע באַלשעמס,
וועלכע זײַנענ דעמאָלט געווענ פארשפּרייט איבער די ייִדישע שטעט, האָט זיכ ייִסראָעל באַל־
שעמ ניט באגנוגנט מיט היילנ קראנקע. ער האָט זיכ ארומגערינגלט מיט א קרײַז פארערער
און אָנהענגער, צווישנ וועלכע ער האָט געפּריידיקט זײַנ נײַע לערע, אז מע דארפ „דינענ
גאָט״ ניט נאָר מיט טוירע לערנענ און טפילע טאָנ, נאָר מיט אלצ, וואָס א מענטש טוט,
אפילע מיט עסנ און טרינקענ און באפרידיקנ די סאמע געוויינלעכע מענטשלעכע באדערפעניש.
ווי ווײַט מע קאָנ אורטיילנ לויט די כסידישע קוועלנ (שוינ ניט צו ריידנ פונ ניט־
כסידישע קוועלנ), האָט ייִסראָעל בעש״ט געהאט קליינע ידיִעס אינ דער טאַלמודישער ליטע־
ראטור. דער טראדיציאָנעל־טעאָלאָגישער באָדנ פאר זײַנ לערע איז געווענ די קאבאַליסטישע
מיסטיק פונעמ בוכ „זוהר״ („זויהאר״), די לוריאנישע קאבאָלע (אינ די ווערק פונ כאיִמ ווי־
טאַל אא.) און אויכ די הערעטישע לערע פונ שאבסי צווי און זײַנע טאַלמידימ.
אנ עקזאַלטירטער פונ דער נאטור און, ווי ס׳ווײַזט אויכ, אנ עפּילעפּטיקער, פלעגט דער
בעש״ט גאנצ אָפּט האָבנ באנאכטיקע וויזיעס און האליוצינאציעס, ער פלעגט עס אויסטײַטשנ,
אז ער טרעפט זיכ דעמאָלט מיט נעשאָמעס פונ די אורפאָטערס פונ די ייִדנ, פונ די טאנאָיִמ
און פונ אנדערע הייליקע שוינ לאנג פארשטאָרבענע לײַט. די פארשפּרייטונג פונ דער בע־
שטישער כסידישער לערע דערקלערט זיכ מיט דער שטארקער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער
יערידע פונ דער דעמאָלטיקער פּויליש־ייִדישער סוויווע און מיט דער גרויסער יערידע פונעמ
גײַסטיקנ ניוואָ פונ די פּוילישע ייִדנ. באזונדערס שווער איז געווענ די לאגע פונ דעמ ייִדישנ
ייִשעוו אינ פּאָדאָליע — דעמ הויפּט־צענטער פונ דעמ באַלשעמס טעטיקײַט. ניט גאָר לאנג
פאר דעמ האָט פּאָדאָליע געהאט איבערגעלעבט די טערקישע אָקופּאציע, וועלכע האָט גע־
דויערט פונ 1672 ביז 1699 יאָר. די גרוילנ פונ דער איבערגעלעבטער מילכאָמע־צײַט זײַנענ
נאָכ געווענ פריש אינ זיקאָרנ. דערצו זײַנענ נאָכ ניט געווענ אינגאנצנ פארהיילט די ווו־
נדנ, וואָס די ייִדישע באפעלקערונג האָט באקומענ אינ דער צײַט פונ כמעלניצקינ און דער־
נאָכ פונ דער הײַדאמאטשינע. די שווערע לאגע פונ דער ייִדישער באפעלקערונג האָט צוגע־
גרייט א גינסטיקנ באָדנ פאר פארשיידענע מיסטיש־מעשיכישע שטימונגענ און האָפענונגענ.
אפ די דאָזיקע מיסטיש־מעשיכישע שטימונגענ, וועלכע האָבנ צ יענער צײַט געלעבט אינ פאָלק,
האָט ייִסראָעל בעש״ט געבויט זײַנ נײַע כסידישע לערע. די ערשטע יאָרנ פונ זײַנ טעטיקײַט
האָט דער באַלשעמ פארבראכט אינ דער גאליצישער שטאָט טלוסט, ווו ער האָט זיכ באזעצט
ארומ 1730. פונ צײַט צו צײַט פלעגט ער אויכ ארומוואנדערנ איבער די נאָענטע ייִדישע
ייִשווימ פונ גאליציע און פּאָדאָליע, ווי האָראָדענקע, קוטעוו, נעמיראָוו, שאריגראָד, און צומטייל
אויכ אינ וואָלינער און קיִעווער קאנטנ, אינ אזעלכע שטעט ווי פּאָלאָנע, אומאנ און אנדערע.
אנ ערעכ צווישנ 1740 און 1745 איז ייִסראָעל באַלשעמטאָוו אריבערגעפאָרנ פונ טלוסט
קיינ פּאָדאָליע אינ דער שטאָט מעזשבעזש, ווו ער איז שוינ פארבליבנ ביז זײַנ טויט (1760).
נאָכנ בעש״טס טויט (1760) האָבנ זײַנע אָנהענגער און טאַלמידימ זיכ פארשפּרייט איבער
פארשיידענע געגנטנ און געגרינדעט א גרויסע צאָל צאדיקישע דינאסטיעס. דער אָנערקענטער
פירער פונ דער נײַער כסידישער סעקטע איז נאָכ דעמ בעשט״ס טויט געוואָרנ בער פונ מעז־
ריטש (געבוירנ ארומ 1710, געשטאָרבנ אינ 1772).

מ א ה אָ מ ע ט (מאכמעד, ריכטיקער: מוכאמעד (570—632) — דער גרינדער פונ דער מאכמעדאנישער אָדער מוסולמאנישער רעליגיע (איסלאמ). געבוירנ אינ מעקא (אראביע). פונ קינדווייַז אָנ געליטנ אפ עפּילעפּסיע אונ געהאט האליוצינאציעס. אינ די לעצטע יאָרנ פונ זייַנ לעבנ האָט מאכמעד איַינגענומענ מעקא אונ די וויכטיקסטע פונקטנ פונ אראביע (דעריבעד זאָגט אקסענפעלד וועגנ אימ, אז ער איז געווענ א „גיבער־מילכאָמע" — א קריגס־העלד).

ק אָ ר א נ (אפ אראביש: לייענענ, לייענ־מאטעריאל) — דער הייליקער בוכ פונ די מאכמעדאנער, אנטהאלט דראָשעס אונ אפאָריזמענ, וואָס גאָט זאָל קלוימערשט האָבנ דיקטירט מוכאמעדנ (מאכמעדנ). לויט דער מאכמעדאנישער טראדיציע זייַנענ די פראגמענטנ פונ מוכאמעדס דראָשעס אונ זייַנע אפאָריזמענ צונויפגעזאמלט אינ דער צייַט פונ דעמ קאליפ אָסמאנ (644—656).

מ ע ש ר מ ן ה מ ע ש ר (מייַסער מינ האמייַסער) — א הונדערט־כיילעק.

כ ס י ד א ר נ י ע — אנ איראָנישער אויסדרוק. געמיינט: א „כסידימ־שטיבל", א „קלייַזל".

## צו ז. 135

„ס ײ פ ע ר כ ס י ד י מ" („ספר חסידים") — אקסענפעלדס א פּאמפלעט, געווענדט קעגנ דער כסידישער באוועגונג. אינעמ „רייסטער" פונ אקסענפעלדס ווערק פיגורירט ער ניט, אָבער ער ווערט דערמאָנט אינ דעמ פּאָרוואָרט פונ די ארויסגעבער צו דער ערשטער אויסגאבע פונ „דער אויצער אָדער די געגנארטע וועלט" (1870) אונ אויכ אינ י. ב. לעווינזאָנס קאָרעספּאָנדענצ. זע ד. ב. נאטאנזאָנ, „ספר הזכרונות", ווארשע 1894, ז. 57—58 (אינ טוגענדהאָלדס א בריוו צו לעווינזאָנענ).

ת ק ע"א (טאק־אינ־אלעפ) — געמיינט: דאָס יאָר 1810—1811.

מ י ט א ר א מ ב א מ — מיט ארגומענטנ, גענומענע פונ די ווערק פונעמ ראמבאמ (רמבם, ראבי מוישע בענ מייַמאָנ, 1135—1204, מיטלאלטערלעכער פילאָסאָפ, טעאָלאָג אונ קאָדיפיקאטאָר פונ רעליגיעזע ריטואלנ).

א פ ש א ט ג ע מ אָ ר ע — דעמ זינ פונ דעמ אָדער יענעמ צָרט אינ דעמ טאלמוד.

כ ס י ד י ש ע ש א ל ע ס ו ד ע ס נ פ ר א ו ו ע נ — אָפּריכטנ שאבעס פארנאכט די דריטע שאבעסדיקע סודע, ווי א כסידישער רעבע: זאָגנ באמ טיש „טוירע" — אימפּראָוויזירטע רעדעס אפ רעליגיעזע טעמעס.

ק א ב א ל ע (קבלה) — א יידישע רעליגיעז־מיסטישע לערע, וואָס איז אופגעקומענ אינ מיטלאלטער, באזירט אפ דער עלטערער יידישער מיסטיק אונ אפ דער לערע פונעמ נעאָפּלאטאָניזמ אונ פונ די גנאָסטיקער. די פארשיידענע סיסטעמענ פונ דער קאבאָלע — סייַ פארנ דערשייַנענ פונעמ „זויהאר", סייַ נאָכדעמ — האָבנ אנטהאלטנ א סאכ פארשיידענע זאבאָבאָנעס אונ אָבערגלויבנס, וואָס האָבנ א לאנגע צייַט צירקולירט צווישנ א טייל פונ דער יידישער אָפּגעשטאנענער באפעלקערונג. (צב. דער גלויבנ אינ דער מאגישער באדייַטונג פונ די אָדער יענע צאָלנ, פונ אויסיעס אונ קאָמבינאציעס פונ אויסיעס, די היעראַרכיע פונ די מאלאָכימ אאוו.) די אָנהענגער פונ דער קאבאָלע האָבנ אויכ געשטארקט צווישנ דעמ יידישנ האמוינ דעמ גלויבנ אינ פארשיידענע „קאמייעס" (אמולעטנ), אינ כיראָמאנטיע, אינ וואָרזאָגערייַ אונ טרעפענישנ.

ס י ס ר ע־ט ו י ר ע (סתרי תורה) — געהיימע, ווונדערלעכע זאכנ, סוידעס, וואָס ניט אלע קאָנענ דאָס באגרייַפנ.

ע ס ו ו ע ר ט נ י ס ר א ב ע (נתרבה) — עס ווערט מער, עס ווערט געמערט.

„ק י ד ו ש ה ח ו ד ש" („קידעש האכוידעש") — דעמ ראמבאמס א ווערק וועגנ די פּרינציפּנ, אפ וועלכע ס'איז געבויט דער יידישער קאלענדאר.

**צו ז. 136**

* דער שפאָלער זיידע — אריע־לייב פונ שפאָלע, א באוווסטער כסידישער רעבע אינ קיִעווער קאנט. ער האָט געלעבט זייער לאנג, געשטאָרבנ אינ 1812 יאָר. ווי א. ב. גאָטלאָבער דערציילט, האָט דער שפאָלער „צאדיק״ זיכ א נאָמענ געגעבנ „זיידע״, ווײַל ער האָט ניט געשטאמט פונ כסידישע „צאדיקימ״, ווי די אנדערע כסידישע רעבעס, אונ האָט מוירע געהאט צו רופנ זיכ מיטנ נאָמענ „רעבע״. איידער ער האָט זיכ באזעצט אינ שפאָלע איז דער שפאָלער „זיידע״ לאנגע יאָרנ געווענ א מעלאמעד אינ פארשיידענע יִשוּוִימ אונ דערפער אפ אוקראִינע. דערנאָכ איז ער געווענ א פאָר יאָר שאמעס אינעמ שטעטל זלאטאָפּאָל (קיִעווער גובערניע), אונ ערשט נאָכ דעמ האָט ער זיכ באזעצט אינ שפאָלע, ווו ער האָט אָנגעהויבנ פראווענ „גוט־ייִדישע״ שטיק. ער האָט זיכ ארומגערינגלט מיט א גרויסער מאכנע כסידימ פונ פראָסטע מענטשנ, וועלכע האָבנ אפ אימ געקוקט, ווי אפ א הייליקנ מאנ. א. ב. גאָטלאָבער כאראקטעריזירט דעמ שפאָלער זיידנ אזוי: „ער פלעגט ארומפאָרנ פונ שטאָט צו שטאָט אונ פונ דאָרפ צו דאָרפ צונויפזאמלענ אויצרעס גאָלד. קיינ קאָטשנ מיט פערד האָט ער זיכ אָבער ניט פארשאפט, קעדיי מע זאָל אפ אימ ניט מורמלענ, אז ער איז ניט פונ דעמ בעש״טס דינאסטיע, וואָס נאָר זיי האָבנ אפ דעמ רעכט... ביכדיי די טיפשימ זאָלנ האָבנ צו דערציילנ פונ זײַנע מויפסימ, פלעגט ער זיכ ניט אופירנ ווי אלע ראביייִמ: בייס מע פלעגט קומענ צו אימ נעמענ זײַנ בראָכע אָדער בעטנ בא אימ א רעפוע, פלעגט ער שעלטנ מיט טויטע קלאָלעס אונ ארויסטרײַבנ. ווענ די באזוכער פלעגנ אָבער צושטיינ צו אימ מיט געוויינ אונ טאכנונימ, פלעגט ער זיכ אנידערשטעלנ, אָנכאפּנ מיט דער האנט א ברעג באָרד, אויסקערנ די אויגנ אונ נעמענ מאכנ ווילדע האווײַעס, ברומענ ווי א בער „דזשימ־דזשימ־דזשימ״, אזוי א דרײַסיק מאָל נאָכאנאנד. אפ אלעמענ פלעגט אָנפאלנ אנ איימע. אופגעהערט צו ברומענ, פלעגט דער באזוכער אימ אָפגעבנ דאָס פידיענ־געלט אונ אוועקגיינ א צופרידענער. דאָס האָט געהייסנ, אז די באקאָשע איז אָנגענומענ געוואָרנ אונ ס׳וועט העלפנ...״ א. ב. גאָטלאָבער דערציילט אויכ אינ זײַנע שוינ דערמאָנטע אווטאָביִאָגראפישע מעמוארנ, אז דער שמועס מיט די שטעכווערטלעכ פונ באָרעכ פונ מעזשבעזש מיטנ שפאָלער זיידנ זאָל האָבנ פאָרגעקומענ אפ דער אסיפע פונ כסידישע „צאדיקימ״, וואָס דער בארדיטשעווער ראָוו לייווי יִיצכאָק (געבוירנ ארומ 1740, געשטאָרבנ אינ 1809) האָט צונויפגערופנ אינ 1803 אפ אויסצוזוכנ מיטלענ קעגנ די צארישע רעפרעסיעס, אפ וועלכע מע האָט זיכ דעמלט געריכט.

**צו ז. 137**

א לאָד מאכנ — אנ אויסגלײַכ מאכנ.

**צו ז. 138**

קסאָווימ (כתבים) — דאָ געמיינט: אקטנ.

„דעמ רעבנס קוק!״ — אנ אָנדײַטונג אפ א געוויסנ אנטיכסידישנ אנעקדאָט. דער אנעקדאָט ווערט דערציילט אזוי: „איינמאָל זײַנענ כסידימ געזעסנ באמ רעבנס טיש בייס שאלעסודעס. דער רעבע האָט לאנג געשוויגנ, — אפאָנעמ, געווענ פארטאָנ אינ זײַנע ראיוינעס. פלוצלינג שרײַט ער אויס: „עס ברענט! עס ברענט!.. אינ פינטשעוו — עס ברענט!״ א כאָסיד, וואָס איז בײַגעווענ בא דער דאָזיקער סצענע, טרעפט אינ עטלעכע טעג ארומ א פינטשעווער אײַנוווינער, פרעגט ער אימ: „עפעס א גרויסע סרייפע בא אײַכ געווענ?״ — „בא אונדז? — ענטפערט יענער, — בא אונדז איז קיינ שומ סרייפע ניט געווענ״. דער כאָסיד איז אינ פארלעגנהײַט, נאָר אינגיכנ כאפט ער זיכ: „יאָ געברענט, ניט געברענט — וואָס פאר א ווערט האָט עס? אָבער דעמ רעבנס קוק — אזש קיינ פינטשעוו!״...

אימירצעשעמ (אם ירצה השם) — מיט גאָטעס ווילנ, א באוואָרעניש באַמ דער־מאָנענ פּלענעד וועגנ דער צוקונפט.

כבראשונה (קעוואָרישוינאָ) — ווי פריִער.

## צו ז. 139

מעשולעכ (משולח) — א געשיקטער פונ א יעשיווע, פונ א רעליגיִעזער אינסטיטוציִע; געווײנלעכ צו זאמלענ געלט. אנ עדעצ־ייִסדאָעל־מעשולעכ — א מעשולעכ פונ פּאלעסטינע.

שארפע בריוו — וויכטיקע בריוו.

* אורעמעלע קאליסקער — א כסידישער רערלפירער פונ ווײַסרוסלאנד. אינ די יונגע יאָרנ איז ער, לויט א כסידישער טראדיציע, געווענ א קעגנער פונ כאסידיזמ, שפּעטער, אינמיטנ די זעכציקער יאָרנ פונ XVIII יאָרהונדערט, איז ער צוגעשטאנענ צו דער כסידישער באוועגונג. אינ 1777 איז אוודאָמ קאליסקער צוזאמענ מיט מענדל וויטעבסקער אונ יִיסראָעל פּאָלאָצקער אריבערגעפאָרנ קיינ פּאלעסטינע, ווו זיי האָבנ גערעכנט צו פארפעסטיקנ א נײַעמ כסידישנ צענטער. דער פּאלעסטינער כסידישער צענטער איז אויסגעהאלטנ געוואָרנ אפ די געלט־סומענ, וואָס ספּעציִעל ארויסגעשיקטע שאָליכימ (מעשולאָכימ) פלעגנ צונויפקלײַבנ צווישנ די כסידימ אינ אוקראיִנע, וואָלינ, פּאָדאָליע אונ ווײַסרוסלאנד. לויט געוויסע היסטאָ־רישע קוועלנ, איז אווראָמ קאליסקער געשטאָרבנ אינ פּאלעסטינע אינ 1810 יאָר (דאָס שטימט ניט מיט דער דאטירונג, וואָס באקומט זיכ פונ אקסענפעלדס דערציילונג. בא אקסענפעלדנ קומענ די געשעענישנ פאָר אינ 1813).

האלידזיע — Алача. א זײַדענער אָדער האלב־זײַדענער טערקישער געשטרײַפטער געוועב.

דזיבונ — зипун(?).

וועלטשענע — וועלישע.

בארוכ אטא (ברוך אתה) — נאָכגעמאכט די אזויגערופענע „האווארא ספארדיס" (הברה ספרדית) — די ספּארדישע אויסשפּראכ פונ העברעיִש. אינ פּאלעסטינע זײַנענ דעמלט געווענ א סאכ ספּארדישע יִידנ, אונ דער מעשולעכ האָט געוואָלט שפּילנ די ראָליע פונ אזא ספּארדישנ („טעדקישנ") יִידנ, וואָס פאדשטייט אפילע נישט קיינ יִידיש.

## צו ז. 140

היג־לענדישער — היגער.

בחינת חן (בכינעס כיינ) — א טערמינ פונ דער קאבאָלע. די גאנצע ווײַטערדיקע דראָשע איז א פּאראָדיע אפ די כסידישע „טוירעס", וואָס דארפ באוויַזנ דעמ רעבעס אמע־ראצעס. דער „גוטער־יִיד" מוז זאָגנ „טוירע", אָבער אזויווי ער פארמאָגט ניט אפילע קיינ שפּור פונ געדאנקענ, וויל ער עפּעס דרינגענ פונ דער קלוימערשטער עטימאָלאָגישער קרוי־ושאפט צווישנ די ווערטער „חנכה" (כאנעקע) אונ דעמ נאָמענ „חנוך" (כאנויכ), פּרווּט זיכ גאָר צעגלידערנ דאָס וואָרט „חנכה" אפ אזוינע עלעמענטנ: „חן", „כה" אונ אָפּערירט נאָכדעמ מיט די דאָזיקע באשטאנד־טיילנ. אזעלכע דראָשעס זײַנענ געווענ טיפּיש פאר די כסידישע רעבעס.

## צו ז. 141

לאפּנמיצל — א היטל מיט אויערנ.

בבחינת גלגל (ביבכינאס גילגל) — אלס א גילגל.

## צו ז. 142

גלגול (גילגול) — לויט דער אָבערגלויבישער לערע וועגנ דער וואנדערונג פונ די נעשאָמעס פונ קערפּער צו קערפּער האָבנ די זינדיקע נעשאָמעס פונ פארשטאָרבענע געקאָנט ארײַנדרינגענ אינ דעמ גופ פונ א נײַ־געבאָרענעמ אָדער אפילע א דערוואקסענעמ מענטשנ.

מיסנאגדעס (מתנגדות) — קעגנערשאפט צום כאסידיזם.

אויוונ — דאָ געמיינט: אויבנ.

* יאנקעוו עמדינ — א באוווסטער טאלמודישער געלערנטער יאנקעוו־ייסראָעל אש־קענאזי (1696—1776), פארפאסער פונ א רייע טאלמודיש־ראבאָנישע ווערק. דעם גרעסטנ טייל פונ זײַנ לעבנ איז ער געווענ ראָוו אינ דער שטאָט עמדינ אינ דײַטשלאנד. יאקאָוו עמדינ איז באזונדערס באוווסט געוואָרנ מיט דעם פארביסענעם קאמפּ, וואָס ער האָט געפירט פונ 1751 יאָר אָנ קעגנ דעם „זויהאר", קעגנ דער קאבאָלע, קעגנ דער קאבאליסטישער פּראקטיק (קאמייעס, סגולעס אאוו.). די כסידים האָבנ געקוקט אפ יאקאָוו עמדינ ווי אפ זייער א געפערלעכנ קעגנער. די קעגנערשאפט צו באלשעמערײַ ביכלאל אונ באזונדערס די קריטיש־סקעפּטישע באציִונג צו דער „הייליקער" אָפּשטאמונג פונעם „זויהאר" (צו דער דעמלט פארשפרייטער לעגענדע, אז דער טאנע שימוינ בענ יויכאָי איז דער אווטאָר פונ „זויהאר") — האָט ארויסגערופנ בא די ערשטע מאסקילימ געוויסע סימפּאטיעס צו יאנקעוו עמדינ. אינ זײַנע פּאָלעמישע ווערק האָבנ זיי געפונענ א געוויסנ אָנשפּאר־פּונקט פאר זייער קאמפּ קעגנ דער כסידישער אָבערגלויבערײַ אונ דעם פאנאטיזמ.

צו ז. 143

„טרוע" („תרועה") — א נאָטע אינעם שויפער־בלאָזנ.

צו ז. 144

אויוונאָנ — אויבנאָנ.

כאלאניס (חולנית) — א קרענקלעכע.

צו ז. 145

נעמענ (נאמן) — דאָ געמיינט: געשעפט־פארטרעטער.

לא טוב היות אדום לבדו (לוי טויוו העיויס אָדוימ לעוואדוי) — א פארקריפּלונג פונעם ביבלישנ פּאָסעק (בראשית 18, 2): „לא טוב היות האדם לבדו" (לוי טויווי העיויס האָאָדאָמ לעוואדוי). ס'איז א וואָרט־שפּיל. אינ דער ביבל ווערט געמיינט: ס'איז ניט גוט, דער מענטש (האדם) זאָל זײַנ אליינ (הייסט עס: דארפ ער זיך נעמענ א פרוי). דער „גוטער־ייד" זאָגט: ס'איז ניט גוט, וואָס דאָס רויטע רענדל (אָדוימ) איז אליינ (הייסט עס: מוז מענ געבנ נאָך איינס).

צו ז. 146

אנ אָדאָמ לעוואדוי (אדם לבדו) — אנ איינזאמער מענטש.

כאָרעצ (חרוץ) — פלינקער, געניטער, געראָטענער.

כריצעס (חריצות) — פלינקײַט, געניטקײַט, געראָטנקײַט.

א פליע־ייִדעלע — א וווּנדערלעכ ייִדעלע.

צו ז. 147

ניכע זײַנ — געפעלנ עמעצנ, מיט עפּעס צוטרעפנ.

יוימאָמ וואָלײַלע — טאָג אונ נאכט.

טכילעס האלײַלע (תחילת הלילה) — אָנהייב נאכט.

צו ז. 148

אינ די אוילעמעס — געמיינט: אינ וועלט־זאכנ, אינ הויכע איניאָנימ.

צו ז. 150

מישלאכעס (משלחת) — אָנשיקעניש.

צו ז. 151

א ס אָ צ ק י (סאָטסקי — сотский) — א דאָרפישער פּאָליציאַנט, פלעגט באַנוצט ו.ער מערסטנטיילס אפ שליכעסן.

די ע ש ר ת ב נ י ה מ ן (אסערעס בניי האָמאָן) — האָמאָנס צען זין. בייסן לייענען די מ ע ג י ל ע (דעם ביבלישן בוך „עסטער") פלעגט מען זייערע נעמען אראָפּכאַפּן אין איין אָטעם, אָן אן אָפּשטעל.

י א ל ע ו י ט ש נ ע — פון פעל פון א יאַלעווקע.

צו ז. 152

מ ע פּ א ק י י א כ פּ א ר נ אָ ס ע ז י י נ — אָפּנעמען די פּאַרנאָסע (אויסדינגען די פּאַכט, די אַרענדע אָדער ביכלאַל שעדיקן אין פּאַרנאָסע-זאַכן).

א י ן ד ע ר ס מ ו ע (שמוע) א ר ײַ נ ל י י ג ן — אַרײַנלייגן אין כיירעם. דאָס וואָרט שמוע" איז דאָ, אפּאָנעמ, אן אייפעמיסטישער אויסדרוק, קעדיי ניט צו זאָגן דאָס וואָרט "שמתא" (שאַמטאָ—כיירעם).

צו ז. 153

ע ר ז אָ ל ק י י ן ט ק ו מ ע (תקומה) נ י ט ה אָ ב ן — ער זאָל זיך ניט שטעלן אפ די פיס.

ש מ א ד י ל נ י ק — מעשומעד.

צו ז. 156

ר ב י, א נ י ה ו ל ך ע ם א ב י, ל א א ב ו א א ל ר ב י ה ל י ל ה ה ז א ת (ראַבי, אַני הוילייך אים אָווי, לוי אָווי על ראַבי האַלײַלאָ האַזויס) — רעבע, איך גיי מיט מײַן פּאָטער, איך וועל די נאַכט צו אײַך ניט קומען.

צו ז. 157

א י כ ר ײַ ס ק ר ע — געמיינט: איך ווער אויסגעריסן.

צו ז. 158

א כ א ש ו ו י י ר ע ש - ש פּ י ל — פּורים-שפּיל, די אינסצענירונג פון דער געשיכטע וועגן דעם פּערסישן מיניסטער האָמאָן און זײַן מאַפּאָלע, וועלכע ווערט דערציילט אינעם ביבלישן בוך „עסטער". יעדיָעס וועגן אזוינע אינסצענירונגען זײַנען פּאַראַן שוין פון מיטלאַלטער. די טעקסטן פון דער אכאשווייראָש-שפּיל, פּאַרשיידענע אין פּאַרשיידענע ערטער, זײַנען אינטערעסאַנטע דאָקומענטן פון דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און אויך פון דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך.

ש פּ י ל נ י ק ע ס — פּורים-שפּילער, קאָמעדיאַנטן. אין דײַטשלאַנד האָבן זיי געהייסן „שפּיל-לײַט".

ע ל פּ י ד ת ת ו ר ת נ ו ה ק ד ו ש ה (אל פּי דאַס טויראָסיינו האַקדוישאָ) — לויטן געזעץ פון אונדזער הייליקער טוירע.

א כ א ס ו ו ע א כ א ס (אחת ואחת) — איינס אין איינס, דה. פּינקטלעך (ניט ווייניקער)

צו ז. 160

ב מ ה א ש ה י ו צ א ת (באַמע אישאָ יויצייס) — אין וואָס גייט א פרוי אַרויס (געמיינט: אין וואָס קאָן א פרוי זײַן געקליידעט אום שאַבעס).

מ ס כ ת ש ב ת (מעסיכטע שאַבעס) — דער טאַלמודישער טראַקטאַט „שבת".

צו ז. 161

ש ק אָ ד ע — א שאָד.

צו ז. 163

צעשפרייט — נעמט פאנאנדער, לאָזט ניט שלאָגן זיך.

צו ז. 164

די דינטווירעס — דאָ געמיינט: די דאיאָנים.

צו ז. 167

שגגות (שגאָגעס) — אָן בייזן ווילן באגאנגענע זינד.

אוריתא וקודשא בריך הוא חד הוא (אויריַיסאָ ווּעקודשאָ בריך הו כאד הו) — די טוירע און גאָט איז איינס.

דער מיכשל (מכשול) — די שטרויכלונג.

צו ז. 169

א גרודע — א קופּע.

צו ז. 171

ראכאש (רה״ש) — אָפּצאָל פאר די קלייקוידעש. אברעוויִאטור: ראבאָנים, כאזאָנים, שאמאָסים.

טבעת קדושן (טאבאאס קידושן) — קידושן־פינגערל, רינג.

קסובע (כתובה) — דער הייראַט־אקט לויטן ייִדישן ריטואל. אין דעם דאָזיקן אקט פלעגט זיך דער מאן פארפליכטן אויסצוהאלטן זיַין פרוי, געבן איר עסן, קליידן און באפריי־דיקן אירע באדערפענישן. אין דער קסובע ווערט אָנגעוויזן דער נאדן, וואָס די קאלע ברענגט אריַין, די סומע, וואָס דער כאָסן גיט צו, און אויך די כומע, וואָס דער מאן פארפליכטעט זיך אויסצוצאָלן דער פרוי אין פאל אויב ער וועט זיך מיט איר פאנאנדערגיין.

מעסאדער־קידושן זיַין — אָנפירן מיטן ריטואל פון כאסענע האָבן.

א מייגן (מגין) אפּן דאָר — א באשיצער פון דאָר.

מקום שבעלי תשובה עומדים, אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד שם (מאָקוים שעבאאליי טשוואָ אוימדים, איין צאדיקים גמורים יעכוילים לאאמויד שאָם) — דאָרטן, ווו די באלטשוּוועס שטייען, קאָנען אפילע קיין פולקומע צאדיקים ניט שטיין, דה., אז אין גאניידן שטייען די באלטשוּוועס אפּ א העכערער מאדרייגע.

סיבת הסיבות (סיבאס האסיבויס) — די סיבע פון אלע סיבעס.

צו ז. 172

כאיע־שאָ (חיי שעה) — א דערוויַיליקער אויסוועג, א פּאליאַטיוו.

צו ז. 173

האלאָצע (הלצה) — וויץ, אנעקדאָט.

צו ז. 175

מעכעס (מכס) — שטיַיער־אָפּצאָל, פּאָשלינע.

צו ז. 177

בעהאָנעס — бегуны(?), שארנירן.

צו ז. 178

פאר מעזוינעס — פאר קעסט.

# אינהאלט


| | |
|---|---|
| | זײַט |
| מ. ווינער. אריײַנפיר | 5 |
| אָ. מארגוליס. צײַט אונ מענטשנ פונ „דאָס שטערנטיכל“ | 32 |
| דאָס שטערנטיכל | 47 |
| נאָכ צוויי האָזנ | 179 |
| קאָמענטאר | 209 |

## באמערקטע דרוקפֿעלערנ

| זײַט | שורע | איז אָפּגעדרוקט | דארפ זײַנ |
|---|---|---|---|
| 102 | 9 פונ אונטנ | פארדריפעס | פארדריפעט |
| 224 | 9 פונ אונטנ | חטאטינו | חטאתינו |
| 227 | 16 פונ אויבנ | באשטישנ | בעשטישנ |
| 235 | 5 פונ אויבנ | ארָאפּכאפּנ | אָפּכאפּנ |

י. אקסענפעלד — דאָס שטערנטיכל

Редактор—М. Винер. Техредактор—
М. Погостер. Корректор—
М. Шпиллер.
Сдано в набор 1/IX-37 г. Подписано к печ. 9/II-38 г. Ф. б. $70\text{x}90^1/_{16}$.
15 п. л. $15^1/_2$ уч. авт. лист.
Уполн. Главлита РСФСР. Б—33480.
„Эмес“ №89. Тираж 2 500.

---

Тип. „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9.
Зак. № 749. Цена в перепл. 5 р. 50 к.

Цена 5 р. 50 коп.

И. АКСЕНФЕЛЬД

# ДОС ШТЕРНТИХЛ

Издательство «Эмес»
Москва 1938